STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05841

AVRAHAM ZAK - YOYVL-BUKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַברהם זאַק - יובל־בוך

אַברהם זאַק

אייל־בילד פון פעליקס פרידמאַן — קדוש
פון וואַרשעווער געטאָ; געמאָלן אין די
דרייַסיקער יאָרן; רעפּראָדוצירט פון
וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער".

אברהם זאַק — יובל-בוך

לכבוד דריי דאַטעס:

א) 70 יאָר נאָכן דעביוטירן מיטן ערשטן ליד (אין ווילנע 1908) און ערשטער סקיצע (וואַרשע 1908);

ב) 60 יאָר נאָכן דערשײַנען פון ערשטן לידער־בוך (אַקאָרדן״, גראָדנע 1918);

ג) נאָך די איבערגעשפּאַנטע 85.

★

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

בוענאָס־אײַרעס

ה׳תשל״ח — 1978

Copyright 1978 by Asociación
Pro Cultura Judía, Ayacucho número 483, Buenos Aires

AWROHOM ZAK — JOVEL-BUCH

הילע־צייכענונג : גדליה טענענבוים

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון :

נאָנטע משפּחה־פרײַנט;

אייגנוויליקער סימבאָלישער בײַשטײַער פון יידישן
פען־קלוב אין ניו־יאָרק;

אייגנוויליקער בײַשטײַער פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט
פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ירושלים.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Impreso en ZLOTOPIORO S. A. C. I. F.
Sarmiento 3149 - Bs. Aires, Argentina

פּאַטראָניזירט פון יובל־קאָמיטעט:

שרײַבער־פּאַראײן „ה. ד. נאָמבערג";

אַרגענטינער אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס;

קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס ב"א;

אַרגענטינער קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

אָנגעשלאָסן: ניו־יאָרקער ייִדישער פּען־קלוב (סעפּט' 1977).

אָנגעשלאָסן: ייִדישער שרײַבער־ און זשורנאַליסטן פּאַראײן (בית־לייוויק) אין ישראל.

אַברהם זאַק

(ביאָגראַפישע פּאַרצייכעניש)

אַברהם זאַק איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן דעצעמבער (א. ס.) 1891 *, אין אַמדור, בײַ גראָדנע. זײַן פאָטער, יעקב, איז געווען אַ לערער און געהילף „קאַזיאָנע ראַווין״ איבערן שטעטל. אַן אָרעמע שטוב, וווּ ס׳האָט אָפט געפּײַפט דער דלות... אויפן פאָן פון דער אָרעמער קינדהייט האָט אַברהם זאַק, אין 1938, געשריבן זײַן דערציילונג „דער טויט האָט געשפּאַסט״. (געדרוקט אין וואַרשעווער „מאָמענט״ אין 1938).

אַ. ז. האָט געלערנט אין אַ חדר, אין אַ ישיבה (רוזשענאָי), אין בית־מדרש (אַמדור) און שפּעטער זיך פאַרנומען מיט וועלטלעכער בילדונג. צו 16 יאָר אָנגעהויבן שרײַבן און צו 17 יאָר — נאָך זײַענדיק אינעם שטעטל — פאַרעפנטלעכט אין 1908 זײַן ערשט ליד — אַן עלעגיע א״נ „וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים?״ אין אַ ווילנער וואָכן־זשורנאַל „דער טאָג אויף שבת״. אין זעלבן יאָר איז דערשינען אין אַ וואַרשעווער זשורנאַל „יוגנט־וועלט״ זײַן ערשטע סקיצע „אין פינצטערע האַרבסט־נעכט״.

אין 1909 געקומען קיין וואַרשע, וווּ זיך געלערנט ווי אַן עקסטערן. דאָן אָנגעהויבן אַרבעטן אין רעדאַקציע „אונדזער לעבן״ אַלס פּערזענלעכער סעקרעטאַר בײַם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג צבי פּרילוצקי. (אַרויסגעבער פון „אונדזער לעבן״ איז געווען ש. האָכבערג). אין דער דאָזיקער צײַטונג האָט אַ. ז. פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, לידער, פעליעטאָנען און אַקטועלע בילדלעך פון זשורנאַליסטישן כאַראַקטער (אונטערן פּסעוודאָ׳ א. בן־יעקב).

ווי אַלע יונגע שרײַבערס פון יענער צײַט געקומען פון צײַט צו צײַט צו י. ל. פּרצן אויף צעגלאַנאַ 1 נאָך „ליטעראַרישע עצות״ און אָנווײַזונגען.

אין 1912 אַרײַנגעטראָטן אין רעדאַקציע „מאָמענט״ אַלס רעדאַקציע־סעקרעטאַר. שעף־רעדאַקטאָר דער זעלבער צבי פּרילוצקי. אויך אין „מאָמענט״ פאַרעפנטלעכט אַ. ז. זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן: דערציילונגען, לידער און אויך זאַכן פון זשורנאַליסטישן זשאַנער, (אונטערן פּסעוודאָנים אַלפאַ). נאָכן אָפּאַרבעטן אין „מאָמענט״ אַ צוויי יאָר לערך איז אַ. ז. סוף יאָר 1913 צוגענומען געוואָרן אין רוסישן מיליטער (זשיטאָמיר) און אין 1914, בעתן אויסברוך פון דער וועלט־

---

* לויט אַן אַנדער פאַמיליע־ווערסיע אין 1892.

מלחמה, ווערט ער באַלד געשיקט אויפן גאַליצישן פראָנט. אין איינער אַ שלאַכט ביים טײַך סאַן ווערט ער פאַרווונדעט אין האַנט און באַקומט צוליב דעם אַ 6־חדשימדיקן דערהאָלונג־אורלויב. אַ. ז. פאָרט דאַן אין זײַן געבוירן־שטעטל אַמדור, וואָס ווערט שפּעטער אָקופּירט דורך די דײַטשן. אַ. ז. פאַרנעמט זיך דאַן אין דער אָרעמער היים מיט געבן „אוראָקן״. אין די דאָזיקע אָקופּאַציע־יאָרן שרײַבט אַ. ז. זײַן מלחמה־בוך „אונטער די פּליגל פון טויט״. זינט 1917 וווינט אַ. ז. אין גראָדנע, ווו ער איז טעטיק געזעלשאַפטלעך־ליטעראַריש — צוזאַמען מיט זײַן חבר לייב נײַדוס. זיי פאָרן צוזאַמען אָפט איבער די שכנישע פּראָווינץ־שטעט מיט רעפעראַטן און פאַרלעזונגען. אַ. ז. האָט מיטגעאַרבעט מיט לייב נײַדוסן בײַ דער אויסגאַבע פון דער ליטעראַרישער אויסגאַבע „ניעמאַן״ (דערשינען נאָר איין נומער). אַ. ז. האָט דאַן געלייענט רעפעראַטן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך אַד״ט „יידיש — די שפּראַך פון אונדזער מאָדערנער קולטור״, וואָס האָט אַרויס־גערופן אומעטום הייסע דיסקוסיעס מצד די עקסטרעמע העברעיִסטן. אין גראָדנע גופא האָבן זיך די דיסקוסיעס אַרום דאָזיקן רעפעראַט געצויגן עטלעכע אָוונטן (אין דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט״, ווו אַ. ז. האָט אויך געאַרבעט בײַ דער בי־בליאָטעק). אַ צווייטער רעפעראַט איז געווען אַ ריין־ליטעראַרישער: „די נײַע יידישע ליטעראַטור״. אַ דריטער רעפעראַט — וועגן אַברהם רייזען.

זייענדיק אין גראָדנע האָט זיך אַ. ז. באַטייליקט פון צײַט צו צײַט מיט לידער אין ווילנער „לעצטע נײַעס״, ווו זלמן רייזען איז געווען רעדאַקטאָר.

אין 1918 דערשײַנט אין גראָדנע דאָס ערשטע בוך פון אַ. ז. א״ב „אַקאָרדן״ (לידער). סוף 1918 הייבט זיך אָן דרוקן אין וואַרשעווער „הײַנט״ אין המשכים זײַן „אונטער די פּליגל פון טויט״.

לייב נײַדוסעס טויט (23 דעצעמבער 1918) האָט אַ. ז. איבערגעלעבט ווי אַ שווערע פּערזענלעכע טראַגעדיע. דאָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן עלעגיע „בײַ אַ קבר״, וואָס ער האָט געלייענט נאָך זײַן הספד־וואָרט בײַם אָפענעם קבר פון יונג־פאַרשניטענעם גרויסן פּאָעט. אין 1919 רעדאַגירט אַ. ז. אין גראָדנע אַ לי־טעראַריש זאַמל־העפט „אונדזער ווינקל״, ווו טייל אַרבעטן זײַנען געווידמעט לייב נײַדוסן. אַ. ז. אַרבעט־מיט אין 1919 אין דער גראָדנער האַלב־רוסישער, האַלב־יידישער צײַטונג „נאַשע אוטראָ״, דרוקט דאָרט לידער און אַקטועלע „גראַמען פון טאָג״ אונטערן פּסעוודי׳ אַלפאַ.

אין האַרבסט 1919 קומט אַ. ז. צוריק קיין וואַרשע און טרעט צוריק אַרײַן ווי אַ רעדאַקציע־מיטגליד אין „מאָמענט״. איז ווידער ליטעראַריש טעטיק, דרוקט זײַנע שאַפונגען אין אַ ריי אויסגאַבן. עס דערשײַנען זײַנע ביכער אין ליד און פּראָזע. זינט 1935 רעדאַגירט אַ. ז. די ליטעראַרישע פּרײַטיק־זײַט פון „מאָמענט״ „מענטשן און ווערק״, וואָס עס האָט ביז דאַן געפירט ב. קאַרליניוס, וועלכער איז פּריצײַטיק געשטאָרבן.

אַ. ז. איז אויך ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעך אַקטיוו: אין אַ גאַנצער ריי קאַ־דענצן ווערט ער געוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין און אַ מאָל

אויך אין זשורנאַליסטן־סינדיקאַט; אַרבעט אויך מיט אין פּראָפעסיאָנעלן ראָט בײַם ליטעראַטן־פאַראיין. אַ געוויסע צײַט — פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון יידישן פּען־קלוב.

פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך שטייט ער אין וואַרשע נאָנט צו די „פאַראייניקטע" (געוו' „ס. ס." פאַראייניקט מיט די „סיימיסטן"). נאָך אין דער רוזשענאַיער ישיבה איז אַ. ז. אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ „ס. ס."ישן יוגנט־קרײַז און זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין „ספרים חיצונים", אָנגעהויבן לייענען ייִדישע ליטעראַטור: דינעזאָן, רייזען, פּרץ א"אַנד.

אין וואַרשע דערשײַנט דער אָרגאַן פון די „פאַראייניקטע" „אונדזער וועג" — אונטער דער הויפּט־רעדאַקציע פון ד"ר יוסף קרוק און אַ. ז. ווערט דאָרט אַ נאָנ־טער מיטאַרבעטער, ווו ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי לידער, ווי אויך שטימונג־ביל־דער מיט פּאָליטישער באַפאַרבונג.

אין די דאָזיקע יאָרן דרוקט אַ. ז. זײַנע אַרבעטן אין אַ ריי צײַטשריפטן אין פּוילן, ווי אין אויסלאַנד. אין „אונדזער עקספּרעס" דרוקט ער זײַן „פּאָניע גנב" אין המשכים.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז אַ. ז. זייער שעפעריש און ער פאַרעפנט־לעכט אַ ריי ביכער — אָריגינעלע און אויך איבערזעצונגען פון דער אייראָפּעי־שער ליטעראַטור.

אַ ריי נאָוועלן פון אַ. ז. זײַנען געוואָרן איבערגעזעצט אין פּויליש און אין דײַטש: אין „נאַש קוריער", „נאַש פּשעגלאָנד", „נאָווי גלאָס" און „אַלמאַנאַך אַקאַ־דעמיצקי" (וואַרשע); „כווילאַ" (לעמבערג); „די נויע וועלט" (דײַטש, וויען);

אַ. ז. האָט אויך מיטגעאַרבעט אין „וואַרשעווער ראַדיאָ" (מיטאָג־בלאַט פון „מאָמענט"), ווו ער האָט געהאַט אַ רובריק „גראַמען פון טאָג" אונטערן פּסעוודאָ־נים אַלפאַ. האָט דאָרט אויך געדרוקט אַ קורצן ראָמאַן „די פרוי פון הפקר" און איבערגעזעצט פיל נאָוועלן פון דײַטש פאַר די פּרײַטיק־נומערן.

אַ באַזונדערן רושם האָט אין זײַן צײַט געמאַכט זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט". אַחוץ וואָס עס איז געדרוקט געוואָרן אין המשכים אין „הײַנט" איז עס דערשינען אין גאַנצע דרײַ אויפלאַגעס אין בוך־פאָרעם. אין 1930 איז דאָס דאָזיקע ווערק אויך דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג („גאָסאיזדאַט"). די קריטיק האָט דאָס דאָזיקע בוך אויפגענומען זייער וואַרעם און טייל האָבן דעם מחבר אָנגערופן „דער יידישער רעמאַרק" — הגם אַברהם זאַק'ס מלחמה־בוך איז דערשינען פריִער פון רעמאַרקס „אין וועסטען ניכטס נויעס".

בײַם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בלײַבט אַ. ז. לכתחילה אין וואַרשע, וואָס ווערט אָקופּירט דורך די נאַציס. ס'איז אים שוין אויך אויסגעקומען צו טראָגן די „געלע לאַטע" אויפן אַרבל (אין וואַרשע אין פאָרעם פון אַ ווײַסער לענטע מיט אַ בלויען מגן־דוד), געכאַפּט ווערן אויף אַרבעט און אויסצושטיין אַנ־דערע צרות. דעם 11טן דעצעמבער 1939 שמוגלט ער זיך אַריבער דורכן טײַך בוג

אויף דער סאָוועטישער זײַט (דאָרט איז געווען די גרענעץ). ער לויפט דערווײַל אַליין — מיט אַ פּלאַן אײַנצואָרדענען זיך ווי עס איז נעבן זײַנע משפּחה־מענטשן, כדי שפּעטער זאָלן אויך זײַנע בני בית (פרוי און בן־יחיד) קאָנען קומען צו אים. ער באַזעצט זיך אין זײַן היימישן גראָדנע, ווו עס לעבט נאָך — זײַן מוטער און שוועסטער מיט אירע 4 קינדער און זייערע פאַמיליעס. ער אַרבעט אַלס „זאַווליט" (ליטעראַרישער לייטער) אין אַ ייִדישן טעאַטער־קאָלעקטיוו אונטער דער קינסטלעריש לייטונג פון מאָריס לאַמפּע (אונטער דער אויפזיכט פון „אַטדיעל איסקוסטוואַ). אַלע אַקטיאָרן זײַנען געווען פּליטים פון פּוילן.

די לעבנס־באַדינגונגען פון די ייִדישע פּליטים פון דער דײַטשישער זײַט זײַנען אָבער געווען אַזעלכע פּאַטאַלע, אַז קיינער האָט שוין נישט געטראַכט צו ברענגען זײַן פאַמילע אויף דער סאָוועטישער זײַט; אַדרבה, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דראַנג אויף צוריק... אַזוי איז אויך אַ. ז.׳ס פאַמיליע געבליבן אין וואַרשע. אין יולי 1940, בעת די נ. ק. וו. ד. האָט אָנגעהויבן „ליקווידירן" די הונדערטער טויזנטער ייִדישע פּליטים, ווערט אויך אַ. ז. אַרעסטירט און אַרײַנגעוואָרפן אין גראָדנער תפיסה. נאָכן אָפּזיצן זיך אַ חודש אין טורמע, ווערט ער אַרויסגעשיקט אין אַן אַרעסטאַנטן־עשעלאָן אויפן ווײַטן צפון — אין אַ שוידערלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די טײַגעס פון קאָמי־אסס"ר. דער קאָנצלאַגער אין דער ווײַטער, פאַרוואָרפענער פּאָלאַר־געגנט האָט אַברהם זאַקן געקאָסט העכער אַ יאָר לעבן! העכער אַ יאָר פון גרעסטער מאָראַלישער און פיזישער פּײַן, פון איבערמענטשלעכער קאַטאָרגע; פון צינגאַ, בלוטנדיקער דיזינטעריע, בויך־טיפוס און אַנדערע אַלדע אומגליקן... אַלע שוידערן באַשרײַבט אַ. ז. אין זײַנע ביכער „קנעכט זײַנען מיר געווען".

נאָכן אויסברוך פון דער סאָוועטיש־דײַטשישער מלחמה, ווען רוסלאַנד איז געווען געצוואונגען צו שליסן אַ פּאַקט מיט די דעמאָקראַטישע מערב־מלוכות (צווישן זיי אויך מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן) — ווערט אַ. ז., אַ דאַנק דער אַזוי גערופענער „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע" — צוזאַמען מיט כמעט אַלע פּליטים פון פּוילן, באַפרײַט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, — הגם ער האָט געהאַט אַ „סראָק" (טערמין) פון פינף יאָר...

עס הייבן זיך אָן דאַן פּאַר אים יאָרן פון סאָוועטישער „פרײַהייט"... יאָרן פון בראָדיאַגישן לעבן... יאָרן פון נע־ונד, הונגער, קעלט און כלערליי וויסטע פּלאָגענישן... אַ סך, אַ סך פון די פּליטים האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זײַנען אויסגעשטאָרבן. איבער די מדבריות פון די רוסישע אַזיאַטישע רעפּובליקן זײַנען צעזייט אַ סך, אַ סך קברים פון די פּוילישע ייִדן... אַ. ז. האָט זײַנע נע־ונדן געשילדערט אין זײַנע 2 ביכער „אויף שליאַכן פון הפקר".

אַ. ז. האָט זיך אומגעשלעפּט איבער די אַלע אַזיאַטישע רעפּובליקן: קאַזאַכסטאַן, אוזבעקיסטאַן, טורקמעניסטאַן, טאַדזשיקסטאַן; געווען אין טאַשקענט, בוכאַרע, טורקעסטאַן, טשימקענט, קראַסנאָוואָדסק און אין פיל אַנדערע שטעט און געגנטן; אומעטום געזוכט אַן אָרט, ווו מען קאָן פאַר אַרבעט געפינען ברויט צו דער זעט; געפּרוווט אַרבעטן אין אַ ריי קאָלכאָזן; אָבער אומעטום געהונגערט, זיך

געקוועלט, געלעבט אין שווערע באַדינגונגען — און ווײַטער געפּרוווט וואַנדערן; ווו געטאָגט נישט געגנעכטיקט, געוואַלגערט זיך אויף וואָקזאַלן, אין „טשאַיכאַנאַס" (אוזבעקישע טיי־הײַזער), גענעכטיקט אונטערן פרײַען הימל אין קעלט און אין רעגן; אַרומגעשלעפּט זיך אין צופעליקע עשעלאָנען אָן ציל און אָן זינען; אָפּגע־ריסן־אָפּגעשליסן — ווי אַ „בראָדיאַגע"...

אין 1942 אַוועק אין גוזאַר (אין בוכאַרער געגנט) זיך פאַרשרײַבן ווי אַ פרײַ־וויליקער אין דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי, כדי אפשר מיט דער אַרמיי זיך קאָנען אַרויסבאַקומען קיין איראַן און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. אָבער קיין ייִדן האָט מען שוין דאַן נישט אָנגענומען און נאָך צוויי חדשים זײַן אויף דער „סטאַציאַ זבאָרנאַ" (זאַמל־פּונקט פאַר רעקרוטן און מאָביליזירטע) ווערט ער פון דאָרט אַרויסגעשיקט. אַ. ז. פאָרט איבער מיט אַן עשעלאָן אין דרום־אוראַל, הינטער טשקאַלאָוו (אָרענבורג), פּרוווט אויך דאָרט אַרבעטן אין קאָלכאָזן — ווי אַ שוואַר־צער אַרבעטער, איז „וואָדאָוואָז" (וואַסערפירער), פאַסטעך... די באַדינגונגען זײַנען פאַר אים פּײַנלעכע. ער באַזעצט זיך אין ראַיאָן־שטאָט אַק־בולאַק. אָבער אויך דאָרט קאָן מען פון אַרבעט נישט לעבן. ער פלאָגט זיך און מוז אַרבעטן ווי אַן „אָכראַנ־ניק" (שומר) אין אַ „סבערקאַסע" (אָפּשפּאָר־קאַסע). אויב נישט קיין ברויט צו דער זעט — אָבער אין דער „סבערקאַסע" האָט ער מאַקולאַטור־פּאַפּיר און טינט און ער הייבט אָן, נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס, צו שרײַבן ווידער. ער שרײַבט זײַנע איכה־לידער: פון פּוילן זײַנען שוין דערגאַנגען טרויעריקע בשורות וועגן שחיטות און אומקום פון ייִדן...

זײַן מאַטעריעלע לאַגע ווערט בעסער, ווען ער הייבט אָן באַקומען הילף פון דער ייִדישער אַגענץ און פון „דזשאָינט" אין טעהעראַן און פון ארץ־ישראל (אָראַנ־זשירט דורכן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק). פאַר דער גאַנצער צײַט האָט אַ. ז. אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין אייניציקע שורה אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכט און איז בכלל געווען ווײַט און פאַרוואָרפן פון אַ ליטעראַרישער סביבה.

אַ. ז. איז אויך די דאָזיקע שווערע יאָרן איבערגעקומען. אין אַפּריל 1946, בעת דער רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע פּליטים פון באַלשעוויסטישן „גן־עדן", קערט זיך אום אַ. ז. צוריק קיין פּוילן. ער קומט אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ... דאָרט, ווו זײַן היים איז געווען, געפינט ער נאָר קופּעס ציגל... זײַן פרוי און בן־יחיד זײַנען בעת די „אַקציעס" דעפּאָרטירט און פאַרברענט געוואָרן אין מאַידאַנעק... ער דערוויסט זיך אויך, אַז זײַן אַלטע גרויע מוטער און אייניציקע שוועסטער מיט אַלע אירע פיר קינדער און זייערע פאַמיליעס זײַנען פון גראָדנער געטאָ אַוועק קיין טרעבלינקע...

וויפל כוחות — מאָראַלישע און פיזישע — האָט עס געדאַרפט קאָסטן אַן אויס־געפּײַניקטן מענטשן, דערצו נאָך אַ סענסיבילן — כדי זיך אין גאַנצן נישט אײַנ־צוברעכן!

אין פּוילן זאַמלען זיך צונויף בײַ אַ פערטל מיליאָן ייִדן — פון אַלע לאַגערן, פון אַלע גלותן. די ניצול־געוואָרענע שרײַבערס זײַנען זייער אַקטיוו און שעפעריש.

אויך אַ. ז. פאַרנעמט דאָרט אַן אָנגעזען אָרט אין ליטעראַרישן אַקטיוו. אַ געוויסע צײַט איז ער סעקרעטאַר פון ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין און מיטרעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „ייִדישע שריפטן" (בעת דעם פעריאָד פונעם „בורג־פרידן", ווען דער זשורנאַל איז נאָך דורך די קאָמוניסטן נישט „גלײַכגעשאַלטעט" געוואָרן...); ער איז אויך מיטרעדאַקטאָר פון צוויטן אַלמאַנאַך „ייִדישע שריפטן". אַ. ז. באַטייליקט זיך אינעם ערשטן ליטעראַרישן טורנע פון פינף שרײַבערס (חיים גראַדע, לייב אָליצקי, ישראל אַשענדאָרף, שמערקע קאַטשערגינסקי, אַברהם זאַק) איבער די נײַ־אַנטשטאַנענע ייִדישע ישובים אין נידערשלעזיע. (אין נײַעם פוילן האָט עס געהייסן סאָוועטיש: „שרײַבער־בריגאַדע"...). זיי באַזוכן אויך אַ ריי שטעט אין אויבערשלעזיע און קראָקע. אומעטום זײַנען זיי אויפגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען, רעפעראַטן און רעציטאַציעס פון זייערע שאַפונגען און אַזוי אַרום געוועקט אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור בײַ די ניצול־געוואָרענע ייִדן נאָכן גרויסן חורבן. בעתן דאָזיקן טורנע באַזוכן זיי אויך די טויט־פאַבריקן פון אוישוויץ און בירקענוי, וווּ ייִדיש פאָלק איז פאַרברענט געוואָרן...

אין סעפטעמבער 1946 באַזוכט אַ. ז. לובלין און בשכנות מײַדאַנעק... באַקענט זיך מיט דער גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע פון דער נאָענט... אונטערן פרישן רושם פון דאָזיקן באַזוך שרײַבט ער דאַן אַן זײַן אימפּרעסיע „אויף קבר־אָבות אין מײַדאַנעק" *.

אַ. ז. טרעט אויך אויף זייער אָפט מיט רעפעראַטן אין לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַקאַדעמיעס. אַ. ז. איז אויך סעקרעטאַר פון דעם פּען־קלוב־צווײַג, וואָס איז דאַן אַנטשטאַנען אין פוילן.

אין 1947 דערשײַנט אין לאָדזש (פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן") אַ זאַמלונג לידער פון אַ. ז. א"נ „מיט אַש אויפן קאָפּ" — איכה־מאָטיוון פון ייִדישן חורבן און אומקום.

אין אויגוסט 1948, בעת דער פּאָליטישער קורס אין פוילן איז שוין געוואָרן פאַרשאַרפטער מיט יעדן טאָג, די „סאָוויעטיזאַציע" — בולטער, פּילבאַרער, — פאַרלאָזט אַ. ז. פוילן און באַזעצט זיך אין פּאַריז. אויך אין פּאַריז איז אַ. ז. שעפעריש און אַקטיוו ליטעראַריש און געזעלשאַפטלעך; דאָרט געפינט זיך אַ היפּשע גרופּע שרײַבער־פּליטים און אינטעלעקטואַלן, וועלכע גרופּירן זיך הויפּטזעכלעך אינעם ראָטשילד־הויז אויף גי־פּאַטען 9. אַ. ז. איז פאָרזיצער פון שרײַבער־פּליטים־פאַרבאַנד און וויצע־פאָרזיצער פון דער אָפּטיילונג פון ייִדישן פּען־קלוב אין פראַנקרײַך. אַ. ז. טרעט אויף מיט פאָרלעזונגען און רעפעראַטן אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט, ווי: ליאָן, מעץ, רואַן און אַנד'. איז אויך געווען אַ גאַסט־רעדנער אין לאָנדאָן (אַראַנזשירט דורכן אָרטיקן שרײַבער־פאַראיין), אין בריסל (אַראַנזשירט דורכן פּאַריזער קלוב „טלאָמאַצקע 13", פון וועלכן ער איז געווען דער מיטגרינדער).

---

* אַרײַן אין זײַן בוך „אין אומרו פון יאָרן".

אין פּאַריז איז אַ. ז. אַ נאָנטער מיטאַרבעטער פון ישראל עפּרויקינס חודש־זשורנאַל „קיום", ווו ער פּאַרעפנטלעכט עסייען און לידער.

פּאַריז אָבער — ווי לאַקנדיק די וועלט־שטאָט זאָל נישט זײַן — איז דאָך געבליבן פאַרן רוב שרײַבער־פּליטים נאָר אַן עטאַפּ צו ווײַטערדיקע וואַנדערונגען. אין סעפּטעמבער 1952 פאַרלאָזט אַ. ז. פראַנקרײַך און באַזעצט זיך אין אַרגענטינע. אַ. ז. איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון ידישן בוענאָס־אײַרעס: פון שרײַבער און קולטור־אַקטיוו. אין ביידע צײַטונגען — „די אידישע צײַטונג" און „די פּרעסע" זײַנען דערשינען ביז גאָר האַרציקע ברוך־הבא־אַרטיקלען. מיט ספּעציעלער ליבשאַפט האָבן אים אַרומגערינגלט זײַנע גראַדנער און אַמדורער לאַנדסלײַט. אַ. ז. ווערט אַ נאָנטער מיטאַרבעטער אין „די אידישע צײַטונג", מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן נאָך פון פאַר דער מלחמה. ער הייבט אָן צו דרוקן דעם ערשטן טייל פון זײַן טרילאָגיע „אַ וועלט גייט אונטער" א"ב „וואַרשע 1939", אין המשכים. שפּעטער דרוקט ער דאָרט אויך עסייען, לידער און דרײַ מאָל וועכנטלעך קליינע פעליעטאָנען אין גראַמען אונטער זײַן פּסעוודאָנים אַלפאַ. ער אַרבעט כסדר אין דער צײַטונג ביז איר אונטערגאַנג.

אין אַרגענטינע שרײַבט אָן אַ. ז. די צוויי ווײַטערדיקע טיילן פון זײַן טרילאָגיע: „קנעכט זײַנען מיר געווען" און „אויף שליאַכן פון הפקר". ביידע ווערק ווערן געדרוקט אין המשכים אין „די אידישע צײַטונג". דאָס ערשטע דערשײַנט אויך אין „פאָרווערטס", אין „קענעדער אָדלער" און אין סאַן פּאַולער צײַטונג „דער נײַער מאָמענט". „וואַרשע 1939" דערשײַנט שפּעטער אין בוך־פאָרעם אין אַרגענטינער פאַרלאַג „ידבוך" (אין בוך „אין אומרו פון יאָרן") און „קנעכט זײַנען מיר געווען" דערשײַנט אין פּ"ג „דאָס פּוילישע ידנטום". אין זעלבן פּ"ג איז שוין אין 1949 דערשינען דאָס לידער־בוך פון אַ. ז. „יאָרן אין וואַנדער". דאָרט דערשײַנען שפּעטער נאָך אַנדערע פּראָזע־ווערק פון אַ. ז.

אין אַרגענטינע איז אַ. ז. אויך געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. ער טרעט אויף מיט פאָרלעזונגען און רעפעראַטן אין בוענאָס־אײַרעס גופא און אין אַ ריי פּראָווינץ־שטעט און קאָלאָניעס.

אַ. ז. ווערט אויך פאַרבעטן ווי אַ גאַסט־רעדנער אין אורוגווײַ און בראַזיל, ווו ער ווערט האַרציק אויפגענומען דורכן דאָרטיקן קולטור־אַקטיוו. אַ. ז. איז יאָרן־לאַנג פריִער וויצע־פּאַרזיצער און שפּעטער פּאָרזיצער פון „שרײַבער־פאַראיין ה. ד. נאָמבערג"; וויצע־פּאַרזיצער פון קולטור־קאָנגרעס; וויצע־פּאַרזיצער פון ייִוואָ (געוועזן...) און צוויי קאַדענצן פּאַרזיצער פון ייִוואָ. אין 1959 ווערט אַ. ז. דעלעגירט קיין ניו־יאָרק צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון אַלוועלטלעכן ידישן קולטור־קאָנגרעס.

אין בוענאָס־אײַרעס איז אַ. ז. אַקטיוו אין אַרגענטינער קאָמיטעט פאַר ידיש און ידישער קולטור — לכתחילה ווי פּאַרזיצער און נאָך זײַן רעזיגנאַציע ווי ערן־פּאַרזיצער. ער איז אויך פאַרבעטן געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צום ידיש־צוזאַמענפאָר אין ירושלים; אָבער צוליב זײַן שוואַכן געזונט האָט ער געמוזט רעזיגנירן פון דער נסיעה.

ביז דאַן האָט אַ. ז. שוין פיר מאָל באַזוכט ישראל, ווו ער איז וואַרעם אויפ־גענומען געוואָרן סײַ פון יידישן שרײַבער־פאַראיין, סײַ פון בית־סוקולוב אין תל־אָביב, סײַ אין ירושלים. פון אַלע זײַנע באַזוכן אין ישראל האָט אַברהם זאַק פאַר־עפנטלעכט אין פאַרשיידענע צײַטונגען — דער עיקר אין „די אידישע צײַטונג" — גאַנצע סעריעס רעפּאָרטאַזשן. טייל זײַנען אויך אַרײַן אין עטלעכע ביכער זײַנע.

***

די ליטעראַטור־קריטיק האָט געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט אַברהם זאַקן און זײַנע ביכער וואָס זײַנען אָפּט דערשינען אין בוענאָס־איירעס. זײַן שעפערישקייט איז וואַרעם אָפּגעשאַצט געוואָרן.

אַ. ז. האָט אין משך פון זײַנע אַרגענטינער יאָרן באַקומען פאַר זײַנע ביכער 6 ליטעראַרישע פּרעמיעס (אײַנשליסלעך די פּרעסטיזשפולע ה. לייוויק־פּרעמיע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק).

בוענאָס־איירעס איז אַזוי אַרום געוואָרן אַברהם זאַק'ס — אויב נישט היים (דאָס געפיל פון אויסגעוואָרצלטקייט פאַרלאָזט אים נישט...), — איז אַ סטאַבילע אַכסניה.

אַגב האָט דאָ אַ. ז. באַגעגנט זײַן צווייטע באַשערטע: אַ היימישע, אַ בת־עיר פון זײַן געבוירן־שטעטל. און דאָס איז פאַניע באַכראַך—רעמס, אויך אַ פּליטה פון וואַרשע, ווו זי האָט דורכגעמאַכט דעם גיהנום פון געטאָ און אין 1943 על פּי נס זיך געראַטעוועט אויף דער אַרישער זײַט. זי מיט אירע 2 קינדער. איר מאַן איז דורך די נאַציס אומגעבראַכט געוואָרן.

אַברהם זאַק געדענקט פון דער אַלטער היים איר רבנישע פאַמיליע; איז אַ פרוי מיט פײַנער אינטעליגענץ. און אין דער פּרעמדקייט ווערט זי אים אייגן און נאָנט. ער פאַרבינדט זיך מיט איר ווי מיט אַן עזר כנגדו אוןביידע שאַפן היימישע ד' אמות אין דער פאַרוואָרפנקייט און פרעמדקייט פון פרײַוויליקן גלות...

פאַני האָט אין משך פון לערך 25 יאָר געאַרבעט אין ייִוואָ (אין סעקרעטאַ־ריאַט און אַרכיוו); „זינדיקט" אויך מיט דער פּען. אין דער פּעריאָדיק „גראָדנער אָפּקלאַנגען" (האָלט שוין בײַ 25סטן נומער), ווו זי איז רעדאַקציע־סעקרעטאַרין, איז זי אין יעדן נומער פאַרטראַטן מיט סאָלידע אַרבעטן, מיט שרײַבערישע אייגנ־שאַפטן (הגם מחמת באַשיידנקייט אָן ספּעציעלע פּרעטענזיעס ווי אַ שרײַבערין...).

אַזוי אַרום איז בוענאָס־איירעס געוואָרן אַברהם זאַק'ס סטאַבילער אַדרעס נאָך זײַנע אַלע נע־ונדן...

איגרעק

מאַרק טורקאָוו

דער דרײַ־פּאַכיקער יובל פֿון אַ שרײַבער־וועטעראַן

(אַרײַנפֿיר צום „אַברהם זאַק — יובל־בוך")

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ווערט איצט אונטערגעטראָגן דעם ייִדישן לייענער, איז געווידמעט דעם דרײַ־פּאַכיקן יובל פֿונעם שעפֿערישן שרײַבער־וועטעראַן אַברהם זאַק: 1) 70 יאָר זינט אַברהם זאַק האָט, אַלס 17־יעריקער בחור, פֿאַרעפֿנטלעכט אין ווילנע זײַן ערשט ליד; 2) 60 יאָר זינט עס איז דערשינען אין גראָדנע זײַן ערשטע זאַמלונג לידער „אַקאָרדן" און — ביז הונדערט און צוואַנציק געזונטע און שעפֿערישע יאָרן — 3) דער 85סטער געבוירן־יאָר. דאָס זײַנען דרײַ דאַטן, וואָס יעדע איינע פֿון זיי פֿאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּשאַצונג און אַ באַזונדערע פֿײַערונג. דאָס איז אַ לעבן פֿון שעפֿערישקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון פּיאָנערישער אַרבעט אין דעם בראשית פֿון ייִדישן צײַטונגס־וועזן אין פּוילן און פֿון טרײַער טעטיקייט לטובת דער ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור.

מיר — ווי אַברהם זאַק'ס אַן אַלטער פֿרײַנד און רעדאַקציע־חבר פֿון אַמאָליקן וואַרשעווער „מאָמענט" — איז געגעבן געוואָרן די מיסיע אָנצושרײַבן דעם אַרײַנפֿיר צום „אַברהם זאַק־יובלבוך". טו איך עס מיט אַ געפֿיל פֿון פֿרייד.

וויל איך מיר דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די צאָלרײַכע ווערק, מיט וועלכע אַברהם זאַק האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור. נישט מײַן אויפֿגאַבע בײַם שרײַבן די דאָזיקע שורות, ווי אַן אײַנלײַטונג צום דאָזיקן יובל־בוך, זיך אָפּצושטעלן אויף דער פּאָזיציע פֿון אַברהם זאַקן אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור סײַ אַלס דיכטער, סײַ אַלס פּראָזאַיִקער, סײַ אַלס מעמואַרן־שרײַבער. דאָס האָבן געטאָן טאַקע אינעם „אַברהם זאַק־יובל־בוך" פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקערס און ליטעראַטור־פֿאָרשערס.

איך וויל בלויז אָנווײַזן, אַז דאָס רוב פֿון זײַנע שאַפֿונגען זײַנען פֿאַרבונדן מיט גורלדיקע עפּאָכן אין דעם ייִדישן לעבן און די נעמען פֿון זײַנע ווערק טראָגן דעם חותם פֿון זײַנע (און אונדזערע אַלעמענס) איבערלעבונגען. גענוג צו דערמאָנען זײַן ערשט פּראָזע־בוך „אונטער די פֿליגל פֿון טויט", וואָס זײַנע ערשטע

אויפלאַגעס זײַנען דערשינען אין וואַרשע אין די יאָרן 1921 און 1923, די דריטע אין בערלין אין 1929 און די פערטע אין רוסיש, אין מאָסקווער „גאָסיזדאַט", 1930. אָדער די ווערק, וואָס שפּיגלען־אָפּ די יאָרן פון חורבן און אומקום, ווי: „מיט אַש אויפן קאָפּ" (1947); „יאָרן אין וואַנדער" (1949); „צווישן שאָטנס" (1950); „אין אומרו פון יאָרן" (1955); „קנעכט זײַנען מיר געווען" (1957) און „אויף שליאַכן פון הפקר" (1958) און אַנד'.

פאַר מיר איז דאָס אָפּצייכענען אַברהם זאַק'ס שעפערישע עטאַפּן נישט בלויז אַ באַערונג פאַר אַ ייִדישן דיכטער, אַ חבר און פרײַנד. אַפילו נישט בלויז אַ יום־טוב פון דער ייִדישער ליטעראַטור, הגם ביידע מאָמענטן זײַנען זייער וויכטיק. פאַר מיר איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט מײַן פּערזענלעכן לעבן, מיט זכרונות פון אַן עפּאָכע וואָס ציט זיך שוין העכער 55 יאָר. (יאָ, בפירוש: העכער פינף־און־פופציק יאָר) און האָט אַ דירעקטן שײַכות פון אַ צוזאַמענלעבן במשך פון כמעט 20 יאָר אונטער איין רעדאַקציע־דאַך, אין איין אַרבעטס־צימער דאָרט, אין דעם פאַרשוווּנדענעם, חרוב געוואָרענעם ייִדישן וואַרשע, אין דער רעדאַקציע „מאָמענט", אויף נאַלעוו־קעס 38.

און פון די נאַלעווקעס 38 ביז צו דער רעדאַקציע פון „די אידישע צײַטונג", אין בוענאָס־אײַרעס, אויף קאָריענטעס 2314, וווּ מיר האָבן זיך ווידער געפונען, איז אַ גוואַלדיקער מהלך. נישט בלויז אין דעם שטח פון טויזנטער קילאָמעטער, וואָס טיילן־אָפּ ביידע רעדאַקציע־אַדרעסן, נישט בלויז אין מהלך פון צײַט, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון די וואַרשעווער יאָרן ביז דער ווידערבאַגעגעניש — פריִער אין ישראל און פאַריז, ביז זײַן אָנקומען קיין בוענאָס־אײַרעס, וווּ אַברהם זאַק איז געוואָרן אַ תושב און וווּ ער זעצט־פאָר זײַן שעפערישע טעטיקייט. נאָר קודם־כל אין איבערלעבונגען, אין געשעענישן, אין טײַכן בלוט און אין בערג פון אַש, אין וועלכע די נאַצישע רוצחים האָבן פאַרוואַנדלט די מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַזוי פיל פון אונדזערע נאָענטסטע, משפחה־מיטגלידער, חברים, פרײַנד, לייענערס און סתם ייִדן... די גרויסע ייִדישע מאַסע פון אונדזער חרוב־געוואָרענער וועלט.

אונדזער רעדאַקציע־משפחה — פונקט ווי די גאַנצע ייִדישע שרײַבער־ און קינסטלער־משפחה — איז דאָך געווען אַזוי צאָלרײַך, און געבליבן זײַנען מיר אַזוי ווייניק. יחידים ממש, צעשפּרייט איבער די פאַרשיידענע צענטערן פון ייִדישן לעבן. אויך מיר, די לעצטע פון דעם דאָזיקן דור, ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער...

איז גוט צו קענען פּײַערן אַ יום־טוב פון אַ חבר, וואָס איז אַלע יאָרן געווען אַ גוטער און נאָענטער פרײַנד, נישט בלויז אַ קאָלעגע פון דער פּראָפעסיע.

ווילט זיך אָוועק מיט די געדאַנקען צו יענע יאָרן פון נאַלעווקעס 38 און פון טלאָמאַצקע 13, וואָס די דאָזיקע ביידע אַדרעסן זײַנען געווען פאַרבונדן מיט

אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, מיט אונדזער אַרבעט, מיט אונדזערע קאַמפן און אונדזערע חלומות.

ווען איך האָב מיט העכער 55 יאָר צוריק, נאָך אַלס גאָר יונגער אָנפאַנגער געשטעלט מײַנע ערשטע שריט אין דער ייִדישער זשורנאַליסטיק און אָנגעהויבן ברענגען „שורות" אַלס רעפּאָרטער אין „מאָמענט", איז אַברהם זאַק דאַן געווען טעטיק אויך ווי קאָרעקטאָר אין רעדאַקציע, אָבער אין דער זעלביקער צײַט שוין געווען אַ באַקאַנטער ייִדישער דיכטער און נאָוועליסט און מיט סטאַזש אין דער זשור־נאַליסטיק פון יענע יאָרן פון דעם בראשית פון ייִדישן צײַטונגס־וועזן אין פּוילן.

אַברהם זאַק האָט אָבער אַחוץ דער קאָרעקטור־אַרבעט אויך אויסגעפירט אַנ־דערע, וויכטיקע פונקציעס אין דער רעדאַקציע „מאָמענט". ער איז אויך געווען אַ צײַט רעדאַקציע־סעקרעטאַר (נאָך אַ. אַלמיס פּאַרלאָזן וואַרשע), און ווען דער ליטעראַטור־קריטיקער ב. קאַרלינער (קאַרלינסקי) האָט צוליב זײַן שווערער קראַנ־קייט נישט געקענט מער אָנפירן מיט דער ליטעראַרישער זײַט פון „מאָמענט", יעדן פרײַטיק א"נ „מענטשן און ווערק", האָט אַברהם זאַק איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער דאָזיקער וויכטיקער צײַטונגס־אָפּטיילונג, שרײַבנדיק אַליין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און ביבליאָגראַפישע נאָטיצן. די דאָזיקע פונקציעס זײַנע האָבן אָבער סוף כל סוף געהערט צו זײַן פּראָפעסיאָנעלער רעדאַקציע־אַרבעט, פּונקט ווי ער האָט דערין אײַנגעשלאָסן זײַן „קליינעם פעליעטאָן", די גראַמען פון טאָג, וואָס ער האָט אײַנגעפירט אין מיטאָג־בלאַט פון „מאָמענט", „וואַרשעווער ראַדיאָ", אונ־טערן פּסעוודאָנים אַלפאַ און וואָס ער האָט, נאָכן באַזעצן זיך אין בוענאָס־אײַרעס, פאָרגעזעצט אין „די אידישע צײַטונג".

פאַר אונדז, זײַנע רעדאַקציע־קאָלעגן און פאַר דער ייִדישער עפנטלעכקייט אין פּוילן בכלל, איז אַברהם זאַק נישט געווען בלויז דער זשורנאַליסט אָדער טעכני־שער רעדאַקציע־אַרבעטער. פאַר אונדז איז ער שטענדיק געווען דער קינסטלע־רישער שעפער אין דער ייִדישער ליטעראַטור — דער דיכטער און פּראָזאַיקער. צו דעם דאָזיקן שאַפונגס־געביט געהערן אויך זײַנע לעצטע ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט שוין זײַענדיק אין אַרגענטינע, וואָס אַ טייל פון זיי טראָגן דעם כאַראַקטער פון זכרונות און שילדערונגען פון זײַנע איבערלעבונגען אין די טראַ־גישע יאָרן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

רעדנדיק וועגן זײַן ליטעראַרישן שאַפן אין משך די פאַרגאַנגענע 60 יאָר, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן מיט אַ ספּעציעלן געפיל פון אָנערקענונג אַברהם זאַק'ס גרויסן פאַרדינסט בײַם נישט לאָזן, אַז עס זאָל פאַרגעסן ווערן איינער פון די אײדלסטע ייִדישע דיכטער, זײַן יוגנט־חבר לייב נײַדוס, מיט וועמען אונדזער יובי־לאַר איז געווען אינטים־חבריש און גײַסטיק פאַרבונדן.

אַ געניע שילדערונג פון דער דאָזיקער פרײַנדשאַפט געפינען מיר אין זײַן בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג". צו אַברהם זאַקן געהערט די איניציאַטיוו, אַז עס זאָל נאָך דעם אַזוי פריצײַטיקן טויט פון דעם דאָזיקן לירישן דיכטער געשאַפן

ווערן בײַם ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע אַ „לייב נײַדוס־קאָמיסיע", וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע (און בשלימות דורכגעפירט) אַרויסצוגעבן נײַדוסעס ליטעראַרישע ירושה אין 5 בענד און אַז אויף זײַן קבר אין גראָדנע זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ מצבה אויסגעפירט דורכן באַרימטן קינסטלער אַברהם אָסטזשעגאַ, וואָס איז אויך געווען דער שעפער פון דעם אוהל־פּרץ.

נישט קיין פּאָליטיקער אין זײַן מהות, נאָר אַ שטענדיקער טוער און קעמפער פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ייִדישער קולטור, איז זאַק פון זײַנע יונגסטע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון די ס.־ס., וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געטראָגן דעם נאָמען „פאַראייניקטע". געווען איז עס גאָר אַ קליינע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און פאָלקס־אינטעליגענץ אין פּוילן.

אין שטוב פון יואל מאַסטבוים אין תל־אָביב, 1950

פון רעכטס: מאַרק טורקאָוו, יואל מאַסטבוים, אַברהם זאַק, משה גראָסמאַן.

אַברהם זאַק האָט אויך מיטגעאַרבעט אין זייער אָרגאַן „דער נײַער וועג" מיט שטימונג־בילדער, לידער וכדומה.

***

עס געדענקט זיך אַזאַ עפּיזאָד:

נאָך אײדער זאַק איז נאָך דער מלחמה אָנגעקומען קיין בוענדס־אײַרעס איז ער געווען פאַרבונדן מיט „די אידישע צײַטונג". אין סאַמע אָנהייב פון דעם חורבן, ווען דאָס ייִדישע לעבן איז שוין געווען אין פלאַמען, ווען ייִדן זײַנען שוין געלאָפן פון זייערע ברענענדיקע היימען בכדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס פון די נאַצישע מערדערס, האָט דער דירעקטאָר פון „די אידישע צײַטונג" מאָטיע סטאָליאַר באַקומען פון זאַקן אַ דערציילונג, א"נ „די דאַמע פון קופּע", וואָס זאַק האָט געשיקט פון וואַרשע ערב דעם מלחמה־אויסברוך. סטאָליאַר איז געווען שטאַרק אַנטציקט פון דער דערציילונג און זי גלײַך אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג. (אַגב, אין 1938 האָט זאַק געדרוקט אין „די אידישע צײַטונג" אויך אַ ראָמאַן א"נ „די פרוי פון הפקר"). אַזוי אַרום האָט זיך שוין דאַן זאַק פאַרבונדן פון נאַלעווקי 38 מיט קאַריענטעס 2314...

און קומענדיק קיין בוענאָס־אײַרעס איז זײַן פֿאַרבינדונג מיט „די אידישע צײַטונג״ שוין געווען אַ פּערמאַנענטע: מיט דערציילונגען, לידער, עסייען, אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען אונטער זײַן אַלטן פּסעוודאָנים אַלפֿאַ.

אין אַרגענטינע האָט זיך אַברהם זאַק מיט לײַב און נשמה אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער ייִדישער קולטור־אַרבעט, פֿאַרנעמענדיק פֿירנדיקע אַמטן אין ייִוואָ, (2 קאַדענצן — פֿאָרזיצער), אַרגענטינער אָפּטייל פֿון קולטור־קאָנגרעס, שרײַבער־פֿאַראיין „ה. ד. נאָמבערג״ (היפּשע יאָרן — פֿאָרזיצער), קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין אַרגענטינע (לעצטנס — ערן־פֿאָרזיצער).

בלײַבט אונדז צו ווינטשן אַברהם זאַקן ווײַטערדיקע לאַנגע, געזונטע און שעפֿערישע יאָרן לטובֿת דער ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישער קולטור.



רעדאַקציע-קאָלעגיום פון „מאָמענט" אין 1925

פון רעכטס צו לינקס, זיצן: א. ז. כהן, אָ. פערלמאַן, נ. שוואַלבע, ל. קעסטין, הלל צייטלין, ב. כילינאָוויטש, שעף־רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי, י. י. פּראָפּוס, י. ח. זאַגאַראָדסקי, ש. ביבער

שטייען פון רעכטס: ה. ד. נאָמבערג, ש. יאַנאָווסקי, אַברהם זאַק, יואל מאַסטבוים, יוסף טונקעל (דער טונקעלער), ב. קאַרלינסקי (קאַרליניוס), י. מ. אַפּעלבוים, ש. הירשהאָרן.

I

עס"ײען און דערמאָנונגען פֿון אברהם זאַק

רעפֿלעקסן אין מײַן פֿאַרנאַכט

(אויטאָביאָגראַפֿיש און נישט נאָר אויטאָביאָגראַפֿיש)

אין מײַנע פֿאַרנאַכטיקע יאָרן, ווען דער אויסגעיִדישטער אַרום דריקט אַזוי שווער און ווייטאָגלעך, גלוסט זיך אַ מאָל מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש; גלוסט זיך וואַרפֿן אַ בליק אויף דײַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן; זוכן אַ טרייסט אין דײַן פֿרילינג — מעג דײַן פֿערזענלעכער פֿרילינג זײַן נישט אַזוי זוניק, נישט אַזוי פֿריידיק צע־שטראַלט...

און אויב שרײַבן וועגן זיך, מוז דאָך אַ מחבר זײַן אָפּגעהיט נישט אַרײַנצו־פֿאַלן ח"ו אין אַליין־לויבערײַ. ער דאַרף גוט געדענקען דעם כּלל: יהללוך זר ולא פֿיך... (און וויפֿל שרײַבערס ווערן עס געשטרויכלט, פֿאַרגעסנדיק דעם דאָזיקן כּלל).

**
*

עס פֿרעגט מיך דער און יענער:

פֿאַר וואָס אַזוי אָפֿט די טויט־טעמאַטיק אין מײַנע לידער? עס פֿרעגן מיך לייענערס פּערזענלעך און עס פֿרעגן טייל שרײַבערס, וואָס שרײַבן וועגן מײַנע לידער־זאַמלונגען, אינקלוסיוו וועגן מײַן לעצטנס דערשינענעם בוך „פֿון אַלע מײַנע יאָרן".

טאַקע אַ באַרעכטיקטע שאלה. איך אַליין פֿאַרטראַכט זיך אָפֿט וועגן דעם. אַפֿילו מײַן ערשט געדרוקט ליד (אין 1908, אין אַ ווילנער זשורנאַל) איז געווען אַן עלעגיע („וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים?"). הגם נאָך גאָר יונג, אָבער שוין באַהערשט געווען פֿון עלעגישע שטימונגען. און אַז איך שטעל זיך אַליין די פֿראַגע „פֿאַרוואָס?" פֿאַרוואָס דער טרויער שוין אין מײַן דעמאָלטיקן יונגן גע־מיט?" — געפֿין איך דערויף נישט נאָר איין באַשייד. קודם כּל מײַן היים. מײַן אָרעמע ליטווישע היים. מײַן פֿאָטער אַ שטעטלשער לערער (אין מײַן כּרך אַמדור) האָט פֿון זײַנע פֿיל פּרנסות („אוראָקן", „פּראָשעניעס"־שרײַבן, עווידענץ־פֿירונג אין שטעטל ווי אַ געהילף־קאַזיאָנער ראַבינער) קוים פֿאַרדינט וואַסער אויף קאַשע... אין אונדזער געדונגענער דירה ד' על ד' האָט תּמיד געפּײַפֿט דער דלות... דערצו

זײַנען מיר צוגעקומען קראַנקייטן — מסתמא מחמת אונטערדערנערונג. קרענקלעכע היפּער־עמפּינדלעכקייט און פּריצײַטיקע מחשבות וועגן טויט אינעם מוח פון אַ יינגל...

אַ קינדהייט אָן פרייד — — —

אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון יענעם טרויעריקן מצב רוחי איז פאַראַן אין מײַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „דער טויט האָט געשפּאַסט״*. און נאָך אויספירלעכער אין מײַן מעמואַרן־בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג״.

אַחוץ דעם, שוין אין מײַנע יונג־בחורישע יאָרן, איז געקומען די השפעה פון מאָריס ראָזענפעלדס און דוד עדעלשטאַטס קלאָג־לידער; פון אַברהם רייזענס אומעטיקע מאָטיוון, וואָס די יידישע יוגנט האָט דעמאָלט געזונגען אָדער דעקלאַמירט. ס׳איז אַגב געווען די צײַט פון ירידה נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד, ווען אַ שיכט יידישע אינטעליגענץ איז געווען פאַרכאַפּט פון רוסישע פּאָעטן, מיט זייערע מינאָרע טענער פון אַנטוישונג, באַזונדערס פון נאַדסאָנען, וועלכער האָט מיט זײַנע עלעגיעס אָנגעווייעט מעלאַנכאָליע...

און לאָמיר דערמאָנען נאָך אַנדערע מאָמענטן, וואָס האָבן געלאָזט טיפע שפּורן אין מײַן געמיט. אין פאַרשיידענע עטאַפּן פון מײַן לעבן איז דער גורל געווען צו מיר נישט גנעדיק: אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה בין איך געשטעלט געוואָרן פנים אל פנים מיטן טויט (אַן עדות מײַן מלחמה־בוך „אונטער די פליגל פון טויט״); און ווער שמועסט נאָך בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון וועלכער איך בין אַרויסגעקומען אַ פולשטענדיקער נשרף. פון חורבן השלישי בין איך אַרויס אַ קײַלעכדיקער אָבל: אַלעמען פאַרלוירן. וועגן מײַן אבילות זאָגט עדות מײַן לידער־זאַמלונג „מיט אַש אויפן קאָפּ״**, וואָס איז דורך ליטעראַטור־קריטיקערס אָנגערופן געוואָרן: קינות. און נישט נאָר דאָס דאָזיקע בוך. אין איטלעכן פון מײַנע ווײַטערדיקע ביכער — סײַ לידער, סײַ פּראָזע — פאַרנעמט דער חורבן אַן אָנגעזעען אָרט.

אַ באַזונדער טראַגיש קאַפּיטל איז די סאָוועטישע תפיסה און קאַטאָרגע אין מײַנע נע־ונד־יאָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. יענע פּראָסטיקע טײַגעס פון עקסטרעמען רוסישן צפון זײַנען מיר אַרײַן אין די ביינער, אין אויסגעפּײַניקטן געמיט... יענער „עפּיזאָד״ (איידל גערעדט...) פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, פון טעמפּער, מערדערישער אַכזריות מצד כלומרשטע „פאָלקס־דערלייזער״ איז בײַ מיר „פאַראייביקט״ לדוראון עולם אין גאַנצע ציקלען לידער און אין פיר פּראָזע־ביכער: „קנעכט זײַנען מיר געווען״ (באַנד 1 און באַנד 2) און „אויף שליאַכן פון הפקר״ (באַנד 1 און באַנד 2).

דער דאָזיקער סאָוועטישער „עפּיזאָד״ (סײַ תפיסה און לאַגער, סײַ נאָך דער אַזוי גערופענער „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע״ די סאָוועטישע „פרײַהייט״ מיט די אַלער־

---

* אין מײַן בוך „אין אומרו פון יאָרן״.

** דערשינען אין פּוילן אין 1947.

ליי פלאָגעניש פון הונגער, הימלאָזיקייט, נע־ונד) — אַלץ צוזאַמען האָט מיך געקאָסט זעקס מיט אַ האַלב יאָר לעבן... (זאָל מיר די השגחה על פי יושר דאָס אַראָפּרעכענען פון מײַן קאָנטע אין ספר החיים...).

קאָנען דען אַזעלכע „עפּיזאָדן" נישט אָנהויבן דויערנדיקן טרויער אין געמיט פון אַ דיכטער?...

***

געווען אָבער אין מײַן לעבן און אין מײַן שאַפן אין דורכשניט מער זוניקע עטאַפּן, ווען דער שאָטן פון טויט האָט נישט פאַראומערט מײַן געמיט. מ'קאָן בשום אופן נישט זאָגן, אַז כלו כל הקיצין. געווען אַ סך יאָרן פון פריידיקער, גײַסטיקער דערהויבונג.

שוין ווען איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון מײַן אָרעמער, אומעטיקער היים (וואָס נאָך איר אומקום אין די חורבן־יאָרן האַלט איך זי אין איין מזכיר זײַן און באַווײנען) בין איך דאָך אַרײַנגעפאַלן אין אַמאָל־אַמאָליקן וואַרשע, אין פּרצעס וואַרשע. געווען איז עס זומער־צײַט 1909. מײַן פּערזענלעכער פרילינג איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן פרילינג פון דער יידישער נײַער ליטעראַטור. מ'האָט געהונ־גערט וואַכן און חדשים און — געשריבן לידער... מען האָט פאַרטויבט דעם הונגער מיט דער פרייד פון יצירה... וויפל ענטוזיאַזם, וויפל עקסטאַז בײַ די אויפגייענדיקע יונגע פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס! געווען דעמאָלט אַ יידישע גאַס, דער עיקר אַ יידישע יוגנט. און צווישן דער יוגנט איז פּרץ מיט זײַן געמיט דער יינגסטער געווען...

אין פּרצעס אַרביטע האָבן דעמאָלט אַרויסגעלויכטן די שטערן פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע שריפטשטעלערס — פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס. יענע יאָרן האָבן געלייגט זייער חותם אויף אַ גאַנצן דור שרײַבערס. דאָס איז געווען דער רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן און די אויסשטראַלונג פון יענעם קאַיאָר האָט געגרייכט ווײַט איבער די גרענעצן און געוועקט די שעפערישע פּאָטענצן אין די צענטערן פון יידישער צעשפּרייטקייט, דער עיקר בײַ די ברעגן פון האָדסאָן.

***

און פון יענעם פרילינג, פון יענעם קלימאַט און פּאָעטישן שטייגער איז מיר אויך געבליבן דער כלל: קודם כל — שרײַב פאַרשטענדלעך, אַז דו אַליין זאָלסט פאַרשטיין וואָס דו ווילסט זאָגן... און אַ פּשיטא שוין דער לייענער. אויך אַ בעסע־רער לייענער דאַרף קאָנען פאַרשטיין וואָס דו מיינסט, די אידייע פון דײַן ליד. שנית, געדענק, אַז ליד — דאָס איז מוזיק. און פון דאָזיקן כלל טאָר אַ דיכטער נישט ווײַכן. איך האָב זיך אַזוי אײַנגעלעבט מיטן דאָזיקן שטייגער, מיטן ריטעם, מיט דער פערזנמאָס, אַז אַ נישט־ריטמישער פערז רופט בײַ מיר אַרויס אַ גרילץ. אמת, טייל הײַנטיקע דיכטערס (נישט אַלע) ווילן דערין זען אַ בלויז, אַן אַנאַכראָ־ניזם. אָבער ווער איז דען דער פּוסק אַחרון?... לפי דעתי איז עס אָפּהענגיק פון גוטן מוזיקאַלישן געהער. אין דער אמתן איז דאָס שרײַבן לידער הפקרדיק, אַן

ריטעם, אָן פּערזנמאָס, אָן גראַם דאָס רוב אַ רעזולטאַט פון טויבקייט (הגם בעט־האָוועַן איז אויך געווען אַ טויבער, פון דעסט וועגן איז ער דאָך געווען בעטהאָ־ווען...). אמת, גאָר באַגאַבטע דיכטערס דערגרייכן אויך אין ווײַסן פערז זייער מוזיקאַלישע פּערפעקטקייט, (אַ שטייגער: אליעזר שטיינבאַרג). גראָד צום ווײַסן פערז מוז אַ פּאָעט באַזיצן אַן אַבסאָלוטן געהער, כדי צו וויסן, כדי צו פילן ווו עס קומט אַ לאַנגע שורה, ווו אַ קורצע, ווו אַפילו איין וואָרט נאָר ווי אַ שטאַרק־סטער פּאָעטישער אַקצענט. אָן מוזיקאַלישן געהער קומט אַרויס אַ ליד אין ווײַסן פערז ווי פּשוטע פּראָזע, — מעג עס האָבן די שענסטע אידייע. אין אַזאַ פאַל איז שוין בעסער נישט צו אימיטירן דעם טעקסט אין ליד־פאָרעם, נאָר פּשוט שרײַבן ווי לידער אין פּראָזע, — ווי אַ שטייגער טורגעניעוו האָט עס געטאָן בשעתו.

לידער אין ווײַסן פערז האָבן נישט דעם מזל ווי נאָרמאַלע לידער, געשריבן אין קלאַסישער פאָרעם, צו וועלכע קאָמפּאָזיטאָרן קאָנען שאַפן מוזיק. און די דאָ־זיקע לידער גייען אַרײַן אין פאָלק און איר הערט זיי אָפט פון עסטראַדעס. לידער אָבער אין ווײַסן פערז, מיט אַ געמיש פון קורצע און לאַנגע יוצא דופנדיקע שורות, קאָנען קיין שום קאָמפּאָזיטאָר נישט אינספּירירן.

לאָמיר זיך פאַרגינען צו ברענגען עטלעכע מוסטערן כאָטש פון איין דיכטער, וואָס דיכטעט אין ווײַסן פערז (ער איז איינער פון אַ סך — דעריבער דערמאָן איך נישט זײַן נאָמען: פאַר וואָס זאָל פּונקט ער זײַן דער „קרבן"?...). איך ציטיר פון זײַן ציקל לידער אין אַ וואָגיקן זשורנאַל געצײַלטע פּראָזן:

ביז דער זייגער
שלאָגט אָן די שעה
פון מודה אַני.

איז פאַר וואָס נישט פּראָזעמעסיק: ביז דער זייגער שלאָגט אָן די שעה פון מודה אַני.

דרימלט אין יעדער שויב
דאָס פײַער
און פאַרוויגט אַלע
זײַנע וווּנדער.

פאַר וואָס נישט פּשוט: דרימלט אין יעדער שויב דאָס פײַער און פאַרוויגט אַלע זײַנע וווּנדער.

די בריקן וויגן זיך
און
הויכע גאָרנס שאָקלען זיך
מנחהדיק.

פאַר וואָס נישט נאַטירלעכער: די בריקן וויגן זיך און הויכע גאָרנס שאָקלען זיך מנחהדיק.

באַפּוצטער חלום הוידעט
זיך
קעגן מיר.

פאַר וואָס נישט גלײַכער: באַפּוצטער חלום הוידעט זיך קעגן מיר.

נישט שטראָף מיך
וואָס
איך בין
אַן גאַלד
און גאַלאָפּיר.

פאַר וואָס נישט: נישט שטראָף מיך וואָס איך בין אַן גאַלד און גאַלאָפּיר.

אָבער אַז מען שמועסט שלא כדרכודיק, איז דאָך נישט שײַך.

ווי געזאָגט: דער מחבר איז איינער פון אַ סך. ציטירנדיק אים אַליין מיין איך אַ לעגיאָן... דיכטערס, וואָס האָבן יאָ וואָס צו זאָגן; אָבער די מאָדע פאַרפירט. בפרט אַז די דאָזיקע מאָדע ברענגט נאָך דערצו אַ „גרינג לעבן": מען איז פּטור פון דער פּאָעטישער דיסציפּלין. חי געלעבט...

זאָל קיינער נישט מיינען, אַז איך בין דאָ מזלזל דעם ווײַסן פערז. אַדרבה, יעדע דיכטערישע פאָרעם איז כשר בתכלית הכשרות. דער עיקר אָבער עס זאָל געשריבן ווערן פאַכמעניש, נישט פאַרטאַטשקע...

*
**

אַ גרויסע רעה דער ייִדישער פּאָעזיע אין אונדזער צײַט טוען די נישט־פאַר־שטענדלעכע דיכטערס. ס'איז געוואָרן אַ מאַניער בײַ טייל דיכטערס (איך רייד דאָ נישט וועגן די פּסיידאָ־דיכטערס, נאָר טאַקע אין תוך אמתע דיכטערס) צו שרײַבן אומפאַרשטענדלעך, מיינענדיק אַ פּנים, אַז וואָס אומפאַרשטענדלעכער, וואָס מער רזין דרזינדיק זיי שרײַבן — אַלץ טיפער, אַלץ מאָדערנער זײַנען זיי. אַזאַ שרײַבעכץ וועקט בײַם לייענער די פראַגע: „צי דער מחבר גופא פאַרשטייט כאָטש יאָ וואָס ער לאָזט אונדז צו הערן?"...

די אומפאַרשטענדלעכע דיכטונג האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ סך לייענערס ווילן קיין בוך לידער אין האַנט נישט נעמען...

צום באַדויערן האָט זיך אָט די מאָדע די לעצטע יאָרן אַרײַנגעכאַפּט אין אונדזער דיכטונג, אַזוי ווי אין דער מאַלערײַ די עקסטראַוואַגאַנטע עקספּערי־מענטן, די ווילדע שמירערײַען פון דעפאָרמירטע פיגורן און ווילדע פּנימער. איר זעט, אַ שטייגער, אויף לײַוונטן פּרויען־געשטאַלטן, אַזעלכע „קראַסאַוויצעס", וואָס זעען אויס ווי מכשפות, ווי פּיפּערנאָטערס, מיט פאַרקרימטע נעזער, וואָס שלאָגן צו דער גאַל... און דאָס דאַרף עס פאַרשטעלן די „שיינע קונסט".

די דאָזיקע מאָדע איז נישט נאָר אַ דערשײַנונג בײַ ייִדן. אויך די נישט־ייִדישע קונסט און פּאָעזיע זײַנען נישט פרײַ פון דער דאָזיקער אַנשיקעניש. עס האָט אַזאַ

פּנים אַזוי ווי די היפּיס מיט די קודלעס און ווילדע בערד (אָפּט נישט זויבערע...), מיט ווילדע אידייען און ווילדע אויפפירעכצן...

עס גלוסט זיך לסוף פרעגן:

צי זײַנען פּושקין און לערמאָנטאָװ; מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי; געטהע און הײַנע און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, נישט אויסרעכענענדיק נאָך אַנדערע קאַרי־פייען פון דער וועלט־ליטעראַטור, — צי זײַנען זיי נישט געווען קיין גרויסע דיכ־טערס — כאָטש זיי האָבן געשריבן פאַרשטענדלעך?...

און בלויז איין איינציקער בײַשפּיל (מ'קאָן אויסרעכענען זייער אַ סך בײַ־שפּילן) פון דער יידישער דיכטונג:

איז איציק מאַנגער נישט געווען קיין גרויסער דיכטער (יש אומרים דער גרעסטער) — כאָטש מען פאַרשטייט אים?...

אָבער צײַטן בײַטן זיך און מיט זיי אויך די מאָדעס. לאָמיר האָפן, אַז מיט דער צײַט וועלן יענע פאַרבלאָנדזשעטע יידישע דיכטערס ווערן אויסגעניכטערט און וועלן זיך אומקערן צום געלײַטערטן יידישן וואָרט און צו געלײַטערטער מחשבה.

מײַן ערשטער חבר אין אַמאָליקן וואַרשע

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

אַ בלעטער טאָן דעם ספר החיים פון א. אַלמין הייסט פאַר מיר אויך — אַ מיש־אויפטאָן אַן אייגן בלעטל זכרונות. אַ מיש־אויפטאָן מײַן ערשט קאַפּיטל וואַרשע. ליטעראַרישע וואַרשע. דעם אָנהייב פון אַלמיס פרילינג און אויך פון מײַנעם.

א. אַלמי (דעמאָלט א. ח. שעפּס) האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן אַ ביסל פריִער פאַר מיר — אין 1907, אין דער „ראָמאַנצײַטונג"; איך — אין 1908, אין ווילנער „דער טאָג אויף שבת". אַז איך בין זומער 1909 געקומען פון מײַן היים־שטעטל (פון מײַן כרך אַמדור) קיין וואַרשע, איז אין מײַן ליטעראַרישן באַגאַזש געווען נאָר צוויי אָפּגעדרוקטע זאַכן; אייגנטלעך, אַנדערטהאַלבן זאַכן: אַ ליד אין דערמאָנטן זשורנאַל און אַ האַלבע סקיצע אין וואַרשעווער זשורנאַל „יוגנט־וועלט". אַ האַלבע — ווײַל דער זשורנאַל האָט זיך אין מיטן דערינען אָפּגעשטעלט... און אַלמי האָט שוין דאַן געהאַט אָפּגעדרוקט אַ ריי זאַכן: אַחוץ אין „ראָמאַנצײַטונג" אויך אין אַנדערע אויסגאַבן פון יענער צײַט אין וואַרשע און אין קראָקע.

אין יענער צײַט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט שוין אַלמי געהאַט דורכגעמאַכט אַ שטיקל וואַנדערונג; איז שוין געהאַט געווען אין נאָענטן אויסלאַנד: אין קראָקע, אין ווין, אין טשערנאָוויץ. אין טשערנאָוויץ איז ער גראָד געווען בעת דער באַרימטער יידיש־קאָנפערענץ (אין 1908). אין קראָקע און אין טשערנאָוויץ האָט אים שטאַרק מקרב געווען אַברהם רייזען, וואָס האָט תמיד אַרויסגעוויזן פאַ־טערלעכע ליבשאַפט צו יונגע שרײַבערס. אַברהם רייזען האָט דעם יונגן דיכטער

באַקענט מיט עלטערע שרײַבערס (צוו' אַנד' מיט מאָריס ראָזענפעלדן — אין קראָ־קע). געהאָלפן אים דאָ־דאָרט אָפּצודרוקן אַ ליד; האָט אַליין געדרוקט אַלמיס לידער אין זײַן זשורנאַל „קונסט און לעבן".

אַזוי אַז ווען איך האָב זיך געטראָפן אין וואַרשע מיט אַלמין, איז ער פאַר מיר שוין געווען אַ מער ליטעראַריש דערפאַרענער. אַלמי איז פאַקטיש געווען מײַן ערשטער חבר אין וואַרשע. כ'האָב זיך אויך באַקענט מיט זײַן היים, מיט דער אָרעמער דירה פון זײַנע טאַטע־מאַמע אויף גענשע־גאַס. די אומעטיקסטע וואַרשע־ווער גאַס, איבער וועלכער עס האָבן זיך אַלע טאָג, אויסער שבת, לאַנגזאַם געצויגן

יידישע שרײַבער אין וואַרשע ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

עס זיצן פון רעכטס: נחמן מייזעל, איציק מאַנגער, אַ. אַלמי (בעת אַ באַזוך אין וואַרשע), אַברהם זאַק, אפרים קאַגאַנאָווסקי און יהושע פערלע.

די יידישע לוויות, די שוואַרצע עגלות, מיט די פערד אײַנגעהילט אין שוואַרצן געוואַנד, וועלכע זײַנען געגאַנגען טריט בײַ טריט צום גענשער בית־עולם.

אַלמי איז מיר באַלד געוואָרן נאָענט צום האַרצן. שרײַבער־אָנפאַנגערס האָבן זיך געזוכט. יעדער איינער האָט גוט געדענקט יענעמס לידער. אַ מאָל אַפילו אויף אויסווייניק. עס איז כלל נישט געווען צווישן זיי כמעט קיין שרײַבערישע קנאה, נישט־פאַרגינערישקייט, נאָר להיפּוך — ברידערלעכע אהבת נפש. דעריבער האָט זיך אין יענע יאָרן געקענט שאַפן אמתדיקע פרײַנדשאַפט; אַ חברשאַפט, וואָס קען דויערן אַ לעבן לאַנג.

און אַזוי טאַקע האַלט אויך אָן מײַן חברשאַפט מיט אַ. אַלמין שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט — הגם דער גורל האָט אונדז צעטיילט אויף באַזונדערע קאָנ־

טינענטן. אַ. אַלמי האָט אין האַרבסט 1912 אויסגעוואַנדערט פון וואַרשע קיין אַמע־ריקע און איך בין געבליבן אַ וואַרשעווער. און כאָטש אויף אַזאַ דיסטאַנץ, זײַנען אָבער תמיד געווען פעדעם, וואָס האָבן אונדז פאַרבונדן.

פאַרשטייט זיך, אַז, ווי אומעטום בײַ שרײַבערס, זײַנען אויך אין דעמאָלטיקן וואַרשע געווען שרײַבערישע קרײַזלעך. נישט קיין קרײַזלעך, וואָס האָבן זיך קעגנ־זײַטיק באַקעמפט, נאָר עס האָט זיי פשוט אָפּגעטיילט דער שרײַבערישער סטאַזש: געווען שרײַבערס עלטערע, שרײַבערס שוין מיט אַ נאָמען אין דער ייִדישער לי־טעראַטור, ווי אַברהם רייזען, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג; געווען שרײַבערס ייִנגערע ווי י. מ. ווײַסענבערג, יואל מאַסטבוים, משה סטאַווסקי, יונה ראָזענפעלד, מנחם, י. י. טרונק און אַנדערע. און געווען גאָר די ייִנגסטע, ווי אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַ. אַלמי, יהושע פּערלע, מאַרק שווייד, שלמה גילבערט און אַנדערע. אונדזער דעמאָל־טיקער קרײַזל פון די גאָר יונגע שרײַבערס האָט געמאַכט זײַן נעסט בײַ יהושע פּערלען. פריִער אין זײַן „קאַוואַלערסקן" צימער אויף אָרלע גאַס, ווו אויף אַלע אונדזערע צוזאַמענקונפטן איז תמיד בייגעווען זײַ „מוזע" — די זייער באַחנטע, לאַנג־צעפּיקע שרה; שפּעטער, נאָך פּערלעס חתונה־האָבן מיט זײַן שרהן — אין זייער דירה אויף נאַוואָליפּיע. די שטענדיקע אײַנגייערס צו פּערלען זײַנען, אַחוץ אַלמי און איך, אויך געווען זײַנע ראַדאָמער „ראַדאַקעס" — די יונגע שרײַבערס גדליהו ווײַסבאַרד, יוסף ראָזענפעלד, שפּעטער מ. ד. גיסער און אַנד׳. אַהין פלעגן אויך אַרײַנקומען די פאָלקלאָר־זאַמלערס פנחס גראַובאַרד, שמואל לעהמאַן, וואָס נח פּרילוצקי איז זייער אָנרעגער געווען. (אָגב האָט נח פּרילוצקי יעדן פון אונדז געגעבן די מיסיע צו זאַמלען פאַר זײַנע פאָלקלאָר־אוצרות פאָלקס־ווערטלעך, רעדנס־אַרטן, צונעמען פון שטעט וכדומה). צו פּערלען פלעגן זיך אַ מאָל אויך ווײַזן אפרים קאַגאַנאָווסקי און מאַרק שווייד. ביידע זײַנען געווען גאָר אָפטע אײַנגייערס אויף צעגליאַנע 1, בײַ פּרצן. שווייד איז אַפילו געווען אַ געוויסע צײַט פּרצ׳ס סעק־רעטאַר. אָגב איז שווייד אויסער דיכטער אויך אַקטיאָר און אַז אויף פּרצעס אי־ניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ טעאַטער־סטודיע, איז שווייד געווען אײנער פון אַנסאַמבל. אויב נישט אַזוי אָפט ווי קאַגאַנאָווסקי און שווייד, אָבער פון צײַט צו צײַט פלעגט יעדער פון די יונגע אַרויפקומען מיט זײַנע „זאַכן" צו פּרצן: מיט אַ ליד, מיט אַ סקיצע, צי מיט אַ פּאָעמע. עס פלעגט איטלעכן אַ צי טאָן אויף צעג־ליאַנע 1. כדי צו זען פּרצן, כדי צו הערן זײַן מיינונג, זײַנע אָנווײַזונגען, זײַן דערמוטיקונג. פון צעגליאַנע 1 פלעגט אַ יונגער שרײַבער אַרויסגיין אַ דער־הויבענער —

מיט פּרצעס ברכה...

ליבע, זיסע ראָמאַנטישע יאָרן געווען. ס׳האָט אַ דיכטער געוווסט, געפילט בחוש, אַז יעדעס ליד, וואָס ער שרײַבט, איז פאַר עמעצן, צו עמעצן. געווען אַ טײַערע ייִדישע יוגנט, געטרײַע, געשווירענע לייענערס, וואָס פלעגן אויפנעמען די שאַפונגען פון די יונגע און אַוודאי און אַוודאי פון די עלטערע, פון די שוין באַ־רימטע און אַנערקענטע שרײַבערס. אין דער „ליטעראַרישער אַלייע" אין זאַקסישן

גאָרטן פּלעגט די יוגנט דיסקוטירן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור; פּלעגט דעקלאַמירן אויסווייניק לידער פון דעם און פון יענעם פּאָעט. ס׳האָט אַ שרײַבער דעמאָלט געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן פאַר וועמען צו שרײַבן... ווען מען פאַרגלײַכט, אַ שטייגער, יענע פרילינגס־יאָרן מיט אונדזער הײַנטיקן מצב אין דער ייִדישער ליטעראַטור; מיט דער ירידה פונעם לייענערטום — ווערט זייער טרויעריק אויפן האַרצן... ייִדישע ביכער דערשײַנען נאָך נישט ווייניק, אָבער — לייענערס! לייענערס! ווו און וויפל זײַנען הײַנט די לייענערס? די קוראים נכבדים פון אַמאָליקן שטייגער און שניט? נישט בחינם דער איכה־טאָן בײַ אַ סך הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבערס.

**
*

עס פאַרגעסן זיך נישט די זומער־פאַרנאַכטן אין דער „ליטעראַרישער אַלייע" אין זאַקסישן גאָרטן. אָפט פלעגט זיך דאָרט פּרץ באַווײַזן אין זײַן פּעלערינע, באַגלייט פון שרײַבערס ווי אַ רבי פון חסידים. יוגנט פּלעגט אים מאַכן אָוואַציעס. אַלעמענס בליקן האָבן אים נאָכבאַגלייט מיט טיפער פאַרערונג. דאָ־דאָרט אויף די בענק זײַנען געזעסן יונגע שרײַבערס, אַרומגערינגלט פון פאַרערערס. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „פאַרערערינס" פון די דיכטער מיט די גרויסע טשופּרינעס. דאָ האָט מען געקענט זען די יונגע צעבליטע וואַרשעווער „הזמיר"־מיידלעך און די מיידלעך געקומענע פון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען עס האָט זיי געצויגן צו דער גרויסער ייִדישער מעטראָפּאָליע — צו וואַרשע. מ׳איז געווען יונג. ס׳איז געווען די צײַט פון אונדזער פרילינג. האָט מען געשפּילט ליבעס מיט די „פאַרערערינס" — אָדער די „ליטעראַרישע בײַלאַגעס", ווי מ׳האָט זיי גערופן — און געשריבן סענטימענטאַלע ראָמאַנסן...

ווי איצט זע איך פאַר די אויגן דעם דעמאָלטיקן לעבנסלוסטיקן אַלמין, זײַן אַמאָליקן יוגנטלעכן אויסזען, זײַן געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע און שטאָלצן גאַנג. איצט זײַנען שוין די קעפּ פון די שרײַבערס פון יענעם דור אָדער גאָר נאַקעט, אָדער באַדעקט מיט פראָסט און שניי...

עס פאַרגעסן זיך מיר אויך נישט אונדזערעביידנס אָפטע בלאָנקענישן איבער די נאַכטיקע וואַרשעווער גאַסן און אין יונגער האָפערדיקייט די פאַרמעסטן אונדזערע מיט אימפּראָוויזירן שטיפערישע פערזן, אָדער אַ מאָל גאַנצע סטראָפעס, איבער דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעכאַפּט מיט די בליקן אויף דער גאַס. אין שאַרזש איז אַלמי (אין דעם פאַל — עליאַש) תמיד געווען אַ מײַסטער בחסד עליון. דערויף זאָגן עדות זײַנע הומאָריסטישע יוגנט־לידער און פאַראַדיעס (זע זײַנע ביכער: „אין עליאַשס קיניגרײַך" און „פאַראַדיעס"). אַלמי האָט געשאַפן זייער טרעפלעכע און שאַרפזיניקע פאַראָדיעס אויף העכער פופציק ייִדישע שרײַבערס!

**
*

ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז מיר ביידע — אַלמי און איך — האָבן געהאַט אין וואַרשע איין רעדאַקטאָר: צבי פּרילוצקי. ביידע זײַנען מיר געווען זײַנע סעקרעטאַרן. איך — פּריִער, אין „אונדזער לעבן"; אַלמי — שפּעטער, אין „מאָמענט". און אַז אַלמי איז אין 1912 אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך ווידער פאַרנומען דעם זעלביקן פּאָסטן. אַזוי אַז אונדז איז אויסגעקומען אײַנצוזאַפּן אַ געוויסן פּעריאָד איין און די זעלבע אַטמאָספער; אויספירן איין און די זעלבע רעדאַקציאָנעלע פונקציעס. צבי פּרילוצקי איז געווען זייער אַ צעשטרײַטער, דער עיקר אין דעם יאַרידל פון רעדאַקציע. אַז אַלמי האָט סוף 1910 אָנגעהויבן אַרבעטן אין „מאָמענט" (נאָך פּרילוצקיס איבעררײַסן מיט „אונדזער לעבן") פלעגט אים פּרילוצקי מחמת צעשטרײַטקייט רופן: „זאַ־אַ־ק"... און אַז איך האָב ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס סעקרעטאַר בײַ צבי פּרילוצקין אין „מאָמענט", נאָך אַלמיס אַוועקפאָרן, פלעגט דער רעדאַקטאָר שוין מיך רופן: „שע־ע־פּס"... אַזוי אַז אַפילו אונדזערע נעמען האָבן זיך אויסגעמישט אינאייינעם...

מיט אַלמין בין איך געווען שריפטלעך פאַרבונדן די אַלע יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אין יענער צײַט זײַנען אויך אין וואַרשע דערשינען אַ ריי ביכער פון זייער שעפערישן אַלמי. און טייל ביכער זײַנען דערשינען אונטער מײַן השגחה. דער געשעפט־פירער פון די ביכער איז געווען אַלמיס פאָטער, וועלכער האָט געהאַט געכומען אויף זיך די אַלע קלאָפּאָטן און לויפעניש אַרום די ביכער, און וואָס שײַך קאָרעקטור און השגחה פלעגט עס אַלמי מיר אָנפאַרטרויען.

בשײַכות דערמיט געדענקט זיך מיר, אַגב, אַזאַ כאַראַקטעריסטישער טרויעריקער פאַל:

שוין האַרט פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין 1939 — איז אין וואַרשע דערשינען אַלמיס אַ באַנד עסייען א"ב „קריטיק און פּאָלעמיק" — אויך אונטער מײַן השגחה (זײַן פאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט און מיט דער געשעפטלעכער זײַט פונעם בוך האָט זיך פאַרנומען אַלמיס אַ שוועסטער). אין דאָזיקן בוך איז געווען אַן אַרטיקל א"ט „סטאַלין און היטלער". אַלמי, וועלכער האָט שוין דעמאָלט זיך גוט געקענט אויף ביידע דיקטאַטאָרן, האָט אויך סטאַלינען אָנגערופן מיט זייער שאַרפע עפּיטעטן, ווי: „רוצח", „תליון"... בין איך געווען אין פאַרלעגנהייט: כ׳האָב געוווסט, אַז צוליב די דעליקאַטע באַציִונגען מיטן גרויסן און שטאַרקן מזרח־שכן, וועט די צענזור זיכער נישט דערלאָזן מ׳זאָל פאַרטשעפּען עפנטלעך אַזוי דראַסטיש דעם ראש פון שכנישן לאַנד. כ׳האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז ווען איך לאָז דורך די שאַרפע אויסדריקן, איז דאָס בוך אין געפאַר קאָנפיסקירט צו ווערן. האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק בעסער פריִער, פאַרן דרוקן, זיך פאַרשטענדיקן מיטן צענזאָר, און בין טאַקע אַוועק מיט אַ קאָרעקטור־אָפּצוג פון יענעם מאמר אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט. דער צענזאָר האָט איבערגעקוקט און אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, מיט זײַן רויטער בלײַשטיפט, פאַרשטראָכן די צו שאַרפע עפּיטעטן אויפן אַדרעס פון סטאַלינען. „דער מחבר איז הונדערט פּראָצענט גערעכט — זאָגט מיר מיט אַ שמייכל דער צענזאָר — סטאַלין איז טאַקע אַ רוצח

און תליון. אָבער... פּאָליטיק״... וואָס שײַך אָבער די זייער שאַרפע שטעלן אויף היטלערס אַדרעס, האָט ער זיך דערויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט. צי האָט ער עס נישט באַמערקט, אָדער די פּוילישע פּאָליטיק האָט אַנדערש דיקטירט — דאָס ווייס איך נישט, און יענע שטעלן זײַנען געדרוקט געוואָרן ווי דער מחבר האָט געשריבן, אָן שינויים. שפּעטער, ווען די היטלערישע האָרדעס זײַנען אַרײַן אין וואַרשע, באַלד אין דער ערשטער וואָך, קומט צו מיר צוגיין אַלמיס שוועסטער מיט אַ שווער האַרץ: באַשר בכן אין שטוב בײַ זיי ליגן נאָך אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון ברודערס לעצטן בוך, אין וועלכן היטלער ווערט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן, און ווען, חלילה וחלילה, די „געסטאַפּאָ״ ווערט געוווּיר דערפון און מען געפינט בײַ זיי די עקזעמפּלאַרן, צעשיסט מען באַלד די גאַנצע שטוב מענטשן... איז וואָס זשע טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיב איך איר?...

הגם עס איז געווען אומוואַרשײַנלעך, אַז דער ענין זאָל דערגיין צו דער „געס־טאַפּאָ״, פון דעסט וועגן האָב איך זיך נישט אונטערגענומען איר צו געבן אַן עצה... אָט האָב איך דאָך אַליין מבער געווען פון שטוב אַ דײַטשישע בראָשור „רײַכסטאַגבראַנד״, וואָס איז געדרוקט געווען ערגעץ אויסער די גרענעצן פון היטלער־דײַטשלאַנד, דוכט, אין בעלגראַד.

— ווער ווייס... — זאָג איך איר אין פּאַרלעגנהייט, — טוט ווי איר פאַר־שטייט... אין אַזאַ צײַט איז שווער צו פּסקנען אַזאַ מין שאלה...

איז אַלמיס שוועסטער אַוועק פון מיר און מיט איר גרעסטן צער און ווייטיק דורכגעפירט אין אויוון אַן „אויטאָ־דאַ־פע״ איבער אַלע עקזעמפּלאַרן פון ברו־דערס בוך...

אָבער דער דאָזיקער „אויטאָ־דאַ־פע״ האָט סײַ־ווי נישט געראַטעוועט פון אומקום אַלמיס אַלע משפחה־מענטשן: זיי זײַנען סײַ־ווי אַוועק, ווי אַלע ייִדן, אין די גאַז־קאַמערן... און אַלמיס ביכער וואָלטן סײַ־ווי געבליבן אונטער די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ...

אַפילו שפּעטער מיט אַ יאָר, אין מײַן סאָוועטישן גיהנום אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָב איך ממעמקים געשריבן צו מײַנע נאָענטע אין גראָדנע, זיי זאָלן אַלאַרמירן מײַן חבר אַלמי ער זאָל אין אַמעריקע „מרעיש עולם זײַן״ פאַר מײַ־נעטוועגן... כ׳האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן (זע מײַן „קנעכט זײַנען מיר געווען״). אַ פּנים אויך לגבי היטלערס שותף, לגבי סטאַלינען, איז מען נאָך געווען אַ ביסל נאַיִוו...

דער לעצטער פּאַראַגראַף מיינט צו זאָגן, אַז תמיד, אין אַלע סיטואַציעס, האָב איך אין אַלמין געזען מײַן ערשטן חבר פון וואַרשע.

עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז אַפילו אין מײַנע אַרגענטינער יאָרן, אַ דאַנק אונדזער אַלטער חברשאַפט און די פּעדעם, וואָס פאַרבינדן אונדז, זאָלן עטלעכע אַלמיס ביכער ווידער דערשײַנען אונטער מײַן השגחה: „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט...

בײַ יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ *

ס'האָט מיך געצויגן צו באַזוכן פּרצן און אים ווײַזן מײַנע לידער און אַן אײנאַקטער. האָב איך זיך באראָטן מיטן רעדאַקטאָר פון „אונדזער לעבן", צבי פּרילוצקי.

איך האָב געפאָלגט צבי פּרילוצקין און צוערשט געגאַנגען צו יעקב דינעזאָנען. דעם מחבר פון „הנאהבים והנעימים", פון „אבן נגף", פון „יאָסעלע" האָב איך מיר תמיד פאָרגעשטעלט ווי אַן אַלטן גוטן זיידן. כ'האָב עפּעס בײַ זיך געווען זיכערער און דרייסטער, גייענדיק צו אים. כ'האָב זיך שוין געהאַט באַוויזן אָנצו־הערן אַ סך פּרטים פון דינעזאָנס מאַמעשער גוטסקייט צו יונגע שרײַבערס, וועלכע האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. דינעזאָן האָט זיי מקרב געווען; טייל פון זיי געשטיצט מיט הלוואהלעך; האָט זיי אַרײַנגעפירט אין פּרצעס שטוב און אַזוי אַרום גורם געווען זייער ליטעראַרישע התגלות.

יעקב דינעזאָן האָט מיך אין זײַן אײביק בחורישן צימער (אויף דזיעלנע 15) אויפגענומען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. מײַן פאָרשטעלונג, הייסט עס, האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. כ'האָב באַלד בײַ אים דערפילט אַ פּשוטע, ליבע היימישקייט. הערנדיק פון מיר, אַז איך וויל אים עפּעס פאָרלייענען, האָט ער עס נישט אָפּגע־לייגט אויף אַ צווייט מאָל, נאָר האָט מיר געהייסן זיך אַנידערזעצן אַנטקעגן אים בײַם שרײַבטיש. כ'האָב אים צוערשט געוויזן מײַנע אָנדערטהאַלבן געדרוקטע זאַכן...

— וואָס זשע נאָך האָט איר?

— אַן אײנאַקטער... „צעטראָטענע בלומען". ס'איז נישט גרויס, אַ צען מינוט נאָר...

— לייענט, לאָמיר הערן.

בײַם לייענען האָב איך באַמערקט, אַז דינעזאָן הערט מיך אויס מיט געדולד. בין איך געוואָרן נאָך דרייסטער. אַז איך האָב געענדיקט, האָט זיך דינעזאָן אָפּ־געררופן:

— איך ראָט אײַך אַרויפצוגיין צו פּרצן. איך קען לידער שרײַב דאָך נישט: נישט מײַן פאַך... ווײַזט אים אויך דעם אײנאַקטער. איך זע, איר האָט פּערל; אָבער איר האָט זיי דאָ צו פיל אַרויסגעשאָטן מיט אײן מאָל... גייט אַרויף צו פּרצן, שרעקט אײַך נישט...

***

נאָך דעם באַזוך בײַ יעקב דינעזאָנען האָב איך אײן טאָג זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און בין אַרויף אויף צעגליאַנע 1. אויף די טרעפּ האָט מיר פון דעסט וועגן שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ. דאָס מעשענע בלעכל אויף דער טיר מיט די אותיות:

---

* פון בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג". פון זעלבן בוך קומען דאָ אַרײַן נאָך אַ פּאָר פּראַג־מענטן, וועלכע זײַנען אינטים נאָנט צום געמיט פון בעל־היובל.

„י. ל. פרץ״ האָט מיך געמאַכט מאָדנע אומרויִק, גלײַך ווי איך וואָלט באַדאַרפט באַטרעטן דאָס קדשי קדשים פון אַ כהן־גדול...

כ׳קלינג אָן מיט האַלב־ציטערנדיקע פינגער.

עס עפנט מיר שוין נישט קיין יונגע פרוי. די פרוי פרץ.

— צו וועמען דאַרפט איר?

— צו י. ל. פרץ... צו הער פרץ... — פאַרריכט איך.

בײַם אוהל־פרץ

די לאַורעאַטן פון דער פרץ־פרעמיע פון פען־קלוב, אין 1938, לייגן אַ קראַנץ בײַם אוהל־פרץ. פון רעכטס: יחיאל לערער (לאַורעאַט), נח פרי לוצקי (פאָרזיצער פון פען־קלוב), אַברהם זאַק (מיטגליד פון זשורי), חיים סעמיאַטיצקי (לאַורעאַט), יוסף רובינשטיין (לאַורעאַט), י. לעווענשטיין און הערשעלע — דאַנילעוויטש. (עס פעלט דאָ דער דריטער לאַורעאַט, אלחנן וואָגלער).

— אין וואָסער ענין?

איך קווענקל און ענטפער נישט גלײַך.

— איר קומט אַוודאי מיט שריפטן?... — שמייכלט זי.

— כ׳וואָלט געוואָלט זען דעם הער פּרץ... געוואָלט אים עפּעס ווײַזן...

אין קאָרידאָר עפנט זיך אַ טיר און עס באַווײַזט זיך אַ מיטעלע דיקלעכע פיגור, מיט אַ ביסל אַ צעשויבערטן קאָפּ גרוילעכע האָר, מיט דיקע וואָנסן און גלי׳ענדיקע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען —

פּרץ ...

דאָס האַרץ בײַ מיר קלאַפּט נאָך האַסטיקער...

— צו מיר? קומט אַרײַן!

און כ׳גיי אים נאָך.

אין פּרצעס קאַבינעט זײַנען געזעסן געסט. ווי כ׳בין שפּעטער געוואָר געװאָרן, זײַנען עס געווען מנחם, וואָס איז דעמאָלט שוין באַקאַנט געווען פון זײַנע פּאָעמעס „קדוש״ און „תפילות״; דער לאָדזשער י. י. טרונק, נאָך אין אַ מין משכילישן סורדוט פון זײַן חסידישער היים; ער איז שוין דאַן באַקאַנט געווען פון זײַנע „בילדער און פייזאַזשן״. דער דריטער איז דאָרט געווען מאַרק שווייד, דער יונגער דיכטער און אַקטיאָר, מיט וועמען כ׳בין שוין באַקאַנט.

צוליב די געסט האָב איך זיך נאָך מער זשענירט און כ׳האָב געפילט ווי דאָס פּנים פלאַמט מיר...

— נו, וואָס האָט איר דאָ? — פרעגט פּרץ, צוגייענדיק מיט מיר צו זײַן שרײַבטיש.

איך דערלאַנג אים צוערשט די זשורנאַלן מיט מײַן ליד און סקיצע — מײַן „אײַזערנעם בריוו״...

פּרץ טוט עס אַ בלעטער. דאָס ליד קוקט ער איבער אין גאַנצן.

— נישקשה, — טוט ער אויף מיר אַ בליק ווי אַ מעדיצין־פּראָפעסאָר אויף אַ צעשראָקענעם פּאַציענט, וואָס וואַרט אויף זײַן דיאַגנאָז...

איך דערלאַנג דאַן פּרצן אַ פּעקל כתבים: לידער און דעם דערמאָנטן איינאַקטער.

— גוט, לאָזט עס איבער. קומט אַרײַן די צווייטע וואָך.

אין די לידער האָט ער אָבער באַלד געכאַפּט אַ קוק. שנעל, שנעל אַדורך עטלעכע מיטן אויג. אויף איין ליד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ספּעציעל אויף איין סטראָפע פון דאָזיקן ליד. איך געדענק נאָך עד היום די סטראָפע הגם איך האָב דאָס ליד קיין מאָל נישט געדרוקט:

זײַט געבענטשט, איר יונגע בלימלעך,
בליט אײַך אויף אין העלע פאַרבן,
און נישט ווייסט אין אײַער בלי׳ען
פון קיין וועלקן, פון קיין שטאַרבן...

פּרץ האָט זיך אויפן חשבון פון דאָזיקן ליד געוויצלט:

— איר ווייסט יענץ רעטעניש? — „ביי טאָג קערט מען דערמיט דעם דיל און ביי נאַכט שטייט עס אין ווינקל — אַ בעזעם... האָ, וואָס איז עס?"... אויב איר זאָגט צו די בלומען: „ווייסט נישט פון וועלקן און שטאַרבן" — זייט איר זיי דאָך אַליין דערמיט מגלה דעם סוד...

פּרץ האָט מיך אַרויסבאַגלייט מיט אַ האַנט אויף מיין אַקסל, זאָגנדיק צו מיר:

— שרייבט, שרייבט. לייענט, לערנט און אַרבעט איבער זיך.

כ'האָב לאַנג, לאַנג געפילט פּרצעס האַנט אויף מיין אַקסל... איך פיל זי נאָך היינט !...

כ'בין ביי פּרצן געווען אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. כ'בין שוין געווען דרייסטער און האָב גערעדט מיט פּרצן פריער, נאַטירלעכער. מיין איינאַקטער האָט ער געהאַלטן פאַר רוי, צו באַרעדעווודיק (דינעזאַן האָט דאָס זעלבע אַנדערש פאַרמולירט). די לידער האָט ער געפונען פאַר מער רייף. איך האָב אויסגעהערט פּרצעס יעדעס וואָרט מיט אינערלעכן ציטער. איך האָב בעת־מעשה זיך געפילט דערהויבן. אַ קליינינקייט, ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פריער בין איך נאָך געזעסן אין מיין פּראָווינץ־שטעטל און נאָך קיין שרייבער פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט און איצט בין איך ביי „אים" אַליין, ביי פּרצן אין שטוב, און הער מיט מיינע אייגענע אויערן זיינע רייד, און פיל אויף זיך זיינע בליקן. דאָס איז געווען צו פיל פרייד פאַר אַ יונג בחורל פון דער פּראָווינץ, אין אַכצנטן לעבנסיאָר, אַן אָנפאַנגער, וואָס שטייט ערשט ביי דער שוועל פון אַ היכל...

***

אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף פּרצעס פאָטערלעכער באַציִונג צו יונגע שרייבערס:

איך גיי איין מאָל אויף גזשיבאָווסקי גאַס. פון דער ווייטנס דערזע איך פּרצן. ער גייט עס איצט פון דער גמינע, פון זיין אַרבעט. כ'בין זיכער געווען, אַז ער געדענקט מיך שוין אַוודאי נישט: וויפיל יונגע לייט קומען אַרויף צו אים מיט כתבים?... איז דען מעגלעך, ער זאָל מיך געדענקען? און אַזוי טראַכטנדיק האָב איך עפּעס נישט געהאַט די העזה אים צו גריסן.

ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן, ווען פּרץ, זיך אויסגלייכנדיק מיט מיר אויפן טראָטואַר, האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און מיר אַ זאָג געטאָן: „גוט מאָרגן!"...

כ'האָב מיך דערפילט אַזוי פאַרשעמט און אַזוי שולדיק. היתכן? פּרץ זאָל זיך צו מיר גריסן און נישט איך צו אים ?!... עד היום, ווען איך דערמאָן זיך, קאָן איך מיר דאָס נישט שענקען.

דער דאָזיקער פאַל רעדט אַ סך. שפּעטער מיט יאָרן, אַז איך האָב שוין געהאַט מער שרייבערישע דערפאַרונג, האָב איך געמאַכט פּאַראַלעלן. אַזאַ פאַל ווי מיט פּרצן וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט פּאַסירן מיט אַ שלום אַש, אַ שטייגער. וויפל

מאָל ייִנגערע שרײַבערס — אַפילו מער־ווייניקער שוין מיט אַ שטיקל נאָמען — זאָלן זיך מיט אַשן נישט באַקענען, געדענקט ער זיי קיין מאָל נישט. און אין בעסטן פאַל פאַרקריפּלט ער זייערע נעמען. סעגאַלאָוויטש, למשל, פלעגט אַש אין זײַן „פאַרגעסן זיך" אַ מאָל אָנרופן: „דער... דער... נו סעגאַליעוויטש"... דער כמעט תמיד כמורנער סעגאַלאָוויטש פלעגט עס אַשן קיין מאָל נישט קאָנען מוחל זײַן.

מיט אַזאַ מין שטריך פון „פאַרגעסן זיך" און פאַרקריפּלען שרײַבערישע נעמען האָט אויך געשמט דוד פרישמאַן.

פרץ האָט יאָ געזען און געדענקט ייִנגערע און קלענערע פון זיך. פרץ האָט געזען און געדענקט דעם יונגן שרײַבער.

אין לייב נײַדוסעס פריצישן הויף

אָנהייב זומער 1916 באַקום איך אַ בריוו פון גראָדנע — פון יונגן פּאָעט לייב נײַדוס. ער איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון הונגעריקן ווילנע „צום טאַטן אין ווײַנגאָרטן", אין זייער זאַטן גוט קוסטין. זײַענדיק איצט אין גראָדנע, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן מיר און ער וויל מיך זייער זען. אַגב האָט ער ליטעראַרישע פּלענער אין שײַכות מיט גראָדנע, און ער לייגט מיר פאָר צו מאַכן אַ באַגעגעניש טאָקע בײַ זיי אין גוט — אין קוסטין, — וווהין ער פאַרבעט מיך זייער האַרציק. קוסטין געפינט זיך אַ קאַרגע צוויי וויאָרסט פון קוזניצע, און קוזניצע פון אַמדור איז 14 קילאָמעטער סך־הכל, — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פאַרבעטונג האָט מיך זייער דערפרייט. בין איך דאָך שוין אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון מײַן וואַרשעווער שרײַבערישער סביבה. האָט מיך איצט אַ צי געטאָן צו אַ פען־חבר, אַ פּאָעט, וואָס איך קען נאָך נישט פערזענ־לעך; וואָס קען אים נאָר פון לייענען, אָבער וואָס זײַנע לידער רײדן צו מײַן נשמה...

אַגב האָט מיך שטאַרק אינטריגירט נײַדוסעס מיליע — דאָס הויז פון אַ ייִדישן פריץ, אַ ייִדיש־פּריצישער הויף. טשעקאַווע זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן פענאָמען.

גאָר גיך איז אונדזער באַגעגעניש צושטאַנד געקומען.

מײַן שפּאַציר (צו פוס — ווײַל אַ פור אַהין איז נישט אַזוי אָפּט געגאַנגען) האָב איך געמאַכט צוזאַמען מיטן ייִדיש־דײַטשישן מיליטערמאַן, אינזשיניער בענאַ לוסטיג. לוסטיג האָט זיך פאַרליבט אין אַ קוזניצער מיידל: אין דער עקסצענט־רישער קריינע עקשטיין, אַ מיטבאַטייליקטע אין דער דראַמאַטישער סטודיע אין גראָדנע. איצט האָט זי זיך געפונען אין איר היים־שטעטל קוזניצע — איז עס בענאַ לוסטיג געגאַנגען צו איר מיט אַ באַזוך. אַגב: די דאָזיקע פאַרליבעניש האָט זיך אויך אין גיכן טאַקע פאַרענדיקט מיט אַ חופה כדת משה וישראל...

(דיגרעסיע: אין 1950 האָב איך די פאַמיליע לוסטיג — מײַנע אַלטע גוטע פרײַנד — באַזוכט אין ישראל, אין גבעתיים. לוסטיג איז געווען אַנגעשטעלט ווי אַן אָנגעזעענער אינזשיניער אין דער תל־אביבער עיריה; זייער זון משה לוסטיג — אַ באַגאַבטער מוזיקער, האָט געשפּילט אין ישראל־ראַדיאָ. איצט זײַנען שוין אַלע דרײַ: קריינע, בענאָ, משה — אויפן עולם האמת... אַ בייזוויליקער שפּיל פון גורל!...).

די פערצן קילאָמעטער פון אַמדור ביז קוזניצע זײַנען שנעל פאַרבײַגעלאָפן אונטער אונדזערע יונגע טריט. אַ קפיצת הדרך...

נײַדוס האָט שוין פון מײַן ענטפער־בריוול געוווּסט ווען איך קום אָן קיין קוזניצע און ער האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט בײַ אַ באַקאַנטער פאַמיליע, ווי ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן. אַרײַנקומענדיק אַהין, האָב איך געטראָפן נײַדוסן אַרומגע־

אַברהם זאַק און לייב נײַדוס אין גראָדנע, 1917

רינגלט פון דער שטעטלדיקער יוגנט. קוזניצע האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט איר דיכטער. מיט וואָסער פּיעטעט און ליבע מ׳האָט אים אין די אויגן געקוקט!

כ׳האָב נײַדוסן, פאַרשטייט זיך, באַלד דערקענט אין דער מסיבה: שוין בלויז די דיכטערישע „טשופּרינע" איז געווען אַ סימן מובהק...

שוין אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע. מיר האָבן זיך ביידע באַלד געפילט ווי אַלטע באַקאַנטע, ווי אַלטע גוטע פרײַנד, וואָס זײַנען געווען אַ געוויסע צײַט צעשיידט און איצטער זעען זיי זיך ווידער.

איך האָב זיך געלאָזט פירן פון נײַדוסן אין זײַן היים — אין גוט קוסטין, וואָס ליגט סך־הכל אַ צוויי קילאָמעטער הינטערן שטעטל. ביזן סוף פון דער לעצטער

גאַס זײַנען מיר באַגלייט געוואָרן פונעם גאַנצן עולם יוגנט. ס׳האָט שיער נישט אויסגעזען ווי אַ „פּראַצעסיע“. יעדן האָבן אונדז נאָכגעקוקט: פּאָרויס צוויי לאַנג־האָריקע פֿאַרשוינען און הינטער אונדז — דער עולם בחורים און מיידלעך פונעם שטעטל.

דער דאָרפישער שמאָלער וועג איז געווען אַזוי פרידלעך, אַזוי גאַסטפרײַנד־לעך און היימיש. פון די לאָנקעס און פעלדער בײַ דער זײַט, פון דיביימער אַרום האָט געווייעט מיט רו — מיט דער געבענטשטער רו, נאָך וואָס נײַדוס איז עס איצט געקומען אַהער...

אַ גאַנצע וואָך האָב איך פאַרבראַכט אין קוסטין מיט לייב נײַדוסן.

אַ צו שאַרפער קאָנטראַסט איז עס געווען צווישן מײַן אָרעמער היים — דערצו נאָך אין יענע שווערע אָקופּאַציע־באַדינגונגען — און נײַדוסעס היים! די גאַנצע סביבה, די שיינקייטן פון דער לאַנדשאַפט, די שירה פון די פייגל, די קלומבעס בלומען, די אַלט־פאַרגרינטע סאַזשעוקעס אין שאָטן פון געדיכטע ביימער, דער שיכרותדיקער אַראָמאַט פון די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, דאָס גרויסע פריי־צישע הויז מיט די געראַמע טיפיש־פריציש־מעבלירטע חדרים, די גאַסטפרײַנד־שאַפט פון די מענטשן בײַם פײַן־סערווירטן, פאַר יענע צײַטן שפעדיקן טיש אין עסזאַל — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי כ׳וואָלט אַרײַנגע־פאַלן אין אַ ווינקל פון גן־עדן...

כ׳האָב זיך אין משך פון די טעג דערנענטערט צו לייב נײַדוסעס גאַנצער משפחה. אַלע האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט: נײַדוסעס פאָטער, מוטער, עלטערער ברודער און אַפילו זײַן אַלטיטשקע באָבע, צו וועלכער ער האָט אַזעלכע האַרציקע לידער געשריבן.

דער פאָטער און ברודער — הגםביידע זײַנען געווען טיפּן פון אַמאָליקע ייִדישע משכּילים, דער עיקר זײַן ברודער — האָבן ווי מענטשן פּראַקטישע, סוחר־ריש־ניכטערע געקוקט אויף זייער לעאָנען ווי אויף אַ שטיקל „טשודאַק“: פּאָעזיע... לידער... גאַנץ פײַן... טאַקע אַן ענין פון כבוד... אָבער תּכלית, תּכלית! אַ דערוואַק־סענער מענטש * מוז דאָך טראַכטן אויך וועגן תּכלית...

זייער באַציִונג — כ׳וואָלט געזאָגט בעסער: זייער רעזערוו — צו לייב נײַדוסן איז מיר קלאָר געוואָרן פון די שטענדיקע שמועסן און וויכוחים בעת די מאָלצײַטן בײַם גרויסן רונדן טיש אין געראַמען עסזאַל. זײַן משפּחה האָט פון אים געוואָלט דערלעבן נחת: חתונה מאַכן אים און אַרײַננעמען אין דער לעדער־פאַבריק, וואָס בײַ זיי אין הויף. תּכלית!

ווי ווײַט אָבער איז לייב נײַדוס געווען פון זייערע פּראַקטישע אינטערעסן, פון תּכלית — ווי הימל פון ערד! אַז אים האָט גאָר געלאָקט די בלויקייט פון הימל, די פילפאַרביקייט פון אַ שמעטערלינג, דער כשוף פון אַ לבנה־נאַכט... אַז אין אים

---

* נײַדוס איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל 26 יאָר.

האָט גאָר געברענט אַן אַנדער פײַער — דער דיכטערישער סנה, וואָס ברענט און ווערט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן, דער פלאַם פון יצירה...

און דאָס האָט טאַקע געשאַפן אַ סטאַבילע מחיצה צווישן דיכטער און זײַנע בני־בית.

איך דערמאָן זיך, אַ שטייגער, אַזאַ מין וויכוח בײַ יענעם רונדן טיש:

אָפּשלאָגנדיק די אַרגומענטן פון פאָטער און ברודער, וועלכע האָבן געטענהט, אַז קודם־כּל מוז מען זײַן אַ מענטש פון תכלית — האָט לייב נײַדוס געלאָזט אין גאַנג אַזאַ מין פּאַסוס:

— דאָס לעבן פון סתם אַ תכלית־מענטש, אַ פיליסטער, איז דאָך זייער קורץ — מעג ער זײַן דער גרעסטער עושר. און אַז ער שטאַרבט, איז ווער טרויערט נאָך אים? — בלויז זײַן משפּחה. אָבער אַ שרײַבער — נישט קיין גרויסער גביר, נאָר אַ גרויסער שרײַבער... — איז אומשטערבלעך! ער לעבט תּמיד אין זכּרון פון פאָלק!

און דערבײַ האָט ער אילוסטרירט:

— אָט איז אין פאַריקן יאָר — איר ווייסט דאָך — געשטאָרבן י. ל. פּרץ. פּרץ איז כּידוע נישט געווען קיין גביר. ער האָט כּל ימיו געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעל־טער אין וואַרשעווער גמינע, בײַ דער עווידענץ פון מתים... אָבער פּרץ איז דאָך געווען — פּרץ! האָט ער געהאַט אַ לוויה פון העכער 100.000 מענטשן. דאָס גאַנצע ייִדישע וואַרשע האָט מלווה געווען פּרצן. גרויס און קליין, קינד און קייט. ס'איז געווען אַ פאָלקס־טרויער נישט נאָר בײַ די וואַרשעווער ייִדן, נאָר אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט!

— איז זאָגט זשע אַליין, — האָט ער צום סוף טריומפירנדיק אויסגעפירט, — איז דען נישט גלײַכער צו זײַן אַ גרויסער שרײַבער איידער אַ גרויסער עושר?...

דער גאַנצער עולם בײַם טיש האָט גוטמוטיק געלאַכט. אַלע האָבן שוין גע־ווּוסט, אַז לעאָן קאָן צוליב אַ גלײַכווערטל, אָדער אַ פּאַסיקן גראַם, אַרײַנזאָגן אַפילו אַן אייגענעם טאַטן. אָבער אינעם גוטמוטיקן שמייכלען און איבערקוקן זיך פון טאַטן און ברודער האָב איך דערקענט אויך זייער איראָנישע מחשבה: „אַ בטלן"...

און צוהערנדיק זיך צו דער רעפּליק פון ביידע „צדדים" בײַם טיש, האָט זיך מיר געטראַכט:

ווי ווילד איז דער געדאַנק צו וועלן מאַכן פון לייב נײַדוסן — דעם באַהעמיען, דעם שטיפער פון פּאַרנאַס — אַ פּשוטן פיליסטער אין וואַרעמע שטעקשיך און אין אַ שלאָפראָק פון אַ נגידישן באַלעבעסל...

ווי אַ גאַסט אָבער האָב איך געמוזט געדענקען אַן טאַקט און זיך אָפּהאַלטן פון אַרויסזאָגן וואָס איך טראַכט. נאָר ס'האָט מיר בעת־מעשה אַ בליץ געטאָן אין דער מחשבה און ס'האָט זיך מיר געוואַלדיק געגלוסט אַ ציטיר־טאָן אויפן אַדרעס פון די כּל־המיני פיליסטערס אַ סטראָפע פון מאַקסים גאָרקי:

אַ ווי נאַ זעמליע פּראַזשיוויאַטיע
קאַק טשערווי סלעפּיע זשיוווט:
ני סקאַזקי פּראָ וואַס ניע ראַזקאַזשוט,
ני פּעסני פּראָ וואַס ניע ספּאָיוט.

ווי בלינדע אויף דר׳ערד וועט איר לעבן,
אַזוי ווי די ווערעם צוגלײַך;
קיין מעשהלע וועט מען נישט וועבן,
נישט זינגען קיין ליד וועגן אײַך...

***

אין יענע טעג, בײַ אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן און שמועסן, איז מיר לייב נײַדוס זייער נאָענט געוואָרן. מיר האָבן זיך גוט דערקענט, שטאַרק זיך באַפרײַנדעט. אמת, מיר האָבן שפּעטער פֿאַרבראַכט צוזאַמען צוויי יאָר לערך אין גראָדנע (1917—1918); אָבער קוסטין איז געווען דער יסוד, די באַזע פֿון אונדזער פרײַנדשאַפט. די צײַט אין דער אָפּגעזונדערטקייט, צווישן דער שטילקייט פֿון נאַטור, דאַרף געמאָסטן ווערן מיט אַן אַנדער מאַסשטאַב, מיט אַן אַנדער דימענסיע. אויב אין דער גרויסער שטאָט דאַרף מען אַ מאָל האָבן דערויף יאָרן, זײַנען אין דער דאָרפֿישער שלווה און שטילקייט גענוג טעג. אַגב: פֿאַראַן מענטשלעכע נאַטורן פֿאַרשלאָסענע, וואָס בלײַבן תמיד פֿאַר אײַך ווי אַ ספֿינקס. שווער צו געפֿינען אַ שליסל צו זיי. נײַדוס, פֿאַרקערט, איז בטבע געווען אַ זייער האַרציקער און אָפּנהאַרציקער. האָט ער נאָר דערשפּירט אַ גײַסטיקע נאָענטקייט צו עמעצן, האָט ער באַלד פֿאַר יענעם אַלע קעמערלעך פֿון זײַן נשמה געעפֿנט, איז געוואָרן אינטים. אין משך פֿון דער וואָך צײַט בין איך שוין געווען קוראַנט אין אַלע פּרטים פֿון זײַן לעבן און וועזן: אין זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן, אין די געענדיקטע און נישט־געענדיקטע, אין פֿאַרטראַכטע און געפּלאַנטע, אין זײַנע וויכטיקסטע איבערלעבונגען און — אַפֿילו אין זײַנע ליבעס...

אַגב: די שטאַרקסטע ליבע זײַנע זינט זײַנע שילערישע יאָרן אין גראָדנע איז געווען אַן אומגליקלעכע, ווײַל זײַן „אָביעקט" — אויך אַ שילערין אין גראָדנע — איז שפּעטער קראַנק געוואָרן אויף טובערקוליאָז. אַ געוויסע צײַט האָט זי צוליב דעם פֿאַרבראַכט אין דער שווייץ; אָבער אָן דערפֿאָלג. און כאָטש עס זײַנען שפּעטער געקומען אַנדערע פּרויען, אַנדערע קורץ־דויערנדיקע עפּיזאָדן — אין זײַן חלום אָבער איז זי געווען פֿאַרוועבט, — זי, די „איינציקע", ווי ער האָט זי שטענדיק אָנגערופֿן.

נײַדוס האָט מיר פֿאַרגעלייענט אירע בריוו, געשריבן אין אַ פֿײַנעם ייִדיש, קענטיק, זי איז געווען אַן אינטעלעקטועל־רײַכע, נישט־דורכשניטלעכע פֿרוי. ער אַליין האָט צו איר אַ סך לידער געשריבן, און נישט נאָר לידער — גאַנצע פּאָעמעס זײַנע געווידמעט דער דאָזיקער ליבע זײַנער. דאָס בוך „ליריק" (ווילנע־יעקאַטערינאָסלאַוו, 1915) טראָגט טאַקע אויפֿן שער־בלאַט די ווידמונג „ח. ג." — דאָס איז זי טאַקע, חיה גאָזשאַנסקי, פֿון סלאָנים. איצט, אויף אַזאַ דיסטאַנץ פֿון יאָרן, איז עס שוין געשיכטע און אין אַספּעקט פֿון געשיכטע קאָן מען שוין אירע איניציאַלן דעשיפֿרירן.

און דאָ — אַ קליינע דיגרעסיע, וואָס וועט פֿאַרלויפֿן אַ ביסל די געשילדערטע צײַט:

די טראַגישעווירקלעכקייט קלינגט סימפּטאָמאַטיש, כ׳וואָלט געזאָגט גורלדיק: אין זײַנע שוואַרצע אָנונגען — פאַראַן נישט ווייניק אַזעלכע אין ניַדוסעס לידער — האָט דער דיכטער געזונגען צו איר, צו דער איינציקער:

וועסט נישט זײַן אויף מײַן לוויה,
ס׳איז געוויס אַזוי באַשערט!
אַך, מײַן איינציקע, מײַן טרײַע,
אפשר בין איך עס נישט ווערט...

אפשר האָב איך נישט פאַרדינט עס,
איך זאָל זען דיך בײַ מײַן טויט...
אַך, מײַן לעצטער גליק צערינט עס
אין דעם לעבנס אַלטן קויט!...

דײַנע צאַרטע פינגער האַלטן
אין דער גוססדיקער האַנט,
אויף דײַן ברוסט דעם קאָפּ באַהאַלטן,
איין מינוט כאָטש זײַן בײַנאַנד...

הייס אַ קוש טאָן דײַנע ליפּן,
דײַן צעבליטע רויזנפּאָר;
און מײַן פּנים קיל באַזיפּן
זאָל די וועל פון דײַנע האָר...

אַך מײַן איינציקע, מײַן טרײַע, —
כ׳ווייס, אַז דאָס וועט נישט געשען...
און אַפילו מײַן לוויה
וועסטו, טײַערע, נישט זען!

(„לעצטער ווייטאָג״, אין „ליטווישע אראבעסקן״)

אָדער אין זײַן ליד „נאָך מײַן טויט״ (אין זעלבן באַנד) זינגט דער דיכטער:

אַך, נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, —
און איך וועל שטאַרבן ווײַט פון דיר;
און עפּ׳נען וועט אַ שוואַרצער שליסל
די טיר פון אייביקייט פאַר מיר.

און דו וועסט ווײַטער בלײַבן לעבן
אין גרויען טומל פון דער וועלט,
מיט די דעראינערונגס־געוועבן
אין דײַן פאַרטרויערטן געצעלט.

— —

די דאָזיקע צוויי לידער האָט לייב ניַדוס געשריבן אין קוסטין עפּעס מער ווי מיט אַ יאָר שפּעטער — דעם 6טן סעפּטעמבער, 1916. און ס׳איז אַ רעטעניש, אַ מיסטעריע ממש, פון וואַנען האָט זיך אין אים פאַרקליבן אַזוי פיל טרויער, אַזאַ טראַגישע העלזעערישקייט וועגן זײַן נאָענטן קבר? — — —

זי, די איינציקע, איז טאַקע אויף דער לוויה נישט געווען; אָבער לאַנג האָט זי שוין אויך נישט געלעבט. קורץ נאָך ניידוסעס טויט האָט זי זיך אויך געזעגנט מיט דער „וועלט פון טרויער און טרערן"...

און ווען איך האָב שפּעטער געהערט אויך וועגן איר פּריצישטיקן טויט, האָט זיך געטראַכט, סענטימענטאַל געטראַכט:

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" — — —

**
*

אין משך פון דער וואָך האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן אין קוסטין ביי די וואָכעדיקע טעג, ביי אַ שבת. אין די וואָכעדיקע טעג איז יעדער איינער פון דער משפּחה געווען פאַרנומען מיט זיין פונקציע: דער פאָטער — יצחק — האָט אויפגענומען און געשמועסט מיט לעדער־סוחרים וועגן מסחר. עס פלעגן קומען כמעט יעדן טאָג סוחרים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך קויפן בשתיקה סחורה — בשתיקה, ווייל אין דער אָקופּאַציע־צייט איז לעדער געווען אַ טריפער אַרטיקל — „בעשלאַגנאַהמט".

דער עלטערער ברודער — הערמאַן — האָט זיך פאַרנומען מיט די פעלדער פונעם גוט. די ערד איז אין גרעסטן טייל אַוועקגעגעבן געוואָרן אין אַרענדע צו די שכנישע פּויערים. די ניידוסעס האָבן אויסגענוצט בלויז אַ טייל ערד פאַרן פאַרזיי פון פאַרשיידענע גרינסן.

די מוטער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויפזיכט איבער דער שטוביקער ווירטשאַפט.

די באָבעשי פלעגט, ווי איר שטייגער, זיצן אויף דער ווערענדע מיט אַ גראָבן „קרבן־מנחה"־סידור אָדער מיט אַ „צאינה וראינה" און איז געווען פאַרטיפט אין איר וועלט...

לייב ניידוס, האָב איך באַמערקט, פלעגט גאָרנישט וועלן ביזיין ביי די אַלע געשעפטלעכע ענינים און ער פלעגט מיך אַוועקרופן אויף אַ שפּאַציר, ווייל אויפן שפּאַציר האָט ער זיך אויך געקאָנט פאַרנעמען מיט זיינע ענינים — ענינים ליטעראַרישע. ער האָט מיר טאַקע אויף אַזאַ שפּאַציר דערציילט וועגן זיין פּלאַן: זייענדיק לעצטנס אין גראָדנע האָט ער געהאַט אַ שמועס מיטן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי — מיט מיילאַכאָוויטשן — און מיטן פּרעסע־פאַרשפּרייטער נח באַס וועגן אַרויסגעבן אין גראָדנע פּעריאָדישע ליטעראַרישע זאַמלהעפטן. ער האָט שוין אַפילו אַ נאָמען פאַר דער אויסגאַבע: „ניעמאַן" וועט זי הייסן. ער בעט מיך אַגב איך זאָל באַצייטנס צוגרייטן מאַטעריאַל און וואָס מער, ווייל קיין פּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישע כוחות אין גראָדנע גופא זעט ער נישט פאַר. מ'וועט אַליין מוזן פאַרקאָשערן די אַרבל...

— כ'בין שוין אַפילו געווען — דערציילט ער מיר — אין „קרייזאַמט" וועגן אַ דערלויבעניש. דער מיליטערישער צענזאָר, — גראַד אַ ייד, שיף הייסט ער, —

האָט מיר צוגעזאָגט זײַן הילף צו באַקומען די דערלויבעניש. כ׳האָב עקסטראַ אָנ־געגעבן פאַר דער מאַכט, אַז דער צוועק איז אַ פילאַנטראָפּישער...

— מ׳דאַרף פּרווּון — זאָג איך. הגם דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך באַצויגן סקעפּטיש צו נײַדוסעס פּלאַן: די צײַט איז נישט געווען אַזאַ גינסטיקע, אָבער כ׳האָב מיט קיין שום וואָרט נישט געוואָלט קילער מאַכן זײַן ענטוזיאַזם.

***

שבת איז געווען אַ פריילעכער טאָג אין קוסטין. פון שטעטל זײַנען באַלד „נאָכן קוגל" געקומען געסט צו ליב נײַדוסן — אַ היפּשע גרופּע יונגוואַרג: בחורים און מיידלעך, קוזניצער יונגע מיידלעך מיט צעבליטע בעקלעך און האַלב־שעמעוו־דיקע שמייכלען. מ׳האָט פאַרנומען דעם זאַל, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ דיוואַן ווי אַ חית. דרײַ ווענט האָט ער פאַרנומען. מ׳האָט דעקלאַמירט, מ׳האָט געזונגען ייִדישע פאָלקס־לידער. פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־אַטראַקציע איז געווען ניידוס אַליין. ער האָט דערלאַנגט איין „נומער" נאָכן אַנדערן. מ׳האָט שוין אין קוזניצע געקענט זײַן „רעפּערטואַר" און ס׳האָבן זיך געהערט שטימען:

— איצט דעקלאַמירט „נעמילע"!

— „אַ זון מיט אַ רעגן"!

— „מײַן באָבעשי"!

נײַדוס האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט כסדר רעציטירט און געזונגען. געזונגען און באַגלייט זיך אויף דער אַלטער פּיאַנאָ. דאָס רוב האָט ער אָבער ליב געהאַט צו זינגען פאָלקס־לידער. בעת ער האָט גענומען זינגען שטימונגספול זײַן אייגן סענטימענטאַל, עלעגיש ליד „בלימעלעך בלויִנקע", האָט דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט און מ׳האָט געזונגען אין כאָר:

בלימעלעך בלויִנקע, בלימעלעך צאַרטינקע,
רייצט נישט דאָס האַרץ, וואָס עס זאָגט:
פּונקט אַט אַזעלכענע בלויִנקע אייגעלעך
האָט מײַן געליבטע פאַרמאָגט...

אַזוי האָט מען פאַרבראַכט אין קוסטין מיט ייִדישע לידער ביזן אָוונט — אין דעם אַלטפּרענקישן זאַל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַ פּוילישן פּעאַדאַל און ווו ס׳האָבן אַמאָל געקלונגען גאַנץ אַנדערע ניגונים — אַלנפאַלס נישט קיין ייִדישע... איצט איז דאָס הויז אַ ייִדישס, דער פּריץ אַ ייִד, דאָס זינגדל פון פּריץ — אַ ייִדי־שער דיכטער... אין די לופט דאָ שוין אָנגעזאַפּט מיט ייִדישקייט, קלינגט דאָ איצט ייִדיש געזאַנג און די אַלטע פּיאַנאָ מוז נאָך אויף דער עלטער צוברומען ייִדישע אַקאָרדן... און אויף דער וועראַנדע מוז שוין די אַלטיטשקע באָבעשי פרום זאָגן:

„אוי גאָט פון אַברהם, פון יצחק, פון יעקב" — — —

„ידישע קונסט"
אין גראָדנע,
1917

אויבן: לייב נײַדוס און אַברהם זאַק מיטן פּרעזידיום פון רעכטס: נח באַס, ד"ר מרדכי באראדיצקי, ברוך קאַסין.

איז שוין מלך ראַוויטש אויך נישטאָ...

(אַ בלימל אויף זײַן פרישן קבר)

מיט מלך ראַוויטשעס פטירה איז אַוועק איינער פון די געקרוינטע שעפערס אין דער בלי־עפּאָכע פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

צעשפּרייט זײַנע פליגל האָט מלך ראַוויטש אין זײַנע וואַרשעווער יאָרן צווישן בײדע וועלט־מלחמות. ער איז געקומען קיין וואַרשע אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. געקומען פון ווין, פון געמיטלעכן ווין, ווו ער האָט זיך געטוליעט צו דער קלײנער גרופּע שרײַבערס: משה גראָס־צימערמאַן, א. מ. פוקס, משה זילבורג און נאָך אַ פּאָר אַנדערע. דאָרט האָט מלך ראַוויטש אָנגעהויבן זײַן דיכטערישן גאַנג. אָבער אַ רויש צו טאָן איז אים באַשערט געווען אין וואַרשע. דאָרט האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט די דיכטער־בונטאַרן פּרץ מאַרקיש, אורי־צבי גרינבערג, משה בראָדער־זאָן. עס האָט נאָר אַ טומל געטאָן די „כאַליאַסטרע", וואָס האָט פאַרשרײַען די ליטעראַרישע פּעריפּעריע. מאַרקיש איז דערשינען מיט זײַן „קופּע" — אַן אויסגאַבע אין אַלבאָם־פאָרמאַט, מיט לידער אַקטועלע, אָנגעלאָדענע מיטן שוידער פון פאַרגאַסענעם ייִדישן בלוט אין די פּעטליורע־פּאָגראָמען אין די אוקראַיִנישע שטעט און שטעטלעך. מיט פערזן צעכראַסטעטע — אַ־לאַ וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דעם טרובאַדור פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין צעשטורעמטן רוסלאַנד. עס האָט זיך צערוישט דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע וועלטל אויף טלאָמאַצקע דרײַצן.

מאַרקיש האָט שפּעטער געפּרוּווט אַ וואַנדער טאָן איבער מערב־אייראָפּע — בערלין, פּאַריז — און לסוף האָט אים צוריק אַ צי געטאָן קיין מזרח: „עקס אָריענטע לוקס" — פון מזרח קומט דאָס ליכט... אַזוי האָט זיך אים געחלומט... אים ווי אַ סך אַנדערע. און ער איז אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד מיט זײַנע חלומות... אמת, ער האָט דאָרט געהאַט דערפאָלגרײַכע יאָרן; דערגאַנגען אַזש ביז אַ לענין־אָרדן... אָבער זײַן סוף ווייסן מיר שוין איצט אַלע: אין יאָרצײַט פון 12טן אויגוסט דער־מאָנען מיר אויך מאַרקישן — דעם שיינעם אַפּאָלאָ... — צווישן דער רשימה קרב־נות פון סטאַלינס בלוטיקער האַק... עס האָט אים נישט געהאָלפן דער לענין־אָרדן...

אין וואַרשעווער ליטעראַרישן וועלטל האָט זיך דער שוים אָפּגעזעצט. אורי־צבי גרינבערג איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. מלך ראַוויטש ווערט סעקרעטאַר פון שרײַבער־פאַראיין און שפּעטער אויך פון ייִדישן פּען־קלוב בײַם פאַראיין. אין ווין איז ראַוויטש געווען בוכהאַלטער אין אַ באַנק און פון דאָרט האָט ער געירשנט די פּעדאַנטישע פּינקטלעכקייט אין דער קאַנצעליאַרישער אַרבעט. אַזאַ פּינקטלעכ־קייט ווי אַ שטייגער די עקזאַקטע ציפערן אין זײַן ווינער באַנק.

אָבער גלײַכצײַטיק איז מלך ראַוויטש זייער שעפעריש ווי אַ דיכטער, עסייִסט. ער ווערט אויך פּאָפּולער ווי אַ רעדנער און די „ליבע פּראָווינץ" פאַרבעט אים צו

ריידן אויף ליטעראַרישע טעמעס. עס דערשײַנען זײַנע לידער־זאַמלונגען, אָנהייבנ־דיק פֿון 1922 אין וואַרשע מיט „דער קרן פֿון מײַנע לידער" (שוין דאָס זעקסטע בוך: די פֿריִערדיקע פֿינף לידער־זאַמלונגען זײַנען דערשינען אײנע אין לעמבערג, פֿיר אין ווין). ער פּרוּווט אויך דעם זשאַנער פֿון דראַמע, און ער גיט אַרויס „בלוט אויף דער פֿאָן" (אַ סאָציאַלע דראַמע) און „מאַן און ווײַב" (דרײַ דראַמעס). צו דער בינע אָבער דערגייען זיי נישט.

זײַן לעצט בוך לידער און פּאָעמעס א"נ „עיקר שכחתי" איז דערשינען אין מאָנטרעאַל אין 1969. כאַראַקטעריסטיש איז ראַוויטשעס מעדיטאַציע אין דער הקדמה צום דאָזיקן בוך. „דאָס זײַנען אפֿשר די לעצטע לידער דײַנע — שרײַבט ער צווישן אַנדערן — איך זאָג עס אָן שום סענטימענטן אָדער גאָר מורא. איך זאָג עס ניכ־טער. דער איינציקער אַבסאָלוטער אמת, מיט וועלכן דער מענטש ווערט געבוירן, איז: אַז ער וועט שטאַרבן. און וואָס נאָך דעם שטאַרבן וועט זײַן — דאָס ווייס קיין פֿילאָסאָף נישט און איך אַוודאי נישט. אָבער אַז עס וועט זײַן — דאָס איז זיכער. און קיין פֿילאָסאָף לייקנט עס נישט — אַפֿילו נישט ספּינאָזאַ".

מלך ראַוויטש איז באַקאַנט מיט זײַנע פֿילאָסאָפֿישע מעדיטאַציעס אויך אין זײַנע קליינע עסייען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זייער אָפֿט אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן אין דער ייִדישער וועלט — עד יום מותו.

ווי אַ מעמואַריסט איז ער אויפֿגעשווומען אין זײַנע דרײַ בענד „דאָס מעשה־בוך פֿון מײַן לעבן" און אין זײַנע דרײַ בענד „מײַן לעקסיקאָן". אַגבֿ, פֿאַר אין באַנד פֿונעם „מעשה־בוך פֿון מײַן לעבן" האָט ראַוויטש באַקומען אין 1965 די ניגער־פּרעמיע אין היגן אָפּטייל פֿון קולטור־קאָנגרעס. אין זײַנע דרײַ בענד „מײַן לעקסיקאָן" זעען מיר ראַוויטשן דעם פֿײַנעם בעל־זכרון און פּאָרטרעטיסט, וועלכער האָט מיט דינע פֿען־שטריכן געצייכנט די פּראָפֿילן פֿון אַ פּאָר הונדערט שרײַבערס און פּערזענלעכקייטן פֿון אונדזער שרײַבערישער און גײַסטיקער עליטע, באַווירצט מיט גוטמוטיקן הומאָר, נישט זינדיקנדיק מיט בייזוויליקן שאַרזש... ווײַל ראַוויטש האָט נישט געליטן פֿון שנאת־סופֿרים (ווי עס פּאַסירט ליידער צווישן שרײַבערס...) און האָט קיינעם נישט געוואָלט וויי טאָן. אַזוי איז ער אויך געווען בײַם שרײַבן רעצענזיעס וועגן ביכער, ווען ער האָט ערגעץ אין אַ צײַטשריפֿט געפֿירט די ביי־בליאָגראַפֿישע אָפּטיילונג (אין דער „וואָכנשריפֿט" בײַ דער „פֿאָלקסצײַטונג" אין וואַרשע; אין „קענעדער אָדלער").

אָבער פֿון אַלע זײַנע זשאַנערן צייכנט זיך אויס ראַוויטש דער דיכטער. דיכ־טונג — דאָס איז געווען זײַן קרוין. פֿון זײַנע עטלעכע און צוואַנציק ביכער זײַנען גאַנצע דרײַצן לידער־זאַמלונגען.

**
*

מלך ראַוויטשן וואָלט אין דער אמתן אויך געקומען אַ פּרעמיע פֿאַר זײַן פּער־זענלעכקייט. אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט פֿאַראייניקט אין זיך דעם האַרמאָניש שרײַבער און מענטש. די וואָס האָבן ראַוויטשן געקענט פּערזענלעך ווייסן עס זייער וווּל.

מלך ראַוויטש איז מיר באַזונדערס נאָנט און ליב געוואָרן פון די וואַרשעווער יאָרן, פון טלאָמאַצקע דרײַצן: פון ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין און פון יידישן פען־קלוב. ראַוויטש, ווי אויבן דערמאָנט, איז געווען סעקרעטאַר פוןביידע קערפּערשאַפטן. און היות ווי איך בין געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד (אַ מאָל אויך פון ביידע פאַרוואַלטונגען: סײַ פון שרײַבער־פאַראיין, סײַ פון פען־קלוב), פלעגט אונדז אָפט אויסקומען צו פאַרברענגען בײַ איין טיש, בײַ געמיינזאַמע טעטיקייטן. עס האָט תמיד געווייעט פון ראַוויטשן מיט ווינער העפלעכקייט, מיט אייראָפּעיִשער קולטור. ס'איז גוט געווען מיט אים מיטצואַרבעטן. אַ באַשלוס איז בײַ אים געווען הייליק. ער האָט שנעל געקאָנט געווינען ליבשאַפט בײַ אַ חבר.

טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע

אַ פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין די צוואַנציקער יאָרן.

פון רעכטס, ערשטע ריי: מ. קיפּניס, ז. סעגאַלאָוויטש; צווייטע ריי: א. איינהאָרן, ב. קאַרלינער, ש. יאַנאָווסקי, ב. שעפנער, ד"ר יצחק שיפּער (פאָרזיצער), א. גאָלדבערג, באַאַמטער געלבערג, אַברהם זאַק, בערנאַרד זינגער; דריטע ריי: אויבן רעכטס: ש. וואַגמאַן.

יעדן מיטגליד פון פאַראיין, וואָס פלעגט קומען צו אים אין קאַנצעלאַריע מכות עפּעס אַן עניך, פלעגט ער אויפנעמען מיט גוטן הומאָר.

— איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אין פאַראיין לערך 300 מיטגלידער, — פלעגט ער אַ מאָל דערקלערן אַ געקומענעם אינטרעסאַנט — הייסט עס, אַז איר זײַט מײַן דרײַהונדערטסטל באַלעבאָס. נו, בין איך גרייט צו אייער דינסט...

זײַנען מיר געבליבן פון ראַוויטשן אויף תמיד ליכטיקע זכרונות.

און ווען איך טראַכט וועגן די ליכטיקע געשטאַלטן פון טלאָמאַצקע דרײַצן — פון אונדזער פאַרשניטענעם נעכטן — זע איך אויך מלך ראַוויטשן אין צענטער פון דער התלהבותדיק־צעזונגענער פּאָעטן־חבריא. איך זע אים ווי איינעם פון די

ווייניקע שרידים נאָכן בלוטיקן שניט, וועלכע האָבן על פּי נס, צופעליק, אויסגע־מיטן די קאַלכאויוונס פון די טרעבלינקעס, און זײַנען געבליבן מסתמא, כדי צו באַווייזן און צו דערמאָנען דאָס שיינע און דערהויבענע, וואָס מיר האָבן פאַר־לוירן... צו דערמאָנען דאָס פאַרלוירענע; אָבער גלײַכצײַטיק צו ציִען ווײַטער דעם המשך פון ייִדישן וואָרט, פון ייִדישן ליד — — —

די דאָזיקע הייליקע שליחות האָט מלך ראַוויטש אויסגעפירט ווי אַ געטרײַער כהן גדול; ווי אַ פאַרליבטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור; אין ייִדישן קינסטלע־רישן וואָרט, אין ייִדישן שעפער. דאָס פליסט אַרויס בולט פון דריטן באַנד פון זײַן „מעשה־בוך פון מײַן לעבן", וואָס איז דער עיקר געווידמעט טלאָמאַצקע דרײַצן.

יאָ, אַ פאַרליבטער אויך אין ייִדישן שעפערישן מענטש. ראַוויטש איז געווען איינער פון די געציילטע צווישן שרײַבערס, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט אַזוי פיל אהבת סופרים; וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיטן גורל פון ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישן שעפערישן מענטש. מיט זײַן פאַרליבטקייט איז ער געווען פאַר זיי ווי אַ ברודער. ער איז געווען אַ יוצא מן הכלל און פונקט דער היפוך צו די אַלע, וואָס לײַדן פון אײַנרייִדעניש און מעגאַלאָמאַניע און מיינען, אַז נאָר זיי קומט די גרעסטע פאַרציע אומשטאַרביקייט... אַז לאחר מאה שנה איז פאַר זיי געגרייט דער גאַנצער שור הבר און דער גאַנצער לויתן...

**
*

איך קאָן נישט פאַרגעסן מלך ראַוויטשעס האַרציקע זאָרג פאַר די שרײַבער־פּליטים, וועלכע האָבן אין 1946 זיך אומגעקערט פאַרוואָרלאָזטע פון אַלע נע־ונדן אויף די חורבות פון פּוילן. ראַוויטש האָט אין מאָנטרעאַל מאָביליזירט די אָרטיקע שרײַבער־משפּחה און באַזאָרגט די שרײַבערס אין לאָדזש און אין וואַרשע איטלעכן מיט אַ באַזונדערן אַפּוטראָפּוס. יעדער, וואָס האָט זיך געניייטיקט, האָט זיך געקאָנט ווענדן צום שרײַבער־קאָלעגע אין מאָנטרעאַל, דאָס הייסט, צו זײַן באַשטימטן אַפּוט־ראָפּוס. ראַוויטש האָט עס דורכגעפירט פּרעציז, בוכהאַלטעריש... אפרים קאַגאַנאָוו־סקי, למשל, האָט פון ראַוויטשן — זײַן אַפּוטראָפּוס — באַקומען צוגעשיקט אַ ייִדי־שע שרײַב־מאַשינקע, וואָס איז בײַ די דעמאָלטיקע נאָכמילחמהדיקע באַדינגונגען אין פּוילן געווען אין שרײַבער־פאַראיין די סענסאַציע פון טאָג...

ווי רירנדיק איז געווען דעמאָלט די אויסגעשטרעקטע ברידערלעכע האַנט פון דער ווייטער ווײַט... ספּעציעל אין יענע שטימונגען, אין יענעם קלימאַט, צווישן חורבות, ווען יעדער פון די צוריקגעקומענע איז געווען דערדריקט פונעם גרויסן עלנט, בבחינת אָבל — — —

אַזאַ חברישע געטרײַשאַפט געדענקט זיך. דערפאַר טאַקע איז מלך ראַוויטש באַליבט געווען בײַ דער גאַנצער שרײַבער־משפּחה אין אַלע צעשפּרייטקייטן.

**
*

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט מלך ראַוויטשן אין 1972, אין ישראל. ראַוויטש איז דעמאָלט געקומען אַהין צו דער פֿײַערלעכער צוטיילונג פֿון דער מאַנגער־פּרעמיע, וואָס ער האָט דעמאָלט באַקומען צוזאַמען מיטן פּראָזאַיקער ישעיהו שפּיגל. ער האָט אויסגעזען פֿאַרעלטערט און איז געגאַנגען אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. אומעטום האָט אים באַגלייט זײַן רחל. אויף דעם קבלת־פּנים־אָוונט פֿאַר אים אין לייוויק־הויז האָט ער זײַן וואָרט געלייענט פֿון פּאַפּיר, מיט אַ שוואַכן קול. אַזוי אויך אויף דער אויפֿנאַמע אין זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, אין בית־סוקולוב.

כ'בין געווען זייער גערירט, בעת ראַוויטש איז געקומען (פֿאַרשטייט זיך, באַגלייט פֿון רחלען) אויף דעם אָוונט, וואָס דער בית־לייוויק האָט אַראַנזשירט פֿאַר מיר. איך האָב דאָך געוווּסט, אַז עס קומט אים נישט אָן אַזוי לײַכט דאָס גיין אויף אָוונטן, אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן. אויף זײַנע אייגענע אָוונטן מוז ער דאָך...

— אײַער קומען עמאָציאָנירט מיך — זאָג איך אים.

— ווי קאָן איך נישט קומען?... — האָט ער געענטפֿערט.

***

זײַן לעצטן בריוו פֿון מאָנטרעאַל, דאַטירט דעם 24סטן מערץ 1976, האָב איך פֿון ראַוויטשן באַקומען ווי אַ קבלה אויף מײַן נײַעם בוך „פֿון אַלע מײַנע יאָרן”. ער שרײַבט:

„טײַערסטער אַברהם זאַק,

דערזע איך ערגעץ אײַער נאָמען — כאַפּט אָרום אַ בענקשאַפֿט, וואָס נאָר איינער קען פֿאַרשטיין, וואָס האָט פֿאַרבראַכט יאָרן אויף טלאָמאַצקע דרײַצן. גאָט מײַנער, איז דאָס אמת, אַז טלאָמאַצקע 13 איז אַ באַרג פֿון צעבראָכענע ציגל און צעהאַקטע שטיינער און אָפּגעבערענטע געהילצן?

אָט דאָס קליינע הקדמהלע האָב איך געמוזט צושרײַבן צו מײַן דאַנק פֿאַר אײַער חברישע מתנה — אײַער בוך: „פֿון אַלע מײַנע יאָרן”.

מיר זײַנען שוין אַזוי ווייניק געבליבן — ממש די פֿינגער פֿון איין האַנט... און לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען כאָטש דורך בריוו און ביכלעך.

און לאָמיר זיך אַרומנעמען, סטאַרי פּשיאַטשיעלו.

גריסן פֿאַר אײַערע נאָענטסטע. מײַן רחל גריסט אײַך.

מלך ראַוויטש.”

דער דאָזיקער בריוו האָט מיך גערירט ביז טרערן...

***

אין מײַן פֿרײַערדיקן ציטאַט פֿון מלך ראַוויטשעס הקדמה צו זײַן לידער־בוך „עיקר שכחתי” מעדיטירט ראַוויטש וועגן טויט און וואָס עס וועט זײַן נאָכן שטאַרבן. און איצטער, נאָך זײַן אַוועקגיין, בעט זיך צוצוגעבן:

נאָך מלך ראַוויטשעס טויט וועט ער ווײַטער לעבן אין פֿאַנטעזיע פֿון אונדזער ליטעראַטור צוזאַמען מיט אַלע אונדזערע אומשטערבלעכע...

בוענאָס־אײַרעס, סעפּט' 1976

סאָלזשעניצין וועגן טויט־שטראָף אין צאַרישן רוסלאַנד און אין סאָוועט־רוסלאַנד

(אויפן ראַנד פון „אַרכיפּעלאַג גולאַג״)

אינעם קאַפּיטל „די העכסטע שטראָף״, אין זײַן בוך „אַרכיפּעלאַג גולאַג״, שטעלט זיך אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין אָפּ אויף טויטשטראָף אין רוסלאַנד אין פֿאַרשיידענע געשיכטלעכע תקופות. ער דערמאָנט די הערשאַפט־פּעריאָדן פון פֿאַר־שיידענע רוסישע צאַרן אין פֿאַרבינדונג מיט טויטשטראָף: אין דעם שטראָף־קאָדעקס פון צאַר אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש איז טויטשטראָף דערגאַנגען צו 50 פֿאַלן. אין מי־ליטערישן קאָדעקס פון פּיאָטער דעם גרויסן האָט שוין טויטשטראָף געהאַט 200 פּאַראַגראַפֿן. און די צאַרין יעליזאַוועטאַ, הגם זי האָט נישט אָפּגעשאַפֿט די טויט־שטראָף־געזעצן, פון דעסט וועגן האָט זי זיי קיין מאָל נישט אָנגעווענדט. מען דער־ציילט, אַז בעת זי איז אויפגעטראָטן אויפן טראָן האָט זי געטאָן אַ נדר קיינעם נישט צו טייטן. און די גאַנצע צוואַנציק יאָר פון איר קיניגן האָט זי טאַקע אויף קיינעם נישט אַרויסגעטראָגן קיין טויט־אורטייל. דערבײַ איז איר אויסגעקומען צו פירן אַ 7יעריקע מלחמה — און איז זיך באַגאַנגען אָן עמעצן צו טייטן. אמת, מיר האָבן געהאַט די העזה אויסצולאַכן איר גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן קיין שום צידקות אין איר נישט געזען. אַזוי קאָן מען לחלוטין פֿאַרשווארצן איר נאָמען מיטן פֿאַקט, וואָס זי האָט פֿאַרביטן טויטשטראָף מיטן קנוט, מיט שמיץ, מיטן אַרויסרײַסן די נאָזלעכער, מיט שטעמפּלען אויפן לײַב: „גנב״ און אייביקער פֿאַר־שיקונג אין סיביר.

אָבער צוריקגערעדט, לאָמיר צוגעבן צו דער פֿאַרטיידיקונג פון דער צאַרין: ווי האָט זי געקאָנט האַנדלען להכעיס די פֿאַרשטעלונגען פון דער געזעלשאַפֿט? און אפשר וואָלט נאָך אויך אַ הײַנטיקער בר־נש — אַבי די זון זאָל פֿאַר אים נישט פֿאַר־לאָשן ווערן, אויסגעקליבן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס יסורים מיטן גוטן ווילן? מיר אָבער, מחמת הומאַניטאַרע טעמים, לייגן עס אים נישט פֿאַר... און עס קאָן גרינגלעך זײַן, אַז דער לייענער פון דאָזיקן בוך וועט זײַן געניגט צו טראַכטן, אַז צוואַנציק און אַפֿילו צען יאָר לאַגער איז שווערער פון טויטשטראָף.

לויט אונדזער איצטיקער טערמינאָלאָגיע האָט יעליזאַוועטאַ געהאַט אַן אַל־וועלטלעכן קוק, און די צאַרין יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט געהאַט אַ קלאַסאָוון קוק (און אַ פּנים אַ מער ריכטיקן). לחלוטין קיינעם נישט צו טייטן האָט איר אויס־געוויזן שרעקלעך, אומבאַשיצט. און פֿאַר איר פֿערזענלעכן שוץ, פֿאַרן טראָן און אָרדענונג, דאָס הייסט, אין די פּאָליטישע צופֿאַלן (מיראָוויטשעס בונט, דער מאָס־קווער טשומאַ־בונט, דער בונט פון פּוגאַטשאָוון), — האָט זי געהאַלטן טויטשטראָף פֿאַר אַ פּאַסיקע זאַך. און וואָס שײַך קרימינעלע פֿאַרברעכערס, די „ביטאָוויקעס״ — איז נישט געווען קיין סיבה, זי זאָל נישט קאָנען אָפּשאַפֿן טויטשטראָף.

בעת דער הערשאַפט פון צאַר פּאַוועל איז די אָפּשאַפונג פון טויטשטראָף באַשטעטיקט געוואָרן. (און מלחמות זײַנען דעמאָלט געווען אַ סך, אָבער די פאַלקן האָבן דעמאָלט נישט געהאַט קיין טריבונאַלן). און פאַר דער צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן איז טויטשטראָף אײַנגעפירט געוואָרן נאָר פאַר מיליטערישע פאַרברעכנס, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן בעתן מאַרש (אין 1812 בעת נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע).

דער טויט־אורטייל אויף די פינף דעקאַבריסטן האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין לאַנד. זינט דעמאָלט איז טויטשטראָף פאַר מלוכה־פאַרברעכנס נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן און איז נישט פאַרגעסן געוואָרן אַפילו ביז דער פעוורואַל־רעוואָלוציע.

און וויפל מענטשן זײַנען פאַר דער צײַט געוואָרן דערשאָסן?

מיר ווילן דאָ נאָר דערמאָנען אַ קליינעם טייל קאָנטראָלירטע פאַקטן פונעם זאַכקענער פון רוסישן קרימינעלן קאָדעקס נ. ס. טאַגאַנצעוו:

ביז 1905 איז טויטשטראָף אין רוסלאַנד געווען אַן אויסנעמלעכער פאַל. אין משך פון 30 יאָר (פון 1876 ביז 1905) — די צײַט פון די „נאַראָדניקעס", טעראָריסטישע אַקטן, מאַסן־שטרײַקן, פויערישע אויפברויזן; די צײַט ווען עס זײַנען באַשאַפן געוואָרן און זיך פאַרפעסטיקט די אַלע פּאַרטייען פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, — אין משך פון די 30 יאָר זײַנען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט 486 מענטשן, ד״ה 17 מענטשן אַ יאָר אין גאַנצן לאַנד (און דאָס אײַנגעשלאָסן טויט־שטראָף פאַר קרימינעלע פאַרברעכערס!).

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, פון 1905 ביז 1908, האָט זיך די צאָל טויטשטראָפן שטאַרק פאַרגרעסערט און דערגרייכט צו 2.200 (ד״ה 45 טויט־אורטיילן אַ חודש!). דאָס איז געווען אַן עפּידעמיע פון טויטשטראָפן, ווי ס'האָט געשריבן דער דערמאָנטער היסטאָריקער טאַגאַנצעוו. דאָס האָט אַרויסגערופן טרערן בײַ טאָלסטאָיען, צאָרן בײַ קאָראָלענקאָן און פיל, פיל אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געלאָזט הערן זייער פּראָטעסט.

די צײַטווײַליקע רעגירונג פון קערענסקין אין 1917 האָט אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף. זי האָט נאָר באַפוילן אָנצווענדן טויטשטראָף אין דער אַקטיווער אַרמיי און אין די פראָנט־געביטן (די מלחמה איז נאָך דעמאָלט אָנגעגאַנגען): פאַר מיליטערישע פאַרברעכנס, פאַר מאָרד, פאַר פאַרגוואַלטיקונגען, פאַר רויבערײַ (מיט וואָס די דאָזיקע ראַיאָנען האָבן דעמאָלט געשמט). דאָס איז געווען דאָס סאַמע אומפּאָפּולערע מאָסמיטל, וואָס האָט אומגעבראַכט די צײַטווײַליקע רעגירונג. דער לאָזונג פון די באָלשעוויקעס צום אויפשטאַנד איז געווען: „נידער מיט טויטשטראָף, וואָס קערענסקי האָט אײַנגעפירט!"

עס ווערט דערציילט, אַז בעת דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, אין דער נאַכט פון 25סטן אויפן 26סטן אָקטאָבער, איז אין סמאָלנער אינסטיטוט פאַרגעקומען אַ דיסקוסיע: צי איינער פון די ערשטע דעקרעטן זאָל נישט זײַן דאָס אָפּשאַפן טויטשטראָף אויף שטענדיק? — האָט לענין דאַן אויסגעלאַכט דעם אוטאָפּיזם פון זײַנע חברים, וואָרעם ער האָט געוווסט, אַז אָן טויטשטראָף קאָן מען

לחלוטין נישט איבערגיין צו דער נײַער געזעלשאַפט. פון דעסט וועגן בײַם שאַפן די קאָאַליציע־רעגירונג מיט די לינקע „ס. ר.״ איז זינט דעם 28סטן אָקטאָבער 1917 די טויטשטראָף פאַרמעל אָפּגעשאַפט געוואָרן.

און ווי האָט עס אויסגעזען אין דער אמתן?

אָנהייב 1918 האָט טראָצקי באַפוילן צו משפטן דעם אַדמיראַל אַלעקסיי שטשאַנסני, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערטרינקען דעם באַלטישן פלאָט (בעת דעם קראַנשטאַטער אויפשטאַנד). דער פאָרזיצער פון איבערטריבונאַל קאַרקלין האָט מיט אַ צעבראָכענעם רוסיש שנעל פאַרמשפּט:

— דערשיסן אין 24 שעה!

אין געריכטזאַל איז געוואָרן אַן אויפברויז: „סטײַטש? מ׳האָט דאָך אָפּגעשאַפט טויטשטראָף!״

דער פּראָקוראָר קרילענקאָ האָט ציניש דערקלערט:

— וואָס קאָכט איר זיך? טויטשטראָף איז טאַקע אָפּגעשאַפט. און שטשאַנסנין האָבן מיר נישט פאַרמשפּט צום טויט — מיר וועלן אים נאָר דערשיסן...

און מ׳האָט אים טאַקע דערשאָסן.

לויט אָפיציעלע דאָקומענטן, איז טויטשטראָף צוריק אײַנגעפירט געוואָרן אין גאַנצן פאַרנעם זינט יוני 1918. זי איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ נײַע עראַ פון טויטשטראָף. שפּעטער זײַנען אין רוסלאַנד אין משך פון 16 חדשים (פון יוני 1918 ביז אָקטאָבער 1919) דערשאָסן געוואָרן העכער 16 טויזנט מענטשן, דאָס הייסט העכער 1,000 אַ חודש.

סאָלזשעניצין ברענגט דאָ אַ גאַנצע ריי פאַקטן און סטאַטיסטיקעס וועגן מאַסן־צעשיסונגען אין די ווײַטערדיקע יאָרן. די צאָל וואַקסט מיט יעדן חודש, מיט יעדן יאָר. עס כאַפּט אָן אַ שוידער לייענענדיק וועגן די דאָזיקע מאַסן־עקזעקוציעס דורך די סטאַליניסטישע רוצחים, דורך דער נ.ק.וו.ד.

הײַנט די צעשיסונגען אין די יאָרן 38־1937? וועלכער קרימינעלער היסטאָריקער וואָלט אונדז געקאָנט געבן אַ קאָנטראָלירטע סטאַטיסטיק? מיר קאָנען נאָר איבערחזרן יענע ציפערן, וואָס זײַנען אומגעגאַנגען אין די יאָרן 1939—1940 אין די קאַמערן פון דער בוטירקי־תפיסה און האָבן געשטאַמט פון יעזשאָוס געוועזענע משרתים, וועלכע זײַנען אַליין שפּעטער אַהין אַרײַנגעפאַלן (יענע האָבן געוווסט!). די דאָזיקע „יעזשאָווצעס״ האָבן געזאָגט, אַז אין די דערמאָנטע צוויי יאָר זײַנען דערשאָסן געוואָרן אַ האַלבער מיליאָן „פּאָליטישע״ און 480 טויזנט פּאַר שטייגער־פאַרברעכנס.

בכלל איז אויסגערעכנט, אַז אין יענעם פּעריאָד זײַנען דערשאָסן געוואָרן 28 טויזנט מענטשן אַ חודש.

און וויפל זײַנען געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד די דערשיסונג־פּלעצער? זייער באַשיידן וועט זײַן ווען מיר וועלן רעכענען הונדערט פּופציק. זיי זײַנען געווען פּאַקטיש מערער. בלויז אין פּסקאָוו האָט מען אין אַ סך צערקוועס, אין די געוועזענע צעלן פון מאָנאַכן, אײַנגעאָרדנט פּײַניקונג־ און דערשיסונג־רוימען פון דער נ.ק.וו.ד.

נאָך אין 1953 האָט מען אין די דאָזיקע צערקוועס נישט צוגעלאָזט קיין עקסקור־סאַנטן. דער תירוץ איז געווען: „אַרכיוון!" מען טאָר אַהין נישט אַרײַן. דאָרט האָט מען אַפילו נישט אויסגערוימט דעם שפּינוועבס אין משך פון צען יאָר. פאַרן אָנ־הייבן רעסטאַווירן יענע צערקוועס האָט מען פון די צעלן אַרויסגעפירט מיט קאַמיאָנען די קופּעס מענטשלעכע ביינער...

דעמאָלט האָט מען אין איין אָרט, אין איין טאָג, אַרויסגעפירט צום דערשיסן פּאַרטיעסווײַז צו זעקס מענטשן. דאָס איז נישט איבערגעטריבן; אַדרבה, ס'איז אַפילו פאַרקלענערט! לויט אַנדערע קוועלן האָט מען ביז צום 1טן יאַנואַר 1939 דערשאָסן איין מיליאָן מיט 700 טויזנט מענטשן!

אין 1947 האָט סטאַלין געמאַכט אַ זשעסט פאַר די פעלקער פון פאָטערלאַנד: ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצושאַפן טויטשטראָף אין פרידנסצײַט (מיט פאַרבייטן טויטשטראָף אויף 25 יאָר לאַגער...).

אָבער אונדזער פאָלק — איראָניזירט סאָלזשעניצין — איז אומדאַנקבאַר, פאַר־ברעכעריש און נישט פעיִק אָפּצושאַצן אַזאַ גרויסמוטיקייט... דעריבער האָבן גע־קרעכצט, געקרעכצט די מאַכטהאָבערס דריטהאַלבן יאָר אָן טויטשטראָף, און דעם 12טן יאַנואַר 1950 איז ווידער געוואָרן אַרויסגעגעבן אַ קעגנזעצלעכער דעקרעט: „מחמת דעם וואָס עס זײַנען אַרײַנגעקומען בקשות פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן (אפשר פון אוקראַיִנע?...), פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (די ליבע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ווייסן תּמיד וואָס מען דאַרף...), פון פּויערים־אָרגאַניזאַציעס (וועלכע זײַנען צעטראָטן געוואָרן דורכן „באַליבטן הערשער" נאָך אין יאָר פונעם גרויסן איבערברוך) און אויך פון קולטור־טוערס (און דאָס איז טאַקע לחלוטין צו גלייבן...), — מחמת דעם האָט מען צוריק אײַנגעפירט טויטשטראָף פאַר די שוין אָנגעזאַמלטע „פאַררעטערס פון פאָטערלאַנד, שפּיאָנען און אונטערגראָבער־דיווערסאַנטן"...

עס באַקומט זיך, אַז לענגער פון אַלע האָבן מיר זיך געקאָנט באַגיין אָן טויט־שטראָף בעת דער הערשאַפט פון דער צאַרין יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ.

***

דאָס אויבנגעבראַכטע אויפן סמך פון „אַרכיפּעלאַג גולאַג" (מיט אויטענטישע ציטאַטן פון דאָרט) איז נוגע די דערשיסונגען דורך פאָרמעלן טויטשטראָף, דורך טריבונאַלן אָדער דורך עקסטרע דעקרעטן „פון אויבן", דורך אַ ווונק פון „פאָטער פון די פעלקער" אָדער דורך זײַנע משרתים, אַ־לאַ דעם אייבער־תּליון בעריע... און וויפל מיליאָנען מענטשן זײַנען אין סאָוועט־רוסלאַנד אומגעבראַכט געוואָרן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, דער עיקר בײַם אײַנפירן די קאָלעקטיוויזאַציע אין די דערפער? וויפל פּויעריש בלוט האָט זיך געגאָסן, אַ שטייגער, אין אוזבעקיסטאַן, ווו די קישלאַקן (דערפער) האָבן זיך עקשנותדיק קעגנגעשטעלט דער אײַנפירונג פון קאָלכאָזן? טויזנטער, טויזנטער זײַנען דעמאָלט אויסגעשאָכטן געוואָרן.

און דאָס פאַרשיקן מענטשן אין די לאַגערן, בײַ די ערגסטע קאַטאָרגע־באַדינ־גונגען, איז דען נישט קיין טויטשטראָף? דער חילוק איז נאָר, וואָס די דערשיסונג ברענגט דעם טויט מאָמענטאַל, אין געציילטע רגעס, בעת דער לאַגער, מיט די

לאַנג־טערמיניקע „סראָקן״ (אורטיילן), איז גורם אַ לאַנגזאַמען אומקום, אַ לאַנג־דויערנדיקע גסיסה...

לויט די געזאַמלטע מאַטעריאַלן (פון ניקאָלאַיעווסקי, דאַלין און פיל אַנדערע קוועלן) האָבן תמיד געשמאַכט אין די לאַגערן פון 15 ביז 20 מיליאָן פאַרשלאָסענע („זע־קאַ״, דאָס הייסט, זאַקליוטשאָנניע). דאָס הייסט לערך 10 פּראָצענט פון דער רוסישער באַפעלקערונג. דער פּראָצענט באַציט זיך צו דער צוויי־הונדערט־מיליאָני־קער באַפעלקערונג פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. שפּעטער זײַנען צוגע־קומען נאָך צוואַנציק מיליאָן מענטשן פון די ראַנד־געביטן, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט אָקופּירט, ווי ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, שטיקער פון פּוילן, מזרח־פּרײַסן און אַנד׳. לויט דער סאָוועטישער טערמינאָלאָגיע הייסט עס נישט „אָקופּירט״ נאָר „באַפרייט״...

און מיר, ייִדן, האָבן דאָרט אין די סיבירער לאַגערן געהאַט און האָבן נאָך אויך איצטער אַ היפּשן חלק (דערין האָט אונדז סטאַלין נישט באַוואָלהט...). בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, למשל, האָט די נ.ק.וו.ד. פאַרשיקט אין די לאַגערן פון קאָמי אויפן ווײַטן צפון און אין אַנדערע לאַגערן פון גרויסן רוסלאַנד עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדישע פּליטים פון פּוילן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערן, אַנטלויפנדיק צו די סאָוועטישע אָקופּאַציע־געביטן. טייל פון די פאַר־שיקטע פּליטים זײַנען געבליבן אונטער די שנייען פון ווײַטן צפון און טייל האָבן זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דער אַזוי גערופענער „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע״ פאַר פּוי־לישע בירגער, בעת סטאַלינס שותף היטלער האָט אים פאַרראַטן און איז אַנגע־פאַלן אויף רוסלאַנד. דעמאָלט זײַנען איבערנאַכט די „אַליִירטע״ „ענגליש־אַמע־ריקאַנישע פאַרכאַפּערס״ געוואָרן „פרײַהייט־ליבנדיקע פעלקער״...

עס שטימט מיטן אמת די אָפּשאַצונג, אַז אין משך פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור, אָנהייבנדיק פון אָקטאָבער 1917, זײַנען דורך די רויטע מערדערס אומגעבראַכט געוואָרן בײַ די 60 מיליאָן מענטשן.

דאָס טראַגישסטע קאַפּיטל פון אונדזער יאָרהונדערט!

דער בלוטיקער אַפּאָגיי אינעם ייִדישן חשבון איז געווען דאָס יאָר 1952, בעת אויפן באַפעל פונעם מטורפדיקן „פאָטער פון די פעלקער״ זײַנען דערשאָסן געוואָרן די שענסטע געשטאַלטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור!

און דער סטאַליניסטישער גענאָסיד אויף דער ייִדישער קולטור און אויף אַלץ וואָס איז ייִדיש (פּרעסע, שולן, טעאַטער וכדומה) דויערט נאָך עד היום הזה און ווערט שטרענג אָפּגעהיט דורך סטאַלינס געטרײַע יורשים, — דורך ברעזשניעווער עט קאָמפּאַניע. זיי באַנוגענען זיך נישט בלויז מיט די אַנטיסעמיטישע נגישות לגבי די אייגענע דרײַ מיליאָן ייִדן — זיי דיריגירן נאָך מיט ישראלס אַראַבישע שונאים, דערלאָזן נישט צו קיין שלום, פאַרוואָרפן זיי בשפע מיט די מאָדערנסטע כלי משחית, כדי דווקא אומצובריינגען די ייִדישע מדינה!

לאָמיר האָפן, אַז דאָס ניסימדיקע פאָלק ישראל — ישראל סבא — וועט אויך די „רויטע״ עמלקים איבערלעבן...

אויף אַ באַערונג־מסיבה אין ניו־יאָרקער פּען־קלוב

(קיצור פון מײַן וואָרט)

... כ׳בין באמת אײַך שולדיק אַ סך דאַנקען פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך דאָ הײַנט מיט אײַך, מיטן ניו־יאָרקער עולם שרײַבערס. אין מײַן ווײַטער אַרגענטינער פאַרוואָרפנקייט בין איך פּשוט אויסגעבענקט און אויסגע־הונגערט נאָך אַן אמת־שרײַבערישער סביבה.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם פאָרזיצער פון פּען־קלוב און פון דער הײַנטיקער שרײַבער־מסיבה, דעם האַרציקן ד״ר שלמה ביקל; מײַן חבר פון די וואַנדער־עטאַפּן, דעם פּאָעט חיים גראַדע; מײַן יוגנט־חבר פון די פריִע וואַרשעווער יאָרן, דעם פּאָעט אפרים אויערבאַך — זיי אַלע האָבן מיך טיף גערירט מיט זייערע וואַרעמע אָפּשאַצונג־ווערטער. ווערטער פון פּראָמינענטע פיגורן אין אונדזער הײַנטיקער ליטעראַטור דערמוטיקן.

רייזל זשיכלינסקי האָט אויף איר אופן אויפגעמישט אַ דעראינערונג פון אונדזער וואַנדער־עטאַפּ אין דער פּאַריזער אַכסניה אויף גי פּאַטען 9.

און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט דערמאָנט מיט נאָסטאַלגיע טלאָמאַצקע 13... אונדזער פאַרברענטע ליטעראַרישע היים...

אין אַלע מײַנע גלותן — ווו זיי זאָלן נישט זײַן — לעבט אין מיר אַן אייביקע לעכצעניש נאָך שרײַבערס, נאָך פּען־חברים. ווײַל זינט מײַן 18טן לעבנסיאָר האָב איך שוין זוכה געווען צו לעבן אין אַ שטאָט פון שרײַבערס. גרויסע שרײַבערס, באַרימטע שרײַבערס. און בראש פון די דאָזיקע שרײַבערס איז געווען יוד למד פּרץ. אַן אַדרעס — צעגליאַנאַ 1 אין אַמאָליקן ייִדישן וואַרשע. — וואָס די ייִדישע ליטעראַרישע וועלט וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן. געווען זיך פון וועמען צו לערנען, אויף וועמען זיך צו פאַרקוקן; געווען פאַר וועמען צו האָבן אימתא דציבורה.

דאָס איז געווען אַ צײַט פון אויפבלי, אַ צײַט פון פרילינג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. געווען דאַמאָלס אויך אַ טײַערע, אידעאַליסטישע ייִדישע יוגנט, וואָס האָט געוואָרט אויפן וואָרט פון ייִדישן שרײַבער. ייִדישע בחורים און מיידלעך האָבן אין פּריוואַטע קרײַזלעך דעקלאַמירט די נײַע לידער פון זייערע באַליבטע פּאָעטן.

טײַערע קאָלעגן! אַז מען שטאַמט פון אַזאַ קלימאַט, טראָגט מען שוין אַ גאַנץ לעבן יענע אַראָמאַטן, יענע בענקענישן אין דער נשמה...

מהאי טעמא איז נישט קיין חידוש מײַן שטענדיקער הונגער נאָך שרײַבערס, נאָך שרײַבערישער סביבה. אין אַרגענטינע איז זי מיקראָסקאָפּיש... נישט געקוקט אויף די אַלע איבערגעטריבענע שבחים, וואָס מ׳איז געווויינט צוצוטיילן יענעם

יישוב — העלפט עס נישט. פאַראַן יאָ געציילטע שרײַבערס־יחידים; אָבער צו קיין ברייטערער סביבה קומט עס נישט.

מײַנער אַ פּרוּוו צו מאַכן אַן אָפּקלײַב (אַ נישט צו שטרענגן...) פון כאָטש אַ מנין שרײַבערס פאַר אַן אָפּטייל פון ניו־יאָרקער פּען־קלוב האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ פיאַסקאָ. געווען איז עס נאָכן לעצטן באַזוך פון ד״ר יעקב שאַצקי ע״ה אין

אַברהם זאַק

צייכענונג פון העגריק בערלעווי (פּאַריז 1952).

אַרגענטינע. אין אײַער אַרכיוו דאַרף ליגן מײַנער אַ בריוו מכוח דעם ענין. נו, איז געבליבן בײַם אַלטן, אַן אָרעם, פאַרוואָרפן פּראָווינצעלע...

דערפאַר האָט עס מיך געצויגן אַזוי צו ניו־יאָרק. ס׳האָט געגלוסט זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט שרײַבערס — סײַ מיט די, וואָס איך קען פערזענלעך; סײַ מיט יענע, וואָס איך קען נאָר פון לייענען.

ניו־יאָרק איז איצט די מעטראָפּאָליע פון יידישע שרײַבערס. אַמאָל, אין די גוטע צײַטן, האָבן זיך דאָך געריסן דרײַ ליטעראַרישע צענטערס פאַרן פּרימאַט:

וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע... דעם וואַרשעווער צענטער האָט אָפּגעמעקט דער „ברוינער" היטלער; דעם מאָסקווער — זײַנע „רויטע" שותּפים...

געבליבן בלויז ניו־יאָרק. צו אײַך זײַנען געווענדט די אויגן און הערצער פון שרײַבערס אין דער גאַנצער וועלט.

עס פאַרמעסט זיך לעצטנס תּל־אָביב. פאַראַן שוין דאָרט אויך אַ היפּשער עולם ייִדיש־שרײַבערס. הלוואַי זאָל זייער מערכה דאָרט ווערן וואָס אַ מאָל אַלץ בעסער, מיט מערער פּערספּעקטיוון, צו ווערן באמת אַ ליטעראַרישער צענטער. זאָל נאָר די קנאישע שנאת ייִדיש דאָרט אויפהערן צו געוועלטיקן...

און איז שוין מײַן חלום מקוים געוואָרן; און בין איך צווישן אײַך, קאָסט עס מיך אָבער אויך אַ סך האַרצווייטיק: אַזוי פיל שרײַבערס אַוועק אין די לעצטע יאָרן! און שרײַבערס פון דער סאַמע מזרח־וואַנט! גאָט מײַנער, אַזוי פיל ליידיקע שטולן געבליבן דאָ... ווו איז דאָ אַברהם רייזען — מײַן ערשטער רבי? ווו אָפּאַטאָשו? ווו מוקדוני? ווו ראובן אײַזלאַנד, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, משה־לייב האַלפּערן? ווו דער צאַרטער ב. ב. מינקאָוו? נישט מעגלעך אַלע אויסצורעכענען.

טוט עס שטאַרק וויי. טוט עס מוראדיק וויי, וואָס אויך דער ווײַס־געלאָקטער גרויסער לייוויק איז דאָ נישטאָ אין פּרעזידיום... וואָס זיצט אַ פאַרמשפּטער אין זײַן תּפיסה־פאָטעל...

— —

אַ ייִדישער שרײַבער ראַנגלט זיך איצט מיט ביטערע ספקות, — איצט אין די יאָרן נאָכן חורבן. האָבן מיר דאָך פאַרלוירן אין פּוילן די ייִדישע יוגנט — די אמתע לייענערס. האָבן מיר דאָך אויך פאַרלוירן די העכער 400 ייִדישע ביבליאָטעקן אין די חרובע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. און יעדע ביבליאָטעק איז געווען אַן אָפּנעמער פון ייִדישן בוך. און יעדעס בוך אין אַ ביבליאָטעק איז געווען אין גאַנג צווישן לייענערס, איז געגאַנגען מיד ליד. — וואָסער בוך מער, וואָסער בוך ווייניקער.

יאָ, הײַנט דרוקן מיר אויך ביכער. אָבער לייענערס? לייענערס?... הײַנט האָבן מיר כּמעט לחלוטין נישט קיין יונגע לייענערס. דער אימיגראַנטן־דור אין די אַמעריקעס האָט נישט געזאָרגט פאַר דער ייִדישער דערציִונג פון זייערע קינדער, פאַרן ייִדישן המשך. אין אַרגענטינע דערגרייכט ביז העכער 80 פּראָצענט די צאָל ייִדישע קינדער, וואָס באַזוכן נישט קיין ייִדישע שול און וואַקסן לחלוטין אָן שום ייִדישער דערציִונג, פרעמד פון ייִדישן לשון, פרעמד פון פאָלק, אָן שום נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן.

און דאָס מיינט אויך, אַז דאָס ייִדישע בוך האָט פאַרלוירן דעם וויכטיקסטן אָנשפּאַר. בײַ יעדן פאָלק איז דאָך די יוגנט — דער גרעסטער רעזערוואַר לייענערס פונעם בוך. הײַנט ווער רעדט נאָך פון דיכטונג! די פּאָעזיע איז תּמיד אָנגעוויזן ס'רוב אויפן ייִנגערן לייענער. יוגנט און געזאַנג — דאָס זײַנען דאָך אַ נאַטירלעכע האַרמאָניע.

סײַדן וואַרטן אויף נסים. בײַ אונדזער נסימדיקן פֿאָלק ישראל איז אַלץ מעג־לעך. דאַרף מען דען אַ גרעסערן נס ווי — מדינת ישראל? און ווען? תיכף נאָך אַזאַ מוראדיקן בלוטיקן מבול!

און אפשר וועט ישראל סוף־כל־סוף אויפֿהערן צו באַטראַכטן ייִדיש ווי אַ לשון עם זר? עס וואָלט דאָך געווען אַ ברכה פֿאַר אונדזערע בײדע לשונות. די השפּעות זײַנען דאָך תמיד געווען קעגנזײַטיקע. האָט דאָך אונדזער וווּנדערלעך לשון ייִדיש דערגרייכט די מדרגה פֿון אַ וועלט־שפּראַך און אונדזער ליטעראַטור — סײַ די פּראָזע, סײַ די דיכטונג — קאָן זיך נישט פֿאַרשעמען לגבי די ליטע־ראַטורן פֿון אַנדערע גרעסערע פֿעלקער. אַזוי אַז דעם העברעיִשן צד מעג דער שידוך אַנשטײן...

זײַנען פֿאַראַן סימפּטאָמען פֿאַר אַזאַ נס? וועט אַ מאָל טאַקע אויפֿהערן די שׂנאת־ייִדיש, וואָס איז אין אַ סך קרײַזן געוואָרן אַ כראָנישע סנאָבישע קראַנקייט?

די „דאַליע" פֿון ייִדישן שרײַבער בײַם איגענעם פֿאָלק איז דערווײַל נישט קיין פֿריילעכע. און ס'איז נישט אַזוי גרינג צו באַקעמפֿן די טרויעריקע פּראָגנאָזן...

ניו־יאָרק, אַפּריל 1959

אַ וואָרט צום באַקומען די ה. לייוויק־פּרעמיע

טײַערע פֿרײַנד און קאָלעגן עזריאל נאַקס און חיים בעז,

טײַערע פֿרײַנד פֿון דער זשורי,

צום הײַנטיקן יום־טוב פֿון צוטיילן מיר די ה. לייוויק־פּרעמיע, שיק איך אײַך מײַנע האַרציקע ברכות און דאַנקען.

ס'איז פֿאַר מיר אַ גאַר גרויסער כבוד און אַ גרויסע פֿרייד צו זײַן פֿון די געקרוינטע מיט דער פּרעסטיזשפֿולער פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿונעם אומשטאַרב־לעכן גרויסן פּאָעט און דראַמאַטורג, פֿון דער לויטערער פּערזענלעכקייט ה. לייוויק ז"ל.

אין די טעג פֿון ירידה און אויסייִדישונג אויף אונדזער ייִדישער גאַס איז דאָך אַ ייִדישן שעפֿערישן מענטש — שיער נישט אויפֿן ראַנד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג — אַזוי נייטיק אַ טרייסט, כאָטש אַ ביסל נחמה... אַז לא אַלמן ישראל...

אין איינער פֿון זײַנע רעדעס־עסייען זאָגט לייוויק — און יענע ווערטער זײַנע זײַנען על אחת כמה וכמה גילטיק פֿאַר אונדזערע טעג:

„ווען נישט די עקשנותדיקייט — דאָס אמונהדיקע אַרײַנטאָן זיך אין די מיס־טעריעזע כוחות, וואָס ליגן אין די טיפֿענישן פֿון אונדזער גאַנצער פֿאָלקס־קולטור,

וואָלט קיינער פון אונדז — נישט דער פּאָעט, נישט דער לערער, נישט דער טוער — נישט געקאָנט ווי אַ שעפערישער ייד לעבן אַפילו איין טאָג.״

„אין אמתן — זאָגט ווײַטער לייוויק — איז עס טאַקע נישט וווּנדערלעך? וואָרעם טוט נאָר אַ טראַכט: צי זעט ער דען נישט, דער ידישער שעפערישער מענטש, אַז אַלץ, סײַ אין אַמעריקע און סײַ אין גאָרער וועלט, איז קעגן אים? צי זעט ער דען נישט די גרויסע אַסימילאַציע־כוואַליעס, וואָס שטורעמען אַרום אים און שלאָגן אים איבערן קאָפּ?״

„און פאַר וואָס זאָלן מיר ריידן נאָר וועגן די סכנות און די שרעקן, וואָס עס וואַרפן אָן אָפענע כרת־דעקרעטן פון אָפענע רשעותדיקע פּאַרטיקולער (געמיינט סאָוועט־רוסלאַנד. — אַ. ז.)? צי ווירקן דען נישט אויף אונדז מיט דער זעלבער פײַנלעכקייט — און אַ מאָל נאָך אפשר שאַרפער — די נישט־אָפענע, די סימבאָ־לישע כרת־דעקרעטן, וואָס קומען פון אונדזער אייגענער סביבה? צי לײַדט דען נישט אונדזער סענסיוויטעט פון קלעפּ, וואָס מיר קריגן פון זיך אַליין? קלעפּ, וואָס ווען מיר זאָלן זיך לאָזן באַווירקן פון זיי, וואָלטן מיר געדאַרפט אונטערגיין אין איין רגע.״

די דאָזיקע מחשבות אויפן קול האָט לייוויק געוואָרפן ווי שאַרפע פײַלן אויפן אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים אין 1957. און הײַנט אין אונדזערע טעג פילן מיר לייוויקס יענע צער־פולע רייד אין אַ פילפאַכיקער דימענסיע.

און נאָך מערער, נאָך שטאַרקער וואָלט געדאַרפט זײַן די עקשנות בײַ די פאַר־בליבענע נאָך לייוויקס אַוועקגיין. נאָך לייוויקס אַוועקגיין און נאָכן אַוועקגיין פון פיל, פיל אַנדערע גײַסט־מענטשן און וואָרטזאָגערס אין אונדזער קולטור, אין אונדזער ליטעראַטור. שטייען מיר דאָך איצטער פאַר דער סכנה פון אַ גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ...

און וויפל שיין־גײַסטער האָבן מיר פאַרלוירן, אַ שטייגער, נאָך מײַן ניו־יאָרקער באַזוך (בעתן צווייטן צוזאַמענפאָר פון קולטור־קאָנגרעס). עס כאַפּט פשוט אָן אַן אימה!

דעמאָלט האָבן נאָך באַשײַנט די טריבונע פון קולטור־קאָנגרעס: אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס ,יעקב גלאַטשטיין, אפרים אויערבאַך, שלמה ביקל, יעקב פּאַט, ש. מאַר־גאָשעס, יודא יאָפע א״אנד. עס האָבן נאָך געגלאַנצט אין דער ליטעראַטור און קולטור י. י. טרונק, א. טאַבאַטשניק, אַהרן צייטלין, לייב פײַנבערג, אַלעף כץ, מאַקס און אוריאל ווײַנרײַך, לייבוש לערער, פיליפּ פרידמאַן און נאָך און נאָך.

אַ וועלט אַ גאַנצע אונטערגעגאַנגען!

אַ גאַנצער דור אַוועק. אַ דור הולך, אָבער אַ דור אַשר לאָ בא...

אויף אונדז, די פאַרבליבענע, פאַלט דעריבער דער פילפאַכיקער יאָך און דער קאַטעגאָרישער חוב ווײַטער צו ציִען דעם המשך פון ידישער קולטור, פון ידישער שעפערישקייט. צו אונדזער גרויסן וויטיק האָבן מיר כמעט נישט קיין צופלוס פון נײַע כוחות, וואָס זאָלן אונדז העלפן ציִען דעם שווערן וואָגן; וואָס זאָלן ווערן אונד־

זערע געטרײַע מיטגייערס; וואָס זאָלן מיט דער צײַט — ווען די ביאָלאָגישע געזעצן וועלן עס גורם זײַן — איבערנעמען אונדזערע ערטער...

אין דער פאַרגעשיכטע פון מדינת ישראל איז געווען אַ ראָמאַנטישע צײַט פון חלוציזם. יונגע בחורים און מיידלעך זײַנען דאָרט געלעגן אויף די מדבר־דיקע וועגן; געטריקנט זומפּן, געפלאַסטערט כבישים, געליטן דערבײַ פון מאַלאַריע און אַנדערע צרות. אונדזער איצטיקער גײַסטיקער קיום אין דער יידישער צעשפּרייט־קייט נייטיקט זיך אויך אין חלוציזם. מיר מוזן איצטער האָבן חלוצים, וואָס זאָלן זיך אײַנשטעלן מיט לײַב און לעבן פאַר אונדזער לשון און קולטור; פאַר אונדזערע גײַסטיקע ווערטן. אָבער עס פעלט אונדז די מיליטאַנטישע יוגנט, וואָס זאָל נעמען אויף זיך די ראָל פון חלוצים, פון מיליטאַנטישע חלוצים. מיר זײַנען געבליבן אין די תפוצות אַ פאָלק כמעט אָן אַ יידישער יוגנט. יידיש פאָלק אָן יידישער יוגנט. אונדזער יוגנט איז אַוועק אין פרעמדע וועגן. עס פאַרבלענדן זיי די פרעמדע פײַערן. זיי ווערן פאַרפרעמדט און אָפּגעריסן פון אונדזער שורש. און יוגנט בײַ נאָרמאַלע פעלקער איז דאָך די טרעגערין פון נײַע אידייען, פון נײַע אידעאַלן. זי איז דאָך אָרגאַניש פאַרבונדן מיט איר פאָלק און זײַן קולטור. און יונגע מענטשן בילדן דאָך על פּי רוב די לייענערשאַפט. לייענערס פון ביכער, פון צײַטונגען, פון זשורנאַלן. יעדע אינאָוואַציע פון דער מאָדערנער קולטור און קונסט הייבט זיך אָן פון דער יוגנט. זי איז תמיד אין אַוואַנגאַרד. די נישט־יידישע יוגנט טראָגט נאָך אַרויס פון דער שולבאַנק די ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו איר פאָלקישער קולטור, צו איר ליטעראַטור, צו אירע שרײַבערס און פּאָעטן.

בײַ אונדז אָבער? צי גיבן אונדזערע קאַרגע פּאַראַלעלע יידישע שולן אַרויס אַזאַ יוגנט? דעם ענטפער פאַרשפּאַר איך געבן — איר ווייסט עס אַלע זייער גוט.

דאָ אין אַרגענטינע, למשל, וווהין דער גורל האָט מיך געבראַכט מיט 22 יאָר צוריק, האָב איך לכתחילה געמיינט, אַז עס גייט דאָ אויף אַ שטיק אַמאָליק יידיש וואַרשע... ווי זעט אָבער אויס אַצינד דאָס יידישע לעבן דאָ? ווי זעט עס איצט אויס אין די היגע שול־פּאַלאַצן? אַמאָל זײַנען עס געווען יידיש־העברעיִשע שולן. איצט אָבער... פון 90 פּראָצענט שולן איז יידיש לחלוטין פאַריאָגט געוואָרן דורך „פּריקאַזן", וואָס זײַנען בשתיקה געגעבן געוואָרן דורך מיסטעריעזע הענט... איז ערגעץ אַנדערש בעסער די מערכה?

איז פון וואַנען נעמען די נייטיקע יונגע חלוצים פאַר יידישער קולטור?

מוזן מיר גופא, דער עלטערער און דער מיטעלער דור, זיך אַליין אײַנשפּאַנען און ווערן די חלוצים. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. מיר אַליין מוזן ווײַזן דעם נס און ווערן צוריק יונג...

און אפשר וועלן נאָך אַ מאָל קומען מעטאַמאָרפאָזן אין יידישן לעבן און דער בין־השמשות וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נײַעם אויפגאַנג? אין דער יידישער געשיכטע זײַנען שוין געשען אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען.

אפשר וועט דאָך קומען אָן אויסלײַטערונג אין די מוחות פון מנהיגים אין די תפוצות און אין ישראל? אפשר וועט בײַ זיי אויסגעלײַטערט ווערן דער באַוווסט־

זײַן, אַז מיטן פֿאַריאָגן ייִדיש פֿון אונדזערע שולן און פֿונעם לעבן פֿאַרלירן מיר אויך דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן באָדן, דראָט אונדז פֿולשטענדיקע אַסימילאַציע, נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג.

הלוואי! הלוואי זאָל קומען די אויסלייטערונג אין יענע פֿאַרקריפּלטע ייִדישע מוחות וואָס פֿרײַער איידער עס ווערט צו שפּעט...

***

און צום סוף:

ווײַל די צוגעטיילטע פּרעמיע איז אַ לייוויק־פּרעמיע, וויל איך פֿאַרענדיקן מיט אַ ליד, וואָס איך האָב געשריבן, אין טיפֿער פֿאַרערונג, צום ערשטן יאָרצײַט פֿונעם אומשטאַרבלעכן ה. לייוויק:

גערבליבן ווי יתומים אָן אַ טאַטן דײַנע לידער.
אין גרויסן חלל טרויערט, יאָמערט דײַן געזאַנג.
עס דוכט זיך אַלץ, פֿון הינטער אַ קורטינע קומסטו ווידער.
דו ביסט אַוועק בלויז צײַטווײַליק, נאָר נישט אויף לאַנג.

עס דוכט, דײַן זילבער־ווײַסער קאָפּ דערשײַנט באַלד און דערפֿרייען
וועט די פֿאַרליבטע און פֿאַרבענקטע נאָך דײַן וואָרט.
עס גלייבט זיך נישט, אַז ביסט געווען ווי אַלע וואָס פֿאַרגייען;
אַז אייביק לייִדיק, פּוסט וועט בלײַבן שוין דײַן אָרט.

מיט נישט־געשטילטער בענקשאַפֿט. תמיד פֿאָלק וועט דיך דערמאָנען, —
דערמאָנען, היטנדיק געטרײַ דײַן קרוין, דײַן רום.
האָסט מיט דײַן וואָרט באַפֿליגלטן געלאָקט מיט דיר צו שפּאַנען
צו שיינקייטן, וואָס ליגן ווו פֿאַרבאָרגן, שטום — — —

בוענאָס־איירעס, דעצ׳ 1963

19טער אַפּריל, אָדער כ״ז ניסן ?

אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, 1959, איז אַברהם זאַק, ווי אַ דעלעגאַט פֿון אַרגענטינער אַפּטייל, געווען באַשטימט צו פּרעזידירן דעם פּאַנעל, געווידמעט דעם נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג און דער חורבן־ליטעראַטור.

דאָ קומט אַ קיצור פֿונעם אַרײַנפֿיר־וואָרט פֿון אַברהם זאַק אויפֿן דאָזיקן פּאַנעל.

מיר ווילן זיך איצט אַלע מוזן אומקערן מיט אונדזערע הערצער און נשמות צו דער פֿינצטערער היטלער־נאַכט. מיר זיצן טאַקע אין אַ העל־באַלויכטענעם,

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין נ״י, אין 1959

פּרעזידיום פון פּאַנעל, געווידמעט דער חורבן־ליטעראַטור און דעם נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג (אונטערן פאָרזיץ פון אַברהם זאַק).

פון רעכטס: פּאַול גאָלדמאַן, ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַברהם זאַק, לייב שפּיזמאַן, פּסח בורשטין.

פּרעכטיקן זאָל; אָבער אויף אונדזער געמיט פּאַלט דער שאָטן פון די דײַטשישע קרעמאַטאָריעס.

אמת, פּאַראַן שוין אַזעלכע אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס ווילן עס פאַרגעסן; וואָס מײַדן בכוונה אויס די לעקטור פון דער חורבן־טעמאַטיק. פּאַראַן אַזעלכע שוואַכינקע, וואָס ציטערן אַז עס קען זיי חלילה צעשטערן די מנוחה פון זייער שלאָף...

אָבער קינות ווערן געשריבן נישט פאַר איין דור. אויך די מקוננים פון חורבן השלישי זינגען אויס זייער צער און טרויער פאַר אַלע צײַטן.

אונדזער הײַנטיקע טעמאַטיק טיילט זיך אין צוויי פּונקטן: 1) חורבן־ליטעראַטור און 2) נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג. וואָס שײַך דעם ערשטן פּונקט איז עס נישט קיין פראַגע פון חילוקי־דעות. עס קאָנען קומען פאַרשיידענע אַרויסזאָגונגען, סוגעסטיעס אויפן אַדרעס פון די שעפערישע שרײַבערס פון אונדזער דור. ברייטער וועט באַהאַנדלען דעם ענין דער חורבן־פאָרשער ד״ר פיליפּ פרידמאַן.

דער 2טער פּונקט — נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג, איז שוין יאָ אַן ענין פון חילוקי־דעות. איך וויל גלײַך אָנרופן דאָס קינד בײַם נאָמען: די דאַטע, ווען מיר זאָלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פיקסירן דעם טרויער־טאָג נאָך אונדזערע קדושים און גלײַכצײַטיק באַערן דעם העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ; צי דעם 19טן אַפּריל, אָדער כ״ז ניסן — די דאַטע, וואָס מדינת ישראל האָט באַשטימט.

און דאָ ווען, פאַרשטייט זיך, קומען צום אויסדרוקביידע שטאַנדפּונקטן. ואני און איך — דער פאַרזיצער פון דער הײַנטיקער סעסיע — ווינטש דעם צוזאַמענפאַר, אַז עס זאָל דערגרייכט ווערן אַן איינהייטלעכע רעזאָלוציע, ווײַל אַ יאָרצײַט נאָך אַ מאַמען קאָן זײַן נאָר איינער, נאָר אין איין טאָג. פּונקט ווי תשעה־באָב ווערט דורכגעפירט נאָר אין איין טאָג, אַזוי דאַרפן מיר צינדן אונדזערע זעקס יאָרצײַט־ליכט און זאָגן אונדזער הײַנטיקן איכה אין איין און דערזעלביקער נאַכט. אין איין און דער זעלביקער נאַכט דאַרפן פון ייִדישע פענצטער די יאָרצײַט־ליכט דערמאָנען אונדזער גרויסן בראָך. אין איין און דער זעלביקער נאַכט דאַרף זיך טראָגן אונדזער ליבע, אונדזער פאַרערונג פאַר די מאַרטירערס, וואָס האָבן ביז דער לעצטער מינוט געקעמפט ווי העלדן פאַרן כבוד פון פאָלק צווישן די פלאַנדיקע ווענט פון וואַרשעווער געטאָ; פאַר די וואָס האָבן רעהאַביליטירט דעם כבוד פון מענטש און ייִד.

II

לידער

(1977—1976)

די שאָטנדיקע וועגן

עס לאָקן תמיד מיך די שטילע, שאָטנדיקע וועגן,
די מאָכיק-גרינע וועגן פונעם סאָסנע-וואַלד.
די שעפּטשערײַ פון בוים מיט בוים אויף סודותדיקן לשון —
אַ תפילת מנחה ווען אין מערב זון שוין פאַלט.

מיך ציט אַהין אין אָט די שקיעהדיקע וועגן.
מיר דוכט: אין אָט דער בין-השמשותדיקער שעה
אַנטפּלעקן וועלן זיך פאַר מיר די ווונדערלעכסטע סודות
פון וועלטן שענערע, וואָס זײַנען ערגעץ דאָ — — —

אַנטוישונג

א.

אַנטוישטער גאָט

ס'וויל גאָט אַליין זײַן טראָן פאַרלאָזן,
ער האָט חרטה אויף זײַן ווערק.
אַ וועלט פאַרפּוצט מיט וועלדער, גראָזן,
מיט טײַכן ימים, טאָלן, בערג.

מיט הימל, זון, לבנה, שטערן, —
דער ווונדערפולער רעקוויזיט!
דוכט, גוט און וויל, דאָך אומעט שווערן
פילט גאָט אַליין אין זײַן געמיט:

דער מענטש, דער מענטש איז נישט געראָטן,
פאַרשעמט זײַן שעפער מיט זײַן זינד.
הגם בצלמו, — נאָר דער שטן
פאַרקרימט זײַן וועג און מאַכט אים בלינד.

ס'האָט נחת גאָט פון זײַנע ספערן,
פון דעם געמאָסטענעם געיעג.
עס וויס זײַן וועג איעדער שטערן
אין אייביקייט דורך נעכט און טעג.

נאָר דאָס פּלאַנעטל ערד... נאָר זאָרגן
דעם שעפער ברענגט עס נאָכאַנאַנד:
מען שעכט זיך הײַנט, מען שעכט זיך מאָרגן,
בן־אָדם ברענגט דעם גאָט נאָר שאַנד...

וויל גאָט אַליין זײַן טראָן פאַרלאָזן,
אויף הפקר לאָזן אונדזער ערד...
תהו ובוהו־ווינט זאָל בלאָזן
און ווי פאַר בראשית חושך ווערט — — —

ב.

אַנטוישטער מענטש

ס׳איז מענטש געוואָרן אַ קטיגור,
מיט טענות קעגן גאָט אַליין:
איז נישט צופרידן מיטן שטייגער
פון דאַרפן לעבן און פאַרגיין...

עס איז פאַר מענטש אַ שפּיל אַ בייזער,
אַ בלענדעניש דאָס גאַנצע זײַן...
עס ווײַזט זיך קיין מאָל דער דערלייזער
ווען ס׳רופט דער מענטש אין שעה פון פּײַן...

ווען וועלט ווערט חרוב פונעם שטן
און ווערט פאַרפלייצט פון ימים בלוט;
ווען אַלדאָס שיינע ווערט צעטראָטן —
דאַן גאָט אין הימל זאָרגלאָז רוט...

ער קוקט זיך צו פון זײַנע הייכן,
די שרפים וואַכן בײַ זײַן טראָן — —
פון אונטן יאָמערן דערגרייכן
צו אים, צו אים פון אייביק אָן — — —

צו וואָס באַשאַפן מענטש דעם שוואַכן?
צו וואָס אַ שעכטער איבער אים?
צו וואָס עקידהס? שדים לאַכן,
פאַרטויבן פרעך דעם קרבנס שטים...

האָסטו אַ שעפעלע באַשאַפן,
צו וואָס דעם וואָלף מיט שאַרפע ציין?

צו וואָס די שרים און די שקלאַפן?
פאַר יענעם פרייד, פאַר דעם געוויין?...

און דו, באַשעפער, זיצסט זיך אויבן,
פון לאַנגווייל שפּילסטו זיך מיט וועלט...
וויל מענטש אַ משפט אָנצוהויבן —
נאָר אַלערהעכסטער בית־דין פעלט — — —

פון חבלי־לידה...

פון חבלי־לידה אַזש ביז חבלי־מוות —
אַ ווילדע בייזוויליקע שפּיל.
געמיש פון טראָפּנס פרייד מיט ים יסורים,
פון זון און חושך — דאָס איז ציל?! — — —

הײַנט חבלי־חיים?... שווער, אָ, שווער צו טראָגן,
בן־אָדמס אַקסלען ברעכן זיך פון לאַסט.
כאָטש טרייסט זיך וואָס נישט לאַנג דער דויער,
דו ביסט דאָך אויף דער ערד אַ קורצער גאַסט...

חבל... חבל... חבל... עס וואָלט געלוינט צו רופן
דעם וועלט־באַשאַפער צו אַ משפט, דין...
ער איז דאָך דיין־אמת, דיין־צדק —
צו וואָס באַשאַפן האָט ער מענטשן־מין? — — —

מײַן ליד

מײַן ערשטע און מײַן לעצטע ליבע —
דאָס איז דאָס ליד, מײַן ליד.
עס האָט דעם ערשטן פלאַם צעצונדן
אין טיפקייט פון געמיט.

כ׳געדענק אַ נאַכט הינטערן שטעטל —
אַ ווײַסער וועג אין שניי.
בריליאַנטלעך, ווי די שטערן, אונטן
און שטערן איבער זיי.

דער מילך־וועג מיט מיליאָסן שטערן
אין ווײַטן הימל־רוים.

איך וואָגל דורך דער כישוף־בלויקייט
מיט ערשטן בלויען טרוים.

און כ׳האָב צעזונגען זיך אין בלויקייט:
— „ווי־כאָ־זשו״ — — — —*
פון דעמאָלט אָן מיט ליד פאַרקנסט זיך,
מײַן לעבן, ליד, ביסטו...

באַגלייטסט מיך, ליד, אין אַלע וועגן
אַזש ביזן לעצטן וועג.
דו לינדערסט אויך מײַן טיפסטן טרויער
אין פּײַן פון לעצטע טעג — — — —

לעצטע יאָרן געשענקטע...

לעצטע יאָרן געשענקטע
ברענגען האַרבסט אין געמיט.
זעסטו רויזן אין וועלקן,
קלינגט מיט טרויער דײַן ליד...

לעצטע יאָרן געשענקטע
ברענגען טראָפּנס אויך פרייד.
ס׳איז די פרייד פון אַ חלום,
וואָס פאַרגייט, וואָס פאַרגייט — — — —

ווילסט פאַרלאַנגזאַמען שעהען,
ווילסט פאַרהאַלטן די טעג, —
ס׳זאָל די זון ווי אין גבעון
זיך נישט נייגן צום ברעג — — — —

ס׳טוט באַנג...

ס׳טוט באַנג צו מאַכן דעם סך־הכל
פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָריד.
פון אַלע פריידן און קאַשמאַרן
בלײַבט איבער נאָר מײַן ליד, מײַן ליד...

* פּאָפּולער ליד פון לערמאָנטאָוו: „וויכאָזשו אַדין יאַ נאַ דאָראָגו...״

ס׳איז אַ ירושה נאָר אָן יורשים —
איז גרויס דער טרויער אין געמיט.
אין עלנט בלײַבן די געזאַנגען,
אין עלנט בלײַבט מײַן קדיש־ליד — — —

לידער אינטימסטע...

לידער אינטימסטע — אָ, מײַנע קדישים —
ווער וועט זיי זאָגן און ווער וועט זיי הערן?
סײַדן די הימלען די ווײַטע, די שטומע,
סײַדן די אייביקע שווײַגיקע שטערן...

טריבקייט באַפאַלט אַזוי ניכטער צו טראַכטן,
טראַכטן אין לעצטע געשאָנקענע יאָרן.
האָסט דאָך אַזוי פיל געזאַמלט, געזאַמלט, —
וועט טאַקע אַלץ גיין אין ליעטא פאַרלאָרן?...

אָדער — נישט טרויער, זיי רויק, בעל־שירה, —
ס׳קאָנען אויך אַנדערע דורות נאָך קומען.
ס׳וועלן נאָך יורשים אַ מאָל זיך באַווײַזן,
ס׳יידישע וואָרט וועט נישט שטומען, נישט שטומען — — —

נאָך אַ פרילינג...

נאָך אַ פרילינג, נאָך אַ שיינקייט
שפרייט זיך אויף פלאַנעטל ערד.
זאָג אַ דאַנק, גם זו לטובה,
בענטש וואָס דיר איז זען באַשערט.

טראַכט נישט וואָס ס׳איז קורץ דער פרילינג,
וואָס זײַן כישוף גייט פאַרבײַ, —
פריי זיך מיט אַיעדער רגע,
האָסט קיין ברירה סײַ־ווי־סײַ...

קאָנסט נישט ענדערן דעם סדר
פון דער נישט־פערפעקטער וועלט:
לעבן, טויט — אַן אַלטער צווילינג,
קיינער פרעגט צי דיר געפעלט...

נאָך אַ פרילינג, נאָך אַ שיינקייט,
נאָך אַ ליד און נאָך אַ פרייד, —
ס׳איז אַ צוגאָב צו די יאָרן,
ס׳מוז שוין גיין אַזוי ווי ס׳גייט — — — —

פאַר לעצטע...

פאַר לעצטע פון אַ דור
איז שווערער נאָך דער עול.
מיט יעדן, יעדן יאָר
קלעמט מערער דער אַמאָל...

ס׳איז פיינלעכער דער ווי׳
נאָך שיינקייט וואָס אַוועק.
ביסט עדות פון פאַרגיי,
פון גלאַנץ אין עבר־טעג.

דו זעסט נאָך אין געדאַנק
געשטאַלטן, וואָס נישטאָ.
די קברים שוין פון לאַנג
פאַרוואַקסן דאָרט און דאָ...

פאַר לעצטע פון אַ וועלט,
וואָס חרוב און צעשטערט... —
עס בלאָזט אַ ווינט, אַ קעלט
און טרויער אויף דער ערד — — —

כ׳האָב ליב...

כ׳האָב ליב אַפילו אויך דעם שפּעטן האַרבסט,
דעם בלעטערפאַל אין גאַס אונטער די טריט;
די טריבע רעגן־טרערן אויף מיין שויב, —
ס׳איז נאָנט דער טרויער דעמאָלט מיין געמיט.

כ׳זיץ שעהען אָפּ אין צימער שטום, פאַרטראַכט,
צום לאַנגן רעגן־ניגון כ׳הער מיך צו.
דוכט, כ׳הער אַ שטים: „בן־אָדם, זעסט אַליין,
אַז אויך דער זומער שטערבלעך איז ווי דו״...

יאָ, אויך דער זומער... אָבער ס׳איז נישט גלײַך:
אויף זומער וואַרט אַ פריש־צעבליטער מײַ...
בן־אָדם אָבער... האַרבסט ענדגילטיק איז —
ר׳וועט מער נישט אויפבליִען, אַלץ, אַלץ פאַרבײַ — — — —

דו קאָנסט נישט זאָגן...

דו קאָנסט נישט זאָגן, אַז דער נעכטן
געווען פאַר דיר איז כולו שוואַרץ —
אויך קוואַלן פרייד אין דיר געברויזט דאָך,
אין סאַמע טיפעניש פון האַרץ.

דײַן לעבן איז אַ שפּיל פון פאַרבן,
פון ליכט און שאָטן אַ געפלעכט,
אַ מאָל האָט פרילינג דיך פאַרכישופט,
אַ מאָל קאָשמאַר פון אָסיען־נאַכט...

איצט האָסטו אַ גערעכטע טענה:
פאַר וואָס אַצינד נאָר טריבע טעג?
דײַן הימל תמיד איז פאַרכמאַרעט,
אַזוי אָן ברעג, אַזוי אָן ברעג...

איצט בלאָזן אומעטיקע ווינטן
מיט בשורות וועגן אונטערגאַנג;
דערמאָנען סוף פון אַלע סופן,
ווען מענטש שלאָפט אײַן אויף לאַנג, אַ, לאַנג — — — —

נאָר ווער איז שולדיק — גאָט צי חווה,
וואָס האָט גענאַשט פון עץ־הדעת?
פאַר אָט דעם חטא דער מענטש באַשטראָפט איז, —
פאַר חוהס לײַכטזיניקן נאַש...

פון אַברהם זאַק׳ס אַנטאָלאָגיע: „פון אַלע מיינע יאָרן"

דאָ קומען לידער, וואָס באַרירן גורלדיקע מאָמענטן: גלות־סאָוועט־רוסלאַנד; חורבן, אומקום, געטאָ־אויפשטאַנד; עמאָציעס מחמת מלכות ישראל; די טרויער־יקע מערכה פון יידישן לשון. — כאַראַקטעריסטישע מוסטערן פון אַברהם זאַק׳ס טעמאַטיק אין די יאָרן פון און נאָך דער וועלט־מלחמה.

פון די שנייאיקע טייגעס

א.

קיינמאָל נישט...

קיין מאָל נישט קיין בלוט פאַרגאָסן,
נישט געשאָכטן פרוי און קינד... —
זאָגט, פאַר וואָס דער האַרבער עונש?
זאָגט, פאַר וועלכע שווערע זינד?

זאָגט, פאַר וואָס די וויסטע טײַגע
און די צוים פון שטעכיק דראָט?
זעסט נאָר זעג, און האַק, און רידל,
און — די שפּיז, וואָס תמיד דראָט...

האַקסטו ביימער, גראָבסט קאַנאַלן
סײַ אין פראָסט, און סײַ אין ווינט. —
זאָגט, פאַר וואָס דער האַרבער עונש?
זאָגט, פאַר וועלכע שווערע זינד? — —

ב.

ווער וועט וויסן...

ווער וועט וויסן גאָר ווו יענע קאַלטע הימלען,
ווו עס שפּרייטן זיך די ווײַסע ימים שניי?
ווו עס ווײַזט זיך נאָר די זון אויף צו להכעיס
ווו דער חלל פול מיט האַס, מיט זיפץ און וויי?

אויב כ׳וועל אויסגיין דאָ אין די מרחקים וויסטע,
אין דער שטומער טײַגע־עלנטקייט, אַליין, —
ווער וועט וויסן ווו עס איז די שטילע יאָלקע,
וואָס וועט תהילים זאָגן איבער מײַן געביין ?...

ג.

קברים אין טײַגע

כ׳פאַרגעס נישט די עלנטע קברים אין טײַגע,
זיי ליגן דאָרט נאָמענלאָז אונטערן שניי.
גאָר פלאַכע די קברים, פון קנעכט קאַרג פאַרשאָטן, —
פאַרשיט זיי דערפאַר מיטן שניי די זאַווײ.

נאָך יאָרן פון מאַטער מיט זעג און מיט קירקע,
פאַרוואָרפן פון וועלט און פאַרוואָרפן פון היים;
נאָך שמוץ פון באַראַק אויף די ברעטער די האַרטע —
ווי גוט זײַנען לעצטע פיר איילן פון ליים.

דו דאַרפסט שוין נישט מערער די „פײַקע״ פון קלײַען,
ס׳יאָגט מער נישט בײַם קאָרטשעווען דער בריגאַדיר;
זעסט מער נישט דעם שומר מיט ביקס אָנגעלאָדן,
וואָס לאָזט נישט אַראָפּ גאָר די אויגן פון דיר.

זעסט מער נישט בײַ אים אויף דער ברוסט די מעדאַלן,
דעם „האַמער און סערפּ״ אויפן לאַץ פאַר זײַן „רום״.
שוין פּטור פון אַלץ אין דער גרוב אונטער שנייען,
נאָר אייביקע, עלנטע שטילקייט אַרום — — —

12טער אויגוסט 1952

(צום יאָרצײַט נאָך די פאַרטיליקטע
סאָוועטיש־יידישע שרײַבערס)

אַזוי פיל יאָרצײַטן פון גורל תמיד אונדז באַשערט.
ווו נישט ? ווען נישט ? כל דוד ודור, אויף יעדער גלות־ערד.

אַמאָל רוצח איז געווען דער ווילדער הײַדאַמאַק,
אַמאָל אַ „רויטער גואל״ אויפגעהויבן האָט די האַק.

אַמאָל אַ „פירער" פון אַ פאַרגעשריטן „דיכטער־לאַנד"
געבראַכט האָט גרעסטן חורבן אונדז דורך שחיטה און דורך בראַנד;

דורך „קולטורעלע" טויט־פאַבריקן און דורך גאַז־„ציקלאָן":
עס האָט געקאָסט אונדז אין סך־הכל גאַנצע זעקס מיליאָן.

און ס'האָט פאַרקוקט זיך אויף דעם „פירער" אויך דער „רויטער" קאַט,
וואָס האָט דורך פײַן און בלוט פאַרשריבן אויך אַ יידיש בלאַט.

דער „גואל"־קאַט, וואָס האָט אין רויט פאַר פעלקער זיך געצירט;
פאַרשקלאַפט מיליאָנען און זײַן אייגן ריזן־לאַנד פאַרפירט.

איז יידיש פאָלק אין יענעם לאַנד שוין לאַנג אין גענאָסיד;
אין חרם אונדזער אַלף־בית, אין חרם נאָמען ייד.

האָט יענער „רויטער גואל"־קאַט אַ יאָרצײַט אונדז געשענקט:
דעם 12טן אויגוסט יעדער ייד אין פרײַער וועלט געדענקט.

ר'האָט אויסגעוויילט די ליכטיקסטע, די שענסטע יידן דאָרט —
די סאַמע פרינצן פון פאַרנאַס, די פרינצן פונעם וואָרט.

די זינגערס־זאָגערס יידישע — קרבנות פונעם קאַט.
געהערט דעם זאַלפּ האָט נאָר די נאַכט אין יענעם קאַזעמאַט — —

איך פאָר צו דיר, פוילן...

איך פאָר צו דיר, פוילן, פון סטעפּעס און שנייען,
אַרויסבאַגלייט האָט מיך אוראַלישער ווינט.
דורך טעג און דורך נעכט רוישן טרויעריק די רעדער,
אַז קיינער נישטאָ איז שוין דאָרטן אַצינד.

דו האָסט מיך באַגעגנט מיט גרינקייט פון פעלדער,
מיט בונטע קוואַדראַטן אויף באַרג און אויף טאָל;
דאָך, פוילן! עס איז שוין מײַן פרייד לאַנג געשטאָרבן
און כ'קען זיך נישט פרייען אַזוי ווי אַמאָל.

איך ווייס נישט, ווי וועל איך דײַן ברויט קענען עסן
און קוקן דעם הימל אין פּנים אַרײַן —
אַז ס'פעלד דײַנס באַמיסטיקט מיט אַש פון מײַן מאַמען
און זון האָט געשיקט נאָך צו רוצחים איר שײַן.

אַז ס׳שרײַט פון דײַן ערד נאָך דאָס בלוט פון די קדושים —
די זעקס מיליאָן ברידער דורך גאַז און דורך פלאַם.
און זע איך אַ בוים נאָר, דאַן מיין איך — אַ תליה,
און טרערן — אַיעטוועדער טײַך מן הסתם.

ניין, ס׳קען מיר דײַן פרילינג נישט ברענגען נחמה,
עס לאָקט נישט דאָס בלימל, עס רייצט נישט דאָס גראָז.
אין נעכט פון לבנה פאַרנעם איך אַ יאָמער
פון פינצטערע וועלדער: — פאַר ווען און פאַר וואָס? — — —

איך פאָר צו דיר, פוילן, פון בענקען צעפרעסן,
אַרויסבאַגליט האָט מיך אוראַלישער ווינט.
דורך טעג און דורך נעכט רוישן טרוי׳ריק די רעדער,
אַז קיינער נישטאָ איז שוין דאָרטן אַצינד.

אין עשעלאָן, אַפּריל 1946

אין וואַרשעווער געטאָ

א.

אויפן געגשער בית־עולם

די טהרה־שטוב איז שוין נישטאָ דאָ,
קיין שול און קיין תפילות, קיין ייִד.
נישטאָ דער לוויות־געטומל,
נישטאָ דער בית־עולם־יאַריד.

עס שטאַרבן שוין מער נישט קיין ייִדן:
קיין ייִדן נישטאָ שוין פון לאַנג.
אַ שטומקייט. קיין „אל מלא רחמים״.
אַ שטילקייט. קיין כליפּ נישט, קיין קלאַנג.

עס רוען די קברים אין עלנט,
זיי וואַרטן אויף עמעצס אַ טרער.
אומזיסט! עס וועט קיינער נישט קומען,
קיין בלימל נישט ברענגען אַהער.

נישטאָ שוין מער אײַערע נאָנטע —
זיי זײַנען שוין אַלע דאָרט הויך:
זיי זײַנען אַרויף אויפן הימל
דורך גאַז, דורך פלאַמען, דורך רויך.

טאָ ליגט איַיך, איר קברים, אין גרינקייט,
טאָ ליגט איַיך אין אייביקער רו.
אַ ווינט נאָר וועט מאַכן אַזכּרה,
אַ ביימל נאָר שאָקלט זיך צו — — — —

ב.

ביַים „אוהל פּרץ"

מיר האָבן נישט קיין קברים,
קיין בערגל נישט, קיין שטיין.
צו וועמען זשע זאָל קומען
אַ ייִד מיט זיַין געוויין?

צו דיר, אָ פּאָטער פּרץ,
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן
איטלעכער מיט זיַין טרער.

נישטאָ מער פאָלק ישראל,
נישטאָ, אָ גרויסער מאַן!
פון אַלע דיַינע ייִדן
יחידים בלויז פאַראַן.

נישטאָ די זין און טעכטער,
קיין ייִדיש גאַס, קיין שטוב.
אַפילו נישט געבליבן
קיין קבר נישט, קיין גרוב.

עס קלינגט נישט פון קיין פענצטער,
עס קלינגט נישט מער דיַין ליד.
עס קומט נאָר אויף די חורבות
אַ מאָל אַן אָבל־ייִד.

ער בלאָנקעט צווישן ציגל,
ער בלאָנדזשעט אום אָן ציל.
די שאָטנס פון די קדושים
באַגלייטן אין דער שטיל — — — —

צו דיר, אָ פּאָטער פּרץ,
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן
איטלעכער מיט זיַין טרער...

כ׳וואָלט וועלן תפילה טאָן...

כ׳וואָלט וועלן תפילה טאָן, כ׳וואָלט וועלן זײַן מתפלל
פֿאַר גוטער פרומער מאַמע און פֿאַר קינד;
נאָר כביכול האָט אַליין זײַן טראָן פֿאַרלאָזן
און זוכט פֿאַרגעבונג פֿאַר זײַן אייגן זינד.

ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער בלויען פֿאַרהאַנג
פֿון די רקיעים אין דער ווײַטער הויך:
ער האָט פֿאַרשעמט זיך פֿאַר דעם בלוט פֿון קליינע קינדער
און פֿאַר מײַדאַנקער שטיקנדיקן רויך.

ער קלײַבט אַליין זיך גאָר בײַם מענטש מחילה בעטן
און שלאָגט זיך אין דער שטיל אין הארץ על־חטא... —
הײַנט ווי זשע קען איך צו אַזאַ מין גרויסן זינדער
נאָך קומען איצט מיט תפילה און געבעט?! — — —

פֿון הייסן אַש

(סאָנעט)

אָפּט גלייבט זיך נישט, אַז איך אַליין נאָר, איך נאָר אײנער
אין לעבעדיקער פֿון די אַלע פיל מיליאָנען, —
אַז כ׳בין אַרויס אַ גאַנצער פֿונעם טאָל פֿון ביינער...
אָפּט גלייבט זיך נישט, איך קען אַ מאָל עס גאָר נישט אָנען.

מסתמא בין איך אויך אויף אַש פֿאַרברענט געוואָרן
ווי יענע, גלײַך ווי אַלע מײַנע שוועסטער, ברידער.
געברענט, געברענט ווי חומשדיקער מדבר־דאָרן
און בין פֿון הייסן אַש אַרויס צום לעבן ווידער.

נאָר ווי און ווי אַזוי — מיר דינט נישט דער זכרון,
גלײַך ווי עס וואָלט אויף ס׳נײַ אַ מוטער מיך געבאָרן: —
צו שרײַען צו דער וועלט, אַ חשבון־צדק מאָנען

פֿאַר אַלע טויטן דורך די גאַז־קאַמערס, דורך פֿלאַמען;
פֿאַר די געשאָכטענע — פֿאַר יעדן קינד און מאַמען, —
דעם גאַנצן לאַנגן חשבון פֿאַר די זעקס מיליאָנען — — —

אויפן וועג פון קדושים

דאָרט אויפן וועג פון מחנות קדושים האָבן זיך באַגעגנט
מײַן גרויע מאַמע מיט מײַן „קדיש" — מיט מײַן זון.
זיי האָבן זיך געטוליעט אין דעם לעצטן וועג צוזאַמען,
געטריבן אונטער אַ פאַרשעמטער טריבער זון.

עס האָט געוואַרט אויף זיי דער לאַנגער טויטן־טאָל פון ביינער —
אויך זיי צו ליגן דאָרטן איז געווען באַשערט.
מיליאָנען ברידער־ייִדן האָבן פול געמאַכט יענץ טאָל דאָרט —
ווען ס'האָט אַ מבול בלוט פאַרפלייצט די קללה־ערד.

מײַן אַלטע גרויע מאַמע און מײַן יונגינקער בן־יחיד
מיט זײַנע זיבעצן ערשט אויפגעבליטע יאָר... —
איצט צינד איך ליכט אין יאָרצײַטן, זאָג נאָך מײַן מאַמען קדיש
און קדיש נאָך מײַן „קדיש" אין אַבלים־כאָר — — —

אין די פלאַמען

דעם הייליקן זכר
פון מײַן בן־יחיד אַלעקסאַנדער.

ביסט אויפגעגאַנגען אין די קרעמאַטאָריע־פלאַמען
מיט נאָך ניט־אויסגעלעבטער קינדיש־יונגער פרייד;
מיט גלידער צאַרטע, אויסגעפּיעשטשעט דורך אַ מאַמען —
אויך זי האָט דיך אין יענעם פלאַמען־וועג באַגלייט.

גענערט פון טיפער ליבשאַפט אין די דלד אַמות;
דורך שויבן ליכטיקע אַ זון האָט מילד געגלעט;
געוואַקסן ווי אַ בוים — די פרייד פון טאַטע־מאַמעס;
מיט ברכה זיידע־באָבעס אין אַ פרום געבעט.

עס האָבן הימלען בלויקייטן פאַר דיר געשפּונען,
דיר אָנגעגרייט אַ העלן, שטראַלנדיקן וועג.
נאָר פרי — צו פרי, מײַן קינד — דעם טויט האָסטו געפונען,
אין פלאַם פאַרצערט די לויטער־אויפגייענדע טעג.

דײַן אַש צעשפּרייט אויף פּוילנס וויסטער ערד געבליבן.
איצט שאָקלען ווידער זיך שוין גראָזן דאָרט אויף זיי.
דײַן טאַטע־אָבל אין דעם ווײַטן וואַנדער טריבן
אַוועק איז מיט זײַן שוואַרצן טרויער און זײַן ווי — — —

מיין שטעטעלע אַמדור

מײַן שטעטעלע אַמדור! איך וועל דיך מער נישט זען,
ווי מײַנע גוטע, ליבע, יונגע יאָר.
געבליבן נאָכן שוואַרצן חורבן אָן איין ייִד,
געבליבן ביסטו אָן אַ ייִדיש דור.

ווער ס׳איז פאַרוואָרפן אין דער ווײַטער, ברייטער וועלט,
אַריבער לענדער, שטעט, אַריבער ים.
און ווער פון דײַנע זין און טעכטער איז אַוועק
דאָרט צו טרעבלינקער גיהנומדיקן פלאַם.

אַוועק דײַן גאַנצע, גאַנצע עדה ייִדן איז,
אַוועק אין לעצטן, שטומען קדושים־גאַנג — — —
איצט ווידער גרינען רחבותדיקע לאָנקעס דאָרט,
איצט ווידער וויגט זיך שטיל אין פעלד די זאַנג.

געבליבן איז דער אַלטער בית־הקברות נאָר —
אָן עלנטער, פאַראָבלטער, אַליין.
צו קבר־אָבות אין די טריבע אלול־טעג
קומט קיינער שוין נישט מער צו אים צוגיין.

נישטאָ די קרעמערס און די קרעמלעך ייִדישע,
אין גאַס אַלץ פרעמד. קיין ייִדיש, נאָנט געזיכט.
קיין שבת, יום־טוב. פענצטער גרוי און וואָכעדיק;
עס צינדט קיין מאַמע נישט קיין שבת־ליכט.

פון שול עס קלינגען קיין ניגונים שוין נישט מער,
עס קלינגט קיין יום־נוראימדיק געזאַנג.
פון ווײַסן טורעמדיקן קלויסטער הערט מען נאָר
דעם שווערן הילכיקן גלין־גלאָן־געקלאַנג.

אין שטיבער ייִדישע, מיט תפילות אײַנגעזאַפּט,
מיט דורות ייִדישקייט, מיט פרייד, מיט ווי, —
איצט הענגען שוין איקאָנעס אין די ווינקלען דאָרט,
איצט וווינען אַריער „כשרע" אין זיי...

מײַן שטעטעלע אַמדור! איך וועל דיך מער נישט זען,
ווי מײַנע גוטע, ליבע, יונגע יאָר.
געבליבן נאָכן שוואַרצן חורבן אַן איין ייִד,
געבליבן ביסטו אָן אַ ייִדיש דור.

עלעגיע וועגן גראָדנע

אַ היימישער ניעמאַן, אַ היימישע ברעגעס
מיט שטיבלעך צעוואָרפן אין גרין.
כ׳דערמאָן אײַך אין שטילע, אין איינזאַמע רגעס.
איר לעבט אין מײַן האַרץ, אין מײַן זין.

די נעכט אויף די ברעגעס איך זע פאַר די אויגן,
די פלעמלעך — ווי שטערן צעהעלט.
די בריק אין דער לופט איבער וואַסער פאַרצויגן,
די צוגן, וואָס לויפן אין וועלט — —

קאַלאָזשע... לאָסאָסנע... דער גרינער גן־עדן
אין שאָטן פון ביימער בײַם טײַך — —
(אַ, וויפל חלומות און זוניקע פריידן
גענומען אין וואַנדער פון אײַך!...).

די רויִקע גאַסן, די רויִקע ייִדן,
די האַרציקע ייִדישע שטוב — —
אַוועק און נישטאָ מער. אַלץ חרוב, פאַרשניטן,
קיין זכר, קיין קבר, קיין גרוב...

די טעכטער באַחנטע, מיט ביכער, מיט נאָטן,
די מאַמעס מיט „גאָט פון אַברהם" — —
געקומען אויף וועלט איז אַ פינצטערער שטן,
געעפנט אַ בלוטיקן תהום...

אַ היימישער ניעמאַן... געוועזן ביסט אַן עדות
פון שחיטות, פון גרויזאַמע טעג — —
איצט טראָגסטו נאָר טרערן פון קינדער ביז זיידעס,
איצט טראָגסטו נאָר בלוט אין דײַן וועג — — —

מיר װעלן געדענקען...

דעם זכר פון די אויפשטענדלער
אין װאַרשעװער געטאָ.

מיר װעלן אײַך אײביק געדענקען, גבורי ישראל!
אין היכל פון אומה פאַרבלײַבט אײַער פלאַמיקע פאָן.
כאָטש קלײן אין דער צאָל, אָבער גרויס אין דער הײליקער גבורה —
אין קאַמף צװישן חורבות, אויף קראַכנדע װענט פון בעטאָן.

פון האַס און נקמה געשמידט איז געװען אײַער װאָפן,
פון טויט און פון צאָרן די פליִענדע פלעשער בענזין.
צעשמעטערטע קעפּ פונעם שונא אין ברענענדע טאַנקן
דערפילט האָבן גבורה פון ייִדישע טעכטער און זין.

און איר האָט דערהויבן דעם כבוד פון מענטש און פון אומה,
פאַרשעמט איז געװאָרן די גלײַכגילטיק־שװײַגנדע װעלט.
צעפלאַקערטע געטאָ געװאָרן אַ לויכטנדער פאַקעל,
װאָס װעקט און װאָס רופט און פאַרװאַנדלט דעם שקלאַף אין אַ העלד!

פאַרקלונגען האָט אײַער געראַנגל אין אײביקע צײַטן,
פאַר דורות געװאָרן פאַרחתמעט דער קאַמף און דער מוט.
מען װעט אינעם עתיד צעװיקלען װי פאַרמעט־יריעות
די פײַער־מגילה פון פײַן, פון נקמה און בלוט...

געװיזן האָט איר װי עס שטאַרבן גבורי ישראל —
װען ס׳לעבן געװאָרן אַ חוזק פון חיהשן פײַנט...
עס װעט אײַך געדענקען דער ייִד פון באַחרית הימים,
עס טראָגט אײַך אין האַרץ דער פאַראָבלטער ייִד פונעם הײַנט!

ישראל־מאַטיװן

א.

מלכות ישראל

פון װאַרשעװער געטאָ ביז מלכות ישראל —
עס ציט זיך אײן ייִדישער פּראָנט.
די זעלביקע העלדן, די זעלבע גיבורים,
זײַן קומען פון װײַט און פון נאָנט.

פון דורות פון ווײַטע ביז בלוטיקע טעג איצט —
עס ציט זיך איין גאָלדענע קייט:
בר־כוכבא — צה״ל, — אַלץ די זעלבע קנאים
אין הרי יהודה צעשפּרייט.

פון דורות פון ווײַטע ביז אונדזערע צײַטן
דערלאַנגען זיך שונאים די האַנט:
צו מצרי, צו פּלשתי, צו טיטוס, צו המן,
צו היטלערס פון איטלעכן לאַנד.

חזק, זײַט געשטאַרקט, אַ איר קעמפער ישראלס,
געבענטשט איבער מוטיקע שווערד! —
ס'איז קאַמף מיט מײַדאַנעק, מיט גאַז און מיט אויוונס
דער קאַמף פאַר דער יידישער ערד!

דאָס לעבן איז שיין אונטער הימל פון תכלת,
עס לאָקט דער כנרת און רייצט, —
דאָך הייליק דער טויט איז פאַר לאַנד און פאַר אומה
און הייליק דאָס בלוט, וואָס עס פליצט — — —

פון וואַרשעווער געטאָ ביז ירושלים —
עס ציט זיך איין יידישער פראָנט!
געבענטשט זײַט, איר העלדישע ברידער און שוועסטער,
געבענטשט זײַט פון ווײַט און פון נאָנט!

לאָדזש, 1948

ב.

ירושלים

ירושלים! האָסט באַרירט אין מיר די דינסטע סטרונעס
נאָך אײדער, אײדער כ'האָב געזען דײַן וווּנדער אויף דער וואָר.
איצט גיי איך אַ פאַרחלומטער אויף דײַנע שטילע גאַסן,
איעדן טאָג מיך וועקט די בלויקייט אויף פון דײַן קאַיאָר.

ווי נאָנט מיר דײַנע שטיינער, דײַנע בערגלדיקע געסלעך,
די גרויע בערג די פעלדזיקע, וואָס רינגלען דיך אַרום.
פון הר־ציון דער מגדל־דוד רעדט צו מיר אַריבער
מיט חומש־שפּראַך רמזימדיק פון דורות לאַנג שוין שטום.

איך בלאָנקע אום. מיך ציט, מיך לאָקט אין די הרי־יהודה.
איך זע דאָ איצט באַשײַמפּערלעך, איך זע דאָ דעם אַמאָל.

פון אַט די הויכקייטן געענידערט האָבן די נביאים
מיט פֿײַערדיקן וואָרט יהוהס, מיט זײַן הייליק קול.

אַז אומעטום ווו כ׳גיי און שטיי — איך שפּיר די טריט פון אָבות,
פון זין געלײַטערט אין גערנאַנגל פאַר דער אייגן ערד.
ויהי... געוועזן אַמאָל... ס׳רעדט אומעטום דער אַלטער עבר,
און מיר איז אויף די וועגן דאָ צו טרעטן איצט באַשערט.

אויך זין און טעכטער הײַנטיקע געגאַנגען אין די שפּורן
פון יענע חשמונאים־זין, מיט זעלבן קדושה־פלאַם.
אַן עדות די מצבות פיל דאָ אויף הר־הזיכרון
פון העלדן פון געפאַלענע פאַר ארץ און פאַר עם.

ירושלים, מײַ 1960

צו ישראל

עס קלאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט אין דײַן טויער:
— עפן מיר, לאָז אַרײַן!
איך קום מיט שבתים, מיט ימים־טובים,
כ׳קום מיט פרייד און מיט פּײַן.

איך קום מיט ניגונים אַלטע פון דורות,
מיט קדושה און מיט וואָך;
מיט וויגליד פון גוטע ייִדישע מאַמעס,
מיט שמחה און מיט בראָך.

איך קום מיט לידער פון ראָזשינקעס־מאַנדלען,
מיט פלאַפּל פונעם קינד;
איך קום מיט ברכות, מיט מאַמעשע תחינות,
מיט „וויי איז מיר און ווינד".

איך קום מיט טרערן פון מײַדאַנעק,
מיט זיפץ פון אָשוויענטשים — —
מיט רוף דורך שריפות, דורך געטאָס אין פלאַמען:
„ווער זשע פאַרנעמט אונדזער שטים?"...

איך קום דורך די פלאַמען, כ׳קום דורך רויכן,
כ׳קום דורך אַש און דורך שטויב.
איך קום מיטן אַלטן שמע־ישראל,
מיט רום פון אויפשטאַנד, מיט לויב — —

עס קלאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט אין דײַן טויער — — —

די פרעמדע שטעט

די פרעמדע שטעט מיט קאַלטן אומעט אויף מיר ווייען,
די ווײַסע קלויסטערס זײַנען אַזוי פּײַנטלעך, פרעמד.
המונים בעטערס קניִענדיקע אין די רייען
פאַר יענעם ייִד געקרייציקטן אין בלויזן העמד.

מיט ווײַרויך אָנגעזאַפּט, המונים פרומע זענען
נישט איין מאָל שוין אַרויס מיט לאַנגע מעסערס, העק;
אין מערק אויף שײַטערס, פלעגט מען ברידער מײַנע ברענען,
מיט „שמע ישראל" זײַנען זיי אין פלאַם אַוועק.

די פרעמדע שטעט... בחינם זוכן מײַנע אויגן
אַ מקום קדוש פאַר אַ ייִדס אַ תפילה, טרער.
און, דוכט, דער נאַזאַרעטער ייִד וואָלט אויך געפלויגן
פון קרייץ... אויך אים אין דערנער־קרוין ווערט ענג און שווער.

אַז אין זײַן נאָמען שעכט מען זײַנע אַלטע ברידער;
אַז אין זײַן נאָמען פליִיצט דער מבול ייִדיש בלוט...
און אפשר ווי אַ ייִד צו ייִדן ציט אים ווידער
און ר׳טרוימט פון טעג, ווען ציגעלע מיט לעמפּערט רוט?

די פרעמדע שטעט מיט אומהיימלעכקייט דריקן, שטיקן,
די ווײַסע קלויסטערס סטאַרטשען תקיפותדיק און גרויס.
אַז נאָענט אַן אָרעם שולכל ס׳איז פאַר מײַנע בליקן,
דער עמוד, „שויתי" אינעם שאָטן פון גאָטס הויז.

אַז נאָענט די לוחות, כתר, אָרון און פּרוכת,
די קדושה צווישן יענע שטילע, פרומע ווענט,
און דודס תהילים, פון יום־כיפור־ליכט די ריחות —
דאָרט האָט מען קיינעם נאָך אויף שײַטערס נישט געברענט — — —

צום ברודער — דיכטער

מיר קומען צו דעם פאָלק מיט ריינסטע איידלשטיינער,
מיר ברענגען אים די שענסטע פּערל פון געזאַנג;
נאָר אין דער גרויער גאַס מיר טרעפן קאַלטע שטיינער.
ווער וואַרט אויף אונדזער ייִדיש ליד? אויף אונדזער גאַנג?

ס'האָט אונדזער לשון, אונדזער ליד אַזוי פיל שונאים,
צעווישן ברידער אייגענע די מחנות פיַינט.
זיי ציִען פרעמדע מאַסקעס אָן אויף זייער פּנים,
פּאַר תּרחס תּרפים בוקט מען זיך אַפילו היַינט.

דאָך גייען מיר אין אונדזער גאַנג אַלץ וויַיטער, וויַיטער;
מיר זינגען פּאַר יחידים אפשר אונדזער ליד.
עס גיט די פליגל אונדז דער עתיד — אַ באַגיַיטער, —
וואָס צינדט דעם קדושה־פלאַם אין טיפקייט פון געמיט — — — —

פּאַרשעמטע אותיות

פּאַרשעמטע אותיות מרובעות,
פּאַרטריבן פונעם יִדיש הויז.
פון ביכער־פּאָליצעס אין זאַלן
קיין צורת־אות קוקט נישט אַרויס.

מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען מאַמעס
פאַרוויגן מער שוין נישט קיין קינד.
אין גלות — יִדישע ניגונים,
אין היימען ווייעט פרעמדער ווינט.

אַוועק אין אייביקייט דער זיידע,
די גרויע באָבע אויך אַוועק.
מיט זיי דער מחזור, „קרבן מנחה"
אַוועק אויך אין דעם לעצטן וועג.

קיין צייכן יִדישקייט געבליבן
אין היימען יִדישע אַ סך.
אין די חדרים בלאָזט אַ פרעמדקייט,
עס בלאָזט מיט קעלט פון פרעמדער שפּראַך.

עס וואַקסן קינדער, אויסגעכאָליעט,
גאַר אָן אַ טראָפּן יִדיש חן.
דער אַלף־בית וועט זיי נישט ברענגען
אין לאַבירינטן טיף און שיין — —

ייִדיש

ווער עס ליבט דיך, האָט ליב אויך זײַן פֿאָלק,
איז נאָנט אים זײַן פֿרייד און זײַן לייד.
ביסט אַ קינד, וואָס געבוירן אין פּײַן,
דײַן וועג נישט מיט רויזן פֿאַרשפּרייט.

ביסט געבוירן אין וואָגל — דאָך ליב,
דאָך האַרציק בײַם פֿאָלק ביסט געווען.
ביסט געוואָקסן צוזאַמען מיט אים
בײַם ווײַסל, בײַם רייך, צי בײַם סען.

האָסט צעצווײַגט זיך אַזוי ווי אַ דעמב,
מיט זאַפּטן מיט פֿרישע צעבליט.
האָסט פֿאַרוועבט זיך אין מאַמעס געבעט,
אַרײַן אין נשמה פֿון ייִד.

זינט דעם ערשטן געפּלאַפּל פֿון קינד,
פֿון וויגל ביז גריבל באַגלייט.
ביסט צוזאַמען אין וואָגל מיט פֿאָלק,
אין גלותן פֿרעמדע צעשפּרייט.

נאָר נישט אַלעמען דאָך דו געפֿעלסט,
דײַן יחוס נישט אַלעמען פּאַסט.
ווי אַ שטיפֿקינד מען יאָגט דיך פֿון שטוב,
מען חוזקט פֿון דיר און מען שפּאַסט.

און אַפֿילו אין היימישן לאַנד,
ווו קינדער זיך זאַמלען פֿון פֿרעמד —
דאָרטן לאָזט מען צום טיש דיך נישט צו,
פֿון אייגענע ברידער פֿאַרשעמט.

דאָרטן האַלט מען דיך אַלץ פֿון דער ווײַט,
מען וואַרפֿט דיר נאָר צו קוים אַ ביין...
דאָך דײַן שיינקייט — אין טרויער פֿאַרהילט —
זי וויל נישט, זי וועט נישט פֿאַרגיין — — —

מיר זיינען נישט די לעצטע

(מחשבותן)

מלך ראַוויטשן,
צו זײַן ווערן אַ בן־שבעים.

אַ ניין! אַ ניין! מיר זײַנען נישט די לעצטע זינגער
אויף אונדזער ייִדיש־ייִדישן פּאַרנאַס.
עס וועלן מאַמעס נאָך פאַרוויגן קינדער
מיט לידער ייִדישע אין אונדזער גאַס.

מיט צאַרטע לידער וועגן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי אין דער אַלטער, ליבער, גוטער צײַט.
פון פענצטער וועלן שבת־ליכט מיט קדושה פינקלען
אין שטעטלעך ייִדישע פון נאָנט און ווײַט.

און חתן־כלה צו דער חופּה וועט מען פירן
מיט קלעזמערס פריילעך דווקא צו דער שול;
מיט מצווה־טענצלעך שמחהדיק פון זיידע־באָבע,
מיט ליכט, הבדלות און מיט כוסות פול.

אין אַלטע שולן וועלן זקנים ברענגען ראַיות
על־פּי קבלה ווען משיח קומט.
אין די משמרים־נעכט פון הינטער דעם פּרוכת
אַ קול פאַרנעמען זיי — די שכינה ברומט.

און אין די אלול־טעג וועט פרום דער שופר שאַלן
בײַ שחרית אין בית־מדרש פון באַגין.
מגידים — למד־וואָוו — פון בימהס וועלן וועקן
צו תשובה, תפילה פאַרן יום־הדין.

און יוגנט ווידער וועבן וועט חלומות שיינע
פון עתיד ליכטיקן, אין ווײַטער ווײַט...
און ווידער וועלן לידער האָפענונג צעקלינגען
פון אײן מאָל אָפגענאַרטער נײַער צײַט — —

עס וועלן דורות ייִדישע נאָך קומען, קומען
מיט כישוף פון פאַרשניטענעם אַמאָל...
פון מאַסן־גריבער וועלן ניסימדיק נאָך אויפגיין
די קדושים, וואָס כחול הים, אָן צאָל — —

אַ נײַן! מיר זײַנען נישט די לעצטע... אונדזער ייִדיש לשון
וועט איבערגיין נאָך לאַנג פון דור צו דור.
בחינם די באַוויינערס און אומזיסט דער קדיש,
וואָס ס׳זינגען־אויס קברנים אין אַ כאַר...



אויף דער אויפנאַמע אין בית-סוקולוב אין 1960

פון לינקס: פאַני זאַק, אַברהם זאַק, סעקרעטאַר פון „אַגודת העתונאים" משה רון, די זשורנאַליסטן: מרים וואַלמאַן — שיר און יצחק רימון.

III

אַברהם זאַק און זײַנע ביכער

ש. ניגער

אַ ייִדיש מלחמה־בוך

אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ייִדישע מלחמה־ביכער („שלום אַש „דער ייִדישער סאָלדאַט“, ב. גלאַזמאַנס דערציילונג „פֿאַרנאַנדערפֿאַל“ און אַנד׳) שטעלט זיך ש. ניגער אָפּ באַזונדערס אויף אַברהם זאַק׳ס מלחמה־בוך „אונטער די פֿליגל פֿון טויט“ און ער שרײַבט צווישן אַנד:

אַברהם זאַק׳ס „אונטער די פֿליגל פֿון טויט“ איז דאָס ערשטע בוך אויף ייִדיש, ווו עס ווערט געשילדערט די מלחמה פֿון אײנעם, וואָס האָט אין איר אַליין אַנטייל גענומען. אַ. זאַק איז באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, אין יאָר 1914, מאָביליזירט געוואָרן; דער „פֿאָלק“, וואָס צו אים האָט ער געהערט, איז געשיקט געוואָרן צו די גרענעצן פֿון עסטרײַך, און אין זײַן בוך גיט ער אונדז, ווי ער זאָגט, „די איבערלעבענישן פֿון אַ מענטשן אין אַ גרויען שינעל צווישן מחנות, מחנות גרויע שינעלן, אויף די פֿעלדער פֿון מזרח־גאַליציע“.

די דאָזיקע אַלע איבערלעבענישן זײַנען אָבער אין דער אמתן נאָר איין איבערלעבעניש, נאָר איין שרעק: דער שרעק פֿאַרן טויט. קיין שום אויסגעטײַטשטע אידעאָלאָגיע, קיין שום טעאָרעטישע חקירות — פֿאַר אָדער קעגן קריג — זײַנען אין בוך (אַ חוץ אין דעם לעצטן קאַפּיטל) נישטאָ אָדער כמעט נישטאָ. עס איז בײַם פֿאַרפֿאַסער, פֿילט זיך, נישט געווען קיין טענדענץ; ער האָט זיך נישט געשטעלט קיין שום מאָראַלישע אָדער סאָציאַלע פּראָבלעמען.

און דאָס איז פֿאַר אַ מלחמה־בוך פֿון אַ ייִדן, וואָס איז געשריבן פֿאַר ייִדן, זייער נאַטירלעך. ייִדן האָבן נישט וואָס צו חקירהן זיך וועגן קריג: אונדזער אינעווייניקסטע, מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע, באַציִונג צו דעם איז אַבסאָלוט קלאָר. דאָס האָט אַ ראָמען ראָלאַן אָדער אַ באַרביוס געדאַרפֿט באַווײַזן די פֿראַנצויזן, אַ קאַרל ליבקנעכט — די דײַטשן, אַ אַנדרעאַס לאַצקאָ — די עסטרײַכער, אַ דזשאַן דאָס פּאַסאָס — די אַמעריקאַנער, אַז קריג איז, בײַ אַלע אומשטענדן, אומזין, שרעק און משוגעת. אונדז דאַרף מען עס נישט דערקלערן. מיר ווייסן עס. מיר האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן דעם טײַטש און דעם טעם פֿון „לא תחיה כל נשמה“, וואָס

שטייט אין חומש. דאָס איז שוין לאַנג פֿאַר אונדז אַ פֿרעמדער טויטער פּסוק. קריג האָט פֿאַר אונדז אויפֿגעהערט צו זײַן אַ מאָראַלישע פּראָבלעם. מענטשלעך בלוט רופֿט אַרויס אין אונדז פּיזישן עקל. אויב נישט אין אונדז אַלעמען, איז, יעדנפֿאַלס, אין יענעם, נאָך נישט־פֿאַרגוישטן טייל פֿון אונדזער פֿאָלק, צו וועלכן עס געהערט אונדזער פֿאַרפֿאַסער.

ווען ער איז געגאַנגען אַ פֿאַרוווּנדעטער, אין זײַן פֿאַרבלוטיקטן שינעל, צוריק פֿון די „פּאָזיציעס", איז ער אויפֿן וועג אַרײַן אין הויז פֿון אַ גאַליצישן ייִדן. — „זאָגט מיר דעם אמת — האָט אים געפֿרעגט די באַלעבאָסטע פֿון הויז — אײַך איז אויסגעקומען אין פֿעלד צו הרגענען מענטשן?" — „דאָס פֿרעגט איר, קוקנדיק אויף מײַן רויטן שינעל?" האָט ער איר אַ ווײַז געטאָן אויף די רויטע פֿלעקן: „גלייבט מיר, פֿרוי", האָט ער געזאָגט, „דאָ איז קיין איין איינציק טראָפּן פֿרעמד בלוט נישטאָ — אַלץ אייגנס"... „זי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און אויפֿגעשוידערט". — „מסתמא איז אײַער זון אין דער עסטרײַכישער אַרמיי?" האָט ער איר געפֿרעגט. — „יע", האָט זי געענטפֿערט. — „קאָן זײַן, האָט ער געזאָגט אין שפּאַס, אַז דאָס איז פֿון אײַער זונס אַ קויל". — „מײַן זון, פֿאַרענטפֿערט זיך די פֿרוי, האָט קיין פֿליג אויף דער וואַנט קיין מאָל נישט אָנגערירט". — „פֿאַרענטפֿערט זיך נישט, פֿרוי, האָט ער געזאָגט, אײַער זון איז אַזוי פֿיל שולדיק, וויפֿל — איך".

זיי האָבן בײדע „געטאָן זייער פֿליכט". אָבער — זיי זײַנען בײדע „נישט שולדיק". זיי האָבן מאָראַליש אין דעם קריג נישט אָנטייל גענומען: ער איז זיי געווען דערווידער.

קיין סאָלדאַט האָט נישט געוואָלט דערהרגעט ווערן; אָבער פֿיל זײַנען געווען, וואָס האָבן געוואָלט הרגענען. די סאָלדאַטן פֿון אונדזער פֿאַרפֿאַסערס טיפּ האָבן בײדע זאַכן נישט געוואָלט: נישט דערהרגעט ווערן און נישט הרגענען. „איין מאָל אויף דער פּאָזיציע, האָט דער פֿאַרפֿאַסער דערציילט אַ באַרימהערציקער שוועסטער אין שפּיטאָל, — איז אויף מיר אַ הונט אָנגעפֿאַלן, אַ בייזער, אַ בלוטדורשטיקער, וואָס האָט זיך נאָר צו מיר געריסן מיטן אָפֿענעם מויל און שאַרפֿע ציין. איך האָב אים אָנגעשטעלט אַנטקעגן דעם „שטיק", נאָר ער איז אַלץ ווילדער און בייזער געוואָרן. „דערשיסן" — האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין מוח. כ׳האָב שנעל אַן עפּן געטאָן דעם „זאַטוואָר" (פֿאַררוקער), אַרײַנגעלייגט אַ פּאַטראָן און... דאָ האָט זיך מיר די האַנט אַראָפּגעלאָזט... ס׳האָט מיר אין קאָפּ דורכגעבליצט: אַ שרעקלעכע יאָמערײַ... אַ שטראָם פֿון הייס־קאָכעדיק בלוט... אַ נבלה פֿון אַ הונט מיט הפֿקרדיק צעשפּרייטע פֿיסלעך אויף אַ פּוסטן פֿעלד"... ער האָט דעם הונט נישט דערשאָסן. קאָן צווישן אַזאַ מענטשן און אַזאַ זאַך, ווי קריג, זײַן אַ וועלכע עס איז מאָראַלישע אָדער פּסיכאָלאָגישע פֿאַרבינדונג? עס איז קלאָר, אַז ער דאַרף אַפֿילו נישט פּראָטעסטירן קעגן קריג, ער דאַרף נאָר צײַגן וואָס דאָס איז אַזוינס. און ער צײַגט אונדז, אַז דאָס איז (פֿאַר אים) טויט און מאָרד פֿון איין זײַט, פֿיזיאָלאָגישער שרעק פֿאַרן טויט און פּיזישער עקל צום מאָרד — פֿון דער אַנדער זײַט. עס איז אין גאַנצן בוך נישטאָ אַפֿילו קיין איין וואָרט וועגן די סאָציאַלע אָדער

מאָראַלישע סיבות פון דעם וועלט־קריג (דאָס, וואָס פאַרנעמט אַזוי פיל פּלאַץ אין די מלחמה־ביכער פון באַרביוס, לאַצקאָ, פּאַסאָס און אַנדערע). פאַר אונדזער פאַר־פאַסער (און פאַר אונדזער ייִדישן מאָראַלישן באַוווסטזיַין איבערהויפּט) איז מלחמה עפּעס אַן אַנשיקעניש פון זיַין ליבן נאָמען, עפּעס אַ ווילדער אויסברוך פון אַ פרעמדן, נישט־פאַרשטענדלעכן נאַטור־כּוח, אַזוי ווי אַ פאַרפּלייצעניש, אַ שטורעם־ווינט, אַ פיַיער פון אַ ווולקאַן... וואָס איז דאָ שיַיך צו פילאָסאָפירן! זאָל זיך ראַ־טעווען, ווער עס קאָן!...

איז עס נישט כאַראַקטעריסטיש, וואָס דאָס ערשטע און דערוויַיל, דאַכט זיך מיר, איינציקע מלחמה־בוך אויף ייִדיש רופט זיך: „אונטער די פליגל פון טויט"? וואָס איז דען פאַר אונדז מלחמה? נאָר איין זאַך: טויט! טויט — און שרעק פאַרן טויט!

נאָך איידער מען איז געקומען אויף די „פּאָזיציעס", האָט שוין צווישן די מחנות גרויע שינעלן אַ בליאַסק געטאָן מיט איר שוואַרצן גלאַנץ די קאָסע פון טויט: „... איינער פון די אָפּגעשטאַנענע האָט עפּעס אומגעלומפּערט אַ פאַל געטאָן און — די אויגן צוגעמאַכט. אַ סאַניטאַר פּרווט דעם פּולס — שטום. אַ האַרץ־שלאַג!"... און מיט אַ פּאָר זיַיטלעך וויַיטער (נאָך אַלץ נישט אויפן שלאַכטפעלד): „... צוויי גרוזינער האָבן זיך אין אַ וואַלד געשטעלט איינער אַנטקעגן אַנדערן און לויט זייער שרעקלעכן אויסרייד (אַ פריידז?) האָבן ביידע געדאַרפט גליַיכציַיטיק אויסשיסן, אָבער איינער האָט פאַרשפּעטיקט, און בלויז ער אַליין, דער פאַרשפּע־טיקטער, האָט דערגרייכט זיַין אומגליקלעכן ציל"...

***

אין אָט דעם אָפּשפּיגלען די דורכשניטלעך־ייִדישע באַציִונג צום קריג — ליגט די ווערדע פון בוך.

די בילדער פון יעקב אַדלער זיַינען להיפּוך צום אימפּרעסיאָניסטיש־רעאַליס־טישן נוסח פון בוך, עקספּרעסיאָניסטיש, און אייניקע פון זיי (דערהויפּט די ביל־דער „אין פיַיער") זיַינען באמת פול מיט אויסדרוק און שטום צום הימל־שריַיענ־דיקן פּאַטאָס.

(„דער טאָג", 1921)

ד״ר א. מוקדוני

I

שפּיציק און עלעגאַנט

(וועגן „צווישן שאָטנס״ פון אַברהם זאַק)

אַברהם זאַק איז שוין אַ שרײַבער מיט אַ טוץ ביכער אָריגינעלע, לידער און נאָוועלן, און מיט אַ קאַרגן טוץ ביכער פון איבערזעצונגען, מייסטנס פון דער רוסישער ליטעראַטור.

ער האָט דאָ אין זײַן בוך עטלעכע עלעגאַנטע און ראַפינירטע דערציילונגען. דאָס זײַנען מאַן־און־פרוי באַגעגענישן, פּאַרטשעפּענישן און פלירטעגישן. דאָס זײַנען גרויסשטאָטישע דערציילונגען, עלעגאַנטע און ראַפינירט־שטיפערישע. ניש־טאָ אין זיי קיין אידייע, קיין טענדענץ און קיין מוסר־השכל.

עס איז דאָ בלויז דער אייביקער שפּיל צווישן מאַן און פרוי.

אַפילו אויף די חורבות פון דער ייִדישער וואַרשע האָט אַברהם זאַק צו דער־ציילן וועגן אַ לײַכטע פּאַרטשעפּעניש צווישן אַ פרוי, וואָס איז על פּי נס געבליבן לעבן, און אַ מאַן, וואָס איז געקומען אַ לעבעדיקער פון סטאַלינס גן־עדן אויף דער ערד.

דער מענטש, וואָס קומט אַ לעבעדיקער פון סטאַלינס מדינה, האָט אַלץ פאַר־לאָרן אין זײַן אַלטער היים, זײַן פרוי, זײַן קינד און אַפילו זײַן פּראָפעסיע ווי אַ לערער — נישטאָ קיין ייִדישע קינדער מער...

ער פאָרט אין אַ געפּאַקטן פראַכט־וואָגן אַהיים. און מיט אים פאָרן אויך פּאָ־ליאַקן, סאַמאָראָדנע פּאָליאַקן. זײַנען די פּאָליאַקן גליקלעך. זיי פאָרן אַהיים... זיי פאָרן אָבער צוזאַמען מיט רעשטלעך פון ייִדן. ווײַזן זיי אַרויס זייער גראָבן, סם־המוותדיקן אַנטיסעמיטיזם.

אין אַ וואַגאָן פאָרט אַ שטיק אַמאָליק פוילן. פאַר די פּאָליאַקן איז גאָרנישט געשען. עס איז עפּעס יאָ געשען, אָבער דאָס וואָס עס איז אויס מיט ייִדן אין פוילן קאָמפּענסירט הפנים אַלץ...

און זיי פאָרן אין אַ קאָמוניסטיש פוילן...

דער ייִדישער לערער האָט איין אַדרעס אין וואַרשע, איין אַדרעס פון אַ לעבע־דיקער ייִדישער פרוי. קומט ער צו איר, איז ער בײַ איר אַ גוטער גאַסט, אַ צו גוטער גאַסט, אַ צו אַנגעלייגטער גאַסט...

די פרוי האָט שוין באַוויזן אײַנצואָרדענען זיך אין דער חרובער וואַרשע. זי האָט אַ גוט געשעפט, אַ שיינע דירה, און זי האָט געוואַרט אויף אים...

ער קומט ווי אַן אָבל און דאָ וואַרטן אויף אים די אָפענע אָרעמס פון אַ פרוי... פילט ער זיך שלעכט, ער איז עפּעס אַרײַנגעפאַלן אין אַ פלאָנטער גלײַך ווי

ער איז געקומען אין זײַן חרובער היים. ביז ער באַגעגנט אַ חברטע, אַ לערערין, אַ קאַלעגין. זי קומט פון נידערשלעזיע, זי איז דאָרט אַ לערערין, זי רופט אים אַהין. מען דאַרף אים דאָרט האָבן ווי אַ לערער און ווי אַ חבר...

און ער זאָגט צו צו קומען. און ער פאָרט אַוועק.

אַ מאַן־און־פרוי פאַרטשעפעניש.

נאָך עלעגאַנטער איז די דערציילונג „די דאַמע פון קופע".

אין אַ קופע באַגעגענען זיך אַ מאַן און אַ פרוי. די פרוי איז עלעגאַנט, שיין. אָבער זי איז אַן אָפּגעגנאַרטע און אַנטוישטע אין ליבע... אַ מאַן, ווי אַלע מענער, האָט איר פאַרראַטן.

אָבער בײַם צעשיידן זיך רעדן זיי פון דעסט וועגן אָפּ צו באַגעגענען זיך, צו אָפּרופן זי. ער דער מאַן דאַרף עס, פאַרשטייט זיך, טאָן.

טוט ער עס, דערפרייט זי זיך מיט אים דורכן טעלעפאָן, פאַרשטייט זיך. און אין אַ קורצער צײַט אַרום רופט זי אים אָפּ און לאַדט אים אײַן צו גיין אין טעאַטער, אָבער ער זאָל קויפן בלויז איין בילעט, בלויז איין בילעט פאַר זיך. טוט ער עס. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף און ער דערזעט זײַן באַקאַנטע פון קופע; זי שפּילט די אָפּגענאַרטע, די אַנטוישטע פרוי, זי שפּילט מיט לײַדנשאַפטלעכן צאָרן...

הכּלל — זיי ווערן פרײַנד, שוין גאָר גוטע פרײַנד. זי שפּילט שוין איצט אַן אַנדער ראָלע, די ראָלע פון אַ פאַרליבטער פרוי. זי שפּילט די ראָלע אויף דער סצענע אַזוי גוט ווי אין לעבן...

און אַזעלכע שפּילעוודיקע זײַנען די אַנדערע דערציילונגען.

אָבער אַ קליינע אָפּטיילונג פון יידישע דערציילונגען זײַנען דאָ אין בוך, זײַנען די יידישע דערציילונגען ערנסט און איבערגעלאָדן מיט טראַגישן און דראַמאַטישן אינהאַלט.

יידיש לעבן איז הפּנים נישט קיין שפּילעכל... אַפילו דער הײַנטיקער ייד ווען ער קומט צום אַלט־גרויען יידישן לעבן וואַרפט ער אַוועק זײַנע וועלטלעכע מאַניערן און זײַן ראַפינירטע שטיפערישקייט. ער ווערט אַ ייד, אַ ייד מיט אַ שווערן עול אויף זיך. דער וועלטלעכער ייד לעבט צווישן צוויי וועלטן, אָדער אין צוויי וועלטן, אין אַ פרעמדער שטיפערישער וועלט און אין אַן אייגענער וועלט פול מיט דראַמעס און טראַגעדיעס. און אין דער יידישער וועלט איז אַברהם זאַק גאָר אַן אַנדערער.

האָט איר אַ דערציילונג „די לעצטע סוכה". ישראל־מאיר דער מלמד האָט געהאַט איין מצווה, וואָס ער האָט זי געטאָן טאַקע בכל לב ונפש, און דאָס איז געווען די מצווה פון בויען אַ סוכה. יאָרן און יאָרן פלעגט ער ממש אָפּלעבן ווען ער האָט געבויט אַ סוכה.

און אָט ווערט ער אַלט, די פרוי אויך, און זי, די פרוי, שטאַרבט. און ער ווערט אויך שוואַך, אַזוי שוואַך אַז ער קען קיין סוכה נישט בויען, נישטאָ

קיין כוחות. נעמט אים אַ מלמד צו זיך אין סוכּה. אָבער דאָס איז געווען דער לעצטער סוכּות בײַ רבי ישראל־מאירן.

און אַט איז אַ מעשה מיט יואל דעם שוחט, וואָס ווערט אַלט, בלײַבט אַליין אויף דער וועלט, ווערט אים שלעכט. פאַר וואָס שטראָפט אים גאָט? פרעגט ער, איז ער מפשפש במעשיו. יאָ, די שוחטערײַ איז אַ גרויסע זינד. ער טוט דאָך און רײַסט איבער לעבנס. עס איז דאָך דאָ אין דער הגדה — ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט לשוחט, איז געקומען דער קדוש־ברוך־הוא און האָט געשאָכטן דעם שוחט, וואָס האָט געקוילעט דעם אָקס...

און ער הערט אויף שעכטן, און ער שטאַרבט אײנער אַליין אין זײַן שטיבל...

און אַ מעשה מיט אַן אַלטן קרעטשמער. אים ווערט שווער דער דאָרף מיט די גוים אַרום. ער פאָרט אין שטאָט, זײַן צווישן ייִדן. אָבער עס קומט דער טויט און ער הייסט אים שטאַרבן דווקא אין דאָרף...

יאָ, אַלטקייט און טויט זײַנען די טעמעס פון די ייִדישע דערציילונגען. אַלט־קייט, בענקעניש נאָך באַהעפטיקונג מיט רבונו־של־עולם און תשובה...

וואָס פאַר אַ מהלך עס ליגט צווישן אַברהם זאַק׳ס וועלטלעכע דערציילונגען און צווישן די ייִדישע. די וועלטלעכע זײַנען עפּיקורייאיש, הפקרדיק, הייס, זינדיק בלוט דיקטירט אַלץ. און די ייִדישע זײַנען אַזוי פול מיט מיסטישער דראַמאַטיש־קייט, אַזוי פול מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַזוי פול מיט תשובה...

דער זעלביקער מחבר. אָבער ווי פאַרשיידן ער איז אין די וועלטלעכע דער־ציילונגען! ממש ווי צווי מענטשן וואָלטן געשריבן די דערציילונגען. צווי מענטשן, וואָס האָבן גאָר קיין שום געמיינשאַפט נישט צווישן זיך. אָבער עס איז איין מענטש.

און דער מענטש איז אַ ייִד. און אַ ייִד לעבט און קען לעבן אין צווי וועלטן, אין צווי סותרדיקע און ווידערשפּרעכנדיקע וועלטן.

און ער איז היימיש אין בײדע וועלטן. ממש ביז אומהיימלעכקייט היימיש אין די צווי וועלטן איז דער ייִד.

דאָס האָט דער גלות געמאַכט פון אונדז. ער האָט אונדז צעהאַלבט, צעצווייט, צעדריטלט און צעפערטלט...

יאָ, „די דאַמע פון קופּע", אַן אַקטריסע, און ר׳ יואל שוחט...

צווי ווײַטע איינע פון דער אַנדערער וועלטן, און דער מחבר איז אײנער — אַברהם זאַק...

II

אַ שרײַבער אין אַ רויטן קאָנצענטראַציע־לאַגער

דאָ האָט איר אַ גיהנום, וואָס מענטשלעכע גאולה־ברענגערס האָבן געשאַפן אויף אונדזער ערד.

הפּנים, אַז מענטשן זײַנען די גרויליקסטע בעסטיעס. און בעסטיעס ווערן זיי דווקא ווען זיי האָבן אַן אידעאַל, אַ אידעאַל פון טאָטאַלער גאולה.

האָט מען מענטשן געגעבן אַ רעליגיע, וואָס האָט אָנגעזאָגט — לא תרצח — דו זאָלסט נישט מאָרדן! און דווקא אין נאָמען פון דער דאָזיקער רעליגיע האָט מען אויסגעמאָרדעט מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן און מען האַלט אין מאָרדן עד־היום הזה...

די רעליגיע פון לויטער ליבע, די קריסטלעכע רעליגיע, האָט געטאָן און געפּרעדיקט שנאה און ממילא מאָרד. — פאַר צוויי טויזנט יאָר טוט די רעליגיע פון לויטער ליבע — און מאָרדעט. און כסדר אין נאָמען פון גאָט, וואָס האָט אָנגעזאָגט אין זײַנע צען הויפּט־געבאָטן — לא תרצח!

זײַנען געקומען נײַע דערלייזערס און האָבן מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז די געטרײַע דינערס פון גאָט טוען און מאָרדן, טוען און דריקן און פּײַניקן מענטשן, פּונקט פאַרקערט ווי גאָט האָט געבאָטן.

זײַנען זיי געקומען מיט נײַע ישועות פאַר די געקריוודעטע, פאַר די באַעוולטע און פאַר די, וועלכע לעבן אין דחקות, אין פינצטערער נויט און אין דלות מיט אמתע ישועות. און זיי האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצונעמען אַ טייל פון דער וועלט און קיניגן איבער איר.

אָבער עס איז דורכגעגאַנגען אַ גאָר קורצע צײַט און זיי, די נײַע פּרעדיקערס פון אַ נײַער, בעסערער און גערעכטיקערער אמונה, זײַנען געוואָרן די גרויסע מערדערס. מיליאָנען מענטשן האָבן זיי אומגעבראַכט. און מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן האַלטן זיי אין אַכזריותדיקער שקלאַפערײַ, אין הונגער, אין עלנט און אין שמוץ.

אין צווייטן בענד, אויף 700 זײַטן, דערציילט אַברהם זאַק, אַ דיכטער און אַ קלאָרער און שאַרפער פּראָזע־שרײַבער, זײַנע איבערלעבונגען אין אַ קאָמוניסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט זיך געראַטעוועט פון דעם מערדער היטלער און איז אַרײַנגעפאַלן גלײַך אין די מערדערישע אָרעמס פון סטאַלין. סטאַלין האָט אויסגעקאָכט אַ ספּעציעלע סאַדיסטישע פּאָליציי, אַ פּאָליציי וואָס מאַטערט, פּײַניקט און מאָרדעט מענטשן, ווי מען מאָרדעט זלידנע פליי. נ. ק. וועדיסטן הייסן זיי, די מענטשן פון דער דאָזיקער שרעקלעכער פּאָליציי.

פאַר וואָס האָט מען פאַרשיקט אַברהם זאַקן אין די ווײַטע, קאַלטע וויסטענישן? אַברהם זאַק קען אַליין נישט געבן קיין קלאָרע תשובה. ער איז געלאָפן פון פּוילן פון אַ פּײַנטלעכער מדינה, צו דער קאָמוניסטישער מדינה. הייסט עס — ער איז אַ בירגער פון אַ פּײַנטלעכער מדינה, איז ער שוין ממילא אַ שפּיאָן, אַ שונא פון דער קאָמוניסטישער מדינה. דערצו האָט סטאַלין געשלאָסן אַ פרײַנדשאַפט מיט היטלערן, דאַרף ער אויך דינען מיט עפּעס זײַן פּאָליטישן פרײַנד... דאָס איז די אײַנגעשטעלטע לאָגיק סטאַלינס.

און ער לאָזט עס אויספּרובירן — ער לאָזט וויסן דורך זײַן פּאָליציי, אַז ווער פון די פּליטים וויל פאָרן צוריק קיין פּוילן, צו זייער נישט־קאָמוניסטישן פאָטערלאַנד, זאָל זיך רעגיסטרירן, און ער וועט קענען פאָרן אַהיים. דער גרעסטער טייל

פון די פּליטים האָבן איבערגעלאָזט זייערע משפּחות אין פּוילן, צווישן זיי אויך אַברהם זאַק. האָט ער זיך רעגיסטרירט...

און ער איז גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין סטאַלינס פּאַסטקע — ער וויל פאָרן צוריק קיין פּוילן — איז ער נישט קיין שפּיאָן? און אָנשטאָט צו לאָזן אים פאָרן צוריק קיין פּוילן, האָט מען אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט די טויזנטער און טויזנטער אַנדערע רעגיסטרירטע. און אָן אַ משפּט איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אויף פינף יאָר קאַטאָרגע. מען האָט אים פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אין די ווײַטע, קאַלטע מדבריות ערגעץ, וואָס דאָס גרויסע „מוטערל רוסלאַנד" פאַרמאָגט. דאָרט, אין די ווילדע וועלדער האָט מען צוזאַמענגעקלאַפּט שטעט גאַנצע, וואָס באַשטייען פון באַראַקן פאַר די קאַטאָרזשניקעס. דאָס מעבל אין די באַראַקן זײַנען בלויז „נאַרעס", נאַקעטע בענק צום שלאָפן. שלאָפן מוז דער קאַטאָרזשניק אויף די נאַקעטע ברעטער; קיין קישנס, ס'רוב קיין „שעניקעס", נאַקעטע ברעטער — אויף זיי מוזן שלאָפן די לאַגערניקעס נאָך אַ טאָג פון 16 שעה און אַ מאָל נאָך מער אַרבעט אין וואַלד. הכלל, דאָס זײַנען די באַקאַנטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַרשיקט מען אויך פּשוטע פאַרברעכערס, מערדערס, גנבים, סאַבאָטאַזשניקעס צוזאַמען מיט די פּאָליטישע. זײַנען די פּשוטע גנבים און מערדערס די יחסנים אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די סאַמע נחת־דרגאַדיקע פאַרברעכערס זײַנען די פּאָליטישע פאַרברעכערס. די „נאַטשאַלסטוואָ" אין די לאַגערן זײַנען די פּשוטע פאַרברעכערס.

די פּאָליטישע פאַרברעכערס געטרויט מען נישט... געוועלטיקן אין די לאַגערן פאַרברעכערס, זיי זײַנען די שוטרים און נוגשים אין די לאַגערן. זיי איזדיעקעווען זיך עס איבער די פּאָליטישע פאַרברעכערס, וואָס באַשטייען פון לויטער אינטעלי־גענטן — נעכטיקע פּראָפעסאָרן, נעכטיקע שרײַבערס, נעכטיקע פאַרזינדיקטע פּאַרטיי־מענטשן, וועלכע מען האָט דערקלערט פאַר „טראָצקיסטן", פאַר „שונאים פון פאָלק" אַאַז"וו.

הערט זיך כסדר דאָס גנבים־לשון פון די אויסוואורפן, וואָס געוועלטיקן. דאָס וואָרט „בליאַד" (זונה) ווערט געברויכט בײַ יעדער געלעגנהייט, כאָטש קיין פרויען זײַנען נישטאָ אין יענעם לאַגער. און זיי באַשטראָפן מיט הונגער, ווען נאָר עס פאַלט זיי אײַן. מען אַרבעט הונגעריקע אין די גרויסע קעלטן. פון הונגער באַקומט מען אַ קראַנקייט ווי „צינגאַ" (די ציין פאַלן אַרויס און דאָס מויל בלײַבט ליידיק), לונגען־אָנטצינדונג, טיפוס און אַזוי ווײַטער. דער טויט האָט אין די לאַגערן אַ פרײַע האַנט...

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ שפּיטאָל, מיט דאָקטוירים, פאַרזינדיקטע פאַרשטייט זיך. אָבער דער בית־עלמין וואַקסט אויף די אויגן.

אייגנטלעך איז גאָר קיין בית־עלמין נישטאָ, נישטאָ קיין מצבות און נישטאָ קיין באַזונדער פּלאַץ פאַר די געשטאָרבענע —

אָבער אַלע ווייסן, אַז זיי טרעטן אויף בית־עלמינס...

***

און די גרוילעכע אַכזריות און גלומעניש איבערן מענטשן איז גיהנומיש אָרגאַניזירט — זי אַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ גוטן כראָנאָמעטער.

עפּעס אַ פּינצטערע שנאה, אַ צינישער ביטול און חיהשער סאַדיזם אַרבעטן אין אַ גרויליקער האַרמאָניע. דער צוועק איז צו צעברעכן דעם מענטשן גײַסטיק און פיזיש, און דערפירן אים צו אַ הינטישן טויט...

און געקומען זײַנען די קאָמוניסטן נאָר צו ראַטעווען דעם מענטשן פון אַכזריותדיקער עקספּלואַטאַציע. צו אויסלייזן אים און צו געבן אים זײַן מענטש־לעכע ווערדע, זײַן שטאָלץ און זײַן אָרט, וואָס אים קומט אין לעבן...

אַברהם זאַק גיט אײַך ממש אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון די רויטע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן —

נישטאָ קיין שרײַבערישע חנדלעך דאָ. עס איז ממש פּראָטאָקאָליש. איר זעט דעם שרעקלעכן פּײַן פון דעם מענטשן. איר זעט ווי ער ווערט צעבראָכן סיסטע־מאַטיש; איר זעט ווי ער פאַרלירט אין אַ קורצער צײַט דעם צלם אלקים, ער ווערט אַ שמוציקע, קראַנקע און הונגעריקע חיה.

זײַן אַרבעט, וואָס איז ביליק — עס קאָסט אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל וואַ־סער, זוכט מען אַרויסצובאַקומען מיט אַלע מיטלען. ביז ער ווערט צעבראָכן אין גאַנצן, ביז ער שטאַרבט, דאַן לאָדט מען אים אָן אויף אַ וואָגן מיט אַנדערע טויטע און מען באַגראָבט אים. אַפילו קיין ברעטל מיט זײַן נאָמען שטעלט מען נישט אַוועק, אָט ריכטיק ווי אַ לאַסטפערד איז געפאַלן. און נישטאָ קיין יחסנים בײַ די קאָמוניסטן.

אַברהם זאַק געפינט דאָרט די פּרוי פון דעם ערשטן קאָמוניסטישן דיפּלאָמאַט יאָפע, וואָס האָט געשלאָסן דעם בריסקער שלום־אָפּמאַך צווישן דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז נאָך געווען אין די קינדער־יאָרן פון קאָמוניזם, פון קאָמוניזם אונטער לענינען. די פּרוי פון דעם ערשטן קאָמוניסטישן דיפּלאָמאַט האָט געאַרבעט אין אַ לאַגער־קאַנצעלאַריע. זי האָט עפּעס געוואָלט טאָן צו פאַרלײַכטערן די לאַגע פון דעם ייִדישן שרײַבער אַברהם זאַק. אָבער זי האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן.

אַברהם זאַק באַקענט זיך אין לאַגער מיט אַ סך ייִדישע און רוסישע אינטע־ליגענטן — ער באַגעגנט זיך מיט אַ ייִדישן פּראָפעסאָר פון לענינגראַד. ער דער־וויסט זיך, אַז נישט ווײַט פון זײַן לאַגער איז פאַרשיקט און אַרבעט עבודת־פּרך ווי אַ „קאָניוך" דער זייער טאַלאַנטפולער ייִדיש־רוסישער שרײַבער איסאַק באַבעל. ער פאַרנעמט זיך, הייסט עס, מיט די פערד, וואָס געהערן צום לאַגער.

***

דער גורל האָט געוואָלט אַז אַברהם זאַק זאָל אַרויס אַ לעבעדיקער פון סטאַ־לינס קאָנצענטראַציע־לאַגער.

און דאָ זעען מיר, אַז נישט בלויז אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט געקיניגט דער אָפענער, אומפאַרשעמטער ציניזם צו אַלץ און צו אַלעמען. דער ציניזם איז

נאָך שאַרפער, אומפאַרשעמטער אין דער וועלט־פּאָליטיק, וואָס סטאַלין האָט גע־פירט. עס איז געווען די צײַט, ווען סטאַלין האָט זיך געברידערט מיט היטלערן. קיין שפּרינקעלע האָט נישט געטאָרט פאַלן אויף היטלערן און זײַנע מעשים. די צוויי פּאָליטישע חברים האָבן לכתחילה געוואָלט אַרײַננאַרן איינער דעם אַנדערן אין זאַק אַרײַן. אָבער היטלער האָט זיך מקדים געווען — אין סאַמע מיטן פון זײַן פרײַנדשאַפט מיט סטאַלינען איז ער באַפאַלן רוסלאַנד. די גאַנצע קאָמוניסטישע געבײַדע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווי אַ ליאַלקע־הײַזל. האָט זיך סטאַלין געוואָרפן אין די אָרעמס פון די אַליירטע: פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך און די אַנ־דערע, און איז געוואָרן אַ גלײַכער שותף מיט זיי אין קריג מיט היטלערן. פּוילן, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון היטלערן, איז אויך אַרײַנגענומען געוואָרן צווישן די פאַרבינדעטע.

אין דעם נײַעם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג פון פּוילן אין לאָנדאָן איז אַרײַן אַ פּונקט וועגן רעפּאַטריאַציע. דאָס הייסט, אַז אַלע פּוילישע בירגער ווערן באַ־פרײַט און ווערן צוריקגעשיקט קיין פּוילן. און אַזוי איז געהאָלפן געוואָרן אַברהם זאַק און אַ סך אַנדערע פּוילישע בירגער, סײַ פּאָליאַקן, סײַ ייִדן. אין אַ הרף־עין ממש איז פּוילן געוואָרן אויס פאַשיסטישע מדינה — זי איז געוואָרן אַ פאַרבינדע־טע פון דעם קאָמוניסטישן לאַנד.

און אין דעם זעלביקן הרף־עין זײַנען די פּוילישע בירגער, וואָס זײַנען גע־לאָפן פון היטלערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, געוואָרן אויס שפּיאָנען. דאָס האָבן זיי געשוואָרצט די גרענעץ צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און פּוילן, מיט דעם איינציקן צוועק צו שפּיאָנירן פאַרן פאַשיסטישן פּוילן.

און אין אַ הרף־עין זײַנען זיי געוואָרן פרײַע מענטשן און קענען פאָרן צוריק קיין פּוילן. — אַדרבא! אויב זיי ווילן קענען זיי בלײַבן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

נעכטן האָט מען זיך געהאַלדזט מיט היטלערן. און איצט האַלדזט מען זיך מיט היטלערס שונאים. און אַלץ ווערט געטאָן מיט דעם זעלבן ליגנערישן פּאַטאָס, מיט דער זעלבער פּסולער פײַערלעכקייט און כלומרשטן טיפן גלויבן...

***

די לעבן־געבליבענע ייִדיש־פּוילישע בירגער זײַנען פרײַ געוואָרן. אָבער קיין פּוילן האָבן זיי נישט געקענט פאָרן — דאָרט האָט געוואַרט אויף זיי דער טויט פון די היטלער־מערדערס.

יאָ, פיל איז געשריבן געוואָרן וועגן דער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד און פיל וועט נאָך געשריבן ווערן. אָבער אַברהם זאַק׳ס צוויי ביכער וועלן זיך כסדר אויסטיילן. זיי זײַנען ממש האַנטביכער, ווער עס וועט וועלן האָבן גענויע ידיעות, געשריבן קלאָר און צום פּונקט, ידיעות זאַכלעכע, אויטענטישע און אָביעקטיווע אַפילו, וועט זיך מוזן ווענדן צו די דאָזיקע צוויי ביכער, צו אַברהם זאַק׳ס ביכער.

מען האָט געשריבן שאַרפּערע, ביטערערע און צאָרנדיקערע ביכער. אָבער עס פעלט כסדר אין די טויזנטער ביכער רויִקע, זאַכלעכע אויספירלעכקייט.

אַברהם זאַק איז זיכער אַוועק פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד אַ צעבראָכענער פיזיש. ער טראָגט מיט זיך נאָך בלוטנדיקע ווונדן, וואָס וועלן זיך אפשר קיין מאָל נישט פאַרהיילן.

און נאָך גרעסער זײַנען די גײַסטיקע ווונדן. ווײַל אויף דער נשמה פון מענטשן זעצן זיך אָן די קאָמוניסטן שטאַרקער און —

זייער הויפּטצוועק איז — אַנטמענטשן דעם מענטש. דאַרף מען פאַרקריפּלען די נשמה אויף אייביק.

און זיי, די קאָמוניסטן, זײַנען מוראדיקע בריהס אין דעם דאָזיקן ספּעציעלן פאַך.

און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלץ האָט אַברהם זאַק אין זײַן שרײַבן וועגן זײַנע איבערלעבונגען אין דעם קאָמוניסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אָפּגעהיט, ווי מעגלעך, אַ היפּש ביסל אָביעקטיווּיטעט. און דער עיקרשט — עס איז נישטאָ קיין היסטערישקייט אין זײַנע צוויי ביכער. און דאָס מאַכט זײַנע ביכער נישט סתם ביכער פון אַ קרבן, נאָר ביכער פון עפּעס אַ זײַטיקן באַאָבאַכטער. ער קען זיך אַליין אַפילו באַאָבאַכטן.

אין די צוויי ביכער פירט אַברהם זאַק דורך פאַר אײַך אַ גרויסע גאַלעריי פון מענטשן. זעט איר די מענטשן. איר הערט זייער מאַקאַברישן הומאָר. עס איז אַ שרעקלעכער הומאָר.

עס איז אַ הומאָר, וואָס חוזקט פון זיך אַליין. — דער מענטש איז דאָך געוואָרן אויס מענטש. — ער איז טאָטאַל אַנטמענטשט געוואָרן, איז זײַן הומאָר אַ תליה־הומאָר. ער גופא קוקט אויף זיך און לאַכט פון זיך אַליין.

דער אַנטמענטשטער מענטש מאַכט שלום מיט זײַן אוממענטשלעכער לאַגע. וועגן קיין ערנסטן שלום מיט דעם גורל קען דאָ קיין רייד נישט זײַן. אָבער דער מענטש אין לאַגער פילט ווי ער ווערט אַנטמענטשט און ער ווערטלט זיך אויף זײַן אייגענעם חשבון...

גאַנץ רוסלאַנד איז אייגנטלעך אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. צוויי הונדערט מי־ליאָן מענטשן לעבן אין דעם גרויסן לאַגער. צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן זעען די גאַנצע אײנגעווייד פון קאָמוניזם טאָג־אײַן, טאָג־אויס. אַפילו דער וואָס לעבט הײַנט זאַט און שלאָפט הײַנט אויף אַ ווייך בעט, ווייסט, אַז ער וועט מאָרגן פאַר־שפּאַרט ווערן.

און דאָס איז די גרויסע, די אמתע גאולה...

כאַ־כאַ־כאַ...

(„טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 1957)

אפרים אויערבאַך

I

אַברהם זאַק

ס'איז אַ נחת צו רעדן פון אַ פרײַנד, וואָס אינאיינעם האָבן מיר געשטעלט די ערשטע וואַקלדיקע טריט אין דער ייִדישער פּאָעזיע. נאָר אָנהייבן וויל איך פונעם לעצטן, — פונעם אָנהייב אונדזערן אין וואַרשע, און אין דעם איז שוין דאָ אַ קימאַ־לן פון העכער זעכציק יאָר. זאַק איז געקומען פון דער ליטע מיטן בינטל יוגנטלעכע לידער זײַנע. איך בין געקומען פון בעסאַראַביע מיט מײַן בינטל לידער. אַנדערש איינער פון אַנדערן זײַנען מיר געווען, — אַנדערש אין געמיט, אַנדערש אין ליד, — אָבער פאַרבונדן האָט אונדז די יוגנטלעכע פרייד פון דערשפּירן דאָס וואָרט, פון הערן דעם אייגענעם וואָרט־קלאַנג און בכלל דער חלום פון ווערן, ווערן, ווערן.

מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער חלום בײַם מענטשן איז דער חלום פון ווערן. עפּעס לעבט ער דעמאָלט איבער, אַז ער ווערט אײַנצונעמען די וועלט, און וואָסער יונגער מענטש קומט נישט אײַננעמען די וועלט? אַברהם זאַק, ווי איך געדענק אים פון יענער צײַט, איז געווען אַ פאַרחלומט בחורל, אַ שעמעוודיקס, נאָר עפּעס איז שוין געווען אין אים אַ מין שרײַבעריש באַוווסטזײַן, וואָס מיר איז עס נאָך געווען פרעמד. ווי יונג ער איז געווען, האָט ער שוין געטראָגן אויף זיך שרײַבערישע ווערדע, וואָס איך האָב זי אים מקנא געווען, נאָר איך האָב זיך צו איר נישט געקענט אַרויפאַרבעטן.

מילא, דערציילן פון די יוגנטלעכע עסקאַפּאַדעס איז דאָ נישט דאָס אָרט און נישט איצטער איז די צײַט. איין זאַך, אַברהם זאַק איז געווען דער ראָמאַנטיקער צווישן אונדז, כאָטש ער האָט געהאַט אַ ניכטערנעם קאָפּ, — איך וואָלט געזאָגט אַ ליטווישן. דער ראָמאַנטיזם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע לידער, אין דער גאַנצער פּירעכץ זײַנער. נאָך דאַכט זיך מיר, אַז אָנגעשפּאַרט האָט ער זיך אויף די עלטערע אין דער ליטעראַטור אונדזערער, האָט זיך געפילט ווי ער איז דער יורש זייערער. אינעם גאַנצן פּאָעטישן גאַנג זײַנעם איז דער דאָזיקער שטריך געבליבן: אַ ראָמאַנטישער קלאַסיציזם, וואָס גייט אַלע מאָל מיט אַ גלײַכער פּאָעטישער ליניע, וואָס האָט דאָס באַוווסטזײַן, אַז ער האָט באַלד געפונען דעם וועג זײַנעם און אויף אים גייט ער מיט דער פולער פּאָעטישער זיכערקייט.

אַברהם זאַק איז זינט יענע יאָרן דורכגעגאַנגען דעם וועג פון אונדזער פאָלקס־פּײַן, פון יחידישן און נאַציאָנאַלן צער. ער איז אָבער געבליבן דער פאַרעקשנטער ראָמאַנטיקער, אַפילו אַז אַ סך לידער זײַנען בײַ אים דאָ, וואָס אויבנאויף זײַנען

זיי אַנדערש. עפּעס איז דאָ אַ מין גאַלאַנטקייט אין זײַנעם אַ ליד. אין אַ ליד פון די דרײַסיקער יאָרן זאָגט ער: „איך וויל אַנטלויפן פון אַלץ, וואָס דערמאָנט מיך אין טויט". און גראָד אים איז דער טויט נאָכגעלאָפן. ער איז געגאַנגען מיטן טויט, אָבער אין די לידער שפּירט זיך אַלץ, אַז ער וויל פון אים אַנטלויפן, — נישט פיזיש, נאָר פּסיכיש. אין איינעם פון זײַנע לידער פון די יאָרן פֿײַן זאָגט ער:

טאָמער וועל איך פאַלן
אונטער האַק און זעג, —
זון, דורך דײַנע שטראַלן
כ'גריס מײַן היימיש' ברעג.

אַנדערע פּאָעטן האָבן, „אונטער האַק און זעג", אויפגעהערט צו גלייבן אין דער זון, אָבער זאַק גלייבט נאָך אַלץ, אַז די זון, „דורך אירע שטראַלן", וועט גריסן דעם היימישן ברעג זײַנעם. און אין צענדליקער לידער רעדט ער און זינגט פון דעם היימישן ברעג, פון דער היים און דעם שטעטל און זינגט קלאָגעריש, וואָס קיין מאָל וועט ער זיי נישט שוין זען. איז אין דעם דאָ נישט קיין סענטימענטאַל־קייט, נישט קיין פּאָעטישע באַגרענעצטקייט, נאָר דער ראָמאַנטישער פּאַטאָס פון אַ פּאָעט, וואָס וויל נאָך אַלץ צוריקקומען צום ברעג, וואָס פון אים האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט שווימען איבער די צעשטורעמטע מאָרד־וואַסערן פון אונדזער צײַט.

אַברהם זאַק איז פול מיט טרויער אין זײַנע לידער, אַפילו אין די לידער פון פאַרן חורבן וואָס ער איז אים יחידיש דורכגעגאַנגען. אָבער דער טרויער זײַנער איז אַן אָפּטימיסטישער, אין תוך איז ער אַ גלייביקער פּאָעט. ער, וואָס זאָגט אויף זיך, אַז

איך האָב געירשנט פון די פעלדער דײַנע שטילע
דאָס שווײַגן, וואָס עס ליגט צעשפּרייט אויף זיי, —

די ליטווישע פעלדער, וואָס ער באַמאָלט זיי אויף אַזאַ ראָמאַנטיש־קלאַסישן אופן, — ער האָט אין שווײַגן זײַנעם אַרײַנגעשוויגן אַ טיפן אָפּטימיזם. אַזוי לייענען מיר בײַ אים לידער, וואָס געשריבן האָט ער זיי שוין נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד, וואָס דער טרויער וויינט אין זיי, נאָר פאַרט שפּירט איר אין זיי אַ מין באַהאַלטענעם אָפּטימיזם. אַזוי אין דאָס ליד „דער דופט פון עבר", ווו ער זאָגט:

הער דופט פון עבר איז צו מיר דערגאַנגען
אויף אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן, גרינעם פעלד.
עס האָט אַ קאָרנבלימל צווישן העלע זאַנגען
אַ ווײַז־געטאָן פאַר מיר מײַן טויטע, ליבע וועלט.

דאַכט זיך, אַז דאָס פרעמדע, אומבאַקאַנטע פעלד האָט אים צוריקגעבראַכט די טויטע וועלט זײַנע, אָבער דער אופן, ווי ער באַמאָלט דאָס פעלד, ווי „בונטער שמעטערלינג איז העל פאַרבײַגעפלויגן", די גאַנצע גאַמע פון קאָלירן און קלאַנגען זײַנען בשום אופן נישט פון קיין טויט, נאָר פון לעבן און טיפן גלויבן אין לעבן.

אַפילו אינעם וווּנדערלעכן ליד „קדושים“, ווו ער זינגט פון די אומגעקומענע, איז אויך דאָ אַ באַזונדער ליכטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זאַקן. וואָרעם מיר קענען נישט דערגיין ביזן סאַמע דנאָ פון פינצטערניש, ווען

אַלע פייגל זינגען־אויס אַ טרויעריקן קדיש,
אַלע וועלהער רוישן אין אַ יאָמערדיק געוויין...

אמת, אין איין צוויי־סטראָפיקן ליד זאָגט ער, אַז ער גלייבט נישט מער דער זון, אָבער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, געטרויט ער איר דאָס שליחות צו גריסן פון אים דער היים זײַנער. אַן אויסערגעוויינטלעך ליד איז דאָ בײַ אים, „עלעגיע“, ווו ער זאָגט, אַז עס איז שוין „אַ סוף צום וווּנדערשיינעם, אויסטערלישן שפּיל“ און וואָס קען זײַן טרויעריקער פון אַזאַ איבערלעבונג? אָבער אין דער צווייטער סטראָפע זאָגט ער:

גיי טענה צום רעזשיסער און זײַן רעזשיסירן,
פאַר אָט דעם קורצן שפּיל אַזוי פיל רעקוויזיט:
אַ הימל און אַן ערד, מיט ימים און יבשה,
מיט באַרג און טאָל, מיט בוים און בלום, מיט פויגל־ליד.

איז דאָס נישט געווען, זאָגט ער נאָך ווײַטער:

מיט שיינקייטן צעוואָרפן איבער שטעט און לענדער,
מיט רייץ פון זון און שטערן, ליבע און געזאַנג...

גלייבט איר מער דער אינערלעכער פריידיקייט, וואָס איר שפּירט אין די שורות, ווי דעם טרויער פונעם סוף צו דעם לעבנס־שפּיל. בפרט נאָך, אַז אין אַן אַנדער ליד זאָגט ער שוין מיטן פּאָעטישן אויסדרוק, אַז

ס'איז אייביק דאָ אַן עפּעס, וואָס פאַרבלענדט, באַרוישט;
וואָס גיט אַ העלע, ראָזע פאַרב דײַן טריבן זײַן,
אַפילו ווען דו טרינקסט זיך אינעם תהום פון לײַד,
אַפילו ווען דו ברענסט אין גיהנומדיקן פּײַן...

דער „אייביק דאָ אַן עפּעס“ איז אַברהם זאַקס פּאָעטישער תוך, כאָטש אַרויס־געקומען איז ער איינער פון די טרויעריקסטע פּאָעטן אונדזערע. אַז ער זאָגט: „געבליבן די שטילע, די הייליקע שעה“, און דאָס איז די שעה פון אונטערגאַנג, די שעה פון כליון, אָט די שעה איז בײַם פּאָעט „די שטילע, די הייליקע שעה“. און אַזאַ שעה איז שוין נישט דורכאויס פינצטער, זי פאַרמאָגט שוין אין זיך טיף אינערלעך ליכט. און אין אַן אַנדער ליד, — אויך פון לעצטיקייט אויף דער וועלט, — זאָגט ער:

דו ווילסט אַלץ אײַנשלינגען: דעם בלוי, די זון, דעם עטער,
דעם טונקעלן וואַלד, דאָס בונטע פעלד, די גאָלד'נע זאַנג,
די שוואַלבן־שניר אין לופט, דעם שטילן שאָרך פון בלעטער,
ווי ס'וואָלט געווען אַ לעצטער גאָב, וואָס דויערט שוין נישט לאַנג.

שפּירן מיר זיך אַרײַן אין די שורות, שפּירן מיר אַרויס פון זיי דעם טיפן פּאַטעטישן גלויבן, וואָס אַברהם זאַק איז איינער פון די געציילטע, וואָס פאַרמאָגט אים.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר אים דאָס ליד „אין אוזבעקיסטאַן", וואָס אָנגעשריבן האָט ער עס אין טאַליסאַפּעט, הינטער בוכאַרע. אַ פּאָעט ווערט פאַרוואָרפן אין אַ געגנט, וואָס נישט ער און נישט קיין אַנדער ייִד האָט זיך נישט אויסגעמאָלט, אַז ער וועט דאָרטן זײַן. ער הונגערט, ער איז עלנט, ער לעבט־איבער די שפּירונגען פון ייִדישן חורבן אין פּוילן, און וויפל גלויבן, וויפל מענטש־ליבשאַפט אינעם ליד איז דאָ. איז די ליבשאַפט אינעם דאָזיקן פערפעקטן ליד נישט נאָר פונעם פּאָעט צום מענטשן, ער געפינט אויך ליבשאַפט אינעם מענטשן צו אים.ביידע פאַרבינדט אין צער, ביידע טראָגן אין זיך אַ נע־ונדישן עלנט, כאָטש מעמפּיסאַ „די שוואַרץ־אויגיקע אוזבעקין" לעבט אין דער אייגענער היים אירער. עס איז דער נע־ונד פון דער בלוטיק־צערודערטער וועלט, וואָס דערגרייכט אַפילו דעם מענטשן, וואָס זיצט אונטער זײַן פײַגנבוים, אין שאָטן פון זײַן אייגענעם דאַך.

אַברהם זאַק האָט אין זײַנע לידער אַ וועלט מיט פּייזאַזשן, מיט שטימונגען פון כלערליי לענדער. ליטע און פּוילן, פראַנקרײַך און אַרגענטינע, סיביר און אוז־בעקיסטאַן, — אומעטום וווהין דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן אין די יאָרן פון נע־ונד, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דאָס ליד זײַנס. אין אַ סך לענדער איז ער באַשרײַבעריש, אָבער לרוב נעמט ער אויף די לענדער טיף ליריש, בפרט די לענדער, וווהין די שטורמישע כוואַליעס פון דער צײַט האָבן אים פאַרשלײַדערט. נאָך פאַר דער מלחמה, אין די אָנהייב דרײַסיקער, האָט שוין זאַק געוואַנדערט איבער לענדער. אָבער ווי אַנדערש די לידער פון יענער צײַט זײַנען פון די לידער, וואָס דערציילן שוין נישט פון וואַנדער, נאָר פון נע־ונדישקייט. איין ליד איז בײַ אים דאָ, ווו ער באַזינגט דעם רהיין. דאָס ליד האָט ער געשריבן מיט יוגנטלעכן ברען, מיט התלהבות, וואָס טראָגט אין זיך דעם חותם פון הײַנעס „לאָרעליי". ער איז צוריקגעקומען אין אַ ליד צום רהיין, שוין נאָך דעם עינויים־נע־ונד, ווען

> און אין לבנה־נעכט איצט לאָקט נישט מער די לאָרעליי,
> נאָר קדושים קרעכצן, יאָמערן אויף פרײַען טויט.

דער פּאָעט איז פון רוסלאַנד צוריקגעקומען קיין פּוילן און די לידער פונעם חורבן פּוילן זײַנען פול מיט וויטיקדיקן פּאַטאָס. אינעם ליד בײַם גענשער בית־עלמין האָט זאַק אַ שורה, וואָס גייט נאָך, ווי אַ מין לויטערער קאַשמאַר:

> עס שטאַרבן שוין מער נישט קיין ייִדן...

גראָד אין אָט דער שורה, אַז ייִדן שטאַרבן שוין מער נישט אין פּוילן, איז דאָ מער געפּײַניקט געשריי, ווי אַז דער פּאָעט וואָלט געזאָגט, אַז ייִדן לעבן שוין מער נישט אין פּוילן. האָב איך געזאָגט, אַז די לידער פונעם חורבן פּוילן זײַנען פול מיט וויטיקדיקן פּאַטאָס, וואָרעם אין די טרויעריקסטע לידער זײַנע איז דאָ אַ פּאַטאָס, — אַ מאָל אַן אָפענער, אַ מאָל אַ טיף־באַהאַלטענער.

אַברהם זאַק איז אַ פּאָעט, וואָס פון זײַנע לידער קענט איר צונויפשטעלן די ביאָגראַפיע זײַנע. דאָס איז אויך אַ פּאָעטישער שטריך פון די קלאַסישע ראָמאַנ־טיקערס. דערבײַ דאַרף מען אָבער קוואַליפיצירן זײַן ביאָגראַפישקייט אין די לי־דער: ער שטעלט נישט אַרויס זיך, — ווי אַ טייל פּאָעטן טוען, — אָדער ווי אַ דורכגעליטענעם, אָדער ווי אַ מענטש וואָס איז פול מיט מאָראַלישע טענות. זײַן ביאָגראַפישקייט איז, וואָלט איך געזאָגט, אַ שטיל־באַשיידענע. ער רירט אָן די אייגענע סטרונעס מיט דינע, ציטערדיקע פינגער. אַפילו אַז אַ ליד זײַנס איז טע־מאַטיש, איז עס אָבער מער ליד ווי טעמע. ער איז באַשיידן אַפילו צו עקספּערי־מענטירן מיט פאָרמען. בײַ אים איז דער עיקר אויסצודריקן זיך אַליין, איך וואָלט געזאָגט, זיך אַליין צו דאָקומענטירן.

אין די ייִנגערע יאָרן, פאַרן חורבן בית ישראל, האָט אַברהם זאַק געצאָלט צינזן דער צײַט און דער ייִדיש־שרײַבערישער סביבה אין וואַרשע. עס איז געווען די צײַט, ווען הערש דוד נאָמבערג האָט אין ליטעראַטן־פאַראיין געטאַנצט. עס איז געווען די צײַט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן האָט אויסערלעך געוואָלט אָננעמען די גרויסשטאָטישע, גוייִשע פאָרמען. געפינען מיר בײַ זאַקן לידער פון טאַנגאָ־טאַנץ. מיר געפינען בײַ אים לידער, וואָס דאַרפן זײַן ווינעריש ריטמיש־צעכראַסטעט. אָבער די אײַנגעבוירענע ייִדישע פרומקייט איז אים בײַגעשטאַנען, אַז ער זאָל נאָר דורכוואָרפן אַזעלכע לידער און זאָל זיך אַליין כאַפּן, אַז פאַר זײַן ליטווישער באַשיידנקייט, כמעט אַסקעטישקייט, איז די טאַנגאָ אַ פאַלשע מאַסקע. ער קומט באַלד צוריק צו זיך, צו דער אייגענער פּאָעטישער שטילקייט, צום נשמה־דיקן צימצום אין זיך.

פון די יאָרן אין רוסלאַנד האָט אונדז זאַק געגעבן פּראָזע־דאָקומענטן, וואָס זײַנען אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער חורבן־ליטעראַטור. נאָר זײַן חורבן איז אַן אַנדערע, — עס איז נישט דער פיזישער חורבן, נאָר דער גײַסטיקער מענטש־חורבן. אין זײַנע לידער האָט ער אונדז געגעבן אַ העכערע דאָקומענטאַציע, אַ טיף־פּאָעטישע, פונעם מענטש־חורבן.

II

אַ בוך פון ייִדיש־פרילינג

אַברהם זאַק, וואָס וווינט די לעצטע נאָך־מלחמה־יאָרן אין בוענאָס־אײַרעס, האָט געפונען דעם תיקון זײַנעם אין די ביכער זכרונות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אַ בערך קורצער צײַט. די צווײ בענד „קנעכט זײַנען מיר געווען" און די צווײ בענד „אויף שליאַכן פון הפקר" זײַנען אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור פון די מלחמה־יאָרן. זיי האָבן געמאַכט בײַ זייער דערשײַנען אַ שטאַרקן רושם גראָד דערפאַר, וואָס זיי זײַנען מער פאַרצייכנונגען, ווי קינסטלעריש אויס־

געפּאַנטאַזירטע. אָבער אין דערווירקלעכקייט אַליין האָט אַברהם זאַק געפונען פאַנטאַזיע, אָדער די ווירקלעכקייט אַליין איז געווען ממש אַ פאַנטאַסטישע. אַברהם זאַק האָט די ווירקלעכקייט שרײַבעריש אָרנטלעך פאַרצייכנט, אָדער פאַרגעדענקט, און זי אונדז געבראַכט אין אַ ריינעם, קלאָרן ייִדיש און זיי וועלן דערפאַר בלײַבן אינעם אוצר פון אַ טרויעריקער ליטעראַטור, וואָס די צײַט אונדזערע האָט גע־שאַפן. די גרויסע מעלה פון יענע ביכער איז, וואָס דער מחבר מאָלט נישט מיט קיין געדיכטע פאַרבן, דער שוידער פון דער צײַט איז בײַ אים אַרויסגעבראַכט אײדל, כאָטש אין די באַשרײַבונגען פילט זיך דעם מחברס פערזענלעכער טיפער צער.

דאָס איצטיקע בוך זאַקס — „אין אָנהייב פון אַ פרילינג“ — באַשטייט אויך

אויף אַן אַקט לכבוד 50 יאָר נאָך טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ
אין 1958 אין בוענאָס־אײַרעס.
אויפן בילד: דער גאַסט אפרים אויערבאַך, יעקב באַטאָשאַנסקי,
אַברהם זאַק (בײַם מיקראָפאָן).

פון קאַפּיטלעך זכרונות, אָבער זיי זײַנען אַנדערש פון די פריִערדיקע זכרונות. יענע דערציילן פון אַ טויטלעך־צעשטורעמטן הארבסט אין דער וועלט, אין ייִדישן לעבן, אין דעם שרײַבער אַליין. די איצטיקע דערציילן פון אַ פרילינג — אין מחברס פערזענלעכן לעבן און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „אין אָנהייב פון אַ פרילינג“ איז געשריבן מיט פײַנעם געמיט. און אויף אַ שטילן אופן לעבט פאַר אונדז דער שרײַבער אויף אַ גרויסע עפּאָכע אין אונדזער ליטעראַטור.

דער אָנהייב פון די קאַפּיטלעך איז פון אַ לעבן אין גרויסער אָרעמקייט. אַ

ייִדישע משפּחה, וואָס האָט ממש נישט געהאַט אַ שטיקל ברויט אויסצוקומען דעם טאָג. דאָס קאַפּיטל, וואָס הייסט „אַ היים אָן פּרייד", מאָלט די אָרעמקייט אינעם שרײַבערס היים אָפּילו מיט באַהאַלטענעם הומאָר. געטרונקען האָט מען אין זײַן היים אַ סך טיי, אָבער נישט קיין אמתע טיי, וואָס האָט געקאָסט טײַער, נאָר אַ מין טיי, וואָס האָט געקאָסט נישט מער ווי צוויי קאָפּיקעס אַ שאַכטל. „כ'האָב קיין מאָל נישט געקענט פאַרשטיין", זאָגט ער, „פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען אין אונדזער שטוב אַזאַ דורשט... סײַדן כדי אָפּצונאַרן דעם מאָגן מיט דער דאָזיקער בילי‌קער פּליסיקייט".

אין דער דאָזיקער „היים אָן פּרייד" איז אויסגעוואָקסן דער פּאָעט, דערציילער און זכרונות־שרײַבער. גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער, אָבער צו דער אייגענער צײַט האָט ער נאָך אַלץ געלערנט אין בית־מדרש, דערנאָך אין אַ ישיבה ביז די נײַע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן און אַ בלאָז געטאָן אויך אויפן האַלב פאַרחלומטן אַברהם זאַק. ער איז צוגעשטאַנען צו דער קליינער חברה „ס. ס." (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), זיך געטראָפן מיט זיי אין דערבײַיקן וואַלד און געוואָרן אַ „פּאָלנער קאָנספּיראַטאָר"". נאָר קיין גוואַלדאָוונער רעוואָלוציאָנער איז ער קיין מאָל נישט געווען. דאָס געמיט זײַנס איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערישעס. ער איז אָבער געווען געטרײַ דער אידייע, וואָרעם אין איר האָט ער זיך אויסגע־לעבט, — די חלומות זײַנע אויסגעלעבט, די בענקשאַפט נאָך אַן אַנדער לעבן ווי אין דער „היים אָן פּרייד".

פאַרכאַפּט האָבן מיך די קאַפּיטלעך פון וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב אַ שטיקל שײַכות צו זיי, וואָס פון יענע יאָרן געדענק איך אים אַליין. אין מײַן אייגענער איבערלעבונג זײַנען יענע יאָרן געבליבן ווי דער „אָנהייב פון אַ פרילינג". די מערסטע מענטשן, וואָס אַברהם זאַק דערציילט פון זיי האָב איך געקענט און טאָקע אין וואַרשע. אַז איך באַטראַכט איצטער, אין רעטראָספּעקט, די שרײַבערישע וואַרשע אין יענע יאָרן און דערנאָך די שרײַבערישע ניו־יאָרק אין מײַנע ערשטע יאָרן דאָ, זע איך ווי אין ניו־יאָרק איז געווען אַ סך מער שרײַבערישער אידעאַליזם ווי אין וואַרשע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך נישט פון דער פּרעסע, נאָר פון די יונגע פּאָעטן און דערציילערס, וואָס האָבן געחלומט פון בויען די ייִדישע ליטעראַטור. אָפּילו פון זאַק'ס זכרונות וואַקסט אויך אַרויס דער דאָזיקער אײַנדרוק, כאָטש ער דערציילט מיט פּיעטעט פון די ערשטע „פרילינג־יאָרן" זײַנע אין וואַרשע.

דאָס איז אָבער נאָר דרך־אַגב. פון אַ סך שרײַבערס דערציילט ער, און אַ זכרון האָט ער אַ גוטן. ער געדענקט אָפּילו דעם לאַנגן ווינטער־מאַנטל, וואָס איך האָב אין וואַרשע געטראָגן. דער דאָזיקער מאַנטל איז אויסגעשטאַנען אַ סך נסיונות, ביז איך בין געקומען מיט אים קיין אַמעריקע. דאָ האָט זיך די קאַריערע זײַנע געענדיקט טראַגי־קאָמיש. אַ פּאָר מיידלעך האָבן אים אויסגעלאַכט, האָב איך אים אָוועקגעוואָרפן און דעם ווינטער בין איך שוין געגאַנגען אָן אַ מאַנטל...

דערציילט אַברהם זאַק, ווי ער איז געקומען צו פּרצן מיט זײַנע לידער, מיט

אַ פּאָר דערציילונגען. די דערציילונגען האָט פּרץ געהייסן זיך איבערלאָזן, אָבער אין די לידער האָט ער תיכף אַרײַנגעקוקט. אויף איין סטראָפע האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט, — און איך ברענג דעם עפּיזאָד, וואָרעם פון אים לערנען מיר ווי דער גרויסער פּרץ איז געווען צו פּעדאַנטיש צום ליד. די סטראָפע, וואָס פּרץ האָט זיך אויף איר אָפּגעשטעלט, לייענט זיך:

זײַט געבענטשט, איר יונגע בלימלעך,
בליט אײַך אויף אין העלע פאַרבן,
און נישט ווייסט אין אײַער בליען
פון קיין וועלקן, פון קיין שטאַרבן.

אויף וואָס האָט זיך פּרץ פאַרהאַלטן? אויף די לעצטע צוויי שורות, וואָס די טענה צו זיי איז געווען: „אַז איר זאָגט צו די בלומען זיי זאָלן נישט וויסן פון וועלקן און שטאַרבן, זײַט איר דאָך זיי אַליין דערמיט מגלה דעם סוד”... אַזאַ צוגאַנג, דאַכט זיך מיר, איז כלל נישט קיין פּאָעטישער. עס איז דעם פּאָעטס אייגן „וועלקן און שטאַרבן”, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך די בלימלעך. דערוועג איך זיך צו זאָגן, אַז אַפילו דער גרויסער פּרץ איז געווען פּרימיטיוו בנוגע פּאָעזיע. טראַכט איך: ווי ווײַט מיר האָבן אַוועקגעשפּאַנט זינט דעמאָלט.

אַ כאַראַקטעריסטישע מעשה איז אין זאַק׳ס זכרונות מיט צבי פּרילוצקין און שאול האָכבערגן. דער מחבר איז אָנגעקומען אין דער צײַטונג „אונדזער לעבן”, וואָס צבי פּרילוצקי איז דעמאָלט געווען איר רעדאַקטאָר און שאול האָכבערג איר אַרויסגעבער. זאַק איז געווען דעם רעדאַקטאָרס סעקרעטאַר און דערפאַר האָט ער באַקומען פיר רובל אַ וואָך. די ערשטע וואָך האָט ער אָבער אָפּגעדרוקט אַ דער־ציילונג אין דער צײַטונג און באַקומען גאַנצע נײַן רובל, — אַן עשירות. איז בײַם אויסצאָלן אים דעם אוצר, האָט אים האָכבערג געגומען אויפן עקזאַמען: צי האָט ער געלייענט טאָלסטאָיס „וואָינאַ אי מיר”? יאָ, געלייענט. האָט ער געלייענט „וואָס־קרעסעניע”? ניין. למען השם, ער דאַרף עס לייענען... אַברהם איז דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר.

ביידע האָב איך געקענט: צבי פּרילוצקין און האָכבערגן. אין מײַן צײַט איז שוין דער „אַלטער פּרילוצקי” (אָפּצוטיילן אים פון דעם יונגן נחן) געווען רעדאַק־טאָר פון „מאָמענט” און איך האָב דאָרטן געאַרבעט בײַ נאַכט בײַ לייענען קאָ־רעקטור, — באַקומען דרײַ רובל אַ וואָך, וואָס דער הויפּט־קאָרעקטאָר פּעווזנער, האָט זיי מיר אויסגעצאָלט מיט ציטערדיקע הענט. אין האָכבערגס „אונדזער לעבן” האָב איך פון צײַט צו צײַט געדרוקט דערציילונגען. פּרילוצקי האָט זײַנע לייט־אַרטיקלען דיקטירט זאַקן (אין מײַן צײַט שעפּסן, איצטער אַלמי). באַשרײַבט זאַק די סצענע אַזוי:

„ער האָט אַלע ווײַלע אָנגעהויבן פונעם זעלבן. ׳דער הימל איבער די באַל־קאָנען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלקנט. טאַטשקאַ...׳ פּרילוצקי מאַכט אַ גרעסערע הפסקה און הייבט ווידער אָן: ׳איז ווו האַלטן מיר? האַ? דער הימל איבער די

באַלקאַנען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלקנט. טאַטשקאַ. האַ? ער האָט גאָרנישט גע־קענט אַרויסקריכן פון די וואָלקנס און פון די באַלקאַנען״...

אַברהם זאַק האָט נאָר פאַרגעסן מוסיף צו זײַן, אַז זײַן לייט־אַרטיקל האָט צבי פרילוצקי אַלע מאָל געענדיקט: „און וואָס דער מאָמענט וועט ברענגען וועלן מיר ווײַטער זען״...

אַ טײַערע, קינדישע צײַט איז עס געווען. צענדליקער טויזנטער ייִדישע לייע־נערס האָבן זיך געקוויקט מיט די נאַיווע פּאָליטישע אַרטיקלען. דאָס פּוילישע ייִדנטום איז געווען, האָט געלעבט ייִדיש, האָט געטראַכט ייִדיש, זיך מחיה געווען מיטן ייִדישן וואָרט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די ערשטע וועלט־מלחמה, די דײַטשישע אָקופּאַציע. זאַק איז דעמאָלט געווען אין גראָדנע און איז דורכגעגאַנגען דאָס דראַמאַטישע קאַפּיטל אין איינעם מיטן יונג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט לייב נײַדוס. פון נײַדוסן דערציילט זאַק גאָר אַ סך, אַ חוץ וואָס ער האָט וועגן אים אָנגעשריבן זכרונות אין אַנדערע ביכער זײַנע. צי איז לייב נײַדוס באמת געווען אַזאַ אויסערגעוויינט־לעכע דערשײַנונג אין דער דעמאָלט יונגער ייִדישער פּאָעזיע, בין איך מסופק, אָבער נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו רעדן דערפון. דער עיקר איז, וואָס אין זאַק׳ס זכרונות וואַקסט ער אויס, ווי אַן אינטערעסאַנטע, פאַרבנרײַכע, פּאָעטיש־קאָקעטישע פּערזענלעכקייט.

דאָס בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג״ טראָגט אונדז אַריבער אין אַ וועלט, וואָס אין איר האָט געבליט דאָס ייִדישע וואָרט, האָט געפרילינגט די ייִדישע לי־טעראַטור. אַז מיר לייענען דאָס בוך, זינגט אונדז אַנטקעגן דאָס ערשט־אויפגע־גאַנגענע ייִדישע ליד.

יעקב גלאַטשטיין

I

אַברהם זאַק

פון אַלע נע־ונדן

אַברהם זאַק שרײַבט שוין באַלד פופציק יאָר, לידער און פּראָזע, און דאָך איז נישט אַזוי לײַכט צו באַשטימען, לעבן וועמען אים אַוועקצוזעצן בײַם גרויסן ליטעראַרישן טיש. געחברט האָט ער זיך יונגערהייט מיט דעם פערזן־שמיד לייב נײַדוס, אָבער ער אַליין פאַרגינט זיך נישט אַזוי אָפט צו מאַכן פּאָעטישע אויער־איבונגען אויפן חשבון פון אינהאַלט. מיר אין אַמעריקע האָבן פון אים אַ לענגערע צײַט ווייניק געהערט; און ס׳איז פאַרשטענדלעך ווײַל פון 1931 ביז 1947, ווען ער

איז צוריקגעקומען קיין פּוילן, נאָך זײַן אומגליקלעכן „אונטערוועגס״, וואָס היטלער האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען, האָט ער נישט פאַרעפנטלעכט קיין איין בוך.

אָבער פון 1947 אָן האָט ער באַרײַכערט זײַן אייגענע ביכער־פּאָליצע מיט דרײַ לידער זאַמלונגען און צוויי פּראָזע־ביכער. די נײַסטע זאַמלונג לידער הייסט „פון אַלע נע־ונדן״, און די שטעט ווו די פינף ביכער זײַנען דערשינען זײַנען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר זײַן נע־ונד. דאָס ערשטע בוך נאָך דער גרויסער הפסקה, ווי מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן, פון פופצן יאָר, איז דערשינען אין לאָדזש, דאָס צווייטע אין בוענאָס־אײַרעס, דאָס דריטע בוך אין פּאַריז, און די לעצטע צוויי ווידער אין בוע־נאָס־אײַרעס, ווו ער האָט אויפגעשלאָגן זײַן געצעלט נאָך אַ באַזוך אין מדינת ישראל.

אין דעם נײַסטן בוך זײַנעם געפינען מיר לידער אויך פון אַ בוך, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן בײַ פאַרעפנטלעכן אין וואַרשע אין 1939, ערב דעם גרויסן אומגליק. אַ סך לידער זײַנען דאַטירט און זיי גיבן אונדז אַ שליסל צום דיכטערס שטימונגען, סײַ אויף זײַן וואַנדער, סײַ אין זײַנע צײַטווײַליקע אָפּרוען.

דאָס נײַסטע בוך באַשטייט פון זיבן אָפּטיילונגען. מען געפינט אין זיי גאָר אַ סך לידער פון פראַנקרײַך, און ס׳איז זייער קאָנטיק אַז פון אַלע געפונענע סטאַנ־ציעס איז אַברהם זאַקן צום ליבסטן — פראַנקרײַך און דער עיקר די שטאָט פּאַריז. וועגן מדינת ישראל שרײַבט ער מיט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ליבשאַפט, מיט אַן אויפגעוואַכטער ביבלישקייט, וואָס דרימלט מסתמא סײַ ווי אין יעדן ייִדישן דיכטער, אָבער וועגן פּאַריז זינגט ער מיט אַן אייגענער, איבערצײַגנדיקער גע־טרײַשאַפט. זײַנען טאַקע די לידער וואָס ער האָט געשריבן אין פראַנקרײַך די שענסטע אין בוך, ווײַל זיי גיבן אַ געלעגנהייט צו פאַרוואַנדלען דעם פּאָעטס תמימותדיקע ליריק אין אַ סך שיינע און געדענקלעכע שורות שוין פון ערשטן יאָר אָן, ווען ער קומט קיין פראַנקרײַך און ווען ער זעט נאָך אײַך, אַז ס׳איז בלויז איינע פון די סטאַנציעס אויף זײַן נע־ונד, און ער מאַכט פאַרגלײַכן מיט דער היים:

ס׳קאָן אויך דער פרעמדער הימל זײַן צו דיר ווען מילד און גנעדיק
און ליב קאָן ווערן דיר אַ מאָל די פרעמדע ערד.
זי קאָן געוויס אויך געבן דיר די לעצטע דלד אמות,
אויב ס׳איז דער סוף אין מיטן וואַנדערונג באַשערט.

עס קאָנען ווערן ווייך אַפילו שטיינער דיר צוקאָפּנס,
ווי דאַן, פאַר יעקבן, בײַם לייטער־טרוים אין פעלד.
דאָך היים איז אַנדערש, היים איז עפּעס אַנדערש. היים איז מאַמע,
אַ מאַמע איינע נאָר פאַראַן איז אויף דער וועלט.

נישט געקוקט אויף דעם אַרויסגעבראַכטן פאַרגלײַך צווישן היים און פרעמד, איז שוין אָבער דער פרעמדער הימל „מילד און גנעדיק״, און די לעצטע צוויי שפּיציקע שורות וועגן דער היים זײַנען גראָד די שוואַכערע אין ליד, מיט דער איבערחזרונג פון „היים אין אַנדערש, היים איז עפּעס אַנדערש״. אַפילו ווען מען

נעמט־אויף דעם קרעכץ אויפן חשבון פון היים, איבערצײַגט דאָס קורצע ליד מיט דיכטערישער פאַרהיימישונג.

די אָפּגעווישטע היים זינגט זיך אַדורך אין אַ סך אַנדערע לידער, און אין אַ צאָל פון זיי מאַכן די היים־שורות אַ טיפערן אײַנדרוק, אָבער דאָס מינערט נישט דעם פאַקט, אַז אין פראַנקרײַך האָט אַברהם זאַק געזונגען זײַנע בעסערע לידער, אַפילו דורך זײַן בענקשאַפט. אָט זײַנען שורות פון אַ ליד, וואָס זאַק האָט געשריבן אין 1951, אין ווישי, פראַנקרײַך.

דער דופט פון עבר איז צו מיר דערגאַנגען
אויף אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן, גרינעם פעלד.
עס האָט אַ קאָרן־בלימל צווישן העלע זאַנגען
אַ ווײַז געטאָן פאַר מיר מײַן טויטע ליבע וועלט.
— — — — — — — — — — — — —
אַ זוניק־יונגער טאָג פון מײַנע יונגע יאָרן.
פאַרחלומט ליג איך אויפן דופטיק־קילן גראָז.
דערנעבן בלענדט פון ווײַסקייט טרוקן־רײַפער קאָרן,
וואָס וויגט און כוואַליעט זיך ווען ווינטל טוט אַ בלאָז.

דער דופט פון ווײַטן עבר איז אָבער אַן אײַנגערוזיקטער, נישט אַזוי ווי ער איז געקומען צו אים אין די לידער פון זײַן ערשטן בוך, וואָס דער נע־ונד טראָגט זיך איבער דעם אַזיאַטישן רוסלאַנד. פּאַריז האָט דעם דיכטער געפאַנגען און ער האָט מיט אַ צעזונגענער פרייד געשריבן ברייט־שורהדיקע און פרײַ־אָטעמדיקע לידער —

פּאַריז, פּאַריז, אַ יום טוב אייביקער אויף דײַנע גאַסן,
עס וואַרפט דײַן אייפל־טורעם פאַקעלן אין יעדער נאַכט.

די צווייטע אָפּטיילונג אין בוך „די שטאָט פון טויזנט חנען" איז דערפאַר די אינטערעסאַנטסטע פון די אַנדערע לידער־אָפּטיילונגען. ס'איז פאַר זיך אַליין אַ מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע פון דער וווּנדער־שטאָט.

אין פּאַרק מאָנסאָ, אין שאָטן פון די גרינע צווײַגן,
בײַם פּיאַנאָ זיצט פאַרחלומט פרידעריק שאָפּען.
די שטאָט רוישט ערגעץ הינטער צוים, נאָר דאָ הערשט שווײַגן,
דאָ שווימט אַרויס אַ וועלט, וואָס איז אַמאָל געווען.

אינטערעסאַנט אַז אין דער אָפּטיילונג האָט דער פּאָעט אויך אַרײַנגעגעבן עט־לעכע פּאַריזער לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויף אַן אַמאָליקן באַזוך, אין 1929, ווען זײַן נע־ונד איז נאָך געווען פרײַוויליקער רײַזע־פיבער. און אַפילו ער געזעגנט זיך מיט פּאַריז און פאַרט קיין מדינת ישראל, שיידט ער זיך נישט מיט דער וווּנ־דער־שטאָט נאָר ער זינגט —

אַדיע פּאַריז! מיר וועלן זיכער זען אַ מאָל זיך ווידער.
מען קאָן דײַן שאַרם, דײַן צויבער קיין מאָל, קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גריגע פּאַרקן, די שאַטאָס, די דענקמעלער, מוזייען.
אַ שטאָט — אַ פאַרביקע געשיכטע פון צוויי טויזנט יאָרן,
רעוואָלטן, גיליאָטינעס, שטורעמס קומען און פאַרגייען,
און דו, פּאַריז, ביסט אייביק יונג, ווי תמיד ניי געבאָרן.

די היימישסטע אײַנדרוקספולסטע לידער פון דעם נע־ונד זײַנען די לידער פון פראַנקרײַך. די סעריע „אויף היימישער ערד" פון דיכטערס באַזוך אין מדינת ישראל איז, ווי געזאָגט, נאַציאָנאַל־היימישע און דאָרט געפינען מיר אַ סך עקזאַל־טירטע שורות —

ס'איז אָוונט, מיר שוועבן אויף גלאַנציקן כביש.
אַלץ ווײַטער, אַלץ טיפער אין מלכות פון ייִד.

אין „מלכות פון ייִד" גייען אויף בײַ דעם נע־ונדניק תנ"כיקע דערמאָנונגען —

איך רייד צו די טורעמס פון ווײַט.
איך שמועס מיט באַרג און מיט טאָל.
און כ'האָב מיך אין עבר דערזען.
איך האָב זיך דערזען אין אַמאָל.

נישט נאָר איז נע־ונד דער פּאָעט, נאָר זײַן ייִדיש־וואָרט קלאַפּט אין טויער און זוכט אַן אָפּשטעל, רו פאַר די מידע פיס.

עס קלאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט אין דײַן טויער:
עפן מיר, לאָז אַרײַן!
איך קום מיט שבתים, מיט ימים טובים,
כ'קום מיט פרייד און מיט פּײַן.

כמעט אין טאָן פון פּאַלקסליד, אָבער ערלעך און געטרײַ צום פּאָעט אַברהם זאַק, וועמענס תמימותדיק וואָרט לעבט גאַנץ אָפט בשכנות מיטן פּאָלקסליד, און די באַרירונג איז, אין די בעסערע פּרוּוון, געווינס פאַר דער ייִדישער פּאָעזיע.

(„אידישער קעמפּער" 1956)

II

אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט

דער פּאָעט און עסייִסט אַברהם זאַק איז זייער יונג אַרײַן מיט ביידע פיס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין פּרץ'ס שטוב ווען ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צוואַנציק יאָר. ער האָט זיי אַלעמען געזען פון דער נאָענט און אַלעמען געקענט אין זייער אויפשטײַג. דער „זיי" מיינט —

די גרויסע בויערס וואָס זײַנען פּרי געוואָרן קלאַסיקערס און האָבן די ערשטע אָנגעזאַמלט דעם גרונט־קאַפּיטאַל פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַברהם זאַק האָט אַ סך מיטגעמאַכט און דורכגעמאַכט. ער אַליין האָט געשריבן זײַנע זכרונות — און ער קאָן זייער גוט דערציילן — אָבער זײַן פולע ביאָגראַפיע איז אַ סך אינטערעסאַנטער און קאָלירפולער, ווי ער האָט עס אונדז ביז איצט איבערגעגעבן. זאַק האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער מיט אַ קנאַפּע זעכציק יאָר צוריק און ער אַליין איז אַ שיינער, לעבעדיקער איבערבלײַב פון יענער בלי־עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זישע לאַנדוי האָט אַ מאָל געוואָלט באַליידיקן י. ל. פּרצן, האָט ער אים גערופן — דער טויטער וואַרשעווער

אויף אַן אָוונט פאַר יעקב גלאַטשטיין אין פּאַריז, אין קלוב פון די שרײַבער־פּליטים אויף גיפּאַטען 9. עס רעדט איציק מאַנגער וועגן גלאַטשטיינען. עס זיצן פון רעכטס: שמערקע קאַטשערגינסקי, יעקב גלאַטשטיין, אַברהם זאַק.

ליטעראַט. אָבער איך געדענק אַקוראַט וואָס עס האָט פאַר אונדז יונגע ייִדיש־לייענערס און פּאָעטן אין די ווינקעלעך געמיינט אַ וואַרשעווער ליטעראַט. ס'האָט געמיינט אַ פּרינץ פון אַ גרויס קיניגרײַך. דערבײַ זײַנען מיר נישט געווען געאָגראַפיש־פּעדאַנטיש, ס'האָט אַרומגענומען דעם אויפשײַן אויך אין ליטע, אין אוקראַיִנע און אין אַנדערע ייִדישע ווינקעלעך. אַ וואַרשעווער ליטעראַט איז געווען דער וואָס האָט געצויגן יניקה פון רבינס שטוב און דעם רבינס שטוב האָט געמיינט י. ל. פּרצ'ס גרויסע אָנוואַרעמענדיקע השפּעה, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם שטח פון דער גאַנצער ייִדישער שעפערישקייט...

אַברהם זאַק האָט אויף מיר, בײַ די עטלעכע פּערזענלעכע באַגעגענישן, תמיד געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ פּאָעט, וואָס טראָגט אויף זיך די צייכנס פון יענער ייִדיש־שעפערישער אַריסטאָקראַטיע; אַ פּאָעט וואָס איז גאַנצע שעהען אין מעתלעת באַוווסטזיניק, אַז ער איז אַ פּאָעט און דערפאַר איז עס אים מחייב צו טראָגן אויף די פּלייצעס אַ קינסטלערישע אַחריות. שטאַמען שטאַמט עס פון דער קולטיווירטער סלאַווישער באַציִונג צווישן פאָלק און זײַנע שעפערס. דער אַנגלאָ־זאַקסי־

שער קינסטלער פון וואָרט האָט אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער אָנגעווירן דעם אָרעאָל, טיילווײַז ווײַל ער אַליין האָט עס געוואָלט, ווײַל אים איז ענג געוואָרן צו טראָגן דעם קאָלנער פון ווירדע; אָבער אויך דערפאַר ווײַל דאָס פאָלק האָט פאַרפראַסטעוועט די באַציִונג צום געשריבענעם וואָרט און געזוכט בלויז לייען־פאַרווײַלונג. אָבער אין רוסלאַנד און אין פוילן האָבן פּאָעטן, דראַמאַטורגן און נאָוועליסטן געשפּירט, ווי עס שטראָמט צו זיי די אָנערקענונג פון פאָלק, צוזאַמען מיט דער פאָדערונג אָפּצוהיטן די דאָזיקע אָנערקענונג און זי נישט נעמען צו לײַכט, נאָר ווי אַ גרויסן עול.

מען דאַרף בלויז פאַרברענגען אַ האַלבע שעה מיט אַברהם זאַקן — צו זען אַז ער באַלאַנגט צו דער אַמאָליקער טראַדיציע. ער האָט די קינסטלערישע ווירדע אָפּגעהיט אין פּאַריז, אין הקדש־גלות פון גי־פּאַטען און ער האָט די דאָזיקע האַלטונג מיטגעבראַכט קיין אַרגענטינע. שווער אַרויסצוברענגען אין וואָס עס דריקט זיך אויס די דאָזיקע אויסגעשטאַלטיקטע האַלטונג — זי דערקענט זיך אין מאַניער פון רעדן מיט מענטשן, אין גאַנג, אַפילו אין זיצן און שווײַגן, אין פּאָזעס און צווישנפּאָזעס, אין שפּאַציר און אין אַרײַנזאַפּן אײַנדרוקן, מיט אַ ליריש געמיט, ווי מען כאַפּט קאָלירפולע זומער־פלאַטערלעך מיט אַ נעץ און זיי ווערן אָקאָרשט אונטערוועגנס פאַרוואַנדלט אין לידער.

איבער אַ יאָר, אין 1968, ווערט פונקט אַ האַלבער יאָרהונדערט, זינט ס'איז דערשינען אין גראָדנע אַברהם זאַק'ס ערשט בוך לידער — „אַקאָרדן", און יאָר נאָך יאָר, 1919, 1920, 1921, זײַנען דערשינען אַברהם זאַק'ס ווײַטערדיקע לידער־ביכער. דאָס זײַנען געווען זאַק'ס איבעראַשנדיק־פּרוכטיקע יאָרן, ווען דאָס ליד האָט אים געגעבן דעם פולסטן אויסדרוק. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו די ברייטע וועגן פון פּראָזע און פון דעמאָלט אָן האָט אַברהם זאַק זיך געשפּירט זייער היימיש מיט בײדע אויסדרוק־פאָרמען. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין דעם יאָרצענדליק פון די 1920ער האָט דער יונגער פּאָעט־נאָוועליסט אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן פון צען ביכער.

ס'איז דערפאַר נישט קיין אָנשטעל וואָס אַברהם זאַק האָט זײַן נײַסטן בוך אָנגערופן „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט", ווײַל אין דעם קיניגרײַך האָט אַברהם זאַק פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּרינציפּאַליטעט. דאָס איז אַ בוך, ווי אַברהם זאַק זאָגט אונדז אונטער, פון „עסייען און דערמאָנונגען" אי באַזונדער, אי צוזאַמענגעפלאָכטן פון בײדע זשאַנערן. בכלל זײַנען זאַק'ס דערמאָנונגען נישט קיין עגאָצענטרישע, נאָר זיי ברענגען עפּעס מער ווי בלויז אַ צוריקרוף פון געשעעניש, וואָס אין זיי האָט אַברהם זאַק געהאַט זײַן באַזונדערע ראָלע. אַז זאַק קאָן שרײַבן נוצלעכע דערמאָנונגען, כ'מיין נוצלעך אין זין פון נישט אַרויסשטעלן אייגענע אויפטוען, נאָר פון איבערגעבן די קאָלעקטיווע דורכלעבענישן פון אַ גאַנץ געזעמל מענטשן, אין אַן ענלעכן קלעם — האָט אַברהם זאַק באַוויזן מיט די מעמואַרן פון זײַנע נע־ונדן, אָנהייבנדיק פון זײַן בוך „יאָרן אין וואַנדער" און שפּעטער מיט „קנעכט זײַנען מיר געווען" און „אויף שליאַכן פון הפקר". אין די זייער באַגנטע



יידישע שרײַבער אין פּאַריז געזעגענען זיך מיט יעקב גלאַטשטיין

ערשטע שורה, פון לינקס: שמערקע קאַטשערגינסקי, פרוי פון אליעזר גרינבערג, נ. זילבערבערג, ד״ר מאַרק דוואָזשעצקי, מרדכי שטריגלער, חיים־לייב פוקס, יעקב גלאַטשטיין, יהודית מאָרעצקי, איציק מאַנגער (גאַסט פון לאָנדאָן), יצחק יאַנאַסאָוויטש, פרוי רובינשטיין. צווייטע שורה, פון רעכטס: פרוי וואָלף, ישראל אַשענדאָרף, אַברהם זאַק, ל. דאָמאַנקעוויטש, לייב ראָכמאַן, משה וואַלדמאַן, פרוי דאָמאַנקעוויטש, פרוי ראָכמאַן, ל. לענעמאַן, פרוי לענעמאַן, יוסף וואָלף.

(צום אייגענעם געליטענעם לייב) זכרונות, האָט אַברהם זאַק תמיד אָפּגעהיט אין זכרון, אַז ער שרײַבט פון צוזאַמענדיקן לײַדן, דורך שווערע, ביטערע יאָרן.

ס'וואָלט נישט געווען קיין עוולה ווען אַברהם זאַק וואָלט אין זײַן בוך „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט" געווען אַ ביסל ווייניקער באַשיידן וועגן זיך, אָבער באַשיידנקייט איז זאַק'ס שרײַבערישער סימן. ער שענקט די פולע בריטהאַרצי־קייט צו די חברים, מיט וועמען אים איז אויסגעקומען צו גיין די וועגן צוזאַמען.

מ'קאָן זאָגן, אַז ער איז שוין אַ ביסל צו בריטהאַרציק, ווען ער צערעדט זיך וועגן אַ נאָענטן חבר. די דערמאָנונגען וועגן שרײַבערס אין נײַעם בוך זײַנען מייסטנס קורצע פאַרצייכענונגען. אָבער די זכרונות וועגן זײַן וואַרשעווער חבר א. אַלמי פאַרנעמען עטלעכע און צוואַנציק זײַטן. וועגן זײַן גרויסן גראַדנער חבר לייב נײַדוס דערציילט אַברהם זאַק אויך אויף עטלעכע און צוואַנציק זײַטן.

אָבער בײדע לענגערע דערמאָנונגען זײַנען זייער וויכטיק. די דאָזיקע קורצע מאָנאָגראַפיעס זײַנען אָריגינעלע בײַטראָגן און דער פּאָעט און בעלעטריסט זאַק האָט זייער גוט געטאָן וואָס ער האָט וועגן אַלמין און נײַדוסן דערציילט באַריכות. ס'איז נישט אין גאַנצן ריכטיק צו זאָגן, אַז ער האָט וועגן זיי בלויז דערציילט; ער האָט די דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע געשטאַלטן גוט באַלויכטן און אויפגעקלערט. אונדז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז א. אַלמי פאַרבײַגעגאַנגען מיט לײַכטע קוריאָזע טריט. מיר האָבן אין אים געזען אַ גרינגן אויף דער וואָג אַמאַטאָרישן שרײַבער, וואָס האָט זיך „געוואָרפן" אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן; און אויב ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ מן הצד, איז עס, אַזוי האָט זיך אונדז געדאַכט, געווען דערפאַר, ווײַל ער איז נישט אַרײַן אין קרענצל. זײַן אַזוי גערופענער שטאָלץ איז געווען אַ רעאַקציע — איר נעמט מיך נישט אַרײַן, גיי איך אַוועק נאָך ווײַ־טער, כדי ס'זאָל מיך נישט אָנגיין און נישט אָרן.

אַלמיס לעבן איז אונדז אויך אויסגעקומען זייער אָפּט משונהדיק. זײַן וואַרפן זיך אויף ווייסנשאַפט און הינטער און איבער וויסנשאַפט, האָט געמאַכט דעם אײַנ־דרוק פון אויבנאויפיקער קאָמפּילאַציע און זייער לײַכטער קאַוואַלעריע. אויפן געביט פון ליד האָט מען געקענט דאָ און דאָרט געפינען בײַ אים אַ דורכגעער־לעכט ליד, ווײַל צום ליד האָט ער זיך באַצויגן מיט דעם טיפסטן וואָס ער האָט פון זיך אויסגעגראָבן. אָבער די לידער זײַנע האָבן געליטן פון זײַן געניטער לײַכט־פערזיקייט, וואָס אין איר האָט ער גאַנץ געראָטן הומאָריסטעוועט און פּאַ־ראָדיעוועט.

דאָס זײַנען אַלץ מיינונגען וואָס א. אַלמי־עליאַש האָט אונדז סוגערירט מיט זײַנע ווערק און פילאָסאָפיש־פּסיכאָלאָגיש־מעטאַפיזיש־ספּיריטואַליסטישע ביכער, אַרײַנוואָרפנדיק שוין אויך זײַנע „אויסגעפאָרשטע" אַנטדעקונגען וועגן שפּינאָזאָס טויט.

דערפאַר קומט אַ דאַנק אַברהם זאַקן, וואָס האָט זײַן חבר א. אַלמיס וועג אין דער ליטעראַטור באַלויכטן מיט ביאָגראַפישע שטריכן, וואָס זאַק האָט גוט געקענט און ער האָט פון אַלמי־געשטאַלט געשאַפן — אויב נישט קיין וויכטיקן שרײַבער

— איז לכל הפּחות אַ קאָמפּליצירטן שרײַבערישן מענטש, וואָס האָט זיך מיט איי־גענע כּוחות אַרויסגעריסן פון גרויס אָרעמקייט, פון סאַמע באַ־דניע אין אַמאָליקן יידישן וואַרשע. די דערמאָנונגען און כאַראַקטער־שילדערונג פון א. אַלמי לייענען זיך מיט אַ שטאַרקן אינטערעס און זיי גיבן אַ תּיקון דער אַלמי־געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. זײַן זײַטיקער וועג אין ניו־יאָרק ווערט אונדז קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, מיט אַלמיס גאַנצן אינערלעכן פּלאָנטער און פּסיכאָ־פּאַטאָ־לאָגישן פאַרפּלאָנטער.

אַ וויכטיקער בײַטראַג איז אויך די לענגערע עסיי וועגן אונדזער אייגענעם יונג־פאַרשטאָרבענעם „לערמאַנטאָוו" — לייב נײַדוס. ווען נישט אַברהם זאַק, וואָס איז געווען נײַדוסעס נאָענטער חבר, וואָלט מען זייער ווייניק געוווּסט וועגן דעם קורצן לעבנס־וועג פון דעם מוזיצירנדיקן פּאָעט לייב נײַדוס. ס׳איז אָקאָרשט דערשינען אַן ענגלישע אַנטאָלאָגיע פון איבערגעזעצטע יידישע לידער. די איבער־זעצערין און אָפּקלײַבערין איז שוין אַן אַמעריקאַנער יידישע פרוי פון דריטן דור אין לאַנד. איר אַנטאָלאָגיע איז אַ ריין־פּערזענלעכע, זי האָט אין איר זאַמלונג גע־בראַכט בלויז פערצן יידישע פּאָעטן — האָט גראָד זי געטראָפן, צווישן די אָפּגע־קליבענע פערצן, צו לייב נײַדוסן. די אַנטאָלאָגיסטין הייסט — רוט וויטמאַן.

ווי אַזוי און פאַר וואָס זי האָט אויסגעפונען נײַדוסן פאַר אַן אינדיווידואַליס־טיש־באַגרענעצטער אַנטאָלאָגיע, איז מיר נישט קלאָר, אָבער אַזוי זײַנען די גע־היימע וועגן פון תּיקון, וואָס שרײַבערס קריגן אַ מאָל, ווען ס׳דאַכט זיך אַז זייער אומשטערבלעכקייט איז פאַרגעסן געוואָרן אויף אייביק.

אָבער אמתן אויפלעב קריגט דער יונג־פאַרשניטענער לייב נײַדוס אין אַברהם זאַק׳ס עסיי־דערמאָנונג. זאַק לעבט פאַר אונדז אויף אין די עטלעכע און צוואַנציק זײַטן דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן און ראַפינירטן ליריקער, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן קלימאַט, וואָס אין אים האָט נײַדוס געלעבט ווי אַן אויסגעחלומטער פּאָעט, פון ברייטערע ליטעראַטורן. נײַדוס האָט פאַרמאָגט אַן אינערלעכע נאַטירלעכע און קולטיווירטע שײַכות מיט די דאָזיקע פּאָעזיעס און זייערע גרויסע פּאָעטישע פּער־זענלעכקייטן.

אַברהם זאַק דערציילט וועגן נײַדוסן און שאַפט אַן אינטערעסאַנטע פּערזענ־לעכקייט, וואָס געזאַנג איז געווען זײַן הויפּט־מתּנה, וואָס ער האָט געשענקט דעם יידישן ליד. אַפילו די ציטאַטן פון נײַדוסעס לידער, וואָס זאַק ברענגט, רופן אַרויס נײַגער צו נײַדוסן. אַזאַ פערז ווי

עס גייען פון צפון לאַנגזאַמע קעלטן.
ליג רויק, ערד, אין די אָרעמס בײַ מיר;
אַזוי ליגן אָרומגענומען צוויי מידע וועלטן,
צוויי פאַרלאָשענע חלומות פאַרן ווינטערס טיר.

רופט אַרויס אַ פרישן אינטערעס צום פערז־מײַסטער לייב נײַדוס און צו זײַן שאַר־פער אָריגינעלער בילדלעכקייט.

ווען ס׳קומט צו געבן אַ חבר וואָס אים קומט — שענקט אים זאַק פולע

זשמעניעס אָנערקענונג און גוטסקייט. אָבער צוזאַמען מיט פּרײַנטשאַפטלעכע און פאַרגעבלעכע איבערטרײַבונגען, רײַסן זיך אַרויס בײַ זאַקן אינטימע אַרײַנבליקן אין אַזעלכע ווינקעלעך, וואָס מען פאַרשווײַגט געוויינטלעך און מען פאַרגיסט עס מיט לויב. לויבנדיק שטאַרק שלום אַשן באַהאַלט נישט זאַק אַשס גאווהדיקייט, זײַן נישט וועלן דערקענען אַ יִינגערן שרײַבער — „וויפל מאָל מ'זאָל זיך נישט האָבן מיט אים באַקענט".

די זכרונות־פּאָרטרעטן פון רייזענען, נאָמבערגן, אַשן, סעגאַלאָוויטשן, זײַנען פון די געדענקלעכסטע אין בוך. די מאַנגער־עסיי וואָלט געווען אַ סך פולער, ווען זאַק וואָלט אַ ביסל באַשאַטנט דעם פּאָרטרעט מיט פּערזענלעכע שטריכן פון דעם פּאָעט, וואָס איז געקומען פון רומעניע קיין וואַרשע און גענומען לערנען בלק מיט אַלעמען און ווײַזן ווי „באָהעמיש" אַ פּאָעט דאַרף זיך באַציִען צו חברים.

דאָס בוך „אין קיניגרײַך פון יִדישן וואָרט" איז בלי ספק אַ בײַטראָג צו אונדזער יִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי אָרעם אין שרײַבער־מאָנאָגראַפּיעס. זאַק'ס בוך וועט זיכער דינען אַ לאַנגע צײַט ווי אַ דערמאָנונג, אַז די רײַכע געשטאַלטן־גאַלעריע פון דער יִדישער ליטעראַטור וואָרט אויף אַ גרויסער אַרומנעמענדיקער געשיכטע פון פאַרגאַנגענע און פאַרגייענדיקע תקופות.

א. לעיעלעס

I

„אין אָנהייב פון אַ פרילינג"

דער נאָמען אַברהם זאַק איז גוט באַקאַנט אין דער יִדישער ליטעראַטור. ער איז אַ מחבר פון צוויי צענדליק ביכער, צווישן זיי — פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, רײַזע־באַשרײַבונגען, מעמוארן, עסייען, וכדומה. מיך פּערזענלעך פירט דער דאָזיקער נאָמען צוריק צו דער צײַט, ווען אין אונדזער ליטעראַטור, ספּעציעל אין דער פּאָעזיע, האָט זיך שטאַרק גערודערט מיט נײַע ריכטונגען, מאָדערנע שטרעמונגען. אויך איז פאַר מיר נישט גלײַכגילטיק דער פאַקט, וואָס אַברהם זאַק איז איינער פון יענע לעצטע, וואָס האָבן פּערזענלעך געקענט י. ל. פּרצן און איז געווען אַן אַרײַנגייער אין אונדזער גרויס־מײַסטערס הויז אויף צעגלאַנאַ 1 אין וואַרשע.

ער איז נאָך געווען זייער יונג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין וואַרשע און געזוכט — און באַקומען — סמיכה בײַ י. ל. פּרצן. קוים וואָסערע זיבעצן־אַכצן יאָר, אָבער ער איז פרי פאַרבונדן געוואָרן מיט צײַטונגס־אַרבעט און איז ממילא אַרײַנגעפאַלן אין דעם סאַמע קאָך פון דעם יִדישן שרײַבערישן לעבן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַברהם זאַק איז נישט לאַנג צוריק געוואָרן זיבעציק יאָר און די דאָזיקע דאַטע איז אין אונדזער גאַנצער קולטור־וועלט אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט באַגרי־סונגען און ווינטשעוואַניעס. ער האָט עס כשר פאַרדינט. אָבער אַ האַלב יאָרהונ־דערט איז ער פאַרבונדען מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט יידיש, און שטענ־דיק, אויף אַלע געביטן און אין אַלע זשאַנערס, האָט ער ווירדיק געטראָגן דעם באַרוף פון אַ יידישן שרייבער.

ער וווינט איצט אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, און דאָרטן שטייט ער, ווי אומעטום און אַלע מאָל, מיט גרויס חשיבות אויף זיין פּאָסטן.

דער עיקר איז אַברהם זאַק אַ פּאָעט. דערמיט האָט ער אָנגעהויבן און דאָס איז ער פאַרבליבן. אויך האָט ער צוגעטראָגן אַ סך צו דער יידישער דיכטונג, אין איר אָנגעשלאָגן אַן אייגענע, אָריגינעלע נאָטע, געצויגן אַן אייגענעם אינדיווי־דועלן ניגון.

חוץ דעם — ער האָט אין זיינע יאָרן אַזוי פיל איבערגעלעבט, איז אַזוי פיל דורכגעגאַנגען, אַז ער האָט פּשוט געפילט אַ נויטיקייט צו זוכן אויסדרוק אין אַנ־דערע זשאַנערס. ער איז געקומען קיין וואַרשע אין דער צייט, ווען אונטער י. ל. פּרצעס השפעה האָט מען אָפּט געהערט דאָס וואָרט רענעסאַנס בנוגע יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און קולטור. דערנאָך האָט זיך אָנגערוקט די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס אין איר איז ער געווען „פּאָניעס" זעלנער און געכאַפּט אַ קויל אין זיין האַנט. ווייטער — אויפלעב אין פּוילן, האָפענונגען אין דער נאָך־רעוואָלוציאָ־נערער רוסלאַנד. שפּעטער — צווייטע וועלט־מלחמה, דער טעם אין זיין אייגענעם וועזן פון די צוויי דיקטאַטורן — דער נאַצישער און באָלשעוויסטישער; וואָגלעריי אין רוסלאַנד, אַרעסט, קאָנצענטראַציע־לאַגער, באַפרייונג, צוריקקער צו אַ פאַר־חורבנטער, יידן־אויסגעליידיקטער פּוילן; דאַן — פראַנקרייך, אַרגענטינע.

ער האָט געווונג איבערגעלעבט, דער דיכטער, דער יידישער שרייבער אַברהם זאַק, געווונג דערפאַרונג און שטאָף האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַר זיינע פּילצאָליקע ביכער.

די יידישע ליטעראַטור קאָן אים נאָר דאַנקען. ער האָט זי באַרייכערט מיט בילדער און מחשבות, מיט דירעקטע און אומדירעקטע שילדערונגען פון דער דראַמאַטישסטער און טראַגישסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער. יעדער יידישער געשיכטע־שרייבער וועט מוזן לייענען זיינע ביכער צו פאַרשטיין אַלע זייטן און ווינקעלעך פון אונדזער מאָומדיקער וואָר.

צו זיינע זיבעציק יאָר האָט אַברהם זאַק אָנגעשריבן דאָס בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג", אַן אויטאָביאָגראַפישער פּרווו, וואָס הייבט זיך אָן מיט זיין קינדהייט און דערגייט ביז דעם יאָר 1920, ביז זיין צווייטן באַזעצן זיך אין וואַרשע.

אויף אָט דעם טאָפּלטן יובל־בוך — זיבעציק יאָר לעבן און דאָס צוואַנציק־סטע בוך פון זיין שאַפן — וועל איך זיך ספּעציעל אָפּשטעלן.

אַברהם זאַק'ס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ זייער אָרעמער יידישער שטוב

אין דעם ווײַסרוסישן שטעטל אַמדור. צו דער אָרעמקייט איז נאָך צוגעקומען אַ באַזונדערע קרענקלעכקייט. מען האָט אים קינדווײַז גאַנץ אָפט אויפגעגעבן.

אין זײַן אַרײַנפיר זאָגט דער מחבר, אַז צוליב אָט די צוויי ערשטע באַגלייטער־רינס פאַרנעמט דער אומעט און דער טויט אַזאַ ברייטלעך אָרט אין זײַנע לידער און דערציילונגען. אָבער עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז כסדר האָט ער זיך ווי עס איז אַרויסגעדרייט פון די סכנות און געלעבט און זיך, דאַנקען גאָט, געעלטערט. אין דעם אַרײַנפיר האָט ער אַזאַ באַמערקונג:

„אין דער אמתן איז דעם מחברס געבוירענע לעבענס־פרייד אין אַלע זײַנע איובדיקע מאָמענטן געווען פון העכערער קראַפט און ער האָט תמיד באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון אונטער די פליגל פון טויט... און דאָס איז אויך נוגע דעם טראַגישן פעריאָד 1939—1945, בעת ער האָט באַצאָלט דעם טײַערסטן פרײַז ביידע דיקטאַטורן — דער רויטער און ברוינער. אין דער ערשטער האָט ער גופא פאַר־זוכט קאָנצלאַגער, קאַטאָרגע, נע־ונד. אין דער צווייטער זײַנען די נאָענטסטע זײַנע פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס".

קלאָר, אַז דאָס ליבע עפּאַכעלע אונדזערס האָט דורך־און־דורך צעגאַרבט די מענטשלעכע און ייִדישע הויט פון דעם דיכטער.

אָבער יוגנט בלײַבט יוגנט און אַברהם זאַק באַט אונדז אָן אַ סך שילדערונגען, וואָס פאַרמאָגן אין זיך נישט ווינציק גוטס און פרייד.

אַ שרײַבער איז ער געוואָרן פרי. ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער, דערנאָך איבערגעגאַנגען צו אַנדערע זשאַנערן. ער האָט זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע, ווו ער האָט געזען פּרצן און בײַגעווױנט דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן אויפשוווּנג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער דערציילט אונדז וועגן זײַנע באַגעגענישן און עס גייען פאַר אונדז פאַרבײַ אַ גאַלעריע באַקאַנטע נעמען: א. אַלמי (דעמלט אליהו שעפּס), מאַרק שוויד, מנחם באָריישא, אפרים קאַגאַנאָווסקי, צבי און נח פּרילוצקי, וואָס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער טעגלעכער וואַרשעווער צײַטונג „מאָמענט"; מרדכי ספּעקטאָר, ריקליס און נאָך און נאָך.

אין 1913 האָט ער זיך געשטעלט צום פּריזיוו און מען האָט געזאָגט: „גאָ־דיען", ער טויג, הייסט עס, און ער איז געוואָרן אַ זעלנער פון דער צאַרישער אַרמיי. אַברהם זאַק דערמאָנט זיך גלײַך, אַז אַברהם רייזען האָט אויך געדינט בײַ פּאָ־ניען. אָבער אין רייזענס צײַטן איז קיין מלחמה נישט געווען. אַברהם זאַק האָט דעם טעם פון מלחמה זייער באַלעבאַטיש פאַרזוכט. ער איז געשיקט געוואָרן צום פראָנט און איז, ווי שוין דערמאָנט, געראַניעט געוואָרן אין זײַן האַנט.

ווידער האָט דאָס מזל אים צוגעשפּילט. טאָקע די קראַנקע האַנט איז אים געווען אַ הילף. ער איז אַרויס פון די אַקטיווע שלאַכט־רייען אויף זעקס חדשים. אָבער עס האָט זיך געמאַכט, אַז די זעקס חדשים זײַנען פאַרלענגערט געוואָרן, ביז דער דײַטש האָט פאַרנומען די געגנט, ווו אַברהם זאַק האָט זיך געפונען, און אַזוי האָט ער מער נישט געדאַרפט זיך גיין שלאָגן פאַר ניקאָלאַי דעם לעצטן.

דערווײַל איז ער אָפּגעפאָרן קיין נאָווגאָראָד, אין דער אַלטער, זייער חשובער

רוסישער שטאַט. דאָרט האָט ער געהאַט אַלערליי ראָמאַנטישע איבערלעבונגען. זיי קומען אַרויס פון אונטער זײַן פען באַהנט, אײדל, צניעותדיק. דער שטילער ליריקער, וואָס אַברהם זאַק איז, ווייס זיך צו האַלטן אין דער מעלה, נישט אַריבערטרעטן די דינע גרענעץ, וואָס נאָך איר הייבט זיך אָן די וווּלגאַריטעט.

די ערשטע וועלט־מלחמה ברענגט די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע. אַברהם זאַק איז צו יענער צײַט אין גראָדנע און פון דאָרטן אויס עפנט ער פאַר אונדז די פּאַנאָראַמע פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, ווי זיי האָבן אָפּגעהילכט אין דעם גראָדנער ווינקל און געזען דורך אַ יחידיש־ייִדישן דיכטערישן אויג.

מיט די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען קומען האָפענונגען פאַר ייִדיש. אַברהם זאַק איז, לויט זײַן פּאָליטישער אַנטוויקלונג, אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט. צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע סאָציאַליסטן גלייבט ער אין אַ צײַט פון בנין, גרויסן אויפבלי פאַר אַלע צווײַגן פון דער ייִדישער קולטור. דאָ טרעפט ער אַנדערע פּיגורן פון ייִדיש־סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט: זלמן רייזען, לייב יפה, משה שאַליט, יעקב פּאַט, בערל גוטמאַן און אַ ריי אַנדערע.

עס איז דאָ אין דעם בוך איין באַגעגעניש, וואָס האָט אַ ספּעציעלן באַטײַט פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איך מיין די באַגעגעניש און שפּעטער נאָענטע פרײַנדשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען צווישן אַברהם זאַקן און דעם יונג־פאַרשניטענעם פּאָעט לייב נײַדוס.

לייב נײַדוס איז אין די מלחמה־ און מהומה־יאָרן געשטאָרבן פון דיפטעריע נאָך איידער ער האָט דערגרייכט דרײַסיק יאָר. געענוי — צו 28 יאָר. עס קאָן נישט זײַן קיין ספק, אַז וואָלט ער געהאַט אַריכת־ימים, וואָלט ער אויסגעוואַקסן צו אַ פיגור פון גרויסער פּאָעטישער קראַפט. אין אַ צײַט ווען דער ייִדישער פּערז איז נאָך געווען גאַנץ שלאַבערדיק און עס איז כמעט געווען אַ קונץ צו שרײַבן אַ ריכטיקע קלינגענדיקע שורה, האָט לייב נײַדוס אַרויסגעבראַכט געשליפענע פּערזן, וואָס קאָנען נאָך הײַנט איבערראַשן מיט זייער מעלאָדישקייט און שווונג. אפשר האָט ער זיך צו פיל אָפּגעגעבן מיט דער דרויסנדיקייט פון דעם ליד. אָבער ער איז דאָך געווען אַזוי יונג. מיט דער רײַפקייט וואָלט זיכער געקומען אַ פאַרטיפונג פון תוך און תוכן. נישט באַשערט געווען נישט אים, ניט דער ייִדישער פּאָעזיע.

אַברהם זאַק דערציילט וועגן לייב נײַדוסן אַ סך אומבאַקאַנטע פּרטים. ביידע זײַנען געוואָרן זייער נאָענט, ערשטנס, ווײַל זיי זײַנען געווען צוויי יונגע פּאָעטן און גרויסע מאמינים אין דער שליחות פון דער ייִדישער דיכטונג. צווייטנס, זײַנען ביידע אויך געווען נאָענט אין זייער אידעאָלאָגיע. נײַדוס איז אויך געווען אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט.

וואָס אַברהם זאַק גיט איבער פון דעם לעבן פון דעם יונגן פּאָעט, איז טאַקע אַ שפּאָר ביסל נײַ, ספּעציעל וועגן די לעצטע עטלעכע יאָר פון זײַן קורץ לעבן. אַברהם זאַק אַליין באַטאָנט עס. ער מאַכט אויך אָט די באַמערקונג: „אין 1919 האָט זיך ש. ניגער (דאַן פון ווילנע) געווענדט צו מיר איך זאָל אים שרײַבן גענויע פּרטים וועגן לייב נײַדוסעס אומגעריכטן טויט. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, גע־

טאָן. אָבער עד היום איז מיר נישט באַקאַנט, צי ניגער האָט די דאָזיקע פּרטים ערגעץ ווו דעמאָלט אויסגענוצט כאָטש אין אַ געלעגנהייט־אַרטיקל״.

כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז שמואל ראַזשאַנסקי האָט אין זײַנע באַוווּסטע „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור״ בײַ דעם יוסף ליפשיץ־פאָנד, גע־האַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלײַב פון לייב נײַדוסעס אויסגעקליבענע שריפטן און — זייער גוט האָט ער געטאָן. שמואל ראַזשאַנסקי איז אַן אַלטער תושב פון אַרגענטינע. דער פאַקט, וואָס אַברהם זאַק איז אויך אַן אַרגענטינער, האָט מסתמא געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס לייב נײַדוסעס מערקווירדיקע לידער זאָלן ווידער קומען צום אויפמערק פון דעם בעסערן יידישן לייענער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַברהם זאַק זיך פון דאָס נײַ באַזעצט אין וואַרשע, ווו עס זײַנען ווידער אויפגעקומען אַזוי פיל האָפענונגען אויף אַ באַנײַט יידיש לעבן און אויף אַ נײַעם רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיר געפינען אין די זכרונות פון אָט דער צײַט באַגעגענישן מיט שוין באַ־קאַנטע און נײַע יידישע שרײַבערס — הלל צייטלין, דוד פרישמאַן, ז. סעגאַלאָוויטש, משה בראָדערזאָן, ה. ד. נאָמבערג, יעקב דינעזאָן, יהושוע פּערלע, ד״ר יוסף קרוק און נאָך אַ סך אַנדערע.

וואָס איז דאָ צו רעדן? די באַנײַטע האָפענונגען האָבן זיך פאַרענדיקט נאָך ערגער, ווי די האָפענונגען אונטער דער צאַרישער רעגירונג ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערבײַ — אַ מערקווירדיקע זאַך. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז דער דײַטש נאָך געווען מער־ווייניקער אַ מענטש, און ער האָט אפילו געהאָלפן דעם אויפשטײַג פון אַ יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און קולטור. אַברהם זאַק דערציילט וועגן דעם כלאחר יד, אָבער דער פאַקט שלאָגט אין באַוווּסטזײַן. עס האָט געדאַרפט קומען די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט דער סאַדיסטישער מערדע־רישער אומנאָרמאַלקייט פון די היטלערס, גערינגס און הימלערס, אַז דער דײַטש זאָל ווערן עפּעס אַזוינס אויסטערליש־גרויליקס לגבי דעם קייזער־רײַך, אַראָפּשינדן אין גאַנצן זײַן מענטשלעכע הויט און ווערן אַ חיה־רעה.

דאָס צוואַנציקסטע בוך פון אַברהם זאַקן לייענט זיך זייער געשמאַק. דער דיכטער און גוטער דערציילער איז דאָ אויף יעדער זײַט. די אַלגעמיינע געשעע־נישן — וויפל זיי זאָלן נישט זײַן באַקאַנט פון אַנדערע קוואַלן — ווערן ווי נײַ, ווײַל צו זיי איז צוגעקומען אַן אייגנאַרטיקער אינדיווידועלער שטריך. נאָך וויכ־טיקער איז דער שליסל, וואָס דאָס בוך דערלאַנגט אונדז צו דעם סאַמע אינעווײ־ניקסטן פון אַ יידישן שאַפן אין אַזאַ צעשטורעמטער, אַרצי־טראַגישער תקופה.

דער ערשטער באַנד פון אַברהם זאַק׳ס זכרונות רייצן דעם אַפּעטיט, אַז עס זאָלן קומען נאָך אַנדערע בענד. געוויס, דער אויטאָר האָט אונדז שוין אַ סך גע־געבן אין זײַנע פריערדיקע 19 ביכער פון פּאָעזיע און פּראָזע. אָבער ער האָט זיכער נאָך אַ סך צו דערמאָנען זיך און דערציילן.

צו זײַנע זיבעציק יאָר ווינטש איך אים אַ סך נחת און צופרידנקייט מיט זיך

אַליין, דעמאָלט וועלן האָבן נחת אויך מיר, זײַנע פרײַנד, און פאַראײנס די יידישע ליטעראַטור.

„אין אָנהייב פון אַ פרילינג" איז דאָס בוך נומער 166 אין דער ביכער־סעריע דאָס פוילישע יידנטום, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־אײַרעס, 1962.

II

„אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט"

1.

אין בוענאָס־אײַרעס איז אַרויס אַ נײַ בוך פון אַברהם זאַק, דעם באַרימטן דיכטער, עסייִסט, דערציילער ווי אויך מעמואַריסט. זײַן נײַ בוך לייענט זיך זייער אינטערעסאַנט. אין אַרום 240 זײַטן שילדערט דער אויטאָר אַ לאַנגע גאַלעריע יידיש־ליטעראַרישע געשטאַלטן — עלטערע און ייִנגערע. וועגן יעדן איינעם האָט אַברהם זאַק עפּעס אייגנס צו דערציילן. אין לעצטן סך הכל איז דאָס אַ מין סומי־רונג פון אונדזער נײַעסטער ליטעראַרישער תקופה, וואָס נעמט אויך אַרײַן יאָרן פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

אַברהם זאַק געהער נאָך צום דור, וואָס אין זײַן יוגנט איז ער געווען פאַר־בונדן מיט דעם בית פרץ, אָן אײַנגייער אין דעם הויז פון דעם גרויסן שרײַבער בײַ יידן, וואָס זײַן השפעה אויף די דעמאָלטיקע יונגע איז געווען אי שטאַרק, אי פּערמאַנענט.

אַליין האָט אַברהם זאַק דורכגעמאַכט דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון אונדזער נײַעסטן גיהנום. דער נאַצי־רוצח האָט אים פאַרכאַפּט אין פוילן. ער איז אַ גראַ־דואַנט, אַ „געוועזענער", הייסט עס, פון די פאַרשיקונגען, קאָנצענטראַציע־לאַגערס און פאַרוואָרפנקייט אין די ווײַטע סאָוועטישע געגנטן. נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צוריקגעפאָרן קיין פוילן, דערנאָך אַוועק קיין פראַנקרײַך, ווו ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר. שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער לעבט און שרײַבט. זײַנע יאָרן פון וואַנדער און ווי' האָבן אים באַרײַכערט מיט אַ סך דערפאַרונג, און אונדזער ליטעראַטור מיט אַ היפּשער צאָל ביכער — לידער, דערציילונגען, עסייען און זכרונות.

דאָס נײַעסטע בוך זײַנס — דאָס צוויי' און צוואַנציקסטע פון זײַן פאַרמעגן — הייסט „אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט" מיט אַן אונטערקעפּל עסייען און דערמאָנונגען; הויפּט־פאַרקויף יידיש וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין בוענאָס־אײַרעס.

אין דעם בוך גייען אַרײַן קירצערע און לענגערע זאַכן וועגן אַ היפּשער צאָל

יִדישע שרײַבערס פון אונדזער צײַט. די מערסטע זײַנען שוין אויפן עולם האמת. אָבער פאַראַן אויך עטלעכע, וואָס זײַנען נאָך מיט אונדז, צו לאַנגע, געזונטע יאָרן: מלך ראַוויטש, איציק מאַנגער, ד״ר יוסף קרוק, א. מ. פוקס. וועגן מלך ראַוויטשן שרײַבט אַברהם זאַק אין שײַכות מיט זײַן באַקומען די ש. ניגער־פּרעמיע אין אַר־גענטינע. זאַק באַטאָנט נישט בלויז ראַוויטשעס דיכטערישע עכטקייט, נאָר אויך זײַן פּערזענלעכע, מענטשלעכע עכטקייט. איך שרײַב זיך אונטער אויף ביידע דיפּלאָמען.

די מערסטע שרײַבערס, וואָס אַברהם זאַק שילדערט, האָט אַברהם זאַק פּער־זענלעך געקענט. די פּערזענלעכע דערמאָנונגען גיבן אָפּט צו דעם הויפּט־רייץ און דעם וויכטיקסטן עלעמענט צו די אינדיווידועלע סקיצירונגען.

עס איז כדאי פון אָנהייב אָן צו באַטאָנען דעם כאַראַקטער פון אַברהם זאַק׳ס צוגאַנג צו פאַרשיידענע שרײַבערס. ער איז זייער אָביעקטיוו. אַפילו אַ פּערזענלע־כער פאַרדראָס בײַט נישט און פאַרערגערט נישט זײַן אָפּשאַץ. אַט אַ שטייגער אַזאַ מין שילדערונג וועגן אַברהם רייזענען און שלום אַשן.

אַברהם זאַק איז געווען אין וואַרשע און דאָרט זיך באַקענט מיט רייזענען. רייזען, ווי ס׳איז אַלעמען באַוווּסט, איז געווען זייער צוגעלאָזן, זייער פּאַטערלעך צו יינגערע שרײַבערס. אַבי ער האָט נאָר געפונען אַ פונק בײַ עמעצן, האָט ער אים תיכף מקרב געווען. אַ מאָל — אַפילו ווען אַזאַ פונק איז געווען אילוזאָריש. שלום אַש, להיפוך, איז געווען אַן אָנגעבלאָזענער, פול מיט אייגענעם זעלבסטבאַ־וווּנדער און קיין יינגערן שרײַבער נישט בלויז געאײַלט זיך צו אָנערקענען, נאָר בכלל נישט געזען. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך און אַברהם זאַק האָט עס באַ־מערקט — אויף זיך גופא.

ער איז אַ מאָל געווען בײַ אַברהם רייזענען אין זײַן „קאַוואַלערסקן״ צימער אין וואַרשע. דאָרט איז אויך געווען שלום אַש. אָבער שלום אַש האָט אים לחלוטין נישט געזען. אַזוי ווײַט, אַז ווען זאַק איז אַרויס און זיך געזעגנט מיט רייזענען, האָט זיך פּשוט נישט געהויבן בײַ אים, בײַ זאַקן, די האַנט צו געבן שלום אַשן.

פון דעסט וועגן. פון דעסט וועגן וועט איר אין דעם בוך געפינען אַן עסיי וועגן שלום אַשן, וואָס הייסט „דער ריז פון דער יידישער ליטעראַטור״ און וואָס איז פול מיט לויב פאַר אים. ס׳איז אַ שיינע אינדיווידועלע מידה בײַם דיכטער אַברהם זאַק, בפרט, ווען זי איז גאָר נישט אַזוי געוויינטלעך. גיכער אַן אויסנאַם.

בכלל גערעדט, מוז איך זאָגן, אַז מיר איז כמעט אומפאַרשטענדלעך דער אַזוי אָפּט פאַררייסענער סנאָביזם, וואָס מען טרעפט צווישן שרײַבערס, קינסטלערס, יידישע אַרײַנגערעכנט. איך האָב אָפּט געשטוינט אויף דער אַנגעצויגנקייט פון געוויסע קאָלעגן, וואָס האָבן זיך כסדר געריסן צו אַ פראָנט־פּלאַץ בײַ אַ צונויפקום; וואָס עס איז זיי נישט אָנגעשטאַנען צו זיצן אין איינעם מיט דעם און יענעם. זיי האָבן אַן שאַנד געפּראַוועט אַ גדלות, וואָס הוץ דער פּערזענלעכער אומסימפּאַטיש־קייט איז עס נאָך געגאַנגען להיפוך זייערע אייגענע ווערק. אָדער אפשר איז עס

בלויז געווען דער אײַנדרוק, וואָס די נעמלעכע שרײַבערס האָבן געוואָלט אַרויסרופן מיט זייער שרײַבן?

שלום אַש האָט זיך אָפּט געלאָזט וויל־גיין מיט אַזאַ גאווה. אַברהם זאַק האָט עס דערפּילט אויף זיך. און דאָך...

.2

עס איז, נאַטירלעך, אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף יעדן איינעם פון די שרײַבערס, וואָס גייען דורך פאַר די אויגן אין אברהם זאַק׳ס נײַסטן בוך. וועל איך זיך באַגרענעצן מיט יענע, וואָס האָבן צום שטאַרקסטן פאַרכאַפּט מײַן אויג און געמיט.

אַזאַ, למשל, איז פאַר מיר משה בראָדערזאָן. ער איז מײַנער אַ לאָדזשער לאַנדס־מאַן. מיר זײַנען אין דער גאָר פרי׳ער יוגנט געגאַנגען אין דער זעלבער שול. אין 1924 בין איך געווען זײַן און זײַן פרויס גאַסט אין לאָדזש. אויך האָט ער אָנגע־הויבן צו „בונטאַרעווען" אין דער יידישער ליטעראַטור כמעט אין דער אייגענער צײַט, וואָס איך דאָ אין אַמעריקע. זײַנס איז געווען איינע פון די ערשטע באַגרי־סונגען, וואָס דער „אינזיך" האָט באַקומען אין 1920, ספּעציעל מעבר לים.

עפּעס אינטערעסירט מיך ספּעציעל אין משה בראָדערזאָנס טראַגישער ביאָ־גראַפיע. ער איז נישט אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטלאַנד צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידישע שרײַבערס, וואָס זײַנען געקומען פון פוילן און זיך רעפּאַטריירט אַהין באַלד נאָך דער צעשמעטערונג פון די נאַציס. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך געראַטע־וועט. ער, בראָדערזאָן, איז געבליבן. ער האָט געטיילט דעם גורל פון פרץ מאַרקישן, לייב קוויטקאָן, דעם נסתר און אַנדערע. ער איז אָבער געבליבן לעבן און איז אַרויס קיין פוילן גאַנץ שפּעט, אין די פופציקער. פאַר וואָס? באַלד נאָך זײַן קומען קיין פוילן, ווי באַוווסט, איז ער געשטאָרבן. זײַן האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

אַברהם זאַק פאַרנעמט זיך אויך מיט דער פראַגע, וואָס איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט בראָדערזאָנען, וועןביידע זײַנען געווען אין די ווײַטע אַזיאַטישע מקומות. פון בראָדערזאָנס בריוו צו זאַקן איז קלאָר, אַז בראָדערזאָן האָט היפּש געליטן אין דער סאָוועטישער פאַרשיקונג, כאָטש זײַן אײַנגעבוירענער גאַלגן־הומאָר האָט אים קיין מאָל נישט פאַרלאָזן.

אַברהם זאַק אַליין האָט אָט וואָס צו זאָגן וועגן דער בראָדערזאָן־טראַגעדיע:

„אין פּלוג הייסט עס, אַז משה בראָדערזאָן איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט; געקומען דער מלאך המוות און — פרחה נשמתו. אָבער נאָר אין פּלוג. אין דער אמתן גייט בראָדערזאָן אַרײַן אין דער רשימה פון די אַלע דערמאָרדעטע יידישע שרײַבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

„איז דאָך דאָס לעבן — דאָס כלומרשטע לעבן — אין אַ סאָוועטישן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אַ לאַנגזאַמער אומקום, אַ פאַמעלעכדיקע גסיסה."

ווײַטער — וועגן מ. בראַדערזאָנס נישט־אַרויספאָרן אויף אַ לעגאַלן אופן אין 1946 קיין פוילן לויט דער רעפּאַטריאַציע — שרײַבט אַברהם זאַק:

„בראַדערזאָנס נישט אַרויספאָרן פון רוסלאַנד (אין 1946) פּרוּווט מען דער־קלערן מיט פּסיכאָלאָגישע סיבות. עס האָט אים באַהערשט אַ פּחד־געפיל, אַן אומ־צוטרוי. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער רעפּאַטריאַציע איז אַ שפּיצל פון דער נ. ק. וו. ד.; אַ מין נײַע פּאַסטקע פאַר אַלע פּוילישע, ווי זיי האָבן עס שוין באַוויזן אין 1940 מיט זייער רעגיסטראַציע פון פּליטים אין די פאַרנומענע מערב־געביטן. דאַן האָבן זיי אַלע רעגיסטרירטע ייִדן צעשיקט אין די לאַגערן און איצט קענען זיי עס ווידער טאָן."

נו, מען קאָן קיין מאָל נישט וויסן ווי אַזוי דער גורל טשאַטעוועט אויף עמעצן און וואָס ער צעטוט אַלץ נישט דעם קרבן אַרײַנצוכאַפּן. ספּעציעל ווען דער גורל האָט אין בראַדערזאָנס טראַגישן פאַל געטראָגן דעם מונדיר פון אַן נ. ק. וו. דעניק.

3.

נאָך אַן עסיי, וואָס האָט מיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין אַברהם זאַק'ס נײַעסטן בוך, איז וועגן לייב נײַדוסן, זײַן יוגנט־חבר און בן־עיר פון גראָדנע, אַ דיכטער, וואָס איז געשטאָרבן צו 28 יאָר מיט אַ גרויסן אוצר אויפטו און נאָך מיט אַ גרעסערן אוצר, וואָס דער מלאך המוות האָט אַזוי פּריצישיק אויף אייביק פאַרשאָטן.

לייב נײַדוס האָט זיך אין דער ייִדישער פּאָעזיע באַוויזן ממש ווי אַ מעטעאָר. ער האָט געהאַט אַ סך טאַלאַנט. ער האָט פאַרמאָגט קולטור. געווען באַהאַוונט סײַ אין ייִדיש וויסן, סײַ אין גויִיש וויסן. ער האָט ווי אין זײַנע אָדערן געפילט, אַז ייִדן זײַנען שוין לאַנג נישט קיין מזרח־פאָלק, נאָר אַ מין כעמישער סינטעז פון בײדע. האָט ער געוומען שרײַבן לידער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אי ייִדישע מאָגנע־דיקע תוכיקייט, אי איראָפּעיִשע עלעגאַנטע פאָרעם. ווען לייב נײַדוסן וואָלט געווען באַשערט יאָרן, איז גאָר קיין פראַגע נישט, אַז ער וואָלט פאַרנומען די פּאָזיציע פון איינעם פון די גרעסטע און מאָדערנסטע פּאָעטן אונדזערע. סײַ ווי איז ער אַ זייער וויכטיקע פיגור אין אונדזער נײַסטער דיכטונג.

לייב נײַדוס איז ווינציק באַקאַנט אַפילו אין די קרײַזן אונדזערע, ווו מען אינטערעסירט זיך מיט ליטעראַטור. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק אַברהם זאַק'ס לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אַזוי יונג אויסגעלאָשענעם דיכטער־לעבן. מען דאַרף זיך בכלל באַקענען מיט לייב נײַדוסן. אַברהם זאַק'ס עסיי וועט זײַן אַ גוטער אַרײַנפיר.

„אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט" זײַנען פאַראַן דורכגעטראַכטע דער־מאָנונגען וועגן ז. סעגאַלאָוויטשן, וועגן א. אַלמין, י. י. טרונקן, שמערקע קאַטשער־גינסקי, דעם אַרגענטינער דערציילער בערל גרינבערג, וועגן ה. לייוויק, ה. ד. נאָמבערג און אַ סך אַנדערע. דורך די איינצלנע געשטאַלטן וואַקסט אויס אַ מין

קאָלעקטיוו גרויס בילד, וואָס דערציילט וועגן אַ טראַגישן גורל פון אַ גאַנצער ליטעראַטור אין משך פון קנאַפּע זעכציק יאָר. טראַגישקייט, אָבער אויך גרויסקייט.

דורך דער שילדערונג פון אַזוי פיל אַנדערע טרעט פאָר אונדז אַרויס אויך די פיגור פון דעם שילדערער. אַ וויכטיקער ליטעראַרישער כוח, אַן אָביעקטיווער און רעכטפאַרטיקער. אַ פאַרגינער און געטרײַער, אַ טאַלאַנט וואָס קאָן אָפּשאַצן ערלעך דעם טאַלאַנט פון אַנדערע. אַן אינטערעסאַנט בוך און נאָך מער. אַ גוט בוך.

נ. ב. מינקאָוו

„פון אַלע נע־ונדן" פון אַברהם זאַק

„פון אַלע נע־ונדן" איז אַברהם זאַקס זיבעט בוך לידער. אַחוץ די לידער־ביכער האָט ער ביז איצט אַרויסגעגעבן נאָך נײַן ביכער — נאָוועלן, דערציילונגען און אַ פּיעסע.

ווען מ׳לייענט זאַקן דערפילט מען גלײַך זײַנע שרײַבערישע מעלות: ער איז עכט, זויבער און אויסערגעוויינטלעך ערלעך. זײַן שענסטע מעלה איז: דאָס שרײַבן גופא איז בײַ אים זייער חשוב. זײַן אייגענע חשיבות איז אַ נאַטירלעכע, אַ שטילע, ממש אַ שווײַגנדיקע.

אין זײַן ליד „ליטע" קען מען געפינען זײַן אייגענע כאַראַקטעריסטיק. מיר גיבן דאָ בלויז דעם אָנהייב:

איך האָב געירשנט פון די פעלדער דײַנע שטילע —
דאָס שווײַגן, וואָס עס ליגט צעשפּרייט אויף זיי;
דו האָסט געוועקט אין מיר די ערשטע, ערשטע תּפילה,
דעם ערשטן יונגן צער, דעם ערשטן וויי.

איך האָב אין דײַנע שאַרע, בענקענדע פאַרנאַכטן
טיף אײַנגעזאַפּט דײַן אומעט אין מײַן האַרץ.
פון הימל דײַנעם פון דעם אומעטיק־פאַרטראַכטן
געוווּנקען האָט צו מיר מײַן מזל שוואַרץ.

דאָס ליד „ליטע" האָט ער געשריבן נאָך פאַרן בלוטיקן מבול. צו זײַנע ווײַטער־דיקע לידער איז צוגעקומען נאָך אַ שטריך: די לידער זײַנען פול מיט טראַגיק, מיט כלומרשט זאַכלעכער, אָבער מיט שטילער טראַגיק. אָט דער שטריך איז געבליבן אַפילו אין די לידער פון נאָכן מבול. אײַנגעבראָכן, רירנדיק איז דעם דיכטערס געמיט: דאָס פילט מען אין זײַנע לידער־ביכער „מיט אַש אויפן קאָפּ", אין „יאָרן אין וואָנדער". נאָך מער פילט מען עס אין זײַן איצטיק בוך „פון אַלע נע־ונדן".

אין בוך זײַנען די לידער געטיילט אין די סעריעס: דער פרעמדער הימל, די שטאָט פון טויזנט חנען (בײדע סעריעס געשריבן אין פראַנקרײַך), אויף היימישער

ערד (וועגן מדינת ישראל), אין שנייִקע טײַגעס (דאָס טראַגישע לעבן אין די סאָ־וועטישע לאַגערן), איבער ווײַטע ימען (געשריבן ס׳רוב אין אַרגענטינע). די לעצטע סעריע „ווערבעס בײַם וואַסער״ איז שוין געווען אין דרוק אין 1939 און דער מבול האָט עס פאַרשווענקט. דאָס בוך שליסט זיך מיט די לידער „אַלטע היים״.

זאַק׳ס טעמאַטיק איז — אונדזער חורבן, די איצטיקע צײַט און אונדזער געמיט. די פאָרעם, אין טיפערן זין, איז — די נײַ־ראָמאַנטיק, וואָס האָט זיך אַזוי שיין צעבליט אין אונדזער פּאָעזיע זינט די יאָרן 1907—1908. זאַק׳ס לידער געהערן צו דער דאָזיקער שיינער טראַדיציע. און אין דער דאָזיקער טראַדיציע שרײַבט ער זײַן ליד — שטיל, מעדיטאַטיוו און געלײַטערט:

איך ווער אַזוי פאַרוויגט אין שטיינער־טאָל בײַם טײַכל רוישיקן:
עס גלעט דאָס ליד פון אייביקייט, פון אייביק זײַן...
אַפילו ס׳מינדסטע שטויבעלע איז זיך מצרף פרום
אין לויב צום אייביקן באַשאַף — וועלט־אויס, וועלט־אײַן...

(„צוקונפט״ 1956)

א. אַלמי

I

אַברהם זאַק

(צום דערשײַנען פון זײַנע צוויי נײַע ווערק: „יאָרן אין וואַנדער״ און „צווישן שאָטנס״)

אַברהם זאַק איז פון זײַן שטעטל אין אַמדור געקומען קיין וואַרשע אין 1909, אין דער צײַט פון גרעסטן פונאַנדערבלי פון דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור אין פוילן. איך האָב זיך באַלד שטאַרק צוגעבונדן צו אים. זײַן ערלעכקייט, באַשיידנקייט, אויפריכטיקייט און איידלקייט האָבן מיר אימפּאָנירט. איך וויל נישט זאָגן, אַז אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער משפחה איז ער געווען אַן אוניקום, אָבער ער איז זיכער געווען איינער פון די פײַנסטע אין דער סביבה, ווו מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען. זאַק, וואָס מיר, די נאָענטע חברים, פלעגן אים גוט־מוטיק רופן „זעקל״, האָט זײַנע ליטעראַרישע אַמביציעס און חלומות קיין מאָל נישט אונטערגעשטופּט דורך פאַרטלען, אָדער „טריקס״. הינטערוועגלעך, ווי חניפה, זײַנען אין גאַנצן פרעמד זײַן כאַראַקטער. ער האָט קיין מאָל נישט געפּרוווט צו פאַרכאַפּן אַ פּאָזיציע דורך אַפּשאַרן אַנדערע אָן אַ זײַט און ער איז קיין מאָל קיינעם נישט געשטאַנען אין וועג. איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זאַק זאָל ערגעץ האָבן אַ שונא — נישט דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגערעכנט געלעבט גוט מיט אַלעמען,

מחמת וועלכע ס'איז קאַריערעסטישע כוונות, נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס ער אַליין איז דורכויס פֿרײַ פֿון קנאה און שנאה.

פּונקט ווי ער איז אַלע מאָל געווען ערלעך צו אַנדערע, איז ער געווען ערלעך צו זיך אַליין, צו זײַן שרײַבן. ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער אין טאָן און אין פֿאָרעם פֿון אונדזערע דיכטער־קלאַסיקערס — און אין משך פֿון פֿערציק יאָר, וואָס ער איז אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער קיין מאָל נישט עקספּערימענ־טירט מיט אַנדערע פֿאָרמען, אָדער מיט אַנדערע טענער. אפשר איז ער שוין אין דעם פּרט געווען צו ערלעך, אָדער צו ווייניק פֿאַרגלייבט אין זיך, אין זײַן אייגענעם טאַלאַנט און ער האָט דעריבער קיין מאָל נישט געמאַכט קיין שטאַרקערע אָנשטרענ־גונג זיך אָנצוטאָן אַ כוח, און באַווײַזן אַ דיכטערישע גבורה, וואָס זאָל איבערראַשן, אויב נישט אַנדערע, איז כאָטש זיך אַליין.

זײַנע לידער — פֿון זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „אַקאָרדן", וואָס איז אַרויס אין גראָדנע אין 1918, ביז זײַן לעצט לידער־בוך — „יאָרן אין וואַנדער", וואָס איז אַרויס אין בוענאָס־אײַרעס (דורכן צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע יידן) אין 1949 — זײַנען ערלעכע לידער פֿון אַן ערלעכן מענטש, פֿון אַן ערלעכן דיכ־טער. אין יוגנטלעכער פֿרייד און אין טרויער פֿון חורבן — דער זעלביקער אַברהם זאַק. דער אייגענער טאָן, דער אייגענער ריטעם, די אייגענע פֿאָרעם. צווי וועלט־מלחמות, רעוואָלוציעס, נאַציאָנאַלער און פּערזענלעכער אומגליק, אַטאָמישע באָמ־בעס און שרעק פֿאַרן מאָרגן — דאָס אַלץ האָט אויף קיין האָר נישט געענדערט אַברהם זאַקן, דעם מענטש, און אַברהם זאַקן, דעם דיכטער.

זײַנע איבערלעבענישן אין דער מלחמה, ווי אַ זעלנער אין דער רוסישער אַרמיי, האָט אַברהם זאַק דערנאָך געשילדערט אין אַ בוך „אונטער די פֿליגל פֿון טויט". דאָס דאָזיקע ווערק האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דאָך האַלט איך, אַז ס'איז נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, נישט דערשאַצט געוואָרן אין דעם גאַנצן פֿאַרנעם. איך האָב דעמאָלט זאַק'ס מלחמה־בוך פֿאַרגליכן צו רעמאַרקס „נישטאָ קיין נײַעס אויפֿן מערב־פֿראָנט" און דערבײַ געפֿילט, אַז איך באַגיי זאַקן אַן עוולה, מחמת אין אַ סך פּרטים, דער עיקר אין דער ביבלישער פּשטות, מיט וועלכער ער דערציילט דאָרט די טראַגעדיע פֿון מלחמה, פֿון טויט, פֿון דעם טיפֿן אויפֿטרייסל אין דעם זעלנערס נשמה, נישט צו רעדן פֿון דעם ספּעציפֿיש־יידישן טרויער, וואָס פֿילט אָן דאָס ווערק, איז ער ווײַט איבערגעשטיגן רעמאַרקן. ס'איז אַ ווערק, וואָס האָט זיך פֿאַרדינט אייביקייט, ווי אַ טיף־מענטשלעכער און טיף־קינסטלערישער דאָקומענט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה — דער אָנהייב פֿון דעם אימהדיקן חורבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זאַק'ס ווערק וואָלט אין ענגליש, בין איך זיכער, געמאַכט נישט קיין קלענערן אויפֿריר ווי רעמאַרקס, אָבער בײַ אונדז איז עס שנעל פֿאַרגעסן געוואָרן. מיר איז נישט באַקאַנט ווי „אונטער די פֿליגל פֿון טויט" איז אויפֿגענומען געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג, אָבער אין זכות פֿון בלויז אָט דעם ווערק האָט זיך זאַק פֿאַרדינט אַן אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. זאַק געהער אָבער צו

די געצײלטע בײַ אונדז, וואָס זוכן נישט קײן אויבנאָן. איך ווײס נישט פֿון נאָך אַ שרײַבער, וואָס האָט אַזוי ווײניק טענות געהאַט צו עמעצן. איך זאָג „ווײניק“, מחמת איך קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל בכלל קײן מאָל קײן שום טענה נישט האָבן. און אמתן ווײס איך נישט פֿון אײן פֿאַל, ווען זאַק זאָל זיך האָבן באַקלאָגט אויף אַ קאָלעגע, אָדער אויף וועמען־ניט־איז, אַז מען האָט אים באַעוולהט. דאָס מײנט, נאַטירלעך, נישט, אַז מען איז קעגן אים קײן מאָל קײן עוולה נישט באַגאַנגען. אָבער זאַק האָט עס מקבל באהבה געווען, אָדער געמאַכט דערפֿון אַ וויץ.

זײַן באַציִונג צו אַנדערע, ווײַזט זיך באַזונדערס אַרויס אין דעם פּיעטעט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין זאַמלען, צונויפֿשטעלן און אַרויסגעבן די פֿאַרבליבענע לידער פֿון זײַן יונג־פֿאַרשטאָרבענעם יוגנט־חבר, לײב נײַדוס. אַברהם זאַק, וואָס האָט קײן מאָל גאָרנישט געמאָנט פֿאַר זיך, איז געוואָרן אַ גרויסער מאָנער פֿאַר דעם פֿאַרשטאָרבענעם חבר. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זאַמלען נײַדוסעס לידער, שרײַבן אַן אַרײַנפֿיר צו דער לידער־זאַמלונג, נאָר אויך באַזאָרגט נאָטיצן אין דער פּרעסע, געמונטערט די רעצענזענטן און קריטיקערס. און ביזן הײַנטיקן טאָג, ווען אונדזער לעבן איז אַזוי רײַך געוואָרן אין טויט, דערמאָנט ער בײַ יעדער געלעגנהײט נײַדוסן.

אַברהם זאַק האָט זיך אויך אויסגעצײכנט ווי אַן איבערזעצער פֿון אַנדערע שפּראַכן, איבערהויפּט פֿון רוסיש, פּאָעזיע און פּראָזע — פֿון פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, טורגעניעוו, אָבער איך בין דאָ מער אויסן צו שרײַבן וועגן אַברהם זאַקן, דעם מענטש, דעם פֿיל־געליטענעם און גרויסן סבלן, וואָס נעמט אויף אומגליק און קאַטאַסטראָפֿע מיט סטאָיִשער רויִקייט — ווי אַ קריטישע אָפּשאַצונג פֿון זײַנע ווערק, כאָטש זײַנע לעצטע צוויי ביכער, דאָס דערמאָנטע לידער־בוך „יאָרן אין וואַנדער“ און די זאַמלונג פֿון קורצע דערציילונגען — „צווישן שאָטנס“ (פּאַריז, 1950) קוקן אין פּנים אַרײַן און מאָנען אַ וואָרט.

דאָס לעצטע פּראָזע־בוך זײַנס טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון אונדזער טראַגישער צײַט נישט נאָר אין אינהאַלט פֿון די לירישע, טיף־רירנדיקע דערציילונגען פֿון דער חרובער היים און פֿאַרשוווּנדענער וועלט, נאָר אויך אויפֿן שער־בלאַט, ווו עס ווערט אונדז דערציילט, אַז דאָס ווערק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פֿון דער קולטור־אָפּטײלונג בײַם „דזשאָינט“ אין פֿראַנקרײַך. ס'איז גוט צו וויסן, אַז דער „דזשאָינט“ העלפֿט נישט בלויז די אויסגעוואָרצלטע ייִדן, נאָר אויך אונדזער אויסגעוואָרצלטער און הײמלאָזער ליטעראַטור. אַברהם זאַק אַלײן, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן דורכגעשפּאַנט דאָס אײראָפּעיִשע און אַזיאַטישע רוסלאַנד, אָנגעשפּאַרט אין אַ סך אַנדערע לענדער אויף זײַן וואַנדער, זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, ווו ער געפֿינט זיך אין איצטיקן מאָמענט, שטײט ווידער מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט און אין די בריוו צו מיר שטעלט ער אַוועק די פֿראַגע: וווּהין — פֿאַראײניקטע שטאַטן, ישראל, קאַנאַדע?

1951

II

אַ שילדערונג פון צוויי גיהנומס

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

איינער פון די גרעסטעוועטע — צוויי מאָל גרעסטעוועטע: פון גערמאַנישן טויט און פון סאָוועטישן טויט — איז אַברהם זאַק, דער באַוווסטער דיכטער און דערציילער, וואָס בשעתּכוּת צו זײַן נאָר וואָס דערשינענע ווערק „קנעכט זײַנען מיר געווען" (אין צוויי בענד), (פאַרלאַג פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס־אײַרעס, 1956) זײַנען אַ בלוטיקע מגילה פון אוממענטשלעכע יסורים, חורבן, פאַרצווייפלונג און טויט אין אַן אויפגעריסענער, משוגענער, רשעות־דיקער וועלט, אונטער די צוויי סאַטאַנישע ממשלות — סטאַלינס און היטלערס, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן איינע מיט די אַנדערע ווער עס וועט וועמען איבערשטײַגן איז אַכזריות, אין רציחה, אין סאַדיסטישע המצאות ווי צו פּײַניקן און אומברענגען מענטשן.

דאַנטעס „אינפערנאָ" איז אַ גן־עדן אין פאַרגלײַך מיט די גיהנומס, וואָס די לעבן־געבליבענע עדות פון די סטאַלין־היטלער אינקוויזיציעס שילדערן. זייערע שילדערונגען צעטרייסלען און דערשיטערן. איר לייענט און פרעגט: ווי איז דאָס אַלץ מעגלעך געווען? ווי איז דאָס נאָך ווײַטער מעגלעך? — וואָרעם בעת דער נאַצישער מאָנסטער ליגט אַ צעשמעטערטער, פונקציאָנירט נאָך אַלץ דער קאָמוניסטישער מאָנסטער און מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס צאַפּלען זיך אין זײַנע לאַפּעס.

פון די אַלע בלוטיקע מגילות פון סאָוועטישן גיהנום, האָט מיך אַברהם זאַק'ס „קנעכט זײַנען מיר געווען" באַזונדערס אויפגעשוידערט — אפשר דערפאַר, וואָס זאַק דערציילט אַזוי רויק, זאַכלעך, שטיל און סטאַטיש וועגן די שרעקלעכסטע איבערלעבונגען, אָן געשריי, אָן ציין־קריצעניש, אָן קולות און קללות — ווי ער וואָלט דאָס איבערגעלעבטע, איבערגעבלוטיקטע נישט געוואָלט איבערשרײַען, פאַרשרײַען מיט שטאַרקער פראַזע און פּאַטעטישער תוכחה — און דווקא דערפאַר שנײַדט זיך זײַן מגילה אַרײַן אַזוי שאַרף, ווי אַ חלף, אין אונדזער געמיט, אין אונדזער נשמה און עס ווילט זיך אונדז אויסשרײַען פון ווייטיק.

אָבער וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אַזעלכע ווערק, ווי אַברהם זאַק'ס, וועגן די אַנדערע ווערק פון דער אינפערנאָ־ליטעראַטור? אַז ס'איז גוט? אַז ס'איז געלונגען? אַז די טעמע איז אַ טרעפלעכע? קאָן מען דען איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַזאַ ווערק? די אַלע עפּיטעטן און כאַראַקטעריזאַציעס קלעפּן זיך דאָ נישט. איך ווייס נישט ווי אַנדערע — אָבער איך שטיי פאַר אַזאַ ווערק הילפלאָז און פאַרלוירן, אָן לשון. די שילדערונגען פון די איבערלעבענישן אין די נאַציסטיש־קאָמוניסטישע

גיהנומס זײַנען אַ ליטעראַטור אין זיך אַליין, אַ באַזונדערער מין ליטעראַטור — און דער צוגאַנג צו זיי קאָן נישט זײַן ווי צו געוויינטלעכע, „נאָרמאַלע" ביכער. וואָס מיר זאָלן נישט זאָגן וועגן אַזעלכע ווערק, ווי אַברהם זאַק'ס „קנעכט זײַנען מיר געווען" און „אין אומרו פון יאָרן", וועט עס זײַן בלאַס און שוואַך אַנטקעגן דעם, וואָס עס ווערט אין זיי דערציילט.

אַברהם זאַק, וועלכער וווינט די לעצטע יאָרן אין בוענאָס־אײַרעס, אַרגענטינע, האָט ביז אַהער אַרויסגעגעבן צען בענד דערציילונגען, דראַמען און שילדערונגען; אַכט ביכער לידער און אַכט ביכער איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. פערצן פון זײַנע ווערק זײַנען אַרויס פאַר דעם חורבן — ביז 1939 הייסט עס. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת וועלכער ער האָט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך מלחמה־שילדערונגען „אונטער די פליגל פון טויט", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רושם און איז פאַרגליכן געוואָרן צו רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט איז נישטאָ קיין נײַעס", אָבער וואָס שטייט, לויט מײַן מיינונג, העכער פון רעמאַרקס ווערק.

„אונטער די פליגל פון טויט" איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין עטלעכע אויפלאַגעס און איז אַרויס אין אַ רוסישער איבערזעצונג — אין אַ סאָוועטישן פאַרלאַג. אָבער די שרעקן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס זאַק שילדערט אין יענעם ווערק, זײַנען אידיליעס אין פאַרגלײַך צו די שרעקן בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס אַברהם זאַק דערציילט וועגן זיי אין זײַנע נײַע ווערק. יאָ, די וועלט פּראָגרעסירט — אַז ווי איז אונדז!

III

אַברהם זאַק צו 70

צו שרײַבן וועגן אַ חבר איז אי זייער גרינג, אי זייער שווער: זייער גרינג — ווײַל אַלץ איז ווי אויף דער האַנט, זײַן לעבן, זײַנע מעשים. דו דאַרפסט נישט זוכן קיין מאַטעריאַל; זייער שווער — ווײַל בעתן שרײַבן פּילסטו אויף זיך כסדר דעם בליק פון קאָלעגן און לייענערס, אַ בליק מיט חשד, אַז דו ביסט נישט אָביעקטיוו. ס'איז דאָך וועגן אַ חבר!

נאָך שווערער ווערט עס, אויב דו האָסט דערבײַ אין זינען, אַז אָט נאָר־וואָס האָט דער חבר געשריבן וועגן דײַן 70סטן יובילײַ... און אַצינד שרײַבסטו וועגן דײַן 70סטן יובילײַ — וועט עס דאָך אוודאי באַטראַכט ווערן ווי דער אָפּצאָל פון אַ חוב... לויט אַזאַ חשבון קומט שוין אויס, אַז וועגן אַלץ און אַלעמען מעג אַ שרײַבער שרײַבן — אַחוץ וועגן אַ נאָענטן מענטש, אַ חבר...

אָבער די אַלע חשבונות ווערן בטל ומבוטל ווי נאָר די פּען שרײַבט־אויף דעם נאָמען פון דעם מחבר: אַברהם זאַק. זאַק איז אַ יש פאַר זיך. ער איז באמת אַ יוצא

מן הכלל צווישן שרײַבערס: פרײַ פון קנאה־שנאה און פון רכילות, קאָרעקט ביז גאָר, פרידלעך, מאָראַליש ציכטיק, לאָיאַל, זעלבסט־דיסציפּלינירט — אַזוי אין זײַן לעבן, אַזוי אין זײַן שרײַבן.

איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון זאַקן אַ שלעכט וואָרט וועגן אַ קאָלעגע, אַ פרײַנד, אַ באַקאַנטן — און איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון עמעצן קיין שלעכט וואָרט וועגן אים, זאַקן.

אָפּצולעבן איבער 50 יאָר צווישן שרײַבערס, ליטעראַטן פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, ריכטונגען און מאָראַלישע מדרגות — און זיך קיין מאָל מיט קיינעם נישט קריגן, נישט איבערווערטלען זיך אַפילו — דאָס איז ממש אומגלייבלעך. אָבער דאָס איז דער ריינער אמת. געדענקט מען נאָך, אַז זאַק האָט אויך געשריבן וועגן ליטעראַטור, רעצענזיעס, קריטיק, וואָס דאָס איז אַ געביט, ווו קאָנפליקט, מחלוקה איז בפירוש אומפאַרמײַדלעך און ער איז דאָך אַרויס בשלום — אָן וווּנדן, נישט אויפן אייגענעם לײַב און נישט אויף אַנדערע לײַבער — איז עס שוין נישט נאָר ממש אומגלייבלעך, נאָר עס איז ממש אומרעאַל, אומנאַטירלעך, אויב נישט איבערנאַטירלעך...

**
*

עס איז דאָ אַ סאָרט גאַסט, וואָס פאַלט אַרײַן צו אײַך אין שטוב מיט אַ טאַראַראַם, אַ טראַמאַסק, ווי נישט איינער, נאָר אַ גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן וואָלט זיך אַרײַנגעריסן. ווידער איז דאָ אַ סאָרט גאַסט, וואָס שאַרט זיך אַרײַן שאַ־שטיל, ווי אויף די שפּיץ פינגער און ער זעצט זיך פּאַמעלעך אַנידער אין אַ ווינקל. פּונקט ווי דער ערשטער לאָזט זיך כּסדר הערן און מען קאָן אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ, אַזוי וואָלט מען אין גאַנצן פאַרגעסן דעם צווייטנס „דאָזײַן", אויב ער וואָלט נישט פון צײַט צו צײַט זיך אָפּגערופן מיט אַ וואָרט, אָפּט מיט אַ וואָגיק וואָרט — אַ וואָרט, וואָס וועגט אינהאַלטלעך אַריבער דאָס גאַנצע גערעדערײַ פון דעם טומלער.

אַזוי איז עס אויך אין דער ליטעראַטור. ס'זײַנען דאָ שרײַבערס, וואָס רײַסן זיך אַרײַן אין דער ליטעראַטור מיטן אימפּעט פון אַ ווירבל־ווינט, מיט קולות וברקים, אַז מען ווייס כּסדר אַז זיי זײַנען דאָ און זיי לאָזן נישט פאַרגעסן אויף אַן איינציקער רגע זייער „דאָ־זײַן". דאַקעגן זײַנען דאָ אַזעלכע שרײַבערס, וואָס שפּאַנען אַרײַן אין דער ליטעראַטור אַזוי שטיל, אַז מען דערהערט קוים זייערע טריט. זיי עפענען די טיר פּאַמעלעך און שאַרן זיך אַרײַן אין דעם „ליטעראַרישן היכל" מיט ציטערניש, מיט מורא און דרך־ארץ.

און אַזוי גייט עס שוין — אין אַט דער „אָרדענונג". די ערשטע לאָזן זיך תּמיד הערן. יעדעס ליד, יעדע דערציילונג, יעדע עסיי, וואָס גייט אַראָפּ פון זייער פּען, ווערט אָנגעזאָגט מיט דונערן און בליצן, בעת די צווייטע סודן שטיל אין אויער אַרײַן וועגן אַ נײַער שאַפונג. און אין אַ סך פאַלן, אויב נישט אין אַלע, טאַנצט די קריטיק אין דעם אייגענעם טאָן פון דער מוזיק...

**
*

אַברהם זאַק, אונדזער נײַער 70יאָריקער יובילאַר, געהער צום צווייטן סאָרט שרײַבערס. ער איז אַרײַנגעקומען אין דער ליטעראַטור מיט זײַן ליד און דערציילונג — אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אורח. צום גליק איז נאָך דעמאָלט — מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק — די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור געווען אַ שטילע, אַ צניעותדיקע, אַ דרך־ארצדיקע. אַפֿילו די צוויי־דרײַ טומלדיקע טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך אַ ביסל פֿריִער פֿון אים אַרײַנגעריסן אין דער ליטעראַטור אַרײַן מיט אַ ראַזמאַך, האָבן נישט געקענט צעשטערן די שטילקייט און די פֿרומע פֿאַרטראַכטקייט פֿון דער ליטעראַרישער סביבה, האָט מען אַברהם זאַקן דערהערט און דערזען און אים מקרב געווען — סײַ די יונגע, די אָנהייבערס, סײַ די עלטערע, ווי אַברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, י. ל. פּרץ און אַנדערע.

איך האָב געזען ווי אַברהם זאַק האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, ווען ער איז געקומען פֿון אַמדור און גראָדנע קיין וואַרשע. ער האָט פֿאַר מיר פֿאָרגעלייענט זײַנע ערשטע לידער און איך האָב אים אָפּגעצאָלט מיט לייענען אים מײַנע ערשטע לידער, וואָס זײַנען געדרוקט געווען מיט אַ פּאָר יאָר פֿריִער. איך האָב נאָכגעפֿאָלגט זײַן וואַקסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין אָנהייב פֿון דער נאָענט און שפּעטער — אין משך פֿון אַרום פֿופֿציק יאָר — פֿון דער ווײַט. איך האָב אָבסערווירט ווי אַברהם זאַק איז מיט שטילע, אָבער זיכערע טריט געגאַנגען העכער און טיפֿער און ווי פֿון אים האָט זיך בהדרגה אויסגעפֿאָרמירט אַ ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט, וואָס מען מוז זיך מיט איר רעכענען.

אָט די פּערזענלעכקייט האָט זיך קיין מאָל נישט אײַנגעבראָכן. שטורעמס האָבן געבושעוועט אַרום אים, וועלט־שרפֿות, קאַטאַקליזמען, רעוואָלוציעס, בירגער־קריגן, שחיטות — זאַק איז אין זיי אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן, געווען אַ קרבן און אַן עדות פֿון די גרוילן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי — און פֿון היטלערס און סטאַלינס אַכזריותן, די שרעקלעכסטע און בלוטיקסטע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. תּפֿיסות, פּײַניקונגען, פֿאַרשיקונג אין אײַזיקן צפֿון, קאַזעמאַטן, יסורים, הונגער, אָבער קיין שום כּוח איז נישט אין שטאַנד געווען אײַנצוברעכן אַברהם זאַק׳ס פּערזענלעכקייט, נישט פֿיזיש און נישט גײַסטיק.

ער איז פֿון די אַלע שטורעמס און קאַטאַקליזמען אַרויס אַ גאַנצער, נישט נאָר פֿיזיש און גײַסטיק, נאָר אויך מאָראַליש. ער איז נישט געוואָרן נישט קיין ציניקער און נישט קיין בעל־תשובה, נישט קיין אַנטוישטער און נישט קיין אויפֿגעצאָרנטער. צו אים פּאַסט זיך מער דער באַוווסטער ספּינאָזיסטישער שפּרוך „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פֿאַרשטיין", ווי צו ספּינאָזאַן אַליין... ווען מען לייענט זײַן בוך „אין אומרו פֿון יאָרן" (1954), די צוויי בענד „קנעכט זײַנען מיר געווען" (1956), אָדער „אויף שליאַכן פֿון הפֿקר" (1958), די ווערק, ווו ער שיל־

דערט די שוידערלעכע איבערלעבענישן אונטער היטלערן און אונטער סטאַלינען, — הערט איר נישט פון זיי אַרויס קיין קללה, קיין אויפבראַוז פון צאָרן. זיי לייענען זיך ווי אַ מגילה פון בראָך און אומגליק, ווי אַ כראָניק פון בלוט און טרערן, אָבער סטאָיש, איינגעהאַלטן: אַט אַזוי איז עס געווען! — אַט אַזוי ווי מען שרייבט וועגן אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געווען אומפאַרמײַדלעך און וואָס מיר קענען נישט באַגרײַפן איר פאַרנעם.

אין אַזאַ טאָן איז אויך געשריבן זײַן באַרימט בוך „אונטער די פליגל פון טויט" (1921), ווו ער דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבענישן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך האָב דעמאָלט, אין אַן איבערבליק, אָנגעצייכנט דאָס דאָזיקע בוך העכער — ווי אַ מענטשלעכן דאָקומענט און קינסטלערישער דערגרייכונג — ווי רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט איז נישטאָ קיין נײַס", און עס האָט מיך גע־פרייט, וואָס די אָפיציעלע יידישע ליטעראַטור־קריטיק האָט אויך אַזוי געהאַלטן. אויך די רוסישע קריטיק האָט אויסגעדריקט גרויס באַגײַסטערונג פאַר דעם ווערק, ווען עס איז אַרויס אין אַ רוסישער איבערזעצונג.

(„פרײַע אַרבעטער־שטימע", 1963)

ש. ל. שניידערמאַן (פאָרזיצער פון פען־קלוב אין ניו־יאָרק)

דער דיכטער אַברהם זאַק

(צום 85סטן געבוירנטאָג פון אַ שעפערישן יידישן שריפטשטעלער)

אַברהם זאַק — דער פּאָעט, דערציילער, עסייסט, דראַמאַטורג, מעמואַריסט און איבערזעצער — איז אפשר איצט דער לעצטער יידישער פען־מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם פולן קרײַז פון ווונדערלעכן אויפשטייג, פונאַנדערבלי און בין־השמשותדיקן גערעאַנגל פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אונדזער טראַגישן יאָרהונדערט.

ער איז, דאַכט זיך, אויך דער איינציק־פאַרבליבענער אין דער יידישער שרײַ־בער־משפּחה, וואָס טראָגט אויף זיך דעם כישופדיקן הויך פון י. ל. פּרץ, פון וועמען זאַק האָט באַקומען די ערשטע דערמוטיקונג, ווען די וואַרשעווער יידישע גאַסן זײַנען פול געווען מיט יידישן לשון און פון די שטעטלעך זײַנען כסדר געקומען יונגע שרײַבערס און געזוכט אַ צוטריט צו פּרצן אויף צעגלאַנע גאַס.

אין זײַן געבענטשטער עלטער פון 85 יאָר איז אַברהם זאַק נאָך פול מיט שעפערישער ענערגיע. דערבײַ איז ער איינער פון די געציילטע יידישע שרײַבערס פון עלטערן דור, וועלכער האָט באַוויזן אויפצוזאַמלען די פּרוכט פון זײַנע 70 יאָר שעפערישער מי — העכער דרײַסיק בענד — און דאָס טראָץ די וואָגלענישן איבער

לענדער און קאָנטינענטן אין די ביטערסטע באַדינגונגען פון קריג, היימלאָזיקייט און רדיפות.

ווי נאָר ער האָט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון וועג און געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז זײַן ערשטער אימפּולס געווען צוצולייגן אַ האַנט בײַם העלפן צוריק אויפשטעלן דאָס געצעלט פון יידישן וואָרט אין חרובן פּוילן.

אין יאָר 1946 האָב איך זאַקן געטראָפן אין וואַרשע אויפן גענשער בית־עלמין. דאָס איז געווען ממש קורץ נאָך דעם, ווי ער איז געהאַט אַראָפּ פון עשאַלאָן, וואָס האָט אים געבראַכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וווּ ער האָט די מלחמה־יאָרן דורכגעמאַכט אין לאַגערן און פאַרשיקונגען אין די ווײַטסטע עקזאָטישע געגנטן פון סטאַלינס אימפּעריע.

מיר האָבן זיך געטראָפן בײַם אוהל־פּרץ, וואָס האָט זיך מאַיעסטעטיש אַרויסגעהויבן איבער די קופּעס צעבראָכענע מצבות און צעגראָבענע קברים. נאָך דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָט זאַק, אין אַ פאַררויכערטער אַכסניה אין פּראַגע, מיר פאַרגעלייענט לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויפן וועג, לידער פול מיט נאָגנדיקן צער און גרויליקע וויזיעס:

איך קען נישט קיין אַנדערן סדר־היום —
פרימאָרגן, בײַ טאָג צי בײַ נאַכט —
נאָר וואַרשע, נאָר געטאָ, נאָר בלוטיקער תהום —
פון דעם נאָר איך רעד און איך טראַכט.

די דאָזיקע סטראָפע געפינט זיך אין אַ ליד, וואָס איז אַרײַן אין זאַק'ס לידער־בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ“, וואָס איז אין יאָר 1947 דערשינען אין לאָדזש אין פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן“. דער פאַרלאַג האָט שוין דאַן געהאַט אַרויסגעגעבן אַ בוך נאָוועלן פון ישעיהו שפּיגעל, „מלכות געטאָ“ און אַ פּאָעמע פון חיים גראַדע, „אויף חורבות“.

די קורצע הקדמה צו דער זאַמלונג „מיט אַש אויפן קאָפּ“, וועמענס פאַרגעלטע זײַטלעך קרישלען זיך און פאַרוואַנדלען זיך ממש אין אַש, עפנט זיך מיט די ווערטער: „מיט אַ דערהויבן געפיל טרעט איך צו צו מײַן ליטעראַרישן המשך — צו דער אויסגאַבע פון מײַן צוועלפטן בוך“. דער מחבר דערציילט דערבײַ, אַז אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ זײַנען פאַרבליבן זײַנע צוויי צום דרוק גרייטע ביכער, איינס שוין אויסגעזעצט.

דער לידער־באַנד פון קוים 100 זײַטן איז דערשינען אין פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן, וואָס איז אַ באַווײַז ווי גרויס עס איז דאַן געווען דער הונגער נאָך אַ געדרוקטן יידישן וואָרט בײַ די רעפּאַטריאַנטן פון סאָוועטישן מדבר. אַלע לידער זײַנען וועגן חורבן פוילן. אַ טייל איז אַנטשטאַנען אין די פאַרוואָרפענע געגנטן פון אוראַל, אוזבעקיסטאַן און בוכאַרע, וווּ דער פּאָעט איז געפּײַניקט געוואָרן פון געשפּענסטיקע וויזיעס וועגן אומקום פון פוילישן יידנטום. אַנדערע זײַנען געשריבן געוואָרן אונטערן אײַנדרוק פון די געטאָ־חורבות אין וואַרשע:

וווּ איז דאָ געוועזן מײַן גאַס און מײַן הויז ?
די טרעפּ און מײַן טיר ?
וווּ זײַנען די מענטשן ? די נאָנטע, די פרײַנט ?
ס׳וואַרט קיינער אויף מיר.

פאַראַן אין דער זאַמלונג עטלעכע לידער וועגן געגנשער בית־עלמין און וועגן אוהל־פּרץ. די לידער טראָגן די דאַטע פון יוני 1946, די דאַטע פון אונדזער באַ־געגעניש דאָרט:

צו דיר, אַ פאָטער פּרץ,
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן
איעדער מיט זײַן טרער.

ווי געטריבן פון אַ גרענעצלאָזן אומרו צו זען די גיהנום־אויוונס, וווּ עס זײַנען אומגעקומען זײַנע נאָענטסטע און טײַערסטע, זײַן פרוי און בן־יחיד, איז דער פּאָעט עולה־רגל קיין אוישוויץ און מאַידאַנעק, מיט רירנדיקער פּשטות, אָן קינסטלעך־צוגעטראַכטע מעטאַפאָרן, וואָס האָבן אָפּט אַ פאַרקערטע ווירקונג, שילדערט זאַק די אבלים, וואָס זײַנען פונקט ווי ער געקומען אויף קבר־אָבות צו דעם באַרג פון מענטשלעכן אַש הינטער לובלין:

איך שטיי פאַר די אויוונס מאַידאַנקער,
איך זינק מיט פאַרבראָכענע הענט:
דאָ האָט מען געברענט מײַנע ברידער,
דאָ האָט מען מײַן אומה פאַרלענדט.

פון זײַן פּאָעטישן דעביוט אין גראָדנע, אין יאָר 1918, מיט דעם לידער־באַנד „אַקאָרדן״, איז אַברהם זאַק געבליבן טרײַ זײַן דרך אין דער דיכטונג — דער דרך פון דער נעאָ־ראָמאַנטישער שולע. אין זײַנע לידער דאָמינירן יחידיש־לירישע מאָטיוון, דורכגעוועבט מיט סאָציאַלע אַקצענטן.

דורך דעם פערטל יאָרהונדערט, וואָס זאַק געפינט זיך אין בוענאָס־אײַרעס, זינט ער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין יאָר 1952, האָט ער דורכגעמאַכט גאָר אַ פּראָדוקטיוון פּעריאָד אין זײַן פּיליזײַטיקער שעפערישקייט. נישט געקוקט אויף דעם כסדרדיקן באַרג־אַראָפּ פון דעם אַמאָל ברויזנדיקן ייִדישן קולטור־צענטער, האָט זאַק, ווי להכעיס די שוואַרץ־זעערס, אין אַרגענטינע פאַרעפנטלעכט 18 ביכער — דיכטונג און פּראָזע — און באַקומען זעקס פּרעמיעס בראש מיט דעם לויס לאַמעד־פּרײַז און דעם ה. לייוויק־פּרײַז.

אין 1976 האָט זאַק אַרויסגעגעבן אַ מין זעלבסט־אַנטאָלאָגיע א״נ „פון אַלע מײַנע יאָרן״. אין דעם אָפּקלײַב זײַנען צווישן אַנדערע אײַנגעשלאָסן די לידער פון דעם באַנד „מיט אַש אויפן קאָפּ״, וואָס פאַרדינען אַ באַזונדער אָרט אין דער ייִדי־שער חורבן־ליטעראַטור, און פון דעם בוך „פון אַלע נע־ונדן״, אין וועלכן דער ציקל לידער וועגן מדינת ישראל שלאָגט אָן אַ האָפערדיקן טאָן. און דאָך, אַפילו

בײַם מגדל דוד, אויף די הרי־יהודה און אין באר־שבע פֿאַרגעסט נישט דער פּאָעט דעם דריטן חורבן אויף דער פּוילישער ערד און אין זײַן אינוואָקאַציע „צו ישׂראל" רופֿט ער אויס:

עס קלאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט אין דײַן טויער:
עפֿן מיר, לאָז אַרײַן!
איך קום מיט שבתים, מיט ימים־טובים.
כ'קום מיט פֿרייד און מיט פּײַן.

— — — — — — — — —

איך קום מיט די טרערן פֿון מאַידאַנעק,
מיט זיפֿץ פֿון אָשוויענטשים...
מיט רוף דורך שׂרפֿות, דורך געטאָס און פֿלאַמען:
„ווער זשע פֿאַרנעמט אונדזער שטים?"

אין אַרגענטינע האָט זאַק אָנגעשריבן די טרילאָגיע „אַ וועלט גייט אונטער". אין אַ געבלענד פֿון קינסטלערישער פּראָזע און ייִדישער מחשבה האָט דער מחבר געבראַכט צום אויסדרוק זײַן וואָגיקע גבית־עדות וועגן ייִדישן געראַנגל, ווידער־שטאַנד און אומקום בעת דער היטלער־סטאַלין־תּקופֿה.

זיינע איבערלעבונגען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי האָט זאַק פֿאַרפּיסקירט אין דעם קרעפּטיקן פּראָזע־בוך „אונטער די פֿליגל פֿון טויט", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1921 און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליטעראַרישע געשעעניש. דאָס קלאַסישע בוך פֿון עריך מאַריאַ רעמאַרק וועגן דעם גרויל פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה א"ב „אויפֿן מערב־פֿראָנט קיין נײַס" איז דערשינען אין יאָר 1929. זאַק'ס בוך האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפֿלאַגעס און אין יאָר 1930 איז עס דערשינען אויף רוסיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אין די הקדמות צו די ווערק, וואָס אַברהם זאַק האָט געשאַפֿן אין אַרגענטינע, רעדט ער וועגן די „ירידה־שטימונגען, וואָס ווייען פֿון אַלע ייִדישע צעשפּרייטקייטן". ער שטרײַכט אָבער אונטער: „אין דער אַרגענטינער אומעטיקער קרעטשמע האָט דער מחבר געהאַט שעפֿערישע ימים־טובים... און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ היפּשע צאָל ווערק, און דאָס איז די איינציקע טרייסט זײַנע, די איינציקע פֿאַרגיטיקונג פֿאַר זײַן היגן גרויסן עלנט".

חוץ דער מעמואַרן־טרילאָגיע וועגן די חורבן־יאָרן האָט זאַק אויך אָנגעשריבן זכרונות און עסייען וועגן פֿירנדיקע ייִדישע פּען־מענטשן פֿון זײַן צײַט, מיט וועלכע עס האָט אים פֿאַרבונדן אַ טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט. די צוויי בענדער: „אין אָנהייב פֿון אַ פֿרילינג" (1962) און „אין קיניגרײַך פֿון ייִדישן וואָרט" (1966) שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קאַלירפֿולן, וואָגיקן צושטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַ־טור־געשיכטע.

באַזונדערס אָנטפּלעקעריש זײַנען די עפּיזאָדן וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם פּריצײַטיק־פֿאַרשטאָרבענעם „ווירטואָז פֿון ייִדישן פּערז", לייב נײַדוס, וועל־

בער האָט ווי אַ מעטעאָר אויפגעבליצט אויפן האָריזאָנט פון דער מאָדערנער ייִדי־שער ליטעראַטור.

ניידוס, וועלכער איז אין 1918 געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 28 יאָר, איז אָבער אַריין אין פּאַנטעאָן פון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג. זײַן ליטעראַרישע ירושה, וואָס באַשטייט פון פינף דיקע בענדער לידער און פּאָעמען, איז מיט אומ־געוויינטלעכער מי און ליבשאַפט געוואָרן אײַנגעזאַמלט דורך אַברהם זאַק, וועל־כער האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז אַ פּאַסיקער מאָנומענט זאָל ווערן אויפגע־שטעלט אויפן קבר פון לייב ניידוס אין זײַן היימשטאָט גראָדנע. דער מאָנומענט איז געוואָרן אויסגעהאַמערט דורך דעם שעפער פון אוהל־פּרץ, דעם סקולפּטאָר־מאַרטירער אַברהם אָסטשעגא, וועלכער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. דער אוהל־פּרץ עקסיסטירט ביז הײַנט צו טאָג אויפן וואַרשעווער בית־עלמין, דאַקעגן דער ניידוס־מאָנומענט איז דורך די סאָוועטן אָפּגעמעקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שפּורן פון אַמאָליקן פילפאַרביקן ייִדישן לעבן אין גראָדנע. גע־בליבן איז אָבער דער פּאָעטישער מאָנומענט פון לייב ניידוס, וואָס זײַן יוגנט־חבר, אַברהם זאַק, האָט באַוויזן צו ראַטעווען.

די ליבשאַפט צו קאָלעגן־שרײַבער און די זאָרג אויפצוהיטן זייער אָנדענק איז נאָך אַ שטריך צו דעם פּראָפיל פון דעם פילזײַטיקן שרײַבער און מענטש — אַברהם זאַק. („פאָרווערטס“, „אונדזער וואָרט“, 1977)

מלך ראַוויטש

„ס׳איז קיין צוריק נישטאָ פאַר אַלץ, וואָס איז געווען“...

וועגן „פון אַלע נע־ונדן“

אַברהם זאַק — ווער קען נישט דעם נאָמען, ווער עס האָט געלייענט ייִדישע צײַטונגען, צײַטשריפטן און ביכער אין פּוילן — און נישט נאָר אין פּוילן, נאָר איבער גאָר דער ייִדישער וועלט. אונטער אָט דעם נאָמען זײַנען דערשינען לירישע, סענטימענטאַלע לידער, לידער וואָס האָבן אַפילו אין די שענסטע און ייִנגסטע יאָרן אין זיך געהאַט, אַז „עס איז קיין צוריק נישטאָ מער פאַר אַלץ, וואָס איז געווען“. לידער, וואָס ווילן נישט אײַנגעמען וועלטן, נאָר ווילן אויסלעבן די איי־גענע וועלט אין איידעלער, פאַרקלענערטער בענקשאַפט. דער עיקר בענקשאַפט, וואַרעם בענקשאַפט, דאָס איז די בריק, וואָס פאַרבינדט דעם מענטש פון הײַנט און דאָ און חומר און לײַדנשאַפט מיט דעם אויסגעחלומטן מענטש פון דעם ווײַטן, דעם בעסערן מאָרגן וואָס וועט אפשר אין דער ווירקלעכקייט גאָר קיין מאָל נישט זײַן.

אָט זײַנען די נעמען פון די לידער־ביכער פון אַברהם זאַק, און שוין די נעמען פון די זאַמלונגען קלינגען אַזוי פאַרבענקט און סענטימענטאַל: אַקאָרדן, רגעס פון טרוים, צווישן פיר ווענט, שטאָט־קאַשמאַרן, מיט אַש אויפן קאָפּ, יאָרן אין וואַנדער

— און איצט ליגט פאַר אונדז אַ זאַמלונג מיט דעם נאָמען „פון אַלע נע־ונדן״. און אייגנטלעך האָט אָט דאָס בוך אַנגערירט אין דעם שרײַבער פון די שורות די סטרונע פון בענקשאַפט און סענטימענט. אָבער דערווײַל נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם פּרוקטבאַרן שרײַבער אַברהם זאַק.

חוץ לידער האָט אַברהם זאַק אויך געשריבן דערציילונגען, אַ סך איבערגע־זעצט — און דער עיקר זכרונות פון זײַנע יאָרן אַלס סאָלדאַט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און זײַנע יאָרן אַלס פאַרשיקטער אין דער סאָוועטישער אַרקטיק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. „אונטער די פליגל פון טויט״ האָט געהייסן דאָס ווערק פון דער 1טער און „קנעכט זײַנען מיר געווען״ און „אויף שליאַכן פון הפקר״ פון דער 2טער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע ווערק געהערן צו די אײַנדרוקס־פולסטע פון זייער מין אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן געוווּנען אַנערקענונג און אויך דעם לאַמעד־פּרײַז. אַברהם זאַק — און דאָס איז דער סוד פון דעם דער־פאָלג פון זײַנע אויטענטישע זכרונות־ווערק — האָט אַ טאַלענט צו לײַדן אָן טענות, גורלדיק און מיט דער איבערצײַגונג, אַז „ס׳איז קיין צוריק נישטאָ מער פאַר אַלץ, וואָס איז געווען״. ער באַשרײַבט ערלעך, ער באַשרײַבט מיט אַ העכערן מין טרויער, אַן אוניווערסאַלן, אַן אַלמענטשלעכן און עס איז גרינג אים צו גלייבן, און ער טרעט קיין מאָל נישט אַריבער די גרענעץ פון אויפריכטיקן אמת. און אַז מען גלייבט — לעבט מען מיט, און אַז מען לעבט מיט, לײַדט מען מיט — ווערט עס ווערטפולע ליטעראַטור, בלײַביקע ליטעראַטור, כאָטש עס זײַנען דאָ קיין עקסטראַוואַגאַנטע פאָרעם־אויפטוען נישטאָ. נישט אין די לידער, נישט אין דער פּראָזע.

און נאָך אַן אויפטו דאַרף פאַרשריבן ווערן אויף דער גוטער זײַט פון אַברהם זאַק׳ס ליטעראַרישן חשבון אין יידיש: ער איז געווען דער גײַסטרײַכסטער חבר פון דעם, צו 28, אין יאָר 1918, פאַרשטאָרבענעם פּאָעט לייב נײַדוס. און אַ דאַנק זאַקן — ער אַליין איז געבוירן געוואָרן סוף יאָר 1891 — זײַנען שוין עטלעכע מאָל דערשינען זאַמלונגען פון דעם מערקווירדיקן שפּראַך־ און פאָרעם־קינסטלער פון יידישן ליד — נײַדוס. רירנדיקע פרײַנדשאַפט פון אַ דיכטער צו אַ דיכטער. אויך דאָ איז אָפּגעשפּיגלט דער אויפריכטיקער כאַראַקטער פון אַברהם זאַק.

און לאָמיר איצט בלעטערן די לידער פון אַברהם זאַק און לאָמיר זיך אײַנ־הערן צו זיי און ווערן סענטימענטאַל מיט זיי און זאָל אונדז אויך אַרומהילן זײַן בענקשאַפט. אין בוך „פון אַלע נע־ונדן״ — אויף זײַט 86 איז דאָ אַ ליד „אין אַ גרויסן לאַנד״ — אַ ליד פון זאַק׳ס פאַרשיקונג־יאָרן אין רוסלאַנד — „זאָג, פאַר וועלכע זינד?״

אין אַ גרויסן לאַנד,
אויף אַ פרעמדער ערד,
אַן אַ גואלס האַנט. — — —
ס׳איז אַזוי באַשערט.

סטעפּעס גרויס און ברייט,
עלנט ברומט דער ווינט,

הימלען קאַלט צעשפּרייט... —
זאָג, פאַר וועלכע זינד?

וועגן וויסט און לאַנג,
שטעכיק, ווילד דאָס גראָז,
פייגל אַן געזאַנג... —
זאָג, פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ווערסטו מיד און מאַט,
ווערסטו מיד און גרוי...
גייסטו נע־ונד, —
ס'איז באַשערט אַזוי...

קוקסט אין מערב־זייט,
ווו די זון פאַרשווינדט, —
ס'איז דיין היים דאָרט ווייט — —
זאָג פאַר וועלכע זינד?

און אויב בענקשאַפט איז דאָ אין אייער נשמה — און אין וועמעס נשמה, וואָס לייענט אַ יידיש ליד איז נישטאָ קיין בענקשאַפט? — לייענט איבער דאָס ליד נאָך אַ מאָל און ברומט עס מיט אַ פאַרבענקטן ניגון, און דאָס ליד וועט אייך ווערן אייגן און נאָענט. און נאָך אַלע זאַכן — צוליב דעם שרייבט מען דאָך לידער, אַז זיי זאָלן פאַרבינדן פאַרבענקטע נשמות.

אָבער איך וויל נאָך אַ ליד פון אברהם זאַקן ציטירן — איך האָב עס געפונען אין אַ צייטונג. איך ווייס נישט צי עס איז דאָ אין זיינע ביכער — אָבער וואָס פאַר אַ חילוק, אַבי דאָס ליד איז אַ האַרציק ליד. אַברהם זאַק וווינט אין די לעצטע יאָרן אין בוענאָס־איירעס — נאָך דעם פאַרלירן זיין משפחה — האָט ער זיך דאָרט ווידער משפחהדיק פאַרבונדן — און דאָס איז דאָס אַרגענטינער ליד זיינס — בענקשאַפט — בענקשאַפט —

כ'קום אַלע מאָל צום האַפן
און קוק פאַרבענקט זיך צו —
ווי ס'גייען אָפּעט שיפן
אין בלויען ערגעץ־ווו...

מיך האָט אַ שיף געבראַכט דאָ
אויף פון דעם וויטן בלוי,
פאַרגעסן מיך צו נעמען,
געלאָזט מיך דאָ אַזוי.

געלאָזט מיך מיט מיין טרויער,
אויף וויטן, פרעמדן ברעג —
איז קום איך צו דעם האַפן
אין מיינע טונק'לע טעג...

איך וואַרט, דערוואַרט מיין שיף אַלץ —
וועט זי נאָך קומען ווען?
„ס'איז קיין צוריק נישטאָ מער
פאַר אַלץ, וואָס איז געווען"...

דאָס פליסטערט מיר אַ שטן
און לאַכט און לאַכט אַזוי...
און שיפן קומען, גייען
אין ווײַטן, ווײַטן בלוי — — —

און אויב בענקשאַפט איז דאָ אין אייער נשמה — וועט איר דאָך צוגעבן, אַז אויך דאָס ליד פון אַברהם זאַק בעט זיך צו אַ ניגון — אַ סענטימענטאַל־פאַר־בענקטן ניגון, אַזאַ ניגון, וואָס איז אַ היילונג פאַר אַ יידישער נשמה, וואָס האָט ליב אַן ערלעך, איבערגעלעבט יידיש ליד.

(„קענעדער אָדלער" 1961)

מענדל מאַן

I

אין קיניגרײַך יידיש פאַרגייט קיין מאָל נישט די זון

אין קיניגרײַך יידיש פאַרגייט קיין מאָל נישט די זון! איך האָב די ווערטער פאַרצייכנט אין מײַן נאָטיץ־ביכל בעת עס זײַנען אָנגעקומען צו מיר יידישע ביכער אין איין וואָך פון עטלעכע לענדער. אָט ליגן זיי אויף מײַן טיש מיט גרוסן פון יידישן שאַפן אין די ווײַטסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. אַ בוך פון בוענאָס־איירעס, אַ באַנד שירים פון ישראל, אַ בוך לידער פון ניו־יאָרק, אַ דראַמע אין דרײַ אַקטן פון מעלבורן, אַ זאַמלונג עסייען פון תל־אביב, אַ ספר פון פאַריז און אַ יידישער זשורנאַל פון מאָסקווע.

איך טראַכט: ווי וווּנדערלעך איז דאָס שעפערישע וואָרט וואָס שפּראָצט אויף אין איין צײַט אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן און כאָטש פון איין יידישן ישוב צום אַנדערן איז אַ מהלך און די ווערק זײַנען אַנטשטאַנען אין די פאַרשיידנאַרטיקסטע געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען, האָבן זיי דאָך די זעלביקע וואָרצלען און זייערע זאַפטן ציִען זיי פון זעלביקן באָדן, וואָס איז שוין געוואָרן לעגענדע.

איינער פון אונדזערע עלטסטע יידישע שרײַבערס אַברהם זאַק, וואָס טראָגט נאָך אין זיך פריש דעם אָנדענק פון די באַגעגענישן מיט קלאַסיקערס פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור און וואָס איז געווען נאָענט מיט די באַדײַטנדיקסטע שעפער אין יידיש אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט איצט פאַרעפנט־לעכט אין בוענאָס־איירעס אַ באַנד עסייען און דערמאָנונגען אונטערן נאָמען „אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט". איך האָב געלייענט דאָס דאָזיקע בוך מיט איין אָטעם. זעלטענע פאָרטרעטן פון אַזעלכע שרײַבערס ווי אַברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, איציק מאַנגער, א. מ. פוקס. עס זײַנען באַזונדערס בולט די קאַפּיטלען, אין וועלכע זאַק שילדערט לייב נײַדוס, זײַן דיכטונג, זײַן לעבן, די גראָדנער אָט־מאָספער און דער טויט פון נײַדוסן. עס איז רירנדיק דער פיעטעט. די ליבשאַפט און די זאָרג פון אַברהם זאַק, אַז לייב נײַדוסעס אָנדענק זאָל בלײַבן. און מען קען לייב נײַדוסן אין אונדזערע טעג. אומשטערבלעך האָט אים געמאַכט זײַן יוגנט־

חבר אַברהם זאַק. ווערטפול זײַנען די זײַטן פון אַברהם זאַק וועגן נײַדוסן, ווײַל זיי זײַנען געשריבן געוואָרן מיט ליבשאַפט, אָבער נישט מיט איבערגעטריבענעם לויב וואָס גיט קיין מאָל גאָרנישט צו, נאָר שוואַכט תמיד אָפּ. גראָד די ניכטערקייט אין שילדערן געוויסע זײַטן פון נײַדוסן, באַזונדערס זײַן היים און זײַנע ליבעס — מאַכן די נײַדוס־געשטאַלט נאָענט. וואָרהאַפטיק און מענטשלעך־אמתדיק. די

אַ גרופּע שרײַבער אין די צוואַנציקער יאָרן אין וואַרשע.
ערשטע ריי, פון לינקס: ד״ר י. ב. ציפּור, י. מ. וויסענבערג, ש. י. לאַנדינסקי; צווייטע ריי, לינקס: יואל מאַסטבוים, ישראל שטערן, פישל בימקאָ, אַברהם זאַק, יהושע פּערלע.

עסייען געווינען פיל און עס אַנטפּלעקט זיך דער דיכטער אַזוי ווי ער איז געווען און דאָס וואַרפט אויך אַ ליכט־סנאָפּ אויף זײַן יצירה.

דאָס וואָס באַווירקט אין זאַק׳ס בוך איז די ערלעכקייט, די פּשטות, די אחריות און אָביעקטיווקייט, וואָס איז נישט סתם אָביעקטיוו, ווײַל ער וויל נישט אײַנרײַסן מיט די אָנהענגערס פון די שרײַבערס וועגן וועלכע ער שרײַבט; נישט ווײַל ער וויל שפּילן די ראָל פון איינעם וואָס איז בלינד פאַרליבט — נאָר ס׳איז אַן אָביעקטיוויטעט פון אַ מאָלער, וואָס מאָלט אַ פרעסק. יעדער פּרט איז וויכטיק און יעדער שטריך האָט אַ באַדײַטונג. ער וועט נישט אַדורכלאָזן קיין ניואַנס ווײַל דאָס אַלגעמיינע בילד וועט פאַרלאָרן גיין. עס גייט דאָך אין קינסטלערישן און היסטאָרישן אמת פון אַן עפּאָכע. און מיט אחריות פאַר אַ קלאָר און אמתדיק בילד פון זײַן עפּאָכע מאָלט אַברהם זאַק יעדן פון זײַנע ווערק. זיי פאַרוואַנדלען זיך, תיכף נאָכן דערשײַנען, אין קאַפּיטלען פון יידישער קולטור־געשיכטע צו וועלכע עס וועט מוזן אָנקומען יעדער איינער, וואָס וועט וועלן זיך באַקענען מיט דעם „קיניגרײַך פון יידישן וואָרט“ ווו עס פאַרגייט קיין מאָל נישט די זון.

II

אַברהם זאַק און זײַן נײַ בוך

„אין אַנהייב פון אַ פרילינג" — אַזוי רופט אָן אַברהם זאַק זײַן נײַ בוך, דערשינען אין צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן פון אַרגענטינע. דאָס אונטער־קעפּל פון בוך: „קאַפּיטלעך זכרונות"; די הילע — אַ צייכענונג פון ה. בערלעווי — אַברהם זאַק׳ס פּאָרטרעט. 290 זײַטן מיט אַ ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין.

איך האָב דאָס דאָזיקע בוך איבערגעלייענט מיט איין אָטעם. עס איז אַ ווערק, ווו דאָס דאָקומענטאַרע און דאָס קינסטלעריש־באַשרײַבערישע זײַנען אַזוי דורכ־געפלאָכטן, ווי די וואָרצלען פון צווייביימער וואָס וואַקסן איינער לעבן אַנדערן.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געגומען אַ יידישע צײַטונג אין די הענט אַרײַן, נאָך אַלס בר־מצווה־יינגל, האָב איך באַגעגנט דעם נאָמען אַברהם זאַק. איך געדענק זײַנע שטילע לידער. זיי זײַנען געפלאָכטן מיט אַ ריטמישקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין די שטילע טײַכן פון מאַזאָוויע. זיי האָבן נישט געבלענדט, נישט גע־רוישט און נישט געהאַנדלט זיך אין שפּע פון גרינע לאָנקעס. אַז איך האָב גע־האַלטן אַברהם זאַק׳ס אַ בוך לידער אין די הענט, האָב איך דעמאָלט דערפילט די פאַרוויגנדיקע שטילקייט פון אַן עכטן דיכטער וואָס גייט זײַנע געמאָסטענע טריט און קומט אומעטום אָן צו דער צײַט. עס איז ווי דער גאַנג פון אַקערער.

אין יאָר 1946, אין וואַרשע, פרילינג, בײַ דער ווײַסל, האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אַברהם זאַקן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו די חורבות. איך האָב שוין גוט געקענט יעדעס ווינקל פון פאַרוויסטן וואַרשע. מיר זײַנען געגאַנגען שווײַגנדיקע איבער בערג מיט ציגל, איבער צעשטערונג. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אין דעם מדבר פון פאַרוויסטונג. אַרום קופּעס מיט ציגל, ציגלברוך האָט זיך דערהויבן אַ קאַשטשאָל. און גראָד ווען מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען דעם קאַשטשאָל, האָט זיך צעקלונגען דער קלויסטער־גלאָק. אַ שרעקלעך בילד: אַ פאַר־וויסטע יידישע שטאָט. געבליבן איז אַ קלויסטער. איצט קלינגט ער אין דער וועלט פון טויט. שפּעטער מיט יאָרן האָב איך געלייענט אַברהם זאַק׳ס אַ ליד וועגן דעם קלויסטער־געקלאַנג וואָס האָט אונדז „אויפגענומען" ווען מיר זײַנען געקומען זוכן די לעצטע שפּורן פון אונדזערע היימען.

***

די ערשטע אײַנדרוקן פון זאַק׳ס באַגעגענישן מיט י. ל. פּרץ, די שרײַבערישע אַטמאָספער אין וואַרשע. דאָס אויפקומען פון אַ מאָדערנער יידישער פּרעסע אין פּוילנס הויפּטשטאָט. די פרילוצקיס. די יונגע שרײַבערס פון יענעם וואַרשע. די שילדערונג פון לייב נײַדוסעס היים־אַטמאָספער און דער טויט פון לייב נײַדוסן — דאָס זײַנען אומפאַרגעסלעכע קאַפּיטלען.

די ערלעכקייט, די מאָראַלישע ריינקייט, די שטילקייט און די אָפנקייט פון דעם בוך שפּירט מען אין יעדן זאַץ. עס זײַנען נישט פאַראַן קיין אָנשטעלן און קיין שום פאָזירונגען. זאַק וויל זיך נישט פאַראייביקן דורך פאַרליטעראַטורן זײַן לעבנס־געשיכטע. דאָס וואָס ער דערציילט איז מער ווי ליטעראַטור. איך האָב געלייענט, מיטגעמאַכט דעם געראַנגל פון יונגן ייִדישן דיכטער און פען־מענטש וואָס קומט אין דער גרויסער וואַרשע. איך האָב בעסער דערקענט די אַטמאָספער פון יענער צײַט. איך האָב פיל באַנומען פון זאַק׳ס זכרונות. איך האָב דערזען די גרויסע ייִדישע פּראָווינץ ערב דער ערשטער און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב געטעמט די לופט פון דעם באַנײַאונגס־ווינט וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די ייִדישע היימען און עס האָט זיך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן דאָס ליטעראַרישע פּנים פון פּוילישן ייִדנטום.

אַברהם זאַק איז פאַרקניפּט מיטן פּוילישן ייִדנטום. ער איז איינער פון זײַנע איבערגעגעבנסטע און טרײַסטע זין. ער איז דער שטילסטער, דער ערלעכסטער, דער אָפנסטער און דער פאַרליבטסטער ייִדישער שרײַבער אין זײַן שטאַם. יעדעס ווערק וואָס דערשײַנט פון זײַן פען געהערט נישט בלויז צו דער ייִדישער ליטעראַטור — עס געהערט צו דעם פאַנטעאָן פון ייִדישער קולטור־געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום.

(„אונדזער וואָרט״, פּאַריז)

יצחק יאַנאַסאָוויטש

I

אַ גרויל וואָס איז, ליידער, ווידער געוואָרן אַקטועל

(וועגן דעם בוך פון אַברהם זאַק „קנעכט זײַנען מיר געווען״ וואָס איז דערשינען אין שפּאַנישער איבערזעצונג *)

ווען אַברהם זאַק האָט אַרויסגעגעבן זײַן ווערק „קנעכט זײַנען מיר געווען״ אין ייִדיש, איז גראָד געווען די צײַט ווען די דעסטאַליניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען אין איר אַפּאָגיי.

ס׳איז געווען אין יאָר 1956, אין דעם יאָר ווען כרושטשאָוו האָט אויפן 21סטן קאָמוניסטישן קאָנגרעס אויפגעדעקט סטאַלינס מעשים און דערציילט וואָס עס

* ABRAHAM ZAK: "Gimen los Bosques Siberianos" - Editorial Candelabro, Buenos Aires, 1971.

האָט זיך אָפּגעטאָן אין די פאַרשיידנסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע דער אַכזר האָט געפּייניקט און פאַרפּייניקט מיליאָנען מענטשן.

געהייסן האָט עס דעמאָלט, אַז די לאַגערן אין רוסלאַנד וועלן ליקווידירט; אַז זייער טרויעריקער זכר וועט בלייבן בלויז אין די ווערק פון די שרייבערס וועלכע האָבן איבערגעלעבט זייערע גרוילן.

אין יענע טעג האָט עס אויסגעזען אַז אַברהם זאַק׳ס בוך „קנעכט זיינען מיר געווען״ איז שוין נישט מער ווי אַ דאָקומענט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אַ דער־ציילונג וועגן אַ פאַקט וואָס געהערט צום טרויעריקן עבר.

אַוודאי איז אויך די וויכטיקייט פון אַזאַ דאָקומענט נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט, ווי אַ וואָרענונג קעגן דעם וואָס קען געשען... אָבער קיין אַקטועלן באַ־דייט האָט שוין דאָס ווערק נישט אויסגעזען צו האָבן. וואָרעם סיי ווי זיינען דאָך די לאַגערן שוין ליקווידירט און דער גרויל איז שוין, אַזוי צו זאָגן, אַריין אין דער ספּערע פון היסטאָריע.

היינט ווייסן מיר, אַז אָט דער געדאַנקענגאַנג איז געווען אַ טעותדיקער.

היינט ווייסן מיר, אַז די לאַגערן זיינען אין רוסלאַנד קיין מאָל נישט אָפּגע־שאַפט געוואָרן. אויך כרושטשאָוו האָט ליקווידירט בלויז עטלעכע לאַגערן, אָבער נישט דעם גאַנצן לאַגער־סיסטעם וואָס איז ווייטער געבליבן די בייטש איבערן סאָוועטישן מענטשן, די בייטש וואָס די מורא פאַר איר צווינגט אים צו גיין אין שפּאַן.

אָבער היינט צו טאָג ווייסן מיר נאָך עפּעס:

עס זיינען שוין לאַנג אַוועק יענע צייטן פון דער אַנטי־סטאַליניסטישער „אויפטייונג״. די לאַגערן אין רוסלאַנד עקסיסטירן שוין איצט נישט באַהאַלטן, ווי אין די טעג פון כרושטשאָוו, נאָר אָפן, פּונקט ווי אַמאָל אין די טעג פון סטאַלינען.

אַברהם זאַק׳ס בוך „קנעכט זיינען מיר געווען״ איז דעריבער ווידער געוואָרן אַקטועל, ווידער געוואָרן די פּלאָג פון דער היינטצייטיקייט.

און דערפאַר האָט דער פאַרלאַג „קאַנדעליאַבראַ״ גוט געטאָן וואָס ער האָט דאָס דאָזיקע בוך איבערגעזעצט אין שפּאַניש און עס אַרויסגעגעבן פאַר דעם דאָזיקן לייענער וואָס האָט דאָס ווערק אין יידיש נישט געקענט לייענען.

***

ווען וואַרשע איז שוין געלעגן אַ צעטראָטענע אונטערן היטלעריסטישן שטיוול איז אַברהם זאַק, ווי אַ סך אַנדערע, געלאָפן קיין רוסלאַנד מיט דער האָפענונג זיך דאָרט צו ראַטעווען.

ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין אַנהענגער פון קאָמוניזם, אָבער ער האָט פאָרט געהאַט אילוזיעס וועגן רוסלאַנד.

ער האָט געגלייבט, אַז זי איז דאָס לאַנד פון אַ באַשטימטער גערעכטיקייט.

ער איז געקומען קיין רוסלאַנד ווי דער מחבר פון אַ בוך, וואָס איז אַמאָל איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ סאָוועטישן

פאַרלאַג. ער איז אויך געקומען קיין רוסלאַנד ווי דער איבערדיכטער און איבער־זעצער פון אַ גרויסער צאָל רוסישע און אייראָפּעיִשע שרײַבערס אויף ייִדיש.

ער איז געקומען קיין גראָדנע, וואָס די סאָוועטן האָבן צוגענומען בײַ פּוילן, לויט דעם אָפּמאַך מיט ריבענטראָפּן.

דאָרט אין גראָדנע איז געשטאַנען זײַן ליטעראַרישע וויג און דאָרט אין אַ שטעטל נעבן גראָדנע איז אויך געשטאַנען זײַן קינדערישע וויג.

ער האָט אין גראָדנע געהאַט אַ סך משפּחה.

די משפּחה האָט אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין אָט־וואָצק. רעכטס: אַברהם זאַק, זײַן ערשטע פרוי מאַניע און איר נאָנטע פאַמיליע. אונטן: דער זון אַלעק (אַלעקסאַנדער). הי״ד.

אָבער די נײַע סאָוועטישע מאַכט אין גראָדנע האָט אים אויפגענומען ווי אַ פרעמדן. זי האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פײַנט.

זי האָט געהאַט אירע טונקעלע חשבונות. די נײַע סאָוועטישע מאַכט אין גראָדנע, וועגן דער ווײַטערדיקער אויפהאַלטונג פון דער ייִדישער קולטור און שפּראַך און זי האָט אַלע מענטשן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער דאָזיקער קולטור און שפּראַך נישט גערן געזען.

דער אַנטלאָפענער פּליט פון פּוילן איז פול געווען מיט האַס צו היטלערן. די סאָוועטישע מאַכט האָט אָבער איבערגעלעבט איר האָניק־חודש פון סטאַליניסטיש־היטלעריסטישער פרײַנדשאַפט.

די נײַע מענטשן, די פּליטים, האָבן איר געשטאָכן די אויגן.

די נײַע מענטשן, די פּליטים, האָבן אויך אין זייער דערפאַרונג מיטגעבראַכט דעם אמת וועגן דעם לעבן־סטאַנדאַרט פון דעם אָרעמען אַרבעטער אין פּוילן,

וועגן זײַן אויסגעקעמפּטער פּערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער פרײַהייט אין אַ האַלב־פּאַשיסטישן רעזשים. דער דאָזיקער אמת האָט נישט געטויגט פאַר די סאָ־וועטישע מושלים, וואָס האָבן באַרעכטיקט זייער טעראָר איבער דער באַפעלקערונג און דאָס אָרעמע, נעבעכדיקע לעבן פון זייערע אונטערטאַנען מיט באָבע־מעשיות וועגן דעם גרויל פון די אַרבעט־מענטשן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך געשראָקן, אַז אירע אונטערטאַנען וועלן זיך דערוויסן דעם אמת וועגן דעם לעבן פון די אַרבעטערס אין אייראָפּע און זיי וועלן פרעגן די שאלה: אויב אַזוי, למה זה אנכי? צו וואָס טויג דער גאַנצער טומל מיטן קאָמוניזם? צוליב וואָס לײַדן אין כלומרשטער סאָציאַלער דערלייזונג, ווען אין די לענדער פון „סאָציאַלער שקלאַפערײַ" לעבט דער אַרבעטער אַ סך בעסער און שענער?

דאָס אַלץ דערציילט אונדז אַברהם זאַק אין די ערשטע קאַפּיטלען פון זײַן בוך „קנעכט זײַנען מיר געווען".

ער דערציילט וועגן די ערשטע אַנטוישונגען אין די אילוזיעס פון דער רוסי־שער גערעכטיקייט.

די רוסישע מאַכט האָט וועגן די דאָזיקע אַנטוישונגען גוט געוווּסט און זי האָט אויף זיי רעאַגירט דורך איר ספּעציפישן אופן פון לייזן סאָציאַלע פּראָבלעמען.

זי האָט די אַנטוישטע פאַרשיקט קיין סיביר און זיי פאַרוואַנדלט אין קנעכט.

דאָרט אין סיביר, אַלס קנעכט, איז זייער אַנטוישונג, זייער דערזען דעם אמת, מער פאַר איר נישט שעדלעך געווען.

און אַזוי אַרום איז זאַק מגולגל געוואָרן אין אַ סאָוועטישן קאַטאָרגע־לאַגער, כאָטש זײַן איינציקע זינד קעגן דער סאָוועטישער מאַכט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דערזען דעם אמת וועגן דער רוסישער אויסלייזונג.

ער האָט וועגן דעם דאָזיקן אמת חלילה נישט הויך גערעדט, אָבער ער האָט בײַ זיך געטראַכט וועגן אים.

דאָס האָט דער סאָוועטישער סיסטעם נישט געקענט פאַרטראָגן. פאַר טראַכטן אין דער שטיל, בחדרי חדרים, קומט אויך קאַטאָרגע.

**
*

די שילדערונגען וועגן דער מאַכט־ברוטאַליטעט בײַ דער פאַרשיקונג קיין סי־ביר איז אויפשוידערנדיק. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אַנטקעגן דעם גיהנום פון שקלאַפערײַ אין די קאַטאָרגע־לאַגערן.

איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון בוך איז אוממעגלעך. מען מוז עס אַליין לייענען, כדי צו דערזען צו וואָסער גראַד פון רשעות די רוסישע מאַכטהאָבערס זײַנען דערגאַנגען.

די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון דער מענטשלעכער גערעכטיקייט זײַנען דאָ צעטראָטן געוואָרן אין נאָמען פון כלומרשט סאָציאַליסטישן געזעץ.

צו אַזאַ מדרגה פון סאַדיסטישער פּײַניקונג איז נאָך דער מענטש אין ערגעץ

נישט דערגאַנגען, אַחוץ אפשר — אין די לאַגערן פון דער היטלעריסטישער פאַר־ניכטונג.

די סאָוועטישע לאַגערן אַנטפּלעקן זיך דאָ מיט זייער איינציקן ציל: צו פאַר־ניכטן דורך איזאָלאַציע און דורך שקלאַפן־אַרבעט דעם מענטש, וואָס וויסט דעם אמת.

די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויר, ווען מען דערזעט ווי אַזוי די רוסישע מאַכט רייניקט יעדן מעגלעכן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט אין איר לאַנד.

און די דאָזיקע אומצופרידענע זיינען מיליאָנען, מיליאָנען.

דאָס גאַנצע רוסישע לאַנד איז פאַרזייט מיט אַ געדיכטער נעץ פון קאַטאָרגע־לאַגערן.

און וואָס די קרבנות אין די לאַגערן לעבן איבער, ווי אַזוי מען באַהאַנדלט זיי און ווי אַזוי מען דערברענגט זיי צו דער מדרגה פון ביסלעכוויַזן אונטערגאַנג, דערציילט אַברהם זאַק אין די וויַטערדיקע קאַפּיטלען פון זיַן בוך „קנעכט זיינען מיר געווען".

ער דערציילט דאָס אַלץ מיט שטילע און איבערציַגנדיקע ווערטער.

מיט ווערטער, וואָס גרוילן־אויף מיט זייער אמת.

און נישט ער דערציילט — ער מאָלט און ער שילדערט שטיקער פון דער דאָזיקער גיהנומדיקערווירקלעכקייט.

ער געשטאַלטיקט בעלעטריסטיש די פּיַן־סיטואַציעס, וואָס זעען אויס ווי אַ קאָשמאַר, אָבער דער קאָשמאַר ווערט דורך אים געמאָלן אַזוי לעבעדיק־עכט, אַז מיר קענען נישט צווייפלען אין זיַן רעאַליטעט.

אויך מענטשן שילדערט ער אונדז אין דעם שפּינען־נעץ פונעם גרויליקן קאָשמאַר.

פּיַניקערס און געפּיַניקטע.

הייליקע גלויבערס און זינדיקע כופרים.

די טראַגיק פון אָט די אַלע מענטשן, אַריַנגעוועבט אינעם שוידער פון דעם סאָוועטישן קאַטאָרגע־רעזשים, שריַט צו אונדז מיט דער שטים פון צעטראָטענער מענטשלעכקייט און אָפּגעגנאַרטער הילפלאָזער גלויביקייט.

מיט אַ בעלעטריסטיש־רויקער האַנט שילדערט ער סצענעס, וואָס ברענגען אַריַן דעם גרעסטן אומרו אין געמיט.

מיט קינסטלערישער קלאָרקייט ברענגט ער אַרויס דעם גרעסטן מענטשלעכן אומזין פון דער עפּאָכע.

און זיַן ווערק ווערט טאַקע דער קינסטלערישער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם דאָזיקן אומזין, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן די וועלט.

***

כאַראַקטעריסטיש פאַר אַברהם זאַקן, דעם ראָמאַנטיקער, איז אויך דאָס, וואָס אָפּילו אין דעם גיהנום התחתון אויף אונדזער ערד הערט ער נישט אויף צו זען

שיינקייט און איידלקייט און ער הערט נישט אויף צו לײַדן דערפון, וואָס זיי ווערן פאַרשוועכט.

אָפט שילדערט ער די שיינקייט פון צפון־פּייזאַזש און ער קרעכצט דערבײַ טיף אָפּ אויף דעם, וואָס ער קען פון דער דאָזיקער שיינקייט נישט געניסן.

אַן אַנדער מאָל שילדערט ער מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים אַפילו אין די קאַשמאַרע לײַדן.

אַפילו ווען ער שילדערט דאָס רשעות פון די פּײַניקערס פילט מען, אַז אים טוט וויי וואָס מען האָט דעם מענטש אין אַ חיה פאַרוואַנדלט.

די סצענע ווי אַזוי די ענקאַוועדע־שומרים הערן זיך צו צו דער פידל־מוזיק פון אַן אַרעסטאַנט, בלײַבט לאַנג אין זכרון, ווי אַ סימבאָל.

און אַ צווייטער סימבאָלישער מאָמענט איז די סצענע צווישן אים און דעם „דראַמאַטורג״ פון לאַגער, וואָס וויל די קונסט שטעלן אין דינסט פון זײַנע פּײַניקערס.

מיט אַזעלכע סימבאָלישע סצענעס איז פול דאָס גאַנצע בוך.

עס איז אַ בוך נישט בלויז פון מענטשלעכער שלעכטקייט, נאָר אויך פון מענטשלעכער דערהייבונג, וואָס האַלט אויס ניסיונות.

און דער גרעסטער בעל ניסיון איז דער מחבר אַליין.

ער האָט אַ סך פּרוּוון פון געוויסן אויסגעהאַלטן אין לאַגער גופא.

דעם גרעסטן ניסיון האָט ער אָבער אויסגעהאַלטן בעתן שרײַבן דאָס בוך.

דעם ניסיון פון אַ קינסטלערישן געשטאַלטיקער.

דעם ניסיון פון אַ מענטש, וואָס באַהערשט זײַן פּײַן, כדי צו קענען שרײַבעריש אָנטפּלעקן דאָס גרויליקע וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

כדי צו קענען רויִק שילדערן דאָס, וואָס האָט אים אַזוי פיל ווייטיק פאַרשאַפט.

אָט די שטילע באַהערשטקייט, אין נאָמען פון דער שרײַבערישער געשטאַלטיקונג, מאַכט פון דעם בוך אַ גרויזאַמען דאָקומענט פון אמת.

עס איז אַ בוך, וואָס שילדערט דאָס שרײַענדיקסטע אומרעכט מיט די שטילסטע ווערטער.

דערפאַר דערגרייכט עס אַזוי שטאַרק דעם ציל, דערפאַר ווירקט עס אַזוי שטאַרק אויף דעם לייענער.

און דערפאַר עפנט עס בײַ אַזוי פיל די אויגן, אַז זיי זאָלן דערזען דאָס אמתע פּרצוף־פּנים פון דעם רוסישן קאָמוניזם.

(„די פּרעסע״, 1971)

II

אַברהם זאַק'ס וועג אין דער יידישער דיכטונג

(געלייענט אויפן באַערונגס־אָוונט אין „שמעון דובנאָוו־הויז" אין ב"א)

ביים דערעפענען די באַערונגס־מסיבה לכבוד אונדזער ליבן חבר, דעם גוט־באַקאַנטן און פּראָמינענטן דיכטער אַברהם זאַק, צו דער געלעגנהייט פונעם דער־שיינען פון זיין נייעם לידער־בוך „אויף שטילע וועגן", ווילט זיך מיר, קודם־כל, זאָגן, אַז איך דערפיל מיין אויפגאַבע מיט פאַרגעניגן און מיט ליבשאַפט. מיט פאַר־געניגן, ווייל מיר יום־טובן דאָס דערשיינען פון אַ ניי פּאָעזיע־בוך וואָס באַרייכערט סיי די יידישע ליריק און סיי די שעפערישע פּאָזיציע פון אַ חשובן דיכטער, וואָס זיין שאַפן דעקט, אַזוי צו זאָגן, דריי פּערטל פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע און פון אירע גרויסע דערגרייכונגען אין לויף פון אונדזער יאָרהונדערט. און מיט ליבשאַפט — דערפאַר ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דיכטער וואָס האַלט הויך די פאָן פון דיכטערישן באַרוף און די חשיבות פון יידיש־ליטעראַרישן וואָרט אין אונדזער צייט ווען מיר זיינען, ליידער, עדות פון דערשיי־נונגען וועלכע מאַכן ביליק און הפקרדיק די יידישע ליטעראַטור־סביבה; ווען עס איז מקוים געוואָרן דער מאמר „כל הרוצה ליטול יבוא ויטול", דאָס הייסט: אַז ווער עס וויל מאַכט זיך רעקלאַמע אויפן חשבון פון דער ליטעראַטור און שרייבט וועגן זיך אַליין אין די צייטונגען אַז ער איז דער גרעסטער און דער אויסדער־ווילסטער. און אַזאַ חשיבות־האַלטונג איז ווערט אונטערגעשטראָכן צו ווערן און מען דאַרף זי באַטאָנען מיט אַ באַזונדער אויסדריקלעכקייט. צום באַדויערן זיינען נישט פאַראַן קיין געזעצן וועלכע זאָלן אונדז געבן די מעגלעכקייט צו באַקעמפן אַזאַ הפקרות ווי די וועלכע איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט. איז דעריבער אונדזער איינציקער שוץ קעגן איר נאָר דאָס אונטערשטרייכן און דאָס אַרויסהייבן די דאָ־זיקע וועלכע פּראַקטיצירן זי נישט און דאָס אויסדריקן זיי ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר זייער נאָבעלער האַלטונג מיט וועלכער זיי גיבן צו כבוד אונדזער ליטעראַטור און מיט וועלכער זיי זיינען דער ביישפּיל פאַר אונדזער ליטעראַרישער געזעל־שאַפטלעכקייט.

אַלע ווייסט איר וועגן דער חסידישער מעשה וואָס דערציילט, אַז דער באַרדי־טשעווער רב, ר' לוי יצחק, איז אַמאָל אַרויפגעגאַנגען אויפן באַלעמער און אויס־געשריגן: רבותי, איך בין מכריז ומודיע אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. אַז מען האָט אים געפרעגט: רבי, צו וואָס אָט די הכרזה, אָט די באַקאַנטמאַכונג? וואָרעם ווער ווייסט עס נישט אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט? האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער געענטפערט: יאָ, ווייסן ווייסט מען טאַקע, אָבער עס שאַדט נישט צו דערמאָנען. דאָס וויל זאָגן אַז ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע אייביקע אמתן וועלכע

מען דאַרף דערמאָנען. דער אמת איז אַז מען וואָלט אַ שרײַבער נישט געדאַרפט לויבן דערפאַר וואָס ער היט אָפּ די חשיבות פון דער ליטעראַטור און וואָס ער פירט זיך ווי עס דאַרף זיך פירן אַ מענטש פון גײַסט און מאָראַל. אָבער עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע צײַטן און אַזעלכע באַדינגונגען ווען אָט דאָס דערמאָנען די דאָזיקע פשוטע אמתן און מענטשלעכע קוואַליטעטן ווערט פונקט אַזאַ נויטווענדיקייט. ווי דאָס דערמאָנען אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און דערפאַר טאָקע האָב איך זיך גענומען רשות צו רעדן באַלד אין אָנהייב פון מײַן אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער מסיבה וועגן דער שרײַבערישער און מענטשלעכער קוואַליטעט פון דיכטער אַברהם זאַק, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט שרײַבערישער ווירדע און זעצט פאָר, אָן פאַלשער באַשיידנקייט, די רומפולע טראַדיציע פון ייִדישן שרײַבערטום און פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אייגנטלעך זאָג איך מיר אַליין אַז אָט דאָס אָפּהיטן די עטישע און אַפילו עסטעטישע טראַדיציע פון דעם ייִדישן שרײַבערטום דאַרף אונדז בײַ אַזאַ שרײַבער ווי עס איז אַברהם זאַק נישט חידושן און דאַרף פאַר אונדז נישט זײַן קיין וווּנדער. וואָרעם אַברהם זאַק איז הײַנט צו טאָג אפשר דער איינציקער שרײַבער אין אונדזער ייִדיש־וועלט וואָס זײַן שעפערישע התחלה איז געשטאַנען אונטער דעם ליכט פון דער שענסטער זון אין אונדזער ליטעראַטור — דעם גרויסן י. ל. פּרץ און ס׳איז קלאָר אַז ווער עס האָט געקאָנט פון יענער גרויסער קינסטלערישער און אינטע־לעקטועלער ליכטיקייט, ווער עס האָט געהערט צו יענעם גרויסן וווּנדערלעכן שעפערישן דור איבער וועלכן פּרץ האָט אויסגעשטראַלט זײַן שליחות פאַרן ייִדישן לעבן, דער קאָן שוין קיין מאָל אין אָט דער שליחות נישט פעלשן און דער וועט שוין קיין מאָל פון זײַן פעדער נישט מאַכן קיין קרדום לחפור בה. אַברהם זאַק געהערט צו יענעם דור, צו יענער גרויסער פּלעיאַדע וועלכע האָט בײַ דעם שעפער פון „די גאָלדענע קייט" געלערנט די גרויסקייט פון דער ליטעראַטור־מיסיע און דעריבער טראָגט ער זײַן שרײַבערישע שליחות מיט ליבשאַפט און אַחריות. אמת, אין אונדזער שפּלדיקער צײַט איז אָט די שליחות שטאַרק פאַרטונקלט געוואָרן. אמת, אין אונדזערע טעג זײַנען מיר אָפט עדות דערפון ווי די ליטעראַטור ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יאַריד ווו יעדער קרעמער שלעפּט צו זיך קונים מיט דערלויב־טע און נישט־דערלויבטע מיטלען. אָבער נישט אַזעלכע ווי אַברהם זאַק וועלן זיך אונטערגעבן די צײַט־שטימונגען און וועלן זיך באַנוצן מיט פסולע טריקן כדי צו דערגרייכן זייער, אומשטיינס געזאָגט, דערפאָלג. וואָרעם דער וואָס האָט געזען די ליטעראַטור אין איר אויפגייענדיקער פּראַכט, דער בלײַבט טרײַ אירע עטישע און עסטעטישע געזעצן אויך אין איר שקיעה און דער וואָס האָט געזען ווי דאָס דיכטערישע וואָרט פאַרמירט דאָס לעבן, דער וועט קיין מאָל נישט דערלאָזן אַז דאָס לעבן זאָל דעפאָרמירן די דיכטונג, די שליחות פון דעם וואָרט־שעפער, צו וועל־כער ער איז געזאַלבט געוואָרן אין די טעג פון זײַן יונגשאַפט.

ס׳איז נישט מײַן אויפגאַבע אויף דער דאָזיקער מסיבה רעדן און אָפּשאַצן דאָס נײַע בוך לידער פון דעם דיכטער אַברהם זאַק. איך וויל בלויז זאָגן עטלעכע

געציילטע ווערטער וועגן דעם שעפערישן וועג פון דעם דיכטער אַברהם זאַק אין אַלגעמיין און איך האָף אַז דערמיט וועל איך קיינעם נישט משיג גבול זײַן, כאָטש אין גאַנצן זיכער דערין בין איך נישט, ווײַל יעדער וואָס רעדט פון אַ וואַלד מוז דערמאָנען די ביימער און יעדער וואָס רעדט פון אַ דיכטער מוז זיך פאַרטשעפּען אין זײַנע גרונט־אייגנשאַפטן וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן דיכטונג.

אַברהם זאַק איז געקומען אין אונדזער ליטעראַטור אַרײַן ווי אַ ראָמאַנטיקער, אָבער ווי אַ ראָמאַנטיקער פון אַ באַזונדערן שניט. בדרך כלל אַנטלויפט דער ראָמאַנטיקער, ווי באַוווּסט, פון לעבן און פון דערווירקלעכקייט צו דער אילוזיע, צום חלום. אַברהם זאַק איז אָבער אַ ראָמאַנטיקער וואָס אַנטלויפט נישט פון דער וואָר צו דער אילוזיע, נאָר ער ברענגט די שיינקייט און דעם פאַרביקן חלום פון דער אילוזיע אַרײַן אין לעבן. דער ראָמאַנטיקער פליט תמיד אַוועק אויף די פליגל פון זײַן פאַנטאַזיע צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער צו דער צוקונפט. אַברהם זאַק געהערט נישט צו די דאָזיקע פּאָעטן וואָס זוכן דאָס סימבאָלישע „בלויע בלימל" פון נאָוואַליסן אין דער פאַנטאַסטיק, אָדער אין דער אומוואָר, ווי עס זאָגן די עקסיסטענציאַליסטן. אַברהם זאַק איז תמיד נאָענט צו דער ווירקלעכקייט, נאָענט צום לעבן און ער שעפּט פון דער טאָג־טעגלעכקייט, און פון זײַנע איבערלעבונגען אין איר, זײַן פּאָעטישע אינספּיראַציע. זײַן ראָמאַנטיזם באַשטייט אין רעם וואָס ער ברענגט אַרײַן אין דער וואָר פון לעבן די פאַנטאַסטיק און דעם פאַרבן־שפּיל פונעם חלום. ער שילדערט און ער באַזינגט די גרויע טאָג־טעגלעכקייט מיט די ווייכע פענדזל־שטריכן פון ראָמאַנטישער מעלאַנכאָליע, מיט די ציטערדיקע טענער פון עלעגישער פאַרבענקטקייט און דאָס וויל זאָגן אַז ער פאַרלייקנט נישט דאָס לעבן, נאָר ער זעט און ווײַזט עס דורך דער פּריזמע פון זײַן נשמה, דורך דער פּריזמע פון זײַן געפיל. דערמיט איז ער לײַבלעך־נאָענט צו דעם ערשטן שעפער פון ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור, זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכער האָט געזאָגט אַז די געפילן זײַנען תמיד אמתדיקער און רעאַלער ווי דער שכל.

ווײַל אַברהם זאַק איז ווי אַ ייִדישער דיכטער קיין מאָל נישט אַנטלאָפן פון לעבן, נאָר האָט ווי די גרויסע ראָמאַנטיקערס אין דער ייִדישער ליריק, דוד אייגהאָרן, לייב נײַדוס, ז. סעגאַלאָוויטש און אַנדערע, געזען דאָס לעבן דורך דער פּריזמע פון זײַן געפיל און שטימונג, איז ער געוואָרן דער מקונן, דער איכה־זינגער פון דעם גרעסטן ייִדישן חורבן, פון דעם טויט וואָס האָט פאַרשניטן דאָס דאָזיקע לעבן וואָס איז אים און אונדז אַלע אַזוי נאָענט געווען. די מאָטיוון פון חורבן, די איבערלעבונגען אין סאָוועטן־לאַנד זײַנען געוואָרן זײַן דיכטערישע אַבסצעסיע און דאָס מאַניפעסטירן זיי אויף אַלערליי אופנים, סײַ אין זײַן דיכטונג און סײַ אין זײַן פּראָזע איז געוואָרן זײַן שליחות אין דער ליטעראַטור. דערמיט האָט ער זיך אפשר נישט אויסגעטיילט פון אַנדערע ייִדישע דיכטערס, נאָר האָט זיך אײַנגעשלאָסן אין דעם שעפערישן כאָר פון זײַן צײַט, אָבער געטאָן האָט ער עס אויף זײַן אייגענעם אופן, אויף דעם אופן פון אַ ראָמאַנטיקער וואָס אַפּעלירט צו דעם

אויפגערודערטן געפיל און ווירקט מיט דעם דאָזיקן געפיל אויפן באַוווסטזיין פון זיין לייענער און פון זיין דור.

אין דעם פריערדיקן בוך „פון הייסן אַש" און אין דעם איצטיקן בוך „אויף שטילע וועגן" איז אַברהם זאַק צוריקגעקומען צו די פערזענלעכע מאָטיוון און צו די איבערלעבונגען פון יחידישן כאַראַקטער. דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז אויך אין די דאָזיקע פערזענלעכע און יחידישע לידער איז פאַראַן דער עלעמענט וואָס מאַכט זיי פאַר דעם קנין פון אַלעמען און ער ווערט דורך זיי, ווי דער פראַנצויזישער דיכטער לאַמאַרטין האָט געזאָגט, דער פּאָעט וואָס זינגט וועגן זיך אָבער מיינט יעדן פון אונדז, יעדן פון אונדז מיט זיינע לעבן־דערקענטענישן, מיט זיינע שטימונגען און מיט זיינע געמיט־צושטאַנדן וואָס גייען אויף אַ באַשטימטער צייט פון דעם לעבן, פנים אל פנים מיט דעם דויער פון דער אייביקייט.

איך וואָלט נאָך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אַברהם זאַק'ס אמונה אין דעם דיכטערישן וואָרט וואָס מאַכט ליכטיקער און העלער זיינע שווערע פּעסימיסטישע רעזאָנירונגען אין ליד. אָבער דאָ האָב איך שוין באמת אַ גרונט מורא צו האָבן אַז איך וועל איבערשרייטן די גרענעץ און וועל אויסכאַפּן דאָס וואָס עס האָבן צו זאָגן מיינע חשובע קאָלעגן וועלכע וועלן רעדן נאָך מיר. דעריבער שטעל איך דאָ אַ פּונקט און איך דערעפן די דאָזיקע ליטעראַרישע מסיבה מיט די בעסטע און אויפריכטיקסטע ווונטשן פאַר אונדזער בעל־שמחה פון וועלכן מיר דערוואַרטן נאָך אַ סך אַ סך ווערק, אין ליד און אין פּראָזע און וועלכן מיר דריקן דאָ היינט אויס אונדזערע בעסטע ברכות פון אַריכת ימים און אַריכת שעפערישקייט פאַר דעם וווּיל פון דער יידישער ליטעראַטור. חשובער און טייערער פריינד אַברהם זאַק, מיר זאָגן אייך אַן אויפריכטיקן און פריידיקן „גוט יום־טוב" און מיר זיינען זיכער אַז מיר וועלן אייך אַזעלכע „גוט יום־טובס" נאָך זאָגן אַ סך מאָל.

(„די פּרעסע", 1971)

III

אַ ניי בוך פון דיכטער אַברהם זאַק

דער דיכטער אַברהם זאַק, וואָס זיין שעפערישער סטאַזש דעקט כמעט דריי פערטל פון אונדזער נייער ליטעראַטור־געשיכטע, האָט אָנגעהויבן ווי אַ ראָמאַנטישער ליריקער וועמענס ליד עס האָט געבראַכט צום אויסדרוק די אינערלעכע נשמה־וועלט פון פּאָעט מיט אירע אינדיווידועלע באַזונדערקייטן און אייגנשאַפטן. ווי לייב נײַדוס און ווי ז. סעגאַלאָוויטש, להבדיל בין החיים והמתים, האָט ער אין זיין פּאָעזיע געשטעלט דעם שעפערישן טראָפּ אויף די געפילן, שטימונגען און געמיט־צושטאַנדן פונעם יחיד וועלכן דער ראָמאַנטיזם האָט געגעבן בירגערעכט אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט און פּראָקלאַמירט ווי דעם צענטראַלן אָביעקט פון דער דיכטערישער דערקענטעניש און דיכטערישער אַנטפּלעקונג.

אַברהם זאַק האָט געשטעלט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע שריט אין יענער צײַט ווען איבער דער ייִדישער ליטעראַטור האָט נאָך געפלאַטערט דער הייסער פליגל־פּאַך פון פּרצעס גײַסט. דער ראָמאַנטיזם פון זאַקן איז אָבער שוין געווען ווײַט פון פּרצעס ראָמאַנטיק און אַפילו פון דער ראָמאַנטיק פון דוד איינהאָרן, הגם ביידע — דער ראָמאַנטיזם פון פּרצן און דער ראָמאַנטיזם פון איינהאָרנען — זײַנען געווען די טרעפּ אויף וועלכע עס איז אויפגעשטיגן דער נײַער דור ראָמאַנטיקערס, וואָס צווישן זיי איז אַברהם זאַק געווען אַ ביז גאָר אָנגעזעענער און צוזאָגנדיקער נאָמען.

וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם ראָמאַנטיזם פון דעם פּאָעטישן דור מיט וועלכן זאַק איז געקומען אין אונדזער ליריק? עס האָט אים בעיקר כאַראַקטערי־זירט די שטרעבונג פון דעם שאַפערישן יחיד זיך צו באַפרײַען פון די קאָלעקטיווע שליחותן, אָדער שליחותן פאַרן קאָלעקטיוו, מיט וועלכן עס האָט געאָטעמט דאָס געזאַנג פון די פּריערדיקע דיכטערס. דער דאָזיקער דור האָט פּונקט ווי די „יונגע" אין אַמעריקע, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פונעם פּאָעט צו זינגען נאָר וועגן זיך אַליין און נאָר וועגן זײַנע דורכויס אייגענע נשמה־איבערלעבונגען. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין קונסט לשם קונסט, קיין זינגען צוליב געזאַנג. דאָס איז געווען די אײַנשטעלונג, אַז אויב די קונסט האָט אַ מיסיע און די מיסיע איז צו אַנטפּלעקן דעם מענטש מיט זײַנע פאַרוויקלטקייטן און קאָמפּ־ליצירטקייטן, דאַרף דער דיכטער קודם כל אַנטפּלעקן זיך אַליין, קודם כל ברענ־גען צום אויסדרוק זיך אַליין און אָט אַזוי, אַרויסגייענדיק פון פּרט, דערגרייכן צום כלל; אַרויסגייענדיק פון מענטש, דערגרייכן צו דעם וואָס מיר רופן אָן: די מענטשהייט.

אַרײַנברענגענדיק אין דער דיכטונג נײַע פאָרמען און אַ נײַע טעמאַטיק, זײַנען אָבער די דיכטערס פון דעם דאָזיקן דור נישט אַנטלאָפן, ווי די ראָמאַנטיקערס בײַ אַנדערע פעלקער און ליטעראַטורן, פון דער ווירקלעכקייט, אין זייער פאַל — פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט. זיי זײַנען אויך נישט אַנטלאָפן פון כלל, פון ייִדישן כלל, זיי האָבן געלעבט מיט אים און אין אים און האָבן טיף איבערגע־לעבט זײַנע ווייטיקן און אַפילו מיטגעלעבט מיט זײַנע פּראָבלעמען, זיי האָבן אָבער זייער שײַכות צו דער ווירקלעכקייט און צום כלל אַרויסגעבראַכט אויף אַן אייגע־נעם אופן — דורך דער פּריזמע פון זייער „איך", וואָס איז פאַר זיי געוואָרן דער שפּיגל אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די וועלט אַרום זיך — די וועלט אויף וועלכער זיי האָבן זיך באַקלאָגט, מיט וועלכער זיי זײַנען געווען אומצופרידן, קעגן וועלכער זיי האָבן רעוואָלטירט, אָבער וועלכע זיי האָבן אויך געבענטשט מיט אירע שיינקייטן, מיט אירע דערהויבנקייטן אאַז"וו אאַז"וו.

אַברהם זאַק איז זײַן גאַנץ פּרוכטיק, שעפעריש לעבן געבליבן געטרײַ דער דאָזיקער שיטה. ער איז תמיד און אומעטום געווען און געבליבן דער דיכטער וואָס זינגט וועגן שטימונגען, געפילן און געדאַנקען אויף וועלכע זיי האָבן אַ שײַכות צו אים דירעקט. ער רעאַגירט אויף דערשײַנונגען אויף וויפל זיי באַרירן זײַנע יחידי־

שע האַרץ־סטורענס. זײַן ליד איז תמיד דער פּראָדוקט פון אַן איבערלעבונג, אַ דורכויס אינדיווידועלע. בײַ דעם אַלעם איז ער אָבער נישט קיין ווירקלעכקייט־אַנטלויפער און ער איז קיין מאָל נישט אַוועק צו דעם אינדיווידואַליסטישן עקס־טרעם וואָס שאַפט אַ תהום צווישן אים און אַנדערע מענטשן. אַדרבא, לויט זײַן איבערצײַגונג איז אָט דער אופן פון פאַרטיפן זיך אין זיך, פון אַנטפּלעקן לעיני כל עם ועדה זײַנע געפילן, זײַנע געמיט־צושטאַנדן, זײַנע שטימונגען, אָפט מאָל אַפילו קאַפּריזנע, דער בעסטער אופן פון רעאַליזירן די מיסיע וואָס די קונסט דאַרף דערפילן. דער פּאָעט איז, לויט אים, אין דער בחינה פון דעם וואָס לעבט איבער און אַנטפּלעקט זײַן איבערלעבונג פון אַ מיליאָן און וואָס טיפער דער פּאָעט גראָבט אין זיך, וואָס מער ער זינגט וועגן זיך און וועגן דעם וואָס געהערט כלומרשט זײַן „פּריוואַטקייט“, אַלץ מער דערזעען זיך אין אים, דערפילן זיך אין אים, שפּיגלען זיך אין אים אָפּ אַנדערע מענטשן; אַלץ מער איז דאָס ליד זײַנס דאָס געזאַנג פון אַנדערע מענטשן.

אַ ראיה דערצו, אַז אַברהם זאַק איז קיין מאָל נישט געווען קיין ווירקלעכ־קייט־אַנטלויפער, ווי די ראָמאַנטיקערס אין אַנדערע ליטעראַטורן, איז דער פאַקט וואָס ער איז באַרימט געוואָרן מיט זײַן אַנטי־מלחמה ראָמאַן „אונטער די פליגל פון טויט“. אין דער פאָרעם און לויט דעם ווי ער שילדערט זײַנע אינדיווידועלע איבערלעבונגען איז דאָס ווערק דורכויס אַ ווערק פון אַ ראָמאַנטיקער וואָס ווײַכט פון געשריי, פון רעטאָריק, פון מוסר השכלס פון וועלכע מען קאָן אויסקנעטן צעשריגענע לאָזונגען, אָבער אין סאַמע תוך איז דאָס אַ ווערק, וואָס פאַראורטיילט די מלחמה־שחיטות, די אַכזריות פון מענטש אַנטקעגן מענטש, די טעמפּע געהאָרכ־זאַמקייט פון די מאַסן וואָס לאָזן זיך אָפּנאַרן און זײַנען מקריב אויפן מזבח פון מלחמה־מולך דאָס ווײַכטיקסטע וואָס זיי פאַרמאָגן — דאָס לעבן.

נאָך דעם גרויסן חורבן וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט איז זאַק גע־וואָרן דער מקונן פון דעם פאַרשניטענעם און פאַרברענטן נעכטן. אין ליד און אין פּראָזע האָט ער געשילדערט דעם ווײי פון אַ דור וואָס האָט זיך געראַטעוועט, פון אַ דור וואָס איז געבליבן לעבן, אָבער וואָס לעבט מיט קברים אין האַרץ און דער צעשטויבטער אַש פון די מיליאָנען קדושים לייגט זיך מיט פײַנפולער שווער־קייט אויף זײַן נשמה. גאַנץ באַזונדערס האָט אַברהם זאַק פאַראייביקט אין זײַנע ווערק די רשעותן וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן קעגן זײַן פאָלק דאָרט ווו עס האָט געהאָפט און געמיינט צו געפינען רעטונג פון היטלערישן אַכזר. זײַן צוויי־בענדיק ווערק „קנעכט זײַנען מיר געווען“ געהערט צו די בעסטע קינסטלערישע דאָקומענטן וועגן די גרויל־איבערלעבונגען פון די פּוילישע ייִדן וואָס זײַנען גע־לאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד זוכן שוץ קעגן דײַטש.

די דאָזיקע צוויי טעמעס — דעם חורבן־גרויל וועלכן ס׳האָט גורם געווען דער היטלעריזם און דער אַכזריות פון דער סאָוועטישער פּעריפעריע — האָט אַברהם זאַק געשענקט דעם גרעסטן טייל פון זײַן שאַפערישער ענערגיע זײַט דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ געוויסע צײַט איז ער אַפילו געווען ווי אַבסצעסיאָנירט פון דער

דאָזיקער ייִדישער סאָלקס־טראַגיק און זי האָט דאָמינירט אין זײַן שאַפן, סײַ אין דער פּאָעזיע, סײַ אין דער פּראָזע. ער איז אָבער נישט געבליבן בלויז בײַם באַוויינען דעם חורבן, אָדער בײַם דעמאַסקירן די סאָוועטישע אַכזריות, נאָר ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיטן רעסטאַווירן, אין אַ ליטעראַרישער און מעמואַריסטישער פאָרעם, דאָס אַמאָליקע לעבן און איבערהויפּט דעם ייִדיש־ליטעראַרישן צענטער אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. און געטאָן האָט ער עס צוליב צוויי מאָטיוון: ערשטנס, כדי צו ווײַזן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. און צווייטנס, כדי דער דור פון הײַנט זאָל וויסן און קענען די ירושה וועלכע ער דאַרף ירשענען אויב ער וויל בלײַבן אַ רינג אין דער קייט פון דער ייִדישער גײַסטיקייט, פון דעם ייִדישן שאַפן.

אין דעם דאָזיקן גײַסט איז אויך געשריבן זײַן נײַ בוך „אין אָפּשײַן פון דורות" וואָס איז מיט עטלעכע חדשים צוריק דערשינען אין אַרגענטינע * און איז דאָס 26סטע אָריגינעלע ווערק וואָס אַברהם זאַק האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן, אַחוץ די ביכער איבערזעצונגען און אַנטאָלאָגיעס וועלכע ער האָט רעדאַגירט.

דאָס בוך אַנטהאַלט אַ זאַמלונג פון אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבערס און אויך אַ ריי זכרונות־עסייען וועגן ליטעראַרישע פיגורן אָדער געשעענישן אין ליטעראַרישן לעבן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אַ גרויסער טייל פון די אָפּהאַנדלונגען זײַנען לכתּחילה געשריבן געוואָרן ווי רעפעראַטן וואָס אַברהם זאַק האָט געלאָזט הערן בעל פּה בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מען דאַרף דערבײַ געדענקען, אַז הײַנט איז שוין מער נישט די צײַט ווען אַ ייִדישער שרײַבער קאָן אויסקומען זײַן וועלט בלויז מיט שרײַבן. עס איז אַ צײַט ווען אַ ייִדישער שרײַבער וואָס פאַרמאָגט געזעלשאַפטלעכע אַחריות פאַר דעם אויפהאַלט פון דעם קולטור־ניוואָ אין זײַן ישוב, מוז אויך קומען אין דירעקטן פּנים אל פּנים־קאָנטאַקט מיט זײַן לייענער און אַברהם זאַק דערפילט אויך די דאָזיקע מיסיע, וועלכע איז אין גײַסט פון דער פּרץ־לערע פון וועלכער ער האָט געגאָסן אין זײַנע יונגע יאָרן.

דאָס בוך „אין אָפּשײַן פון דורות" עפנט זיך מיט דרײַ אָפּהאַנדלונגען־רעפעראַטן וועגן די דרײַ קלאַסיקערס אונדזערע — מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם. דער מחבר אַנטפּלעקט אין זיי זײַן גרויסע פּיעטעט צו די דרײַ ליטעראַטור־קאָריפייען און יעדע שורה וואָס ער שרײַבט וועגן זיי איז ווי אויסן צו זאָגן: זעט וועמען מיר פאַרמאָגן, זעט אין וועמענס וועגן מיר דאַרפן ווײַטער גיין. אַוודאי דאַרף מען דאָ נישט דערוואַרטן קיין ליטעראַטור־קריטישע חידושים וועגן די קלאַסיקערס און אַוודאי און אַוודאי איז שווער צו פאַרלאַנגען, אַז זאַק זאָל זיי מיט עפּעס אָפּפרעגן, אָדער מיט זיי מחולק זײַן. זאַק גייט מיטן באַקאַנטן כּלל „אל תּגעו במשיחי" און די דרײַ קלאַסיקערס זײַנען פאַר אים די געזאַלבטע פאַרשטייערס פון אונדזער ליטעראַטור. דאָך זײַנען זײַנע אָפּהאַנדלונגען נישט בלויז אַפּאָלאָגעטיש, נאָר זיי

---

* אַברהם זאַק: אין אָפּשײַן פון דורות. עסייען און דערמאָנונגען. בוענאָס־אײַרעס, 1973, 292 זײַטן.

ווײַזן אויך אָן אויף זייערע אמתע ווערטן אין דעם איבערפּרווו פון דער צײַט. מיר האָבן דעריבער אין די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען נישט קיין קילע אָפּשאַצונגען, אָדער אַנאַליזן, נאָר די אַנטפּלעקטע באַציִונג פון אַ יידישן דיכטער אין אונדזער דור צו זײַנע גרויסע פּאָרגייערס, וועלכע ער זעט ווי מיטגייערס פון אונדזער הײַנטיק לעבן.

ווײַטער קומען אַרײַן אין בוך עסייען און דערמאָנונגען וועגן נעענטערע צו אונדז און צו אונדזער צײַט און אַפילו וועגן שרײַבערס און געזעלשאַפטלעכע פּי־גורן פון אונדזער צײַט. אַברהם זאַק איז דאָ סײַ אָפּהאַנדלעריש און סײַ מעמואַריס־טיש און ביידע עלעמענטן פאַרמאָגן זייער אויסגעשפּראָכענעם ווערט. אָפט מאָל דערגאַנצט איין עלעמענט דעם צווייטן און שאַפט אין זײַן גאַנצקייט אַן עסיי וואָס איז זייער אָנגענומען אין אַלע ליטעראַטורן.

צו די דאָזיקע עסייען־דערמאָנונגען געהערן די אַרבעטן וועגן אַברהם מענעס, ד״ר יוסף קרוק, יחאל האָפער, אהרן צייטלין, הערש בערגנער, דעם שרײַבער פון די שורות, ווי אויך וועגן די אַרגענטינער זשורנאַליסטן יוסף מענדעלסאָן און יעקב באָטאָשאַנסקי. זאַק שילדערט די דאָזיקע שרײַבערס נישט בלויז אויפן סמך פון זייער שאַפן, אָדער אַקטיוויטעט, נאָר אויך אויפן סמך פון זײַנע פּער־זענלעכע קאָנטאַקטן און איבערלעבענישן מיט זיי. ס׳איז, בכן, נישט בלויז ליטע־ראַרישע אָפּהאַנדלונגען, נאָר אויך אַן אַרײַנבליק אין די שעפערישע פּערזענ־לעכקייטן, אַ מין קאָנפראָנטאַציע צווישן מענטש און זײַן ווערק וואָס זאַק פירט דורך מיט אַ סך איידלקייט און גוטן געשמאַק.

ווי אַ שרײַבער וואָס ווייס אַז זײַן מיסיע איז צו נעמען שטעלונג צו לויפיקע פּראָבלעמען פון דערווירקלעכקייט, באַהאַנדלט אַברהם זאַק אַ ריי דערשײַנונגען אין אונדזער נאָך־מלחמה־לעבן. ער פאַרטיפט זיך אין דער פּראָבלעם פון דער חורבן־ליטעראַטור און איר שליחות און רעדט זיך אויך אַראָפּ פון האַרץ וועגן דער מערכה פונעם יידישן שרײַבער בײַם דערפילן זײַנע אויפגאַבן. ער שלאָגט אַפילו אָן קעמפערישע טענער, פול מיט צער און ביטערקייט, קעגן די וואָס באַ־גייען עוולות לגבי יידיש. מיט טאַקט און אַחריות מאָלט ער פאַר אונדז די טראַ־גישע געשטאַלט פון די חורבן־יאָרן — ד״ר מיכאל וויכערט — און ער ווײַזט אַרויס אַזוי פיל פײַנגעפיל בײַם באַהאַנדלען די דאָזיקע טראַגישע סוגיא, מײַדט אויס צו מאַכן אַ סך־הכל און צו פּסקענען וועגן עניינים וואָס נאָר די צײַט איז זייער איינציקער פּוסק.

אַברהם זאַק געהערט הײַנט צו טאָג צו די עלטסטע שרײַבערס אין דער יידי־שער ליטעראַטור, אָבער מיט זײַן פּרוכטיקייט און שעפערישקייט דאַרפן אים אַ סך יונגע מקנא זײַן. זײַן יעדער נײַער בוך באַווײַזט, אַז ער שטייט אויף דער פולער הייך פון זײַן אויפגאַבע און דערפאַר ווינטשן מיר אים אַלע אַריכת ימים און אַ ווײַטערדיקן המשך פון זײַן געבענטשטן שאַפן.

(„פאָלקסבלאַט״, ת״א, 1974)

שמעון קאַנץ

דאָס אייביק יונגע ליד

(צום 85סטן געבוירנטאָג פון דיכטער אַברהם זאַק)

צום פײַערן דעם 85סטן געבוירנטאָג פון דאָזיקן דיכטער ווילט זיך אונטער־שטרײַכן די אייביקע יונגקייט פון זײַנע לידער, וואָס האָבן אָפּגעהיט אין זיך ביזן הײַנטיקן טאָג די זעלבע קראַפט און דורשט פון די חושים פון אַ יונגן מאַן, דער זעלבער אינטעלעקטועלער נייגיר, די זעלבע אָפנקייט און אינטימע פאַרליבטקייט אין וואָרט, וואָס איז בכוח אויפצורודערן און פאַרוויגן; דער זעלבער ריטם, לי־רישע ראָמאַנטישקייט און עלעגישער טרויער, די זעלבע דיכטערישע גאַנצקייט, וואָס איז פאַראַן אין די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אַמאָל מיט איבער זעכציק יאָר צוריק אין גראָדנע, וואַרשע, אין די „יאָרן אין וואַנדער" און „פון אַלע נע־ונדן" ביזן הײַנטיקן טאָג אין בוענאָס־אײַרעס. ווי יונג די לידער זאָלן נישט זײַן זײַנען זיי אָבער איצט מער אָנגעזעטיקט מיט דער פּאָעטישער דערפאַרונג, וואָס עס גיט נישט בלויז דאָס יאָרנלאַנגע געפינען זיך אויג אויף אויג מיט דער פּאָע־טישער מוזע, נאָר טאַקע די פיל־געפרוווטקייט אין די מוראַדיקסטע דערשיטע־רונגען, וואָס אונדזער דור האָט מיטגעמאַכט.

אַברהם זאַק האָט געשריבן אויך פּראָזע, זכרונות און איבערזעצונגען און פונקט ווי אין זײַן פּאָעזיע ווײַסט ער אויך אין זײַן גאַנצן שאַפן דעם סוד ווי אַזוי אויסצושעפּן דעם ייִדישן צער ביזן דנאָ און אין שטילן געקלאַנג געפינען דעם אויסדרוק פאַר דער מוראַדיקסטער טראַגיק פון ייִדישן פאָלק און די אָפּשפּיגלונג פון זײַנע אייגענע קאָשמאַרפולסטע איבערלעבענישן. אין זײַן שאַפן פילט מען דאָס באַנעמען די חשיבות פון זײַן פּאָעטישער שליחות.

ווען מיר מערקן איצט אָפּ זײַן 85־יאָריקן יובל, זעען מיר אים ווי אַ מאָדער־נעם למד־וואָווניק, וואָס איז פרום פאַרגלויבט אין כוח פון ייִדישן ליד און אין הייליקן חוב פון ייִדישן דיכטער צו זינגען מיט התפּעלות וועגן שיינקייט, וועגן כישוף פון זון און שטערן, פון פרוייִשע רייצן און זאָגן קדיש נאָך אַ פאַרגאַנגענער וועלט: / אַזוי פיל זינגערס־זאָגערס — פען־חברים — / שוין אויף אַ בית־הקברות־פעלד". אין אַברהם זאַק׳ס ליד גלייבט מען „אַז עס ברענט נאָך האַרץ אין פלאַמען, אַ בענקען ווי אַמאָל" און ער אַליין גלייבט „אַז כ׳שטיי נאָך, דוכט, בײַם אָנהייב, / מיט יונגשאַפט אין געמיט... — מעג שניי מײַן קאָפּ באַדעקן, / אַזוי ביז לעצטן ליד" — —

די דאָזיקע טיפע אמונה איז אײַנגעוואָרצלט אין זאַק׳ס פּאָעזיע און זי האָט עס אָפּגעהיט זײַן לירישן ראָמאַנטיזם פון דעקאַדענץ, פון יאוש און פאַרצווייפלונג. „ווען דו האָלטסט שוין בײַ פרשה צוריקגאַנג / עס ווילט זיך פאַרהאַלטן דעם

גאַנג: / ס׳קאָן דאָך אפשר נאָך אויפגיין אַ לעבן, / צעקלינגען אַ נײַער געזאַנג... / — — דאָרטן ווײַט, צווישן חורבות און אַשן / אַ נביא באַווײַזן זיך קען... / ס׳וועלן לעבעדיק ווערן די ביינער / אַזוי ווי אַמאָל שוין געשען — — —״

זײַן אמונה אין פּאָעזיע האָט אַברהם זאַקן פּאַרמיטן פון זינקען אויף זײַן וואַנ־דער אינעם ליים פון די וועגן, געהאָלפן גיין באַרג־אַרויף צו שפּיצן, פונוואַנען מען קאָן אַ בליק טאָן איבערן מענטשלעכן לעבן אין זײַן גאַנצן אומפאַנג מיט כסדר באַנײַטן רגש און מחשבה, פאַרגעסן די לאַסט פון די יאָרן און „די אומעטן אַלע, וואָס פרעסן דיך הײַנט. / כ׳צעצינד אין קאַמין מיר דאָס פריילעכע פײַער, / עס ווערט אַזוי לײַכט, ווי אַמאָל שוין גאָר לאַנג... / ס׳פאַרגעסט זיך אַזוי מיר דער גזר פונעם גורל, / קומט ווידער די יונגשאַפט מיט ליד, מיט געזאַנג — — —״

(„לעצטע נײַעס״, ת״אַ, דעצ׳ 1977)

וועגן אַברהם זאַק׳ס „צווישן שאָטנס״

(אַ בריוו צום מחבר)

יו״ר הכנסת הראשונה

פ ר ט י

מײַן חשובער אַברהם זאַק!

כ׳האָב דערהאַלטן אײַער בוך „צווישן שאָטנס״ און ס׳איז מיר אָנגענעם די געלעגנהייט צו דאַנקען אײַך דאָס מאָל אויך פאַר אײַער לידער־בוך „יאָרן אין וואַנדער״. כ׳האָב זיך גוט דערמאָנט אָן „אויף אַטוואָצקער ליניע״ און אָן די פּלאַ־מיקע שורות „פון וואַרשעווער געטאָ ביז מלכות ישראל״...

כ׳האָב זיך דערמאָנט, און דאָס האָט מיך באַוויגן נאָך אַ דערמידנדיקן טאָג, אָן איבערפולטער מיט שטורמישע פּראָבלעמען, אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה, צו לייענען עפּעס אויך פונעם בוך, וואָס איר זײַט געוועזן אַזוי גוט מיר איצטער צו שיקן. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך באַקענט מיט „פרוי זילבער״, מיט דער אַלטער ביילע און אויך מיט דער האַרציקער ליזעטאָן. עס האָט מיך גערירט די אַלטע ביילע, וועלכע קען נישט אויסרײַסן אירע וואָרצלען פון דער חרובער קרעטשמע און אַלע סימפּאַטיעס מײַנע זײַנען נישט צו „חברטע סאַרע״, נאָר דווקא צו פרוי זילבער, וועלכע וויל ווידער אויפשטעלן איר לעבן אַפילו צווישן חורבות...

כ׳האָב געלייענט, כ׳האָב אײַנגעזאַפּט די פיבערן פון „צווישן שאָטנס״ און איך דאַנק אײַך.

כ״ו כסלו תשי״א — מיט פיל פרײַנדשאַפט יוסף שפּרינצאַק

(„אונדזער וואָרט״, פּאַריז)

אויפנאַמע בײַ זלמן שז״ר אין הויז אין 1950

פון רעכטס: פרוי שזר, פרוי פון זיגמונט טורקאָוו, זיג־מונט טורקאָוו, יואל מאַסטבוים, אַברהם זאַק, משה גראָס־מאַן, מאַרק טורקאָוו, זלמן שז״ר (דאַן בילדונג־מיניסטער), שמערקע קאַטשערגינסקי, קושניר און פרוי

יצחק וואַרשאַווסקי (י. באַשעוויס)

I

„יאָרן אין וואַנדער" פון אַברהם זאַק

אַברהם זאַק האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זײַן בוך זכרונות און שילדערונגען פון ערשטן וועלטקריג „אונטער די פליגל פון טויט". דאָס דאָזיקע בוך האָט געהאַט אין פוילן דרײַ אויפלאַגעס און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש. אַברהם זאַק האָט אויך אַ בוך וועגן דעם לעבן אין די רוסישע קאַזאַרמעס; עס הייסט „פּאַניע גנב".ביידע ווערק האָבן אַ וויכטיקן דאָקומענטאַרן און געשיכטלעכן ווערט. אַחוץ אָט די ביכער האָט אַברהם זאַק אַרויסגעגעבן 5 ביכער מיט לידער. דאָס לעצטע „מיט אַש אויפן קאָפּ" איז דערשינען אין פוילן נאָך דעם היטלער־חורבן. דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע האָט איצט אַרויסגעגעבן אַ בוך „יאָרן אין וואַנדער" מיט אַברהם זאַק'ס בעסטע לידער. לאָמיר אײַך דאָ ציטירן איינס פון זיי:

נישטאָ פאַר דיר

נישטאָ פאַר דיר קיין תשובה גאָר, דו דײַטשישע אַריער־אומה,
נישט הײַנט און נישט אין ווײַטע קומענדיקע טעג.
אין דער משפּחה פון די פעלקער וועסטו שטענדיק בלײַבן
ווי טומאה פּינצטערע און ווי אַ שוואַרצער פלעק.

נישטאָ פאַר איך קיין לײַטערונג, נישטאָ פאַר איך קיין תקומה,
איר שעפער פונעם מאַסן־טויט און ראַסן־סם!
מיליאָנען קדושים האָבן איך אין לעצטן קראַמף פאַרשאָלטן,
און רוישן רוישט אין אייביקייט פון בלוט דעם ים — — —

אַברהם זאַק האָט אַ היפּשע צאָל אַזעלכע לידער: נישט געקינסטלטע, פול מיט געלײַטערטער אויפריכטיקייט. דאָ רעדט צו איך אַ פּאָעט, וואָס מוז זיך נישט קווענקלען אַרויסצוברענגען מליצות. אַברהם זאַק האָט אַליין דורכגעלעבט דאָס גרויסע געיאָמער. ס׳איז דאָ אין זײַנע לידער דער כוח פון אמת.

(„פאָרווערטס״, 19 מאַרץ, 1950)

II

„קנעכט זײַנען מיר געווען״

אַברהם זאַק׳ס זכרונות „קנעכט זײַנען מיר געווען״ זײַנען גוט באַקאַנט די לייענערס פון „פאָרווערטס״. דאָס ווערק האָט זיך געדרוקט דאָ אין דער צײַטונג. עס איז אַ טרויעריקע געשיכטע פון מענטשן, פּליטים, וואָס זײַנען געקומען אין סטאַלינס מדינה, אין „לאַנד פון סאָציאַליזם״, און דאָרט האָט מען זיי אָן שום צע־רעמאָניעס, אָן שום באַשולדיקונגען אַוועקגעשלעפּט אין שקלאַפן־לאַגערן און זיי געפּײַניקט אויפן נאַצישן שטייגער. די בויערס פון אַ„בעסערן מאָרגן״, אַ „ליכ־טיקער וועלט״, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נידערטרעכטיקע סאַדיסטן, דער שמוץ פון מענטשלעכן מין, בלוטדורשטיקע רוצחים. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין שום אַנדערע דאָקומענטן וועגן די סאָוועטישע אַכזריותן ווי אַברהם זאַק׳ס „קנעכט זײַנען מיר געווען״, וואָלט דאָס גענוג געווען צו פאַרמשפּטן דעם רעזשים פאַר איינעם פון די סאַמע גרויזאַמסטע וואָס זײַנען באַקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע.

דער שרײַבער פון די שורות קען אַברהם זאַקן פון וואַרשע. ער איז אַלע מאָל געווען אַ שטילער, ערלעכער, גוטמוטיקער מענטש, ממש איינער פון די וואָס טשעפּען נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. אָבער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געפאַלן אויף זײַן גורל דורכצומאַכן די סאַמע בלוטיקסטע שלאַכטן. אַן עדות דערויף איז זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט״. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער דאָזיקער מאַרטירער געמוזט איבערלעבן אַלע רשעותן וואָס די קאָמוניסטן זײַנען באַגאַנגען קעגן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

די קריסטן יאָמערן ביז הײַנט צו טאָג אויף יעזוסן און דעם קרייץ וואָס ער האָט געטראָגן. אַברהם זאַק האָט געטראָגן דעם קרייץ (אָדער רופט עס ווי איר

ווילט) נישט ווייניקער פון יעזוסן. ער איז איינער פון מיליאַנען ייִדישע מאַרטי־רערס, וואָס די וועלט מאַכט זיך וועגן זיי נישט וויסנדיק.

אַברהם זאַק שרײַבט ערלעך, קלאָר, אין אַ גוטן סטיל. ער איז אויך אַ מחבר פון בענדער לידער. זײַן קראַפט ליגט אין זײַן פשטות, אין זײַן גלײַכן און מענטשלעכן צוגאַנג צו זאַכן. זײַן יעדעס וואָרט וועקט צוטרוי. וואָלטן מיר אַלע נישט געווען אַזוי איבערגעזעטיקט מיט גרויל־געשיכטעס (אמתע גרויל־געשיכטעס) וואָלט אַברהם זאַק'ס ווערק געדאַרפט אויפשוידערן די געזעלשאַפט. אָבער ווי לאַנג קאָן אַ מענטש שוידערן? וויפל כוח האָט דער גוף?

זאָלן אַלע יענע, וואָס האָבן נאָך שטיקלעך אילוזיעס וועגן די רויטע משחיתים, לייענען דאָס דאָזיקע ווערק, אויב זיי האָבן עס נאָך נישט געלייענט אין „פאָרווערטס". די צוויי בענדער אַנטהאַלטן אויך נײַעם מאַטעריאַל. זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע.

(„פאָרווערטס")

ישעיהו שפּיגל

די שטילע ליריק פון אַברהם זאַק

(צום דערשײַנען פון זײַן לידער־בוך „אויף שטילע וועגן")

אַברהם זאַק האָט זײַן רײַכע ביאָגראַפיע ווי אַ שרײַבער אָנגעהויבן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זינט דעמאָלט, ווען ס'איז דערשינען זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג „אַקאָרדן" (1918 — און געהאַט 2 אויפלאַגעס) — איז אַפּגעפלאָסן מער ווי אַ יובל יאָרן. דאָס איז געווען אַ תקופה פול מיט אויפברויז און קאַטאַק־ליזמען, וואָס האָבן אַרויסגערופן נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע שינויים — און גלײַכצײַטיק אויך טיפע פסיכישע ריסן אין דער נשמה און גײַסטיקייט פון ייִדישן מענטש. וויפל מלחמות, רעוואָלוציעס, נויט און יאושן האָבן פאַרשוועכט די ייִדישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע — ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויזאַמסטע פון אַלע ייִדן־תקופות: דער חורבן. די אָפּגרונטיקע אומקום־יאָרן האָבן פאַרלאָשן דאָס מינדסטע פלעמל פונעם דורך דער מסורה געהייליקטן בטחון. די אַ אַלע טראַגישע געשעענישן האָבן געמוזט געפינען — אויב אַפילו נישט אין אַ ריין־אַדעקוואַטער פאָרעם — זייער גרויליק ווידערקול אין די יצירות פון די לעבנס־אָפּגעראַטעוועטע דיכטער און שרײַבער. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן אויפגיין אויף די פאַרוויסטע פעלדער פון דער ייִדישער פּאָעזיע די נײַע גראָז־שפּראָצונגען, וואָס האָבן געוואָלט לעבן. די ערד און דער גײַסט זײַנען נישט אָפּגעטייט געוואָרן אויף די שלאַכטפעלדער. און הגם די ייִדישע הימלען זײַנען נאָך געווען געצונדן אין בלוט און אַ פעסט־ווינט פון די טויטן־פעלדער האָט נאָך געבלאָזן אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור — האָבן אָבער שוין אין די חרובע

ייִדישע ישובים אין פּוילן אָנגעהויבן אויפגיין נײַע טענער, נײַע האָפענונגען, נײַע געזאַנגען און נײַע אַקאָרדן אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

אַברהם זאַק געהערט צו דער אָ גענעראַציע ייִדיש־שרײַבערס, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך במשך פון צוויי דורות די אַלע סמען און גיפטן, אַלע שווערע שטרויכלונגען און מפּלות, אַלע יאושן, וואָס עס האָט אויסגעטראָגן זײַן ייִדן־דור. ער איז געבוירן געוואָרן אין לעצטן צענדליק פון 19טן יאָרהונדערט (1891) און צו 17 יאָר (1908) אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זײַנע לידער. ס'איז נישט אָן פּסיכאָלאָגישן באַטײַט, אַז דאָס ערשטע ליד זײַנס איז געווען דווקא אַן עלעגיע — אַזאַ



אין מאַידאַנעק 1946

בײַם סימבאָלישן קבר רחל אין ייִדישן פּאַוויליאָן

עס שטייען פון פאָרנט: צווייטער — א. אײַזען, דריטער — אַברהם זאַק, זעקסטער — לייב אָליצקי.

ליד־פאָרעם און ליד־תוכן, וואָס וועט ווערן זײַן אייגנטימלעכער כאַראַקטער־שטריך און אויך באַגלייטן אַלע זײַנע שפּעטערדיקע לירישע געזאַנגען. אין יעדער ממשות־דיקער פאָרמירונג פון אַ דיכטער־פּנים האָט אָן ספק אַ השפּעה פאַרן פּאָעט די סביבה, וואָס רינגלט אים אַרום. אין יעדער עפּאָכע קומט פאָר די אוימאויפהערלעכע באַפרוכטונג פון גייסטיקע שטראָמען — סײַ פון דער נאָענט און סײַ פון דער ווײַט. אַ. זאַק איז געשטאַנען אין סאַמע מיט פון אַזאַ עפּאָכע, וואָס האָט מיט אירע וויטאַלע אויפבויערישע און אויך פינצטערע, צעשטערערישע כוחות אים געשאָנקען אַזאַ און נישט קיין אַנדערע פּאָעטישע געזינונג אין דער ליטעראַטור.

פונעם לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור ווערן מיר געוויער, אַז אַ. זאַק איז געווען אַן אַרײַנגייער צו י. ל. פּרץ, וואָס האָט אים מקרב געווען. דער דיכטער־אָדלער פון זאַמאָשטש האָט געהאַט אַ השפּעה אויף אַ. זאַק׳ס ערלעכער און עטישער געזינונג ווי אַ מענטש און שאַפער. צווישן זײַנע ביז איצט דערשי־נענע אָריגינעלע ביכער — און זייער צאָל דערגרייכט צו 25 — זײַנען פאַרטרעטן כמעט אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן ווי: ליד, פּראָזע, עסיי, פּיעסע. ובכן — מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַר שפּעדיקן שרײַבער: 9 לידער־ביכער און 16 פּראָזע־ווערק, נישט רעכענענדיק זײַנע פיל איבערזעצונגען, בעיקר פון דער רוסישער ליטעראַ־טור ווי: לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, טורגעניעוו, פּושקין א״אַ. זאַק׳ס ביכער זײַנען פּרע־מירט געוואָרן: מיט דער לוי׳ס לאַמעד־פּרעמיע, סטאָלאַר־פּרעמיע, סוראָוויטש־פּרעמיע און צבי קעסל־פּרעמיע, מעקסיקע. אַ באַזונדער וואָגיקע פּאָזיציע האָט זיך אַ. זאַק דערוואָרבן מיט זײַנע דערשינענע פּראָזע־ביכער. דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס באַרימטע ערשטלינג־בעלעטריסטיש בוך „אונטער די פליגל פון טויט“ (1921), וואָס האָט אויסגעהאַלטן 3 אויפלאַגעס. אין דער תקופה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָכן דערשײַנען פון אַנרי באַרביס ווערק „פײַער“ (1916) איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ. זאַק׳ס „אונטער די פליגל פון טויט“ געווען דאָס ערשטע מלחמה־בוך, וואָס שילדערט אויף אַ רעאַליסטישן אופן די גרויזאַמקייטן פון קריג. שפּעטער זײַנען צוגעקומען זײַנע נאָוועלן, כראָניקס, דערמאָנונגען און די עפּאָפּייען פון ייִדישן וואָגל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי די ביכער: „קנעכט זײַנען מיר געווען“ און „אויף שלאַכן פון הפקר“. איבער די פּראָזע־ביכער שוועבט דער הויך פון לירישן אָטעם, באַגלייט פון אַלט־ייִדישן זיפץ און מיט פאַרבאַהאַל־טענע, נישט־אויסגעוויינטע טרערן.

איצט, צו זײַנע 80, איז דערשינען פון אַ. זאַק אַ נײַ לידער בוך „אויף שטילע וועגן“, וואָס וועט, לאָמיר האָפן, נישט זײַן די לעצטע ליטעראַרישע פּאָזיציע אין זײַן רײַכער שרײַבערישער ביאָגראַפיע, ווי ער זינגט אַליין אינעם „פּרעלוד“־ליד פון דאָזיקן בוך:

> אָ, ליד מײַנס, כ׳וועל מיט דיר זיך קיין מאָל שיידן —
> אַפילו ביזן לעצטן טאָג.
> פון אַלע שיינקייטן, פון אַלע פריידן
> ביסטו מײַן לויטערסטער פאַרמאָג.

שוין מיט זײַנע ערשטע לידער — און אויך מיט די שפּעטערדיקע — האָט אַ. זאַק באַוויזן, אַז ער געהערט צו דער שול פון ראָמאַנטיזם. זײַן דיכטערישער גאַנג האָט זיך פאַרמירט פון יענע אַלע מענטשלעכע און פּאָעטישע ווערטן, וואָס דער ראָמאַנטיזם האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור. ער איז געוואָרן זײַן טרײַער דינער און אויך זײַן — געפאַנגענער. וואָס איז אייגנטלעך די דעפיניציע פון ראָ־מאַנטיזם אין דער פּאָעזיע? דאָס איז, לדעתי, די רירנדיקע אינדיווידועלע ליריק, ווי אַן אויסדרוק פונעם שאַפערס טעמפּעראַמענט, די טיפקייט פון זײַן איבערלעבונג,

וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום אָרט פאַרן אינטעלעקט, פאַרן איבערדעאַלן און פאַר דער קאָנטעמפּלאַטיווער אידעען־וועלט. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז די דיכ־טונג פון ראָמאַנטישן נוסח האָט נישט איר אייגענע אידעען־לאָדונג. איז אָבער דאָך ווי געפּענטעט דורך דעם פאַרנעם, דורך אַ באַשטימטער פאַרגליווערונג פון אויס־דרוק־מיטלען, אָבער דאָך נישט אָן אינערלעך ליכט און זעליש פייער. אין דעם זין זיינען אַ. זאַק'ס לידער לגמרי נישט אָפּגעטרעטן פונעם ראָמאַנטישן שולחן־ערוך, דאָס איז קודם כל: זיין אוממיטלבאַרע קלאָרע לעקסיק, די וואַרעמע פּאָלקס־פּשטות, דער גוט־געצוימטער פּערזן־בוי, פּערזן, וואָס רירן מיט זייער באַשיידנקייט און מיטן אויפברויז פונעם דיכטערס נשמה. אַזאַ איז די אַטמאָספער, וואָס הילט־אַרום כמעט אַלע זיינע לידער. דאָס איז זיין אייגענער, ריטמיש־זינגעוודיקער נוסח ווי אַ טרייער זינגער פון דער ראָמאַנטישער שול. אויך אין די נייע לידער פונעם בוך „אויף שטילע וועגן" פאַרראָט ער נישט זיין מוזע. ער זינגט אָן דעם אויפריי־סערישן וואָרט־אימאַזש, אָן בליצן און פייערווערק, נאָר מיט גוטע, שטילע ווער־טער, וואָס טראָגן צו צום אויער דעם פאַרגעסענעם אַקאָרד פון פאַרבענקטן, אַלט־היימישן גראַם און ריטמישקייט. וואָס אַזוינס האָט נישט באַזונגען זיין מוזע? ליבע און טויט, חלום און וואָר, בלומען און איינפּערזוכט, גורל און גזר, חורבן און סיבי־רער טייגע, שטאָט און דאָרף, נאָסטאַלגיע צום אַמאָליקן און ישראל־אויפקום, ביז פילאָסאָפישע שאלות און תשובות, אַריינגעפּאַסט אין קורצע לירישע פּערזן.

נישט געקוקט אויף אַלע שטורעמס, נע־ונדן און חורבן, וואָס האָבן דעם פּאָעט אויפגעשווידערט ביז אין די טיפן — האָבן זיי דאָך נישט צעבראָכן אין אים די אַלט היימישע פּאָעטישע ראַם, נישט זיין פערזן־בוי און נישט זיין גראַם. דאָס איז די טרייקייט און אומגעפּעלשטקייט פון אַ. זאַק צו זיין מוזע. זיין וועלט איז דער ראָמאַנטישער, עלעגישער ברונעם, פון וואַנען ער טרינקט אָן זיינע יידישע פּערזן. אַלס דיכטער שטייט ער ערגעץ־ווו צווישן אַזעלכע דיכטערס ווי דוד איינהאָרן, לייב ניידוס און ז. סעגאַלאָוויטש. אַלע פון איין דור האָבן זיי געהאַט אַ ווידערווילן קעגן שרייערישן מאָדערניזם און געדינט זייער לירישער אינטימיטעט און ראָמאַנטיזם, דעם סענטימענט און געפיל־אויפריכטיקייט. הגם יעדער פון זיי האָט אַריינגע־שטעלט זיינע אייגענע ציגל אינעם בנין פון דער יידישער פּאָעזיע, פאַרבינדט זיי אָבער דאָך יענע תקופה פון ראָמאַנטיזם, פון יענער עפּאָכע אין יידישן לעבן, וואָס טראָגט אין זיך דעם טרויער און דעם שוידער פון האָפענונגלאָזיקייט, פון צע־פאַלנקייט, דעם שווערן גזר־דין פאַר אַלע שיינע מסורותדיקע יידישע היימען. זייער געמיינזאַמער באָרטן איז די נאָסטאַלגיע, די עלעגיע פון צער און דער „ליכטיקער חלום". זינגט טאָקע זאַק אין „נאַכטיקע געסט":

די נאַכטיקע געסט אין מיין חלום וואָס קומען
פון ליכטיקע יאָרן, וואָס לאַנג שוין פאַרשוווּמען
...איך רוף זיי, איך בעט זיי, איך וויל זיי פאַרהאַלטן
די געסט פון אַמאָל, מיינע נאָנטע געשטאַלטן.
געבליבן די נאַכטיקע געסט אין מיין זינען,

ווען כ׳האָב מיך דערזען אינעם גרויען באַגינען,
געבליבן דער דופט נאָר פון פרילינג פון ווײַטן,
פון ליכטיקן חלום, פון ליכטיקע צײַטן — — —

אָדער:

ווּעסט זיכער מיך אַ מאָל דערמאָנען,
די רגעס בײַם געברויז פון ים, —
ווען כ׳וועל נישט זײַן שוין. נאָר אַ זכר
ווּעט זײַן מײַן ליד, מײַן גראַם און שטראַם...

און אויב אין שעה פון מענטשלעכער איינזאַמקייט רײַסן זיך אַרויס פון זײַן פען די עלעגישע שורות:

עס וועלן נאָר בלײַבן די לידער־יתומים
אויף פאָליצעס דאָרטן און דאָ...
ווּעט אפשר אַ מאָל ווער די בלעטער אַ מיש טאָן,
דערמאָנען אין שטיל־שטילער שעה — — —

ווייסן מיר, אַז אַברהם זאַק האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער דיכטונג נישט בלויז דעם „גראַם־שטראַם", אַז די „לידער־יתומים" אין ייִדיש דערציילן מיט זייער עלעגישן ניגון פון אַלע נע־ונדן און ביטערע דאָליעס פון אַ פאַרוואָגלטן פּייטן, וואָס האָט צווישן דעם גוססדיקן ראָמאַנטיזם און דעם אַכזריותדיקן רעאַליזם פון זײַן תקופה, אָפּגעהיט אין זיך — און אויך פאַר דער ייִדיש־ליטעראַטור — דאָס ערלעכע, אומפאַרפּוצטע פּאָעטישע וואָרט, עס געמאָסטן און געוואויגן אויף אַ נישט־געפעלשטער מאָס און וואָג פון טיפער מענטשלעכער איבערלעבונג און אין שטילער, פאַרבענקטער ליריק.

לעאָ פינקעלשטיין

אַ נײַער מלחמה־רעפּאָרטאַזש *

אַברהם זאַק: „די ערד אונטער בלוט",
מלחמה־רעפּאָרטאַזש אין 11 בילדער.

לויט דער טעמאַטיק איז אַברהם זאַק — דער ייִדישער רעמאַרק. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז בײַ אונדז געווען דער פּיאָנער פון מלחמה־מאָטיוון. זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט" איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 16—1915 אונטער די אוממיטלבאַרע אײַנדרוקן, וואָס זײַנען בײַ אים פאַרבליבן פון דער גרויסער וועלט־שרפה. זאַק איז דאָך געווען אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי. אין דער

* דער כתב־יד איז געבליבן אין וואַרשעווער געטאָ.

הקדמה איז דער אויטאָר זיך מודה, אַז ער האָט זײַנע איבערלעבענישן באַשריבן אין אַ קאָשמאַר־צושטאַנד אונטער אַ כסדרדיקן דרוק פון דעם פראָנט־געשפּענסט. מיר גדענקען איבעריקנס זייער גוט זאַק׳ס בוך. דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פּלאַסטיש צו רעפּראָדוצירן די מלחמה־שוידערלעכקייטן. זאַק קען אויף זיך נישט נעמען רעמאַרקס באַוואָרעניש: „דאָס דאָזיקע בוך דאַרף נישט זײַן קיין באַשולדיקונג און אויך נישט קיין ווידוי״. גראַד פּאַרקערט — זאַק איז מיט זײַנע שילדערונגען אויסן צו באַשולדיקן די צעפּוילטע וועלט, הלמאַי זי האָט דערלאָזט צו אַ ווילדער בלוט־באָד. צווישן די שורות שרײַט צום לייענער אַ וואָרענונגס־קול. דער מענטש אַנטלויפט פון די טויט־שאָטנס און דריקט אויס זײַן בענקשאַפט צום לעבן. איבער אַלעם שוועבן די רייד פון בעל התהילים: „לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה״. זאַק קאָן דעריבער אײַנגיין אויף די צווייטע העלפט פון רעמאַרקס מאָטאָ: „דאָס בוך נעמט אונטער דעם פּרוּוו צו דערציילן וועגן אַ דור, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער מלחמה — אַפילו ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון אירע גראַנאַטן״. וואָס פאַר אַ באַדײַט האָבן אייגנטלעך די ווערטער פון אַ פראָנט־זעלנער: „וואָס וואָלט מיר געשאַדט, ווען איך וואָלט געבוירן געוואָרן אַ הונט?״. דאָס איז פאַרביטערונגס־שגעון, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער אַטמאָספערע פון פראָנט־אַכזריותדיקייטן. די סאָלדאַטן קוקן זיך צו גלײַכגילטיק צו די גסיסה־ווייען פון זייערע חברים, הגם אַליין ווילן זיי פאַר אַלעם אין דער וועלט לעבן. יאָ, דאָס איז פאַר דעם הײַנטיקן ד״ה דעם „פרידלעכן״ דור אַן אייגנאַרטיקע התראה.

זאַק׳ס בוך איז שטאַרק געלייענט געוואָרן, עס איז אַרויס אין דרײַ אויפלאַגעס און איז אין ראַטן־פאַרבאַנד איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש.

איצט האָט אונדז זאַק באַקענט מיט זײַן כתב־יד „די ערד אונטער בלוט״. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער דראַמאַטישער וואַריאַנט פון אַ מלחמה־טעמע און אין אַ געוויסן זין אַ המשך פון „אונטער די פליגל פון טויט״.

אַ גרופּע זעלנער אויף דעם רוסישן פראָנט, וואָס באַשטייט פון גרויס־רוסן, ייִדן, פּאָליאַקן און אוקראַינער האַלטן זיך צוזאַמען אין דעם שוץ־גרוב. דער הילך פון די גראַנאַטן האָט זיי פאַראייניקט צוזאַמען ,בכדי געמיינזאַם צו „קעמפן״ פאַר דער זיי כמעט אומבאַקאַנטער „זאַך״. זיי שמועסן זיך געמיינזאַם אויס וועגן דעם וועזן פון מלחמה און פּאַטריאָטיזם און דריקן אויס זייער געמיינזאַמען עקל צו דער מלחמה. דאָס שוידערלעכע „לעבן״ אין די „אָקאָפּעס״, דאָס שראַפּנעלן־פּײַפערײַ, דער פײַער־הוראַגאַן, דאָס בילד פון צעשמעטערטע מענטשלעכע קערפּערס און גוססדיקע קאָלעגן פאַראייניקט דאָס נאָך לעבן געבליבענע הייפל רעזיגנירטע סאָלדאַטן.

זאַק ווײַזט אונדז אַ מאָל די זעלנער אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, אַ מאָל ווידער אין די הינטערשטע רייען. אויף דעם פראָנט זײַנען אַלע אָנגעשטעקט מיט אַ מאָדנעם שגעון, אין די הינטערשטע רייען ווידער — אַ גאַלגן־הומאָר. די רוסישע סאָלדאַטן שפּעטן אַ ביסל אונטער פון די ייִדישע סאַניטאַרן, וועלכע זײַנען קובר

אַ יידישן סאָלדאַט אויף דעם יידישן שטייגער, אָפּגעזונדערט פון דעם אַלגעמיינעם ברודער־קבר. זיי חוזקן, אַז דער יידישער מת אַלס „אַריסטאָקראַטישער פּאַסאַ־זשיר" וועט „מסתמא" פאָרן גלייך אין הימל אַריין אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג, ערשטער קלאַס...

זיי זיינען הונגעריק, ווערן געפרעסן דורך לייז, זיי רויכערן־אויס די שמוציקע און צעריסענע וועש. צווישן די אַלע „גוטע זאַכן" כאַפּט מען דערוויל אַריין אַ שמועס וועגן זין פון לעבן, וועגן דעם ווערט פון מענטש מישטיינסגעזאָגט און וועגן השארת הנפש. די נישט־גלויביקע זיינען מקנא די גלויביקע; פאַר די גלויביקע איז דאָך דער טויט נישט קיין לאַנגע פינצטערע נאַכט צווישן ווערעם...

טשעקאָווע פאַלט אויס דאָס באַגעגענען זיך פון מיליטער מיט דער „פרידלע־כער" באַפעלקערונג. אין שטאָט הערשט מגפה, הונגער און פּראָסטיטוציע. די יונגע זעלנער זיינען מקנא די זקנים, וועלכע האָבן שוין הינטער זיך אַלע זאָרגן און צרות. מיט גרויס ציטער ווערט דערוואַרט די מינוט, ווען עס דאַרף אָנקומען די פּאָסט; מען וואַרט אויף אַ לינד ווינטל פון דער היים. מען האַלט אין איין פּי־לאָסאָפירן אויף אַ גאַר פּרימיטיוון שטייגער. מען לעבט אין איין צאַפּלעניש, עפּעס אַן אומבאַשטימטער נייגיר פּרעסט אַלעמען. דאָס אַלץ קומט פאַר ביי דעם אַקאָמ־פּאַניאַמענט פון גראַנאַטן־אויפרייס, גרילצעריי פון קוילן־וואָרפערס און געקלאַפּע־ריי פון ביקסן. דאָס איז נישט קיין לעבן, דאָס איז האַלב חלום.

די שטימונגען בייטן זיך גיך. אַ פּאָר טעג הונגערט מען אונטער. עס ציט זיך אַ קייט פון נויט, געדריקטקייט, פאַרצווייפלונג און אַבסאָלוטע רעזיגנאַציע. און ווידער זיינען פאַראַן טעג, ווען מען עסט זיך איבער און מען איז הייטער. אַ סך מאָל, ווען מען דערזעט דעם קעסל מיט דעם קאַשע־קיכער, פאַלט מען אַריין אין קעלבערנע התפעלות און מען זינגט לכבוד אים אַ לידל.

פון כלערליי מלחמה־שטימונגען שאַפט זיך אַ מאָל אַן איינדרוק, אַז אַן אַרמיי האָט עפּעס אַ גייסטיקן באַנד, וואָס האַלט זיי צוזאַמען, וויל פון דעם שעפּן זיי זייער באַגייסטערונג. אַפילו אין דעם פאַציפיסטישן „אויף דעם מערב אָן ענדע־רונגען" איז קענטיק, אַז די דייטשישע אַרמיי איז לכתחילה געווען באַגייסטערט מיט דער „גרויסער" אידייע פון גערמאַנישער וועלט־דעראָבערונג. וועגן דער רו־סישער אַרמיי קאָן מען דאָס לגמרי נישט זאָגן. קאַפּויער — פאַר איר איז גראָד כאַראַקטעריסטיש דער ווילדער מיש־מאַש און גייסטיקער אויטאָמאַטיזם. דער שוידערלעכער אומזין פון דער מלחמה בכלל ווערט אַמבולטסטן אילוסטרירט דורך דער צאַרישער אַרמיי, וועלכע ווייסט לגמרי נישט וועגן דער סיבה און תכלית פון דער מאַסן־שחיטה. זיי ווייסן נאָר פון אַ בלינדער געהאָרכזאַמקייט לגבי די „פּריי־קאַזן". מען האַלט נאָר אין איין הערן די „פיין־געפלאַכטענע" ווערטער: „כאַכאַל", „מאַלאַדיעץ", „סוקין־סין", „ראַד־סטאַראַטסיאַ" אד"גל.

צווישן דער גרופּע סאָלדאַטן טיילט דער אויטאָר אויס דעם ייד שוואַרץ, דעם גרויס־רוס ברוסילאָוו און פּאָליאַק קאָזלאָווסקי. שוואַרץ האָט געלאָזן אין דער היים אַ געליבטע, נאָך וועלכער ער בענקט איצט שטאַרק. ביי זיין גאַנצער סענטי־

מענטאַלישקייט, לאָזט ער דאָך נישט אונטערדריקן בײַ זיך זײַן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. אין ליכט פון זײַנע ראַדיקאַלע איבערצײַגונגען ווערט נאָך בולטער דער שגעון פון דער מלחמה. דער רעזאָנאַנס פון זײַן געליבטערס באַציִונג צו אים און דער פאַרראַט פון זײַן חבר מירקין דערמאָנען אָן אַ טייל סצענעס פון דעם „סוף פון וואַנדערונג״ *.

ברוסילאָוו איז אַ גוטמוטיקער רוס, וועלכער באַנעמט זאַכן מילד לויט דעם רוסיש־ניהיליסטישן נוסח. ער איז שוין אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליזם, אָבער אין האַרצן באַציט ער זיך צו אַלעם מיט גרויס גלײַכגילטיקייט. ער ברומט כסדר די ווערטער פון אַנדרעיעווס „די טעג פון אונדזער לעבן״:

„הײַנט — פרײַנד און געזאַנגען
און מאָרגן מיט שלאַנגען״...

קאָזלאָווסקי איז סענטימענטאַל; אַ שטיק שראַפּנעל האָט אים געטראָפן, איצטער ליגט ער אומבאַוועגלעך אויף אַ טראָגבעטל. עס קומט פּלוצעם אָן די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד. אויף דעם פראָנט ווערט אָן אומגעהײַער קאָכעניש. דער סאָלדאַט האָט שוין גענוג הונגער, גענוג מײַז אין די אָקאָפּעס, גענוג בלוט־פאַרגיסונג. דאָס אַלץ רופט צום הימל וועגן נקמה. פרײַהייט! ערד! אַ וואַרעמע היים! דער צעוואָרעמטער עולם־סאָלדאַטן רופט: „זאָל לעבן אוקראַיִנע!״, „זאָל לעבן ליטע!״ „זאָל לעבן לעטלאַנד!״, דער שווער־פאַרוווּנדעטער קאָזלאָווסקי הייבט זיך אויף מיט גרויס מי און ווייטיק און מיט אַ קוים דערהערבאַרער שטימע רופט ער: „זאָל לעבן פּוילן!״.

דער באַגײַסטערטער שוואַרץ איז אַרויסגעשפּרונגען פון די אָקאָפּעס און גערופן אין דער זײַט פון עסטרײַכישן פראָנט: „העי, ברידער־עסטרײַכער״... פּלוצעם האָט אים געטראָפן אַן עסטרײַכישע קויל... ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני...

אמת, עס איז פאַראַן אַ גענוג רײַכע מלחמה־ליטעראַטור, דאָך בלײַבט עס תמיד אַן אינטערעסאַנטע און צאַפּלדיקע טעמע, וואָס פאַרלירט קיין מאָל נישט איר פרישקייט.

דער אויטאָר איז געווען אַ זעלנער, ער האָט אויף דער אייגענער הויט איבערגעלעבט די מלחמה־גרויזאַמקייטן. זאַק׳ס רעפּאָרטאַזש צייכנט זיך אויס מיט רעאַליזם. ער איז לעבהאַפט און אוממיטלבאַר. דער לייענער גלייבט דעם אויטאָר אַלץ אָן שום באַוואָרעניש.

אויף דער סצענע דאַרף דער דאָזיקער רעפּאָרטאַזש האָבן דערפאָלג.

(„דער מאָמענט״, 1935)

* פון שרייבער.

ב. מאַרק (וואַרשע)

ראָמאַנטישע זכרונות פון אַ ייִדישן דיכטער

אַברהם זאַק: אין אָנהייב פון אַ פרילינג,
פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום״, ב״א 1962.

דאָס זײַנען ראָמאַנטישע זכרונות צוליב צוויי סיבות: — ראשית — ווײַל זיי נעמען אַרום די רענעסאַנס־צײַט פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן ביז די ערשטע יאָרן פון דער אומאָפּהענגיקער בירגערלעכער פוילישער מלוכה, די פרילינג־צײַט פון שטורעם און דראַנג, והשנית — אַ דאַנק דעם לירישן, צײַטנ־ווײַז עלעגישן טאָן, וועלכער אַנטשפּרעכט דער בענקשאַפט און טרויערבאַצױונג פון דעם מחבר־דיכטער צו זײַן גרויסן, צעצווײַגטן, פאַרוואָרצלטן, שעפערישן שטאַם, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די היטלערישע רוצחים און זייערע יוצר משרתים און איז אַזוי טראַגיש פאַרשוווּנדן.

אַברהם זאַק, וואָס איז אָקערשט געוואָרן אַ בן שבעים, האָט געהאַט זײַן באַזונ־דער ווינקעלע אין דעם גרויסן אָרקעסטער פון דער ייִדיש־פוילישער דיכטונג. אַ ווינקעלע פון וואַנען ער האָט אַרויסגעשפּילט אויף זײַן לירישער פּליט שטילע און צאַרטע מאָטיוון פון ליבע, פרײַנדשאַפט, בענקשאַפט און צער. געפינענדיק זיך אונטערן שטאַרקן אײַנפלוס פון דער רוסישער ליריק.

די זכרונות זײַנען זייער אינטערעסאַנט סײַ ווי אַ שפּיגל פון דעם אינדיווידועלן וועג פון אַ יונגן ייִדישן אינטעליגענט צו דער ייִדישער ליטעראַטור, סײַ ווי אַ מקור צו דערקענען די ייִדישע קולטור־וועלט אין פוילן פון יענער צײַט און אירע שעפערס.

אָן אומגעהײַערן ווערט פאַרמאָגן די קאַפּיטלען, וואָס דערציילן וועגן לייב נײַדוס און זײַן פריצײַטיקן טויט. אַברהם זאַק, ווי נײַדוסעס נאָענטסטער פרײַנד, גיט אַ בולט געשניצטע געשטאַלט פון דעם לידער הײַנט כמעט פאַרגעסענעם אָריגינעלן דיכטער, וואָס איז געווען בשעתו אַזוי פּאָפּולער און באַליבט און אַזוי פיל צוזאָגעוודיק.

אַ נישט קלענערן ווערט פאַרמאָגן די קאַפּיטלען, וואָס מאָלן די ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע סביבה אין וואַרשע סוף די ערשטע וועלט־מלחמה־יאָרן און די צײַט תיכף נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג. ווי אַ מענטש פון דער סביבה פון דער הײַנט אויך לײדער כמעט פאַרגעסענער ייִדיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי „פאַראיי־ניקטע״ גיט זאַק אַ וואָגיקן צושטײַער צו איר געשיכטע און אינטערעסאַנט געמאָלטע געשטאַלטן פון אירע פירערס: פּ. בוקסהאָרן, בערל גוטמאַן, ישראל גײַסט, שלמה זוסמאַן, יעקב פּאַט, ד״ר יוסף קרוק, יצחק גאָרדין (דער לעצטער האָט אויך געווידמעט אַ סך פּלאַץ דער זעלביקער טעמע אין זײַנע זכרונות, וואָס זײַנען אַרויס אינעם

וואַרשעווער פאַרלאַג „יידיש בוך״), וואָס זייערע וועגן זײַנען זיך דערנאָך צעגאַנ־גען, איינע זײַנען אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַנדערע — אַוועק צום „בונד״.

דאָס בוך איז רײַך אין שילדערונגען פון אינטערעסאַנטע טרעפונגען מיט שרײַבערס, רעדאַקטאָרן, טוערס. י. ל. פּרץ, זלמן שניאור, הערש־דוד נאָמבערג, שלום אַש, י. י. זינגער, אפרים קאַגאַנאָווסקי, משה בראָדערזאָן, יהושע פּערלע, ז. סעגאַלאָוויטש, צבי און נח פּרילוצקי, דער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ יאַנקעלע דאַנ־ציקער און דער הומאָריסט יוסף טונקל — אַלע טרעטן זיי אויף אויף די זײַטן פונעם בוך. איטלעכער מיט זײַן שפּראַך, העוויות, תנועות און קאַפּריזן. זאַק פּרישט אָפּ

אין לאָדזש, 1946

פון רעכטס: בער מאַרק, אַברהם זאַק, אפרים קאַגאַנאָווסקי, דוד ספרד.

אינעם זכרון פאַרגעסענע בויערס און שעפערס. ער איז מחיה מתים דעם טאַלאַנט־פולן און פריצײַטיק פאַרשטאָרבענעם ליטעראַטור־קריטיקער בועז קאַרלינסקי (ב. קאַרליניוס), דעם אַמאָל פּאָפּולערן און דערנאָך שווײַגן־פאַרבליבענעם דיכטער י. י. פּראָפּוס, דעם הײַנט פאַרגעסענעם אינטערעסאַנטן נאָוועליסט דוד קאַסעל, יואל מאַסטבוים, בעל מחשבות און טעאָ אַרצישעווסקאַ, וועלכע איז געווען אַ מערקאַנטע פיגור אין דער דעמלטיקער פּרץ־סביבה. ער געדענקט אַפילו ז. וועגדראָף, אַבע לעוו און אַנדערע שרײַבערס און טוער, וועלכע ער האָט געטראָפן אויף זײַן וואַנ־דער־וועג און אין ליטעראַרישע סביבות.

עס טויכט אויף אַ גאַנצע וועלט, מיט אירע אויפטוען און חלומות. זי איז אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס. און אַברהם זאַק רופט זי צוריק צום לעבן און רופט אַרויס בײַ אונדז געפילן פון ענדלאָזן טרויער, אָבער אויך פון אַ טראָץ־אַלעמדיקער האָפענונג.

ווי זאָגט עס אַברהם זאַק אין איינעם פון זײַנע לידער:

...„איך וואַרף פון האַנט דעם גליווער־קאַלטן בעכער סם אַוועק,
וואָס מײַנע ליפּן האָבן שוין אָט־אָט שיער גישט באַריִרט...
ציים טײַוול! וואָס זשע טויג עס מיר דער שוואַרצער קבר־דעק,
ווו גוף — אַ מאַלצײַט פאַר די ווערעם און נשמה פריִרט״...

די זכרונות זײַנען געשריבן געוואָרן אין דעם לעצטן נע־ונד־לאַנד פונעם דיכ־טער, אַרגענטינע, וואָס איז — ווי דער בעל־זכרונות שטרײַכט עס אונטער אין דער הקדמה — „פאַר אים נישט געוואָרן קיין וואַרעמע היים... אפשר איז שולדיק דערין אוירא דאַרגענטינע... און ווי אַ צוגאָב — דער האַקנקרייץ וואָס פינצטערט אַראָפּ פון די ווענט פון די אַרגענטינער שטעט — — —"

איז אפשר דערפאַר די בענקשאַפט פון דעם מחבר נאָך שטאַרקער, נאָך טיפער צו דער אַלטער היים, צו די יוגנט־יאָרן, צום אַמאָליקן ברויזנדיקן און קאָכעדיקן ייִדיש־פּוילישן ישוב, ווו דער שרײַבער האָט געהאַט דאָס געפיל פון „בין עמי אָנכי יושב".

(„ייִדישע שריפטן", וואַרשע, נומ׳ 7־1967)

דער לעבעדיקער

„אויף שליאַכן פון הפקר"

א

איך פיל, ווי אַ חוב, צו באַקענען דעם לייענער מיט דעם פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אַלץ, וואָס ער באַשרײַבט אין די צוויי ביכער, אַליין דורכגעלעבט.

אויב איר ווילט, איז עס רעפּאָרטאַזש, — דעם ריזיקסטן, וואָס איך האָב ווען געזען אין בוכפאָרעם; און אויב איר ווילט, זײַנען עס זכרונות, — ביטערע ביז גאָר! און די זכרונות זײַנען פאַרצייכנט פון אַ גענײַטער שרײַבערישער פעדער. און אויב אײַך געפעלט נישט סײַ דער נאָמען „רעפּאָרטאַזש", סײַ „זכרונות", קאָנט איר עס רופן אַ טאָגבוך פון אַ פּליט, אַ וואָגלער; אַ טאָגבוך, נאָר אָן דאַטעס — איבער זיבן הונדערט זײַטן.

דער פּראָפעסאָר, אַברהם זאַק, איז אַ שרײַבער מיט אַ סטאַזש. ער האָט באַלד אַ ביבליאָטעק פון אייגענע שאַפונגען; אַ האַלבן צענדליק ביכער פּאָעזיע. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ לידער־בוך נאָך אין יאָר 1918, אין זײַן היימישן גראָדנע. ער האָט אָבער אויך אַ היפּש ביסל נאָוועלן און דערציילונגען; ער האָט אויך, נאָך זײַן באַפרײַונג פון קאָמוניסטישן גן־עדן, אַפּגעדרוקט בײַם פאַרלאַג „פּוילישער ייִדנ־טום", 2 ביכער מיטן נאָמען „קנעכט זײַנען מיר געווען"; און אין 1958, בײַם פאַר־לאַג „ייִדבוך", אָפּגעדרוקט אָט די צוויי בענד, „אויף שליאַכן פון הפקר", וועלכע איך רעצענזיר איצט.

חוץ די אַלע זײַנע שאַפונגען, האָט ער געפּרוּווט זײַן כּוח אויך אין דראַמאַ־טישער פאָרעם (אַ דראַמע אין דרײַ אַקטן, וואַרשע, 1926), און דאָס איז — חוץ איבערזעצונגען פון רוסיש אין ייִדיש.

הײַנט צו טאָג איז ער אַ מיטאַרבעטער אין דער חשובסטער טעגלעכער צײַ־

טונג אין אַרגענטינע, מיטן נאָמען „די אידישע צײַטונג". און איך וויל אויך צו־געבן, אַז בקרוב וועט זיכער געפײַערט ווערן זײַן אַרײַנקום צו די 70ער. איך האָב אים באַגעגנט אַלס דעלעגאַט צום „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס", און ער איז פול מיט לעבן, טראָץ זײַנע ביטערע דערפאַרונגען „אויף שליאַכן פון הפקר".

ב

דער שרײַבער אַברהם זאַק איז מגולגל געוואָרן אין סאָוועטן־לאַנד דורך דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט, און, פאַרשטייט זיך, גלײַך פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אומזיסט און אומגישט. דאָרט האָט ער דורכגעלעבט אומ־מענטשלעכע צרות, און איז באַפרײַט געוואָרן פון לאַגער, נאָך העכער אַ יאָר לײַדן, דורך דער שיקאָרסקי־אַמנעסטיע, אַלס אַ פּוילישער בירגער (שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז פּוילן איז אַפילו אין גלות — אַנטיסעמיטיש).

יאָ, אַרויסגעלאָזט ענדלעך אויף דער פרײַ — אָבער וואָס טויג די פרײַהייט, אַז מען איז שוצלאָז און הפקר און איר האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ! און קיינער קוקט זיך אויף אײַך נישט אום, און איר הונגערט און וואַלגערט זיך אָפּט אין די גאַסן, און איר פילט זיך גליקלעך, ווען איר קריגט אַ פּאַדלאָגע ווו אוועק־צוּלייגן אײַער אויסגעפּײַניקטן גוף פון הונגער.

סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַ מאָטאָ: דער וואָס אַרבעט, קריגט ברויט, — אָבער ס'איז אַ ליגנערישער מאָטאָ: יאָ, אַרבעט גיט מען אײַך אומעטום זייער שווע־רע אַרבעט, — אָבער נישט קיין ברויט! אַ העלפט פון אָט דער קאָמוניסטישער תורה זײַנען די קאָמוניסטישע הערשערס מקיים, — אַרבעט גיט מען, — אָבער ברויט גיט מען קוים אויף אויפצוהאַלטן די נשמה; און ווען איר „קאַלכאַזעוועט" אָפּ אַזוי עטלעכע טעג, פילט איר, אַז די כוחות גייען אײַך אויס פון הונגער און שווערער אַרבעט. וואָס זשע טוט אַזאַ פּליט, אַ וואַגלער? — פאַרלאָזט ער דעם קאָלכאָז און נעמט זיך אַרומשלעפּן אויף די באַזאַרן; ווײַל אויב הונגערן, קאָן מען דאָך ניט־אַרבעטנדיק אויך הונגערן!

אַזוי שלעפּט זיך אַרום דער הויפּטהעלד פון די ביכער, אַברהם זאַק, פון איין קאָלכאָז אין אַ צווייטן (און קאָלכאָזן פעלן נישט). עס איז אַפילו דאָ אַ קאָלכאָז אויפן נאָמען פון לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש — לויפן פּוילישע יידן אַהין; זיי מיינען, ווי באַלד קאַגאַנאָוויטש, וועט מען געבן מער ברויט; אָבער אויך בײַ קאַגאַנאָוויטשן איז די זעלביקע אָרדענונג: אַרבעט שווער און — הונגער...

צוויי זאַכן פעלן דעם נע־ונדניק אין דער אַזיאַטישער רוסלאַנד — ברויט און אַ פּאַדלאָגע. מען שלעפּט זיך אַרום כסדר מיט דער ביטערער זאָרג: ווו קריגט מען אַ שטיקל ברויט און נאָך דעם — אַ פּאַדלאָגע (זי מעג זײַן אַ נאַסע), ווו מען קאָן אײַנשלאָפן און פאַרגעסן אין דעם הונגער וואָס מאָנט און נאָגט אָן אַ סוף?...

ג

אין זײַן וואָגלען פון שטעטל צו שטעטל האָט זיך דער פּראָפעסאָר, אַברהם זאַק, אָנגעזען גענוג בילדער און סצענעס נישט נאָר פאַר צוויי ביכער, נאָר אַפילו פאַר צוועלף... ער האָט באַגעגנט אָרעמקייט אומעטום, אַפילו בײַ די בירגער. און דערהויפּט האָט ער געזען די ירידה פון דעם מין מענטש אינעם לאַנד פון סאָציאַלער גאולה.

ווער זשע לעבט דאָרט ווי אַ מענטש? — דער סאָוועטישער טשינאָווניק! אים פעלט גאָרנישט: ער האָט ברויט גענוג, און מילך און פּוטער און פלייש (נישט קיין קעמל־פלייש, וועלכע מען טראַקטירט אַ מאָל די וואַנדערער און פון וועלכן מען ראַטעוועט זיך קוים מיטן לעבן).

אַברהם זאַק איז אַ פּאָעט און אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער — אָבער וואָס טויג דאָרטן יחוס? ער האָט געטאָן אַלערליי אַרבעטן: געווען אַ האָלץ־העקער, אַ פּאַסטעך, אַ קברים־גרעבער, און בײַ די אַלע מלאכות, ווי שוין געזאָגט פריער, האָט ער געהונגערט און געוואָגלט פון איין שטעטל אין אַ צווייטן; געליטן פון קעלט און קראַנקייטן, און דערבײַ אין שטענדיקער שרעק — נישט אַרײַנצופאַלן צו די מלאכי חבלה, די נ. ק. וו. ד. אין די לאַפּעס...

ד

די בעסערע צײַט, אין די 5 יאָר עלנטקייט, פאַר אונדזער בע־ונדניק איז געווען, ווען ער האָט געקראָגן אַ ידיעה פון אַ קאָלעגע; און נאָך בעסער, אַ בריוו פון אַ קאָלעגע — אויך אַ פאַרוואָגלטער ווי ער.

די בריוו זײַנען געווען פון משה גראָסמאַן, רחל קאָרן, לעאָ פינקעלשטיין און משה בראָדערזאָן.

דאָס האָט אים געגעבן מוט איבערצוטראָגן זײַן עלנט.

פאַרענדיקן פאַרענדיקט זאַק זײַן העכער 6־יאָריקן בע־ונד־רעפּאָרטאַזש מיט שטיינער: ווען די יידישע פּליטים זײַנען ענדלעך אָנגעקומען אויף דער פּוילישער ערד — האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַ האָגל פון שטיינער! דער ערשטער „ברוך הבא" און אָנזאָג „אַז די דאָזיקע פּוילישע ערד קאָן שוין צוריק נישט ווערן אונדזער היים".

ו

צום סוף וויל איך געבן אַ ליד פון אַברהם זאַק. עס הייסט „דאָס ליד פון נצחון", נאָך דעם שלום אין אייראָפּע, געשריבן אין יאָר 1945, הינטער טשקאַלאָוו:

איר אַלע ברידער מײַנע, וואָס פאַריתומט און פאַראָבלט,
איר אַלע שוועסטער מײַנע, וואָס אין שוואַרצן קרעפּ —
עס איז דער גרעסטער יום־טוב הײַנט, טוט אויס די טרויער־קליידער,
הייבט אויף צום הימל די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ,

ס׳איז אַלע מענטשנס שמחה הײַנט, נישטאָ הײַנט קיין אבלות!
מיט טויזנט זונען האָט דער הימל זיך צעלאַכט,
אַלץ יובלט הײַנט און זינגט. די גאַנצע וועלט איז מלא שמחה.
אין שטויב און דרויב צעשטויסן ליגט דעם שטנס מאַכט.

הײַנט יובלען אויך אַפילו אונדזערע מיליאָנען קדושים,
פון קופעס אַש, פון מאַסן־גריבער דרינגט געזאַנג.
אָ, זעט, בײַם שײַן פון שרפות הייליקע — נקמה פלאַמען!
ווי ס׳קאָרטשעט זיך דער שונא אין זײַן אונטערגאַנג.

(„טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, 1959)

מ. צאַנין

אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט

יעדעס בוך און זײַן אייגן לעבן; יעדעס בוך און זײַן אייגענע אויסווירקונג. נאָך אײדער איך האָב געלייענט אַ בוך, וואָס קומט אַרײַן אין מײַן האַנט, נאָר בײַם דורכקוקן די ערשטע בלעטלעך פאַרן כבוד פאַר דעם געדרוקטן וואָרט — באַקום איך צו דעם בוך באַצִיונג. איך וואָלט אָט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ בוך פאַרגליכן צו דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אַ מענטש: מיר ווייסן נאָך גאָרנישט פון דעם מענטש, אַפילו קיין דרײַ ווערטער נישט אויסגעטוישט, נאָר בלויז פון דעם פלואיד פילן מיר סימפּאַטיע, אָדער אַנטיפּאַטיע, פאַרטרויען, אָדער רעזערוואַציע צום מענטש.

דאָס בוך פון דעם דיכטער אַברהם זאַק „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט״ האָב איך דערהאַלטן מיט חדשים צוריק. אַלץ וואָס דערשײַנט פון אַברהם זאַק דערפרייט מיך מיט אַ ספּעציעלער פרייד. צו דעם וואָס ער איז אַ פּאָעט, אַ בעלעטריסט און אַן עסייִסט איז ער דאָך אויך אַ שטיק געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור צווישן ביידע וועלט־מלחמות און נאָך פריִער, זײַט דער פּרץ־תקופה. אָבער אַז איך האָב דערהאַלטן דאָס בוך און אַ בלעטער געטאָן די ערשטע בלעטלעך אונטער דער ווירקונג פון דעם טיטל „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט — עסייען און דערמאָנונגען״ איז מיר אַדורך אַ ציטער. געשריבן מיט פשוטע ווערטער און דאָך נישט קיין פשוט בוך. אַ בוך פול מיט אינהאַלט און דאָך האָב איך עס נישט געקענט איבערלייענען מיט איין מאָל. פאַר וואָס? דערפאַר ווײַל צווישן די 240 זײַטן פון דעם בוך ליגט אַ קיניגרײַך אין חורבות, אַ קיניגרײַך, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן מיט אַכזריות, אַ קיניגרײַך, וואָס איז געווען אַזוי רײַך אין גײַסט, אַז ס׳האָט געקענט שפּײַזן צענדליקער קומענדיקע דורות, נאָר עס איז ביאָלאָגיש פאַרניכטעט געוואָרן פון קעגנזעצלעכע כוחות. די קעגנזעצלעכע כוחות זײַנען זיך געווען שנאהדיק, ווײַט ווילד־פרעמד, אָבער כלפּי דעם קיניגרײַך פון ייִדישן

וואָרט האָבן זיי, אָן אָפּצורעדן זיך, געהאַט איין בשותפותדיקן ציל: אומברענגען. דאָס האָבן זיי דערגרייכט.

ווי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק האָט זיך תמיד געשפּײַזט פון אַ צענטער, אַזוי אויך האָט די ייִדישע ליטעראַטור געלעבט אין דער אַטמאָספער פון אַ צענטער. אין דער אַטמאָספער פונעם צענטער האָבן אויך געקענט בליִען באַזונדערע רעגיאָנאַלע אָפּצווײַגן. די ייִדישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעוואַקסן צו אַן אייגענעם שטאַם און אייגענעם אימפּעט. עס האָט אויסגעזען, אַז זי קען ווײַטער זיך אַנטוויקלען פון אייגענע זאַפטן. דאָס איז אָבער געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע. מיטן פאַרשניַידן דעם צענטער אין פּוילן, איז אויך פאַרשניטן געוואָרן אַ שטיק פונעם לעבן פון דעם אַמעריקאַנער אָפּצווײַג. ס׳איז אומגעבראַכט געוואָרן דער שטאַם!

די מערהייט הויפּט־עסייען אין אַברהם זאַק׳ס בוך באַציִען זיך צו אַוועקגעגאַנגענע נאָך פאַר דעם חורבן, אָדער אומאָפּהענגיק פונעם חורבן, ווי למשל דער עסיי וועגן אַברהם רייזען, אָדער וועגן ה. ד. נאָמבערג, אָדער וועגן א. אַלמי, צי ז. סעגאַלאָוויטש. און נאָך און נאָך. אַ טייל פון די עסייען זײַנען געווידמעט לעבעדיקע שרײַבערס — ביז הונדערט און צוואַנציק און מער. אַזאַ איז דער שטייגער פון לעבן און אַזאַ איז אויך דער שטייגער פון אַ ליטעראַט — ער באַגלייט מיט זיך גופא די אָפּוועקסלונגען פון דורות. אין דעם איז פאַראַן די שיינקייט פון האַרבסט און ווינטער, נאָך וועלכן עס קומט אַ נײַער פרילינג... די שיינקייט פון האַרבסט און ווינטער... נאָר אונדזערע פרילינגס זײַנען אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן...

אין דעם בוך האָט אַברהם זאַק אײַנגעשלאָסן עסייען געשריבענע אין די יאָרן פון 1947 אין לאָדזש ביז 1964 אין בוענאָס־אײַרעס. האַרבסטיקע אײַנשטײַערונג אין אונדזער ליטעראַטור.

אַ שרײַבט ער וועגן די לעצטע פון פרצעס דור — י. י. טרונק, מנחם, ש. ל. קאַווע און מאַרק שווייד, און אַ איז אַן עסיי פול מיט נאָסטאַלגיע — „דער אייביק איינזאַמער ז. סעגאַלאָוויטש״ און באַלד נאָך דעם — „אַראָפּגעפאַלן די קרוין״, אַן עסיי איבער דעם אַוועקגעגאַנגענעם ה. לייוויק... „ישראל אַשענדאָרף און זײַן וויי און וואַנדער״.

אין דעם בוך האָט אַברהם זאַק אַן עסיי, וואָס האָט נישט קיין דירעקטן שײַכות צו ליטעראַטור, אָבער צום גורל פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער אַ גאָר גרויסן שײַכות. דאָס איז דער עסיי „דער סימבאָל פון העראָיק״, וועגן אַרטור זיגעלבוים, וואָס זײַן גבורהשער זעלבסטמאָרד, כדי אויפצורודערן די וועלט קעגן דער פאַרניכטונג פון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום דורך די דײַטשישע מערדערס, האָט אָפילו נישט אויפגערודערט אונדזער אייגענע וועלט. מסתמא וואָלט אונדזער פאָלק — און אַלץ וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן — אַנדערש הײַנט אויסגעזען ווען די „עקידת זיגעלבוים״ וואָלט לכל הפחות געזען און דערהערט געוואָרן דורך די ייִדן און זייערע פירערס אין דער פרײַער וועלט... אויך דאָס געהערט צום האַרבסט און ווינטער, נאָך וועלכע עס קומט נישט קיין זומער...

און ווי אויף צו פאַרזיגלען דעם שײַער גיט אַברהם זאַק אַ קורצן עסיי (געשריבן אין מערץ 1948 אין לאָדזש) „ליד — דאָס איז מוזיק!"

דאָס גאַנצע בוך איז אַ מין עלעגיע, וואָס יעדער וועט זי זינגען מיט זײַן אייגענעם ניגון...

אין קיבוץ אילון, אין 1960

פון לינקס: פאַני זאַק, איר קוזינע, די העברעיִשע דיכטערין גיטל מישקאָווסקי און אַברהם זאַק.

יעקב באַטאַשאַנסקי

I

אַברהם זאַק

(צו זײַן הײַנטיקן אָנקומען קײן בוענאָס־אײַרעס)

כ׳וועל לעבן אין געזאַנג.
(אַ. זאַק)

אַברהם זאַק קומט הײַנט זיך צו באַזעצן בײַ אונדז און צווישן אונדז. ער איז זײַט יאָרן און יאָרן אַן אָנגעזעענער ייִדישער שרײַבער — אַ דיכטער און דערציילער. ער קומט צו אונדז מיט אַ סטאַזש פון 44 יאָר שרײַבערײַ. אין יאָר 1908 זײַנען דערשינען דאָס ערשטע ליד זײַנס און זײַן ערשטע דערציילונג. אין יאָר 1909, זײַענדיק אַ בחור פון 18 יאָר, איז ער שוין געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרײַבער, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין וואַרשעווער „אונדזער לעבן".

אַברהם זאַק האָט מיטגעמאַכט דעם ערשטן וועלט־קריג און ער איז געווען פאַרוואונדעט אויף דעם גאַליצישן פראָנט. זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט" האָט בשעתו געהערט צו די „בעסט סעלערס" בײַ אונדז און איז דערשינען אין דרײַ אויפלאַגעס. עס איז אויך דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג. צום מחבר פון אָט די שורות האָט געגרייכט ערשט די דריטע אויפלאַגע פון דעם דאָזיקן בוך און איך האָב אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1929 אין „די פרעסע" אָנגעוויזן, אַז דאָס געהערט צו די בעסטע ביכער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ערשטן וועלט־קריג און אַז עס פאַרלירט גאָר נישט ווען מען פאַרגלײַכט דאָס מיט באַרביוסעס „פײַער", לאַצקאָס „מענטשן אין קריג" און לעאָנאַרד פראַנקס׳ „דער מענטש איז גוט". דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט אילוסטראַציעס פון דעם זייער אייגנאַרטיקן לאָדזשער מאָלער יאַנקל (דעמאָלט נאָך יעקב) אַדלער, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן וועלט־באַרימט און וועלכער איז צוריק מיט צוויי יאָר פאַרשניטן געוואָרן אין בלי פון שאַפן. יאַנקל אַדלערס סטיליזירטע צייכענונגען האָבן נישט שטאַרק האַרמאָניזירט אין סטיל מיט זאַק׳ס רעאַליסטישע פאַרצייכענונגען. דאָך האָט זיך צווישןביידע געצויגן אַ רויטער פאָדעם. ביידע האָבן געוויזן דעם מענטש אין זײַן בלוטיקן און לײַדן.

אַברהם זאַק איז נישט געבליבן מיט קיין קאָמפּלעקס פון דעם ערשטן וועלט־קריג. ער האָט זיך פון אים אויסגעטשוכעט און ער איז געוואָרן אַ געמיטלעכער שריפטשטעלער מיט געזאַנג און גלויבן אין די לידער און מיט לירישע אַקצענטן אויך אין דער פּראָזע. ער האָט בײַם סוף פון ערשטן וועלט־קריג געלעבט אין

גראַדנע און ער איז דאָרט באַפרײַנדעט געוואָרן מיט דעם דיכטער לייב נײַדוס, וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 28 יאָר. זאַק און נײַדוס — זיי זאָלן בלײַבן אָפּגעשיידט — זײַנען געווען כמעט אין איין עלטער און זיי האָבן זיך קעגנזײַטיק באַאײַנפלוסט. אָבער זאַק האָט מיט דער צײַט באַוויזן זיך צו באַ־פרײַען פון דער עלעגאַנטער געקינסטלטקייט, וואָס איז אין יענער צײַט געווען דער שטײַער, וואָס אַ היפשער טייל פון דער ייִדישער פּאָעזיע האָט אָפּגעגעבן איר יוגנט און זײַן פּערז איז געוואָרן נאַטירלעכער און פּשוטער. און זײַן פּראָזע איז אויך געוואָרן וואָס אַ מאָל פּרײַער, פּשוטער און נאַטירלעכער. פאַראַן בײַ זאַקן די זעל־ביקע נייגונג צו שילדערן פּרויען וואָס בײַ ז. סעגאַלאָוויטש און — צו לענגערע יאָר אים — אפרים קאַגאַנאָווסקי, צוויי שרײַבערס, וואָס זײַנען אַזוי אומגעהײַער פאַר־שידן. זאַק געפינט זיך ערגעץ אין דער מיט צווישן אָט דיביידע. פאַראַן בײַ אים אי עפּעס פון סעגאַלאָוויטשעס לײַדנשאַפטלעכקייט, אי פון קאַגאַנאָווסקיס געצוימ־טער און טרויעריקער חכמה און אַ זעלטענע מוזיקאַלישקייט פאַרמאָגן זאַק׳ס דער־ציילונגען. איך האָב אַמאָל געלייענט זײַנע אַ סקיצע „די אייביק שמייכלענדיקע״, וואָס שילדערט אַ האַרציק מיידל נינאַ, וואָס האָט אַן אייביקן שמייכל און אַ קליינ־געענדיקן געלעכטער. קלינגט מיר איר געלעכטער נאָך הײַנט אין די אויערן. איר געלעכטער האָט אַזאַ רייץ, אַז איר מאַן איז אייפערזיכטיק אַפילו ווען זי לאַכט צו אירע חברטעס.

און אַברהם זאַק האָט איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אירע אַלע קאַשמאַרן. אין זײַן בוך לידער „יאָרן אין וואַנדער״, וואָס איז דערשינען בײַ אונדז אין בוענאָס־אײַרעס (דאָס 47סטע בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, וואָס מ. טורקאָוו און אַ. מיטלבערג דערנענטערן צום נומער הונדערט) זײַנען פאַראַן בילדער פון וואַרשע אין פײַער און פון וואַנדערונגען. מיר זעען און מיר הערן דאָס דאָזיקע פײַער, מיר הערן די דײַטשישע שטיוול און מיר זעען ווי מען לויפט פון שרעק און רציחה, פון שנאה און האַס.

מען זעגנט זיך מיט ד׳ אמות,
דער רוקזאַק בלײַבט נאָך דער פאַרמעג...
עס הייבט זיך אָן דער לאַנגער גלות,
דער פרעמדער נע־ונדער וועג...

מיר מאַכן מיט אַ לאַנגן וועג, זיצנדיק אין אַ לאָזשע, וואָס איז געשיצט פון אַטלאַנטיק (נוצנדיק מנחם באָריישאָס אויסדרוק) און מיר מאַכן מיט אין איינעם מיט דעם דיכטער זײַן רײַזע צום ווײַטן צפון און מיר זײַנען מיט אים אין איינעם דאָרט צו כל־נדרי בײַם טײַכל טשיביו. מיר פּלאָנטערן זיך מיט אים אין איינעם דורך די סופּלאָזע טײַגעס און מיר וויינען על נהרות טשיביו און ער גייט אַוועק פון לאַגער קיין אוזבעקיסטאַן, בוכאַרער געגנט, ווו ער, דער פּוילישער ייִד, זוכט אַ קיביטקע פון ליים פאַר איין נאַכט. און איבער דעם ים פון בלוט שפּרייט זיך בלויער הימל —

אַ סימן: ס'וועט נאָך פרילינג זײַן...
ס'וועט נאָך לעבן זײַן,
ס'וועט נאָך ווידער בליִען אַלץ
און מענטש וועט קענען פרייען זיך
ווי פריִער, ווי אַמאָל!

אַזוי אַ גלייבן, לײַדנדיק אַזוי, האָט מען געדאַרפט קענען!

אָבער ער האָט אויך געפרעגט ווער וועט אין יום הדין די עוולה פון ייִדישן פאָלק מאָנען און מיט וואָס וועט מען באַלוינען דעם קרבן פון דער וועלט. דאָס זעלביקע פרעגן מיר נאָך הײַנט. און פונקט ווי סעגאַלאָוויטש האָט ער געזונגען דאָס טרויעריקסטע ליד פון — נישטאָ. נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין היים, נישטאָ קיין קבר אַפילו...

און מיר זעען אים צוריקפאָרן קיין פוילן. דאָס דאָזיקע זעען מיר אין זײַן בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1947 אין וואַרשע. אַז ער האָט געזען אַ בוים, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אַ תליה און אַז ער האָט געזען אַ טײַך, האָט ער געזען טרערן.

אַ שרײַבער איז ער אַברהם זאַק, שטענדיק אַ שרײַבער... אַרויסגעבנדיק דאָס דערמאָנטע בוך לידער זײַנס אין וואַרשע, האָט ער צוגעגעבן צו דעם אַ קורצע הקדמה, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיט אַ דערהויבן געפיל טרעט איך צו צו מײַן ליטעראַרישן המשך — צו דער אויסגאַבע פון צוועלפטן בוך"... אָבער פאַר דער הקדמה איז פאַראַן אַ צייכענונג פון אַ מצבה און אויף איר איז אָנגע־שריבן: „אַ מצבה אויפן אַש פון מײַן מאַמע חיה, מײַן שוועסטער רבקה, מײַן פרוי מאַניע (מלכה), מײַן בן יחיד אַלעק (אַלעקסאַנדער) — קדושים וטהורים פון טרעבּ־לינקע און מאַידאַנעק". פונקט ווי יענער ייִד פון אַ באַרימטער מעשה האָט זיך נישט געשמדט, ווען ער האָט פאַרלוירן די גאַנצע משפּחה, פונקט אַזוי האָבן ייִדן אין אונדזער צײַט נישט אויפגעהערט זײַן ייִדן, און ייִדישע שרײַבערס האָבן נישט אויפגעהערט זײַן ייִדישע שרײַבערס. פון בלוט איז געוואָרן אַש און פון אַש — לידער (די שונאים, די מערדערס פון אונדזערע זעקס מיליאָן, זאָלן שוין אויך אַ מאָל דאַרפן מאַכן אַזעלכע „לידער").

עס זײַנען שוין אַש, וואָס צעשאָטן אויף פעלדער,
די פרויען, וואָס האָבן געשפּונען מײַן פרייד.
— — — —
עס זײַנען שוין אַש יענע טיף־בלויע אויגן,
די זײַדענע וויִעס, דער פאָרהאַנג פון טרוים.

אָבער אונדזער דיכטער, וואָס קומט הײַנט צו אונדז, האָט דערלעבט צו זינגען דאָס ליד פון ניצחון אויף די הויפנס אַש. ער האָט דערלעבט צו זינגען:

הײַנט יובלען אויך אַפילו אונדזערע מיליאָנען קדושים.
פון קופּעס אַש, פון מאַסן־גריבער דרינגט געזאַנג.

עלף ביכער האָט אַברהם זאַק געהאַט אַרויסגעגעבן ביז ער איז אַוועק אין וואַנדער. איידער ער איז אַוועק איז געווען אויסגעזעצט אַ בוך „ווערבעס בײַם וואַסער" — לידער, און „די ערד אונטער בלוט" — סצענישער רעפּאָרטאַזש איז געבליבן אין כתב־יד אין וואַרשע. אַ טייל לידער האָט דער מחבר אויסגעפונען און ער האָט זיי אַרײַנגעגעבן אין דעם שוין דערמאָנטן בוך „יאָרן אין וואַנדער". פאַראַן אויך אַ ריי לידער א"נ „פּאַריזער מאָטיוון", וואָס זײַנען געשריבן צווישן 1929 און 1939. פאַראַן גענוג טרויער אין אָט די לידער, טרויער פון פאַרגיין אין פרידנס צײַט, אָבער קיין פאַרצווייפלונג איז נישטאָ.

און וויל איך — קוקן ווי פּאַלאַצן אויס רויִנען
און וויל איך — שפּילן כישוף־פאַרבן אין אַ טרער,
אין יאַמער הער איך זיגער־שפּיל פון טאַמבורינען,
אין שקלאַף דערזע איך נאָך דעם צוקונפטיקן הער.

צוריקקומענדיק קיין פּוילן, האָט ער דורך די חורבות געזען דאָס פאַרגאַנגענע ייִדישע לעבן און עס האָט אַרויסגעזונגען פון אים. ער האָט אין אַ לירישן גראָטעסק

אין קוראָרט דושניקי־זדרוי
אין 1947

פון רעכטס: אלחנן וואָגלער, יעקב ראָט־בוים, אַברהם זאַק

א"נ „נאַלעווקעס 38" (דער הויף פון „מאָמענט" און פון... כל ישראל) באַזונגען דעם חן פון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן. ער האָט באַזונגען:

אין סאַמע מיט פון האַנדל־וואַנדל
פון רוחניות אַ זײַטיק אָרט...
רעדאַקציע־שטיבלעך, מאַנוסקריפּטן...
די קוזניע פון געדרוקטן וואָרט...

ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער לעבעדיקער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט טאַקע טענות צום זיידן מענדעלע און אים געפרעגט, ווו איז געווען זײַן ברכה, ווען זײַנע אייניקלעך זײַנען אַוועק אין פלאַמען, אָבער ער האָט דאָך גערופן (אין דעם ליד, וואָס מען זינגט בײַ אונדז אַזוי פיל (מיט דער מעלאָדיע פון לעאָן ווײַנער):

קינדער, לאָמיר גיין צום „זיידן"
צו דעם מוכר ספרים...

און ווען מען האָט אין מײַ 1948 פּראָקלאַמירט די ייִדישע מדינה, האָט ער אין פּוילן אָנגעשריבן זײַן ליד „מלכות ישׂראל“, וואָס האָט שוין אומצייליקע מאָל אויסגעשפּאַנט די גאַנצע וועלט־פּרעסע. ווער קען נישט די שורות:

פֿון וואַרשעווער געטאָ ביז מלכות ישׂראל —
עס ציט זיך איין ייִדישער פּראָנט.
די זעלביקע העלדן, די זעלביקע גבורים,
זיי קומען פֿון ווײַט און פֿון נאָנט.

דער וועג פֿון וואַרשע קיין פּאַריז און איצטער דער וועג צו אונדז... זײַט 1947 האָט אַ. זאַק אַרויסגעגעבן דרײַ ביכער — די צוויי דערמאָנטע בענד לידער, אַ באַנד דערציילונגען א״נ „צווישן שאָטנס“ (דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1950 אין דער אויסגאַבע פֿון פּען־קלוב מיט דער הילף פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג פֿון דזשאָינט אין פֿראַנקרײַך). אין אָט דעם באַנד איז פֿאַראַן אַ דערציילונג א״נ „די לעצטע סוכה“, וואָלט איך רעקאָמענדירט אונדזערע שולן, אַז אַזוי ווי איצטער איז סוכות, זאָל מען זי לערנען מיט די קינדער. פֿאַראַן אין אָט דער דערציילונג אַן אָפּשײַן פֿון אַ גרויסער וועלט, וואָס איז נישטאָ. עס איז אַ דערציילונג וועגן אַ ייִדן ישׂראל־מאיר, וואָס דאָס בויען יעדעס יאָר אַ סוכה, איז געווען אַ שטיק פֿון זײַן לעבן און עס ווערט געשילדערט ווי אַזוי ער קען שוין מער נישט בויען די סוכה, ווײַל ער איז שוין אַלט און שוואַך און ער מוז גיין ווי אַן אורח אין אַ פֿרעמדער סוכה און ווען מען קוקט אויף די צוויי סלופּעס פֿון זײַן אַמאָליקער סוכה זאָגט מען: — וואָס פֿון אַ מענטשן איז געוואָרן...

בײַם שליסן אָט די ווערטער צו אָנקומען פֿון אַברהם זאַק צו אונדז, קומט מיר אין געמיט אַרײַן זײַנער אַ סאָנעט „דאָס געזאַנג פֿון פֿרייד“, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך אין יאָר 1928 און וואָס פּאַסט זיך אויף פֿאַר הײַנט. ער רעדט אין אָט דעם סאָנעט צום גורל און ער זאָגט, אַז ס'איז שווער צו טראָגן זײַן דריקנדיקע משׂא, דאָך בייגט ער ניט דעם רוקן און ער פֿאַלט נישט מיד צו דער ערד און עס נערט אים אַ גרויסע פֿרייד, וואָס רוישט תּמיד און זידט און ער פֿאַרזינגט יעדע זילבער־האָר, וואָס טוט פֿון קאָפּ אַ שטראַל און ער זאָגט:

זיי חורבן אויף מײַן וועג! מיט שוואַרצן טויט דו פֿינצטער אין דער מיט!
אומזיסט, מיך וועסטו ניט באַצווינגען, שטאָלענער שיקזאַל!
עס קלעקט מיר פֿרייד אויף טרויער־טעג — און אוצר פֿרייד אַ שלל,
צווישן טויטע שאַרבנס קען איך זינגען אויך מײַן לעבנס־ליד.

עס איז אים באַשערט געווען צו זינגען זײַן לעבנס־ליד צווישן טויטע שאַרבנס און ער האָט דאָס נישט אויפֿגעהערט זינגען. און אַ זינגענדיקער קומט ער צו אונדז. אַן עכט־זינגענדיקער, אַן עכטער דיכטער, וואָס ציט זײַן ליד פֿון אַמדור ביז וואַרשע, ביז גאַליציע, ווו ער איז פֿאַרוואַנדעט געוואָרן, דורך אייראָפּע, ביז סיביר

און ביז אוזבעקיסטאַן און ביז צוריק קיין מערב־אייראָפּע און ישראל און איצטער ביז אַרגענטינע.

דער וועג פון אַ ייִדישן דיכטער...

(„די פּרעסע“, אָקטאָבער 1952)

II

„קנעכט זײַנען מיר געווען“

אַז דו לייענסט איבער די צוויי בענד „קנעכט זײַנען מיר געווען“ פון אַברהם זאַק, ווייסטו נישט אויף וואָס פריִער זיך צו חידושן: אויף דער שווידערלעכקייט פון דער „מענטשלעכער“ רשעות צי אויף דעם מענטשלעכן כוח אַריבערצוטראָגן רשעות.

דער גורל האָט דעם בעלעטריסט און דיכטער אַברהם זאַק, וואָס דרייט זיך זײַט אַ שטיקל צײַט אַרום צווישן אונדז מיט אַ ווײַסן קאָפּ און געמיטלעכן בליק, נישט געזשאַלעוועט קיין קאָשמאַרן. ער איז בעת דעם ערשטן וועלט־קריג שוין אויך געווען „אונטער די פליגל פון טויט“ (אַזוי הייסט דאָס בוך זײַנס אין וועלכן ער באַשרײַבט זײַנע איבערלעבונגען אין יענעם קריג). ער האָט איבערגעלעבט די אַלע קאָשמאַרן, וואָס אַ ייִד און אַ ייִדישער שרײַבער באַזונדער, האָט געהאַט אויס־צושטיין אין זעלבשטענדיקן פּוילן פון 1919 ביז 1939, אָבער דאָס אַלץ איז אַ גאָר־נישט קעגן דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער צײַט פון צווייטן וועלט־קריג און באַזונדער בעת זײַן געראַטעוועט ווערן קיין רוסלאַנד, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין די דערמאָנטע צוויי בענד.

„קנעכט זײַנען מיר געווען“ איז דערשינען אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּויִלישע ייִדנטום“, וואָס דער היגער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן גיט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון מ. טורקאָוו און אַדמיניסטראַציע פון אַ. מיטל־בערג. די צוויי בענד זײַנען די נומערן 126 און 127 פון אָט דער סעריע און האָבן אין איינעם אַריבער 700 זײַטן. באַשריבן ווערט אין די צוויי בענד דער אומגעריכ־טער „עפּיזאָד“, ווי דער מחבר רופט דאָס אָן אין זײַן הקדמה, זײַן פאַרשלאָסן ווערן אין דער גראָדנער תפיסה (וווּהין ער האָט זיך געראַטעוועט) און זײַן פאַרשיקט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די פאַרוואָרפענע טײַגעס פון קאָמי.

— פאַר וואָס ער איז פאַרשיקט געוואָרן?

— אַז איר לייענט אויפמערקזאַם די באַשרײַבונג ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן, זעט איר, אַז ער אַליין האָט אויך געוואָלט דערגיין די סיבה און ער האָט דאָס נישט באַוויזן. ער איז געווען אַ ייִדישער שרײַבער און צײַטונגס־מענטש וואָס האָט זיך נישט געמישט אין פּאָליטיק און וואָס זײַן דערמאָנט בוך „אונטער די פליגל פון טויט“ איז אַפילו דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג. אַ געוויסן תירוץ קען מען אויף דער פראַגע געפינען

בלויז אין זלמן רייזענס אַ זאַג. דער מחבר אונדזוערער האָט זיצנדיק אין דער גראָד־נער תּפיסה אין איינעם מיט אַ דירעקטאָר פון „באַנק פּאָלסקי", זיך דערוווּסט אַז זלמן רייזען זיצט אין ווילנע אין תּפיסה. מילא ער, אַברהם זאַק, איז אַ „ביעזשע־נעץ", ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין גראָדנע, אָבער רייזען איז דאָך אַ ווילנער און די צײַטונג „דער טאָג" וואָס ר'האָט רעדאַקטירט האָט דאָך זיך מיט גאַרנישט פאַרזינדיקט קעגן רוסלאַנד. רייזען איז געווען געגנוג נאַיִוו צו דערקלערן אַ הונגער־שטרײַק, ביז וואַנען מען וועט אים נישט באַשטימען אַ געריכט, האָט אים דער „דעזשורני" דערקלערט: „וועסטו נישט עסן, וועסטו פּגרן"...

בײַם אָנהייב האָט דער מחבר פון „לעקסיקאָן" געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַ טעות באַגאַנגען געוואָרן קעגן אים, דערנאָך האָט ער די זאַך דערקלערט פּשוטער. ער האָט געזאָגט: „פּאָדלי שוויאַט" — אַ געמיינע וועלט...

דרך אַגב דערוויסן מיר זיך צום ערשטן מאָל פינצטער־קלאָר ווי אַזוי דער האַרציקער זלמן רייזען איז ליקווידירט געוואָרן. אין יוני 1941, ווען עס איז אויס־געבראָכן די דײַטש־סאָוועטישע מלחמה, האָט מען רייזענען געטריבן צופוס קיין רוסלאַנד, אין איינעם מיט יוסף טשערניכאָוו־דניאלי און מען האָט עוואַקוִירט אַלע אַרעסטאַנטן פון דער ווילייקער תּפיסה; און זיי זײַנען אָפּגעשטאַנען אין וועג, האָט מען זיי „פאַרטיק געמאַכט" מיט אַ פּאָר קוילן, ווי בײַ אַברהם רייזען אין ליד:

די וואָס קאָנען ווײַט ניט פליִען,
טויט זיי אויף דעם אָרט...

אַברהם זאַק באַשרײַבט דאָס לעבן אין גראָדנע אין משך פון אַ קאַרגן יאָר, זײַט דעם קריג־אויסברוך ביז מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט און ער טוט דאָס מיט הערצישער אָביעקטיוויטעט. ער אײַלט זיך נישט קיינעם צו באַשולדיקן, אַפילו ווען די שולדיקייט איז כּמעט בהן. (בעהען — אויבנאויף). ער שילדערט אייניקע מאָמענטן פון זײַן פּערזענלעכן לעבן אַזוי, אַז זיי האָבן סײַ אַ דערציילע־רישן ווערט, סײַ אַ ווערט פון דאָקומענטן. דער גרויסער ווערט פון זײַן בוך שטעקט אין דער באַשרײַבונג פון דעם זיצן אין תּפיסה, פון פאַרשיקט ווערן, פון אָנקומען אין דער פאַרשיקונג, פון דעם אַרבעטן אין לאַגער בײַ דער ווײַטער טײַגע. ער באַשרײַבט נישט בלויז די אייגענע איבערלעבונגען. ער באַשרײַבט צענדליקער און הונדערטער מענטשן, וואָס זיצן מיט אים אין איינעם, פאָרן מיט אים אין איינעם און אַרבעטן מיט אים אין איינעם. ער באַשרײַבט סײַ די דאָזיקע, וואָס האָבן ווי ער אויסגעהאַלטן די אַלע שווידערלעכקייטן און סײַ די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט אויס־געהאַלטן און זײַנען, ווער פריִער און ווער שפּעטער, אומגעקומען.

עס איז צו באַוואונדערן די שרײַבערישע געמיטלעכקייט, וואָס פאַרלאָזט אונדזער מחבר קיין מאָל נישט. אַפילו דעמאָלט ווען אַלץ אין אים ברענט פאַר גערעכטער אויפרעגונג אויף די געמיינקייטן פון דער „וועלט", ווערן די פאַקטן אַרויסגעבראַכט אָן קאָמענטאַרן. און זיי איבערצײַגן דערפאַר אויסערגעוויינטלעך און זיי שרײַען ביז אין די הימלען אַרײַן.

מיר ווערן אַזוי פאַרכאַפּט בײַם לייענען, אַז מיר פאַרגעסן זיך און מיר דערפילן די זעלביקע באַליידיקונגען וואָס די אַרעסטאַנטן פילן. נאָך דעם ווי מען האָט זיי אַרויסגענומען פון אַ סאָוועטישער תפיסה און זיי געשיקט מיט אַ סאָוועטישן צוג אין ווײַטן וועג אַרײַן, האָט מען זיי געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט כדי מאַכן אַ נײַע רעוויזיע. פּײַנלעך און ברוטאַל איז דאָס רעווידירן דעם עשעלאָן נאַקעטערהייט. „היות ווי דאָס זוכן האָט געדויערט — דערציילט אַ. ז. — האָט במילא געדויערט די סצענע פון נאַקעטקייט פון הונדערטער מענטשלעכע גופים. דער אופן פון זוכן בײַ איטלעכן, דאָס קוקן צווישן די פיס און פון הינטן, האָט ממש מבזה געווען דאָס מענטשלעכע וועזן... און דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט וועגן אַלץ, וואָס איז דערנאָך געטאָן געוואָרן די אַלע מענטשן! מען האָט פאַרשעמט דעם נאָמען מענטש. און פאַרשעמט האָט מען נישט עפּעס הערשערס, וואָס האָבן פריִער זיך איזדיעקעוועט איבער אַרבעטערס, ניין! מען האָט פאַרשעמט מענטשן, וואָס האָבן קיין שום מאַכט נישט געהאַט און געפירט אַן אָרעם און באַשיידן לעבן און מען האָט פאַרשעמט אויך מענטשן וואָס האָבן זייער פרײַהייט און זייער לעבן אָוועקגעגעבן פאַר דער זאַך פון קאָמוניזם. און נישט בלויז פאַרשעמט. מען האָט זיי געפּײַניקט אַזוי אַז די אינקוויזיציע וואָלט געקענט נעמען לעקציעס בײַ די „סאָציאַליסטישע" און „וועלט־דערלייזערישע" פּײַניקערס. מען גיט די פאַרשיקטע צו עסן פאַרשימלט ברויט און דאַרע געזאַלצענע פיש און קיין וואַסער גיט מען נישט. מען ליגט פאַרחלשטע און מען האָט קוים כוח צו שרײַען „וואַסער". און ווען מען שרײַט, ענטפערט קיינער נישט. דער צוג איז געשטאַנען ערגעץ קעגן אַ סאָוועטישער שול און די „ענקאַוועדיסטן" האָבן זיך פאַר די קינדער אויך נישט געשעמט. „חבר חיים", וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אַ קאָמוניסט, האָט געשריִען: „סאַדיסטן, מעטאָדן פון פּײַניקערס... עס פעלן זיי נאָר „ברוינע העמדער", „פאַשיסטן"... ער געדענקט אַ פּנים נישט, אַז דאָס זעלביקע האָט געטאָן עמלק צו יידן און דערפאַר איז אין חומש אָנגעזאָגט געוואָרן: „מחה תמחה" — אָפּמעקן זאָלסטו דעם זכר פון עמלק! ערשט בײַ נאַכט האָט מען געקראָגן צו איין טעפּעלע וואַסער אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געקלעקט אויף איין שלונג.

און אויף וויפל „ענקאַוועדיסטן" זײַנען געוואָרן ברוטאַלער און סאַדיסטישער, אויף אַזוי פיל זײַנען די פאַרשיקטע געוואָרן מענטשלעכער אין זייער קעגנזײַטיקער באַציִונג. פאַרנדיק אַלץ קיין צפון, איז געוואָרן קעלטער און אַ סך זײַנען געווען האַלב־נאַקעט. מען האָט זיי אַזוי אַרויסגעשלעפּט פון די היימען בײַם אַרעסטירט ווערן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט מיט זיך קיין שטיקל מאַנטל. דער מחבר אַליין איז אויך געווען צווישן די דאַזיקע. און מען האָט גערופן אַן אַסיפה און אַפּעלירט צו די מענטשלעכע געפילן פון די אומגליקלעכע. און עס האָט געווירקט. ווער ס'האָט אַרויסגענומען אַ קאַץ, ווער אַ טוזשורקע, ווער אַ מאַרינאַרקע און ווער אַ מאַנטל. און דער מחבר באַמערקט: „אין דעם דאָזיקן עמק הבכא האָט מיך טיף געריִרט דאָס גוטסקייט, וואָס שלומערט אין דער טיפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה. מען דאַרף נאָך צו דער דאָזיקער נשמה־טיפעניש געפינען דעם וועג".

און די רישעות, וואָס איז דערנאָך געקומען סײַ אין וועג, סײַ אין לאַגער, האָט איבערגעשטיגן די מענטשלעכע גוטסקייט. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די שלעכטקייט איז אַרויסגעקומען פון אַזאַ מין סיסטעם, וואָס ווייסט נישט וועגן מענטש־לעכקייט. אָן אַלטער בעדער, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן, ווײַל ער האָט געזאָגט אַ קרום וואָרט אַ פאַרזיצער פון אַ „קאָלכאָז", וואָס האָט אים אַרויסגעיאָגט די נשמה בײַ דער אַרבעט, האָט דעם שרײַבער דערקלערט דעם גאַנצן „שכל" פון לאַגער: „דאָ, סינאָק, דאַרף מען אַרבעטערס, הענט... פאַר די זיבן יאָר וואָס איך בין דאָ, זײַנען שוין דורך אָט דער זאָנע דורכגעגאַנגען מיליאָנען מענטשן... אַ נפקא מינה בײַ זיי... מיט אַ משפט, צי אָן אַ משפט... דו מיינסט, אַז די אַלע מיליאָנען מענטשן אין די לאַגערן זײַנען טאַקע פאַרברעכערס? יערונדאַ! הענט דאַרף מען האָבן. און ווען מען גייט דאָס אָן, וואָס די הענט האָבן אויך קעפּ, הערצער און קערפּערס בכלל?".

מיר וועלן אַ ביסל נאָכגיין דעם מחבר און די טויזנטער מענטשן, וואָס זײַנען געשיקט געוואָרן מיט אים אין אײַנעם צו דעם לאַגער אין אוכטאַ — אַ ווײַטע געגנט. ווי דער רוח האָט די קינדער אַנטוויינט און וווהין זיי זײַנען אָנגעקומען נאָך אַ ווײַטער נסיעה און קיין איין נאָענטער איז זיי נישט געקומען אַפוואָרטן. „קיינער איז נישט געקומען מיט אַ קוש, מיט אַ טרער פון פרייד, וואָס גלאַנצט אַרויס פון אויג".

**
*

עס האַלט דאָך איצטער פאַר פסח און מיר דערמאָנען זיך אין דער הגדה, אָבער אַז מיר לייענען זיך גוט אַרײַן אין צווייטן באַנד פון אַברהם זאַק'ס „עבדים היינו" און דערצו גיט מען אַ טראַכט, אַז דאָס קנעכטעווען איז פאַרגעקומען היינטער אַ טויער, וואָס האָט אַ שטאַרק באַלויכטענעם טראַנספּאַרענט מיט דער אויפשריפט: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אײַך", קומט אונדז אויס, אַז דער „עבדים היינו" פון דער הגדה איז אַ קינדער־שפּיל קעגן דעם „קנעכט זײַנען מיר געווען" אין לאַנד פון סאָציאַלער דערלייזונג. דאָס שאַרפסטע וואָרט זאָגט דער „חבר חיים", וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט, ביז מען האָט אים אַרײַנגעזעצט אין דעם צוג פון די פאַרשיקטע. ער שרײַט אויס נישט מער און נישט ווייניקער, אַז אַנשטאָט דעם פּראָלעטאַרישן לאָזונג וואָלט זיך דאָ בעסער געפּאַסט אַ האַקנקרייץ.

אַלצדינג, וואָס ווערט געטאָן אין יענעם לאַגער איז אַ געמיש פון פיזישער און גײַסטיקער פּײַניקונג. אפילו די ערשטע באָד, וואָס מען גיט די אָנגעקומענע, איז אַ חוזק. אַ קליינע באָד, אין וועלכער מען לאָזט אַרײַן צו דרײַסיק מענטשן אויף איין מאָל און די זעקס הונדערט דאַרפן זיך שטופּן און לאַנג וואַרטן. די קעלט איז אַ שרעקלעכע און אינעווייניק איז אָפט קיין קאַלט וואַסער אויך נישטאָ. מען זייפט זיך אָן מיט אַ פּיצל זייף און אָפּשווענקען איז נישטאָ מיט וואָס. און דערנאָך גייט דער זעלביקער גאַנג און דער זעלביקער חוזק. דאָס עסן איז אויך אַ טראַגי־קאָמעדיע. מען גיט אַזעלכע געזאַלצענע פיש, וואָס קענען מאַכן פון הונגעריק דורש־טיק. און די דרשה, וואָס דער „נאַטשאַלניק" דערלאַנגט! דער עיקר, זאָגט ער, איז

אַרבעט. פלײַסיק אַרבעטן, מאַכן די נאָרמע, אײניקע זײַנען סטאַכאַנאָווצעס, מאַכן צוויי נאָרמעס. און אין דעם זכות וועט מען שוין קריגן אַ מכה אויף דער וועלט.

דער תמצית פון דער מוראַדיקער קנעכטשאַפט איז אויסגעדריקט אין די צוויי ווערטער, וואָס זײַנען דער נאָמען פון אַ קאַפּיטל אין צווייטן באַנד „קאַטאָרגע און הונגער". מען אַרבעט אַזאַ עבודת פּרך, אַז די אַרבעט אין מצריים איז געווען אַ גאָרנישט און מען גיט שפּײַז קוים צו דערהאַלטן די נשמה. און בײַ אַ סך דערהאַלט זי זיך טאַקע נישט. זי איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, די מענטשלעכע נשמה.

אַ מערקווירדיקע זאַך: דעמאָלט, ווען די פאַרשיקטע האָבן זיך שוין מיאש געווען פון דערגײן דעם סוד למאי מען האָט זיי פאַרשיקט, דערוויסן זיי זיך דאָס. טאַקע דעם מחבר אַליין לייענט מען אַ פּאַפּיר, אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז ער איז אַ סאָציאַל געפערלעכער עלעמענט און ער איז פאַרמשפּט צו פינף יאָר אויסבעסערונג־אַרבעט. און מען פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל דאָס פּאַפּיר אונטערשרײַבן און באַשטעטיקן, אַז ער האָט אויסגעהערט זײַן אורטייל.

און דאָס דאָזיקע איז ערשט אַ קינדישער „סראָק" (טערמין). פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן צען און צוואַנציק יאָר. ווען מען מאַכט אַ חשבון, זעט מען, אַז מען איז דאָ פאַרמשפּט אויף מיליאָרדן יאָרן. פון וואַנען האָבן זיך אַהין גענומען אַזוי פיל זינד און אַזוי פיל זינדיקע? פאַר וואָס איז אין קיין שום ווינקל אין דער וועלט נישט פאַראַן אַזאַ ריזיקע צאָל פאַרברעכערס, ווי ס'איז פאַראַן אין דעם לאַנד פון גאולה?

מיר ווילט זיך דאָ און דאָרט אַ ציטיר טאָן און איך זוך עפּעס דעם עיקרדיקן פּונקט, דאָס פּינטל, אַזוי צו זאָגן, פון די לײַדן. אָבער אַלץ איז דאָ עיקרדיק. אויב ציטירן, דאַרף מען אַלץ... נישט פאַראַן קיין איין מאָמענט, וואָס זאָל נישט שילדערן איבערמענטשלעכע יסורים. אָט איז דאָס קאַפּיטל 27 פון צווייטן באַנד וואָס שילדערט דעם צפונדיקן ווינטער, וואָס דער מחבר ווײַזט אים אײַך אין איין פראַזע:

„ווײַסער ווינטער אין די טײַגעס — ווײַסער אומעט. די וועלט איז קלענער, אײַנגעשרומפּענער, מען טאָפּטשעט פון דעסט וועגן אויפן וועג צו דער אַרבעט אין שניי דורך קילאָמעטערס. ווײַל דאָס גײן איז שווערער, איז די אַרבעט, מעשה שטן, אַ סך ווײַטער. און דער מחבר דערציילט וועגן זײַן אייגענער מאַכטלאָזיקייט:

„די שנייען מאַכן שנעל מיד. די טריט ווערן באַשווערט פון שניי און מען פאַרלירט די כוחות קריכנדיק. נישט איין מאָל שטיי איך אָפּ אין וועג. די בריגאַדע דערווײַטערט זיך. איך וויל נישט בלײַבן אַליין אין וויסטן וואַלד. וואָס וועל איך טאָן אין דער ווילדעניש? און וואָס וועט זאָגן דער בריגאַדיר? קריך איך מיט די לעצטע כוחות. אָן אָטעם, טאָפּטשע, ראַנגל זיך — אַבי נשיט צו פאַרלירן די בריגאַדע פון אויג. קומענדיק אויפן פּלאַץ, פאַל איך אויפן שניי, כדי צו קומען אַ ביסל צו די כוחות. דער בריגאַדיר טרײַבט אונטער: „געגוג געררוט". איך זעג די ביימער, — די הענט דינען נישט... איך שטיי אָפּ, פאַל איך ווידער אויפן שניי... גרילצט די גראָבע, דראָענדיקע שטימע פון בריגאַדיר: „אָטקאַזטשיק?" (זאָגסט זיך אָפּ פון דער אַרבעט?). און איך פאַרשטיי שוין דעם טײַטש זײַנעם: איזאָלאַטאָר, 300 גראַם ברויט, אַ שיטערע זופּקע אַ מעת לעת... איך זאָג אים מיט אַ שוואַך קול —

— איר זעט דאָך... כ'בין אָפּגעשוואַכט... כ'מוז זיך אַ ביסל אָפּרוען...

— איך פֿאַרשטיי אַזאַ שוואַכקייט... האַקסט אַ טשײַניק... — ענטפֿערט ער קאַלט מיט אַ חוזק־טאָן — און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער נאָך צו:

— ניטשעוואָ, וועסט זיך צוגעווינען. אויב דו וועסט זיך נישט צוגעווינען, וועסטו פּגרן . . .

שוין געהערט די „חכמה" אין לאַגער. אויף יעדן שריט און טריט חזרט מען זי דאָ איבער. ווי לײַכט מען וויצלט זיך דאָ איבער מענטשלעכע לעבנס"...

און מען „פּגרט" טאַקע. עס איז אַזאַ סיסטעם, בײַ וועלכן מענטשן שטאַרבן נישט, נאָר מען מאַכט זיי זאָלן „פּגרן" אויף אַ שוידערלעכן אופֿן, ווי חיות. מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן צום מיינסטן קיין שולד נישט — די שולדיקסטע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט מיט איין וואָרט קעגן רעזשים. ווען מען זאָל אין אַנדערע לענדער חלילה אַזוי האַנדלען מיט מענטשן, וואָס גיבן אַ מאָל אַ מורמל קעגן רעזשים, וואָלטן אַלע געדאַרפֿט פֿאַרשיקט ווערן.

בעת אָט אָ דער אַרבעט, דערציילט אַ. ז. איז דער „חבר חיים", דער דאָזיקער וואָס איז אַ לעבן לאַנג געווען אַ לינקער און געדינט פֿרײַוויליק דעם קאָמוניזם מיטן לעבן און מיט דער פֿרײַהייט און האָט אין פֿאַשיסטישן פּוילן נישט געליטן אין צען יאָר דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט דאָ געליטן אין איין יאָר, אָט דער „חבר חיים" איז פֿאַרשוואַכט געוואָרן און אַנידערגעפֿאַלן אין שניי און דער מחבר ראַטעוועט אים פֿריִער מיט שניי און דערנאָך מיט אַ שטיקל ברויט און דער בריגאַדיר וואַקסט באַלד אויס און נעמט שרײַען: „וואָס עפּעס איצטער, אין מיטן דער אַרבעט, פֿאַר אַן עסן?" דאָס דאָזיקע איבערצײַגט נישט דעם בריגאַדיר און ער צעטיילט די צוויי און גיט זיי נײַע שותּפֿים צום זעגן און ביידע פֿאָרלעך שטייען אָפּ פֿון דער אַרבעט, אָנשטאָט פֿריִער איז דאָס געשען מיט איין פּאָרל. און דער סוף איז, אַז דער בריגאַדיר האָט ביידן פֿאַרשריבן „שטראַפֿנאָי פּאַיאָק" (אַ שטראָף־פּאָרציע), ווײַל זיי האָבן נישט געמאַכט די נאָרמע. מען דאַרף זיי „דערציִען" און „איבערדערציִען" און מאַכן זיי פֿאַר ריכטיקע לאַגער־מענטשן. דאָס אייביקע לידל: „וועסט זיך צוגעווינען... וועסט זיך נישט צוגעווינען, וועסטו פּגרן"...

מ'קען אין זאַק'ס „קנעכט זײַנען מיר געווען" געפֿינען דאָקומענטן וועגן דעם ווי אַזוי עס האָבן געאַרבעט אין יענע לאַגערן אַ סך באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי יִדישע זשורנאַליסטן און שרײַבערס, סײַ פֿון פּוילן און סײַ פֿון רוסלאַנד גופֿא. מיר דערוויסן זיך, אַז דער גרויסער רוסישער שרײַבער, דער ייִד איסאַק באַבעל, דער מחבר פֿון „קאָנאַרמיאַ", וואָס איז פּלוצעם פֿאַרפֿאַלן געוואָרן פֿאַר טראָצקיזם, האָט געאַרבעט אין אַ שכנותדיקן לאַגער אַלס אַ באַדינער אין אַ פֿערד־שטאַל.

און דאָרט אין לאַגער האָט נישט געפֿעלט דאָס קאַפּעלע אַנטיסעמיטיזם אויך. דער מחבר דערציילט, אַז ווען ער איז איין מאָל געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ ביסל זופּ, האָט אים עמעצער אַ שלעפּ געטאָן פֿון הינטן פֿאַר דעם קאָלנער און אַן צערעמאָניעס אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער ריי און אַ „צולאָג" געגעבן אַ געשריי:

„זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ" און מען האָט אים געעצהט, אַז אַנשטאָט צו זוכן גערעכטי־קייט, זאָל ער זיך מאַכן נישט וויסנדיק. אײן תירוץ איז פֿאַראַן: „לאַגער איז לאַגער".

דער גרעסטער קאָשמאַר פֿון די פֿאַקטן, וואָס דער מחבר דערציילט איז, וואָס ס'איז נישט פֿאַראַן קיין איין גרעסטער, אַלע זײַנען זיי די גרעסטע. עס הערשט אַזאַ ווילדע טיראַנישע קנעכטשאַפֿט, אַז ווען היטלער האָט גענומען גיין אויף רוסלאַנד און די נאַציס האָבן זיך געלאָזט הערן דורך ראַדיאָ, אַז זיי שטייען שוין בײַ סמאָלענסק און בײַ פּסקאָוו און עס עפֿנט זיך זיי אַ וועג אויף לענינגראַד, האָט דער טראָצקיסט טזשישזשעוו געזאָגט: „איר ווייסט? מיר שײַנט, אַז אויף דעם מנוול היטלער איז אויסגעפֿאַלן אַ היסטאָרישע מיסיע: אַ סוף צו מאַכן צום אַזיאַטישן באָלשעוויזם"... אַזעלכע מחשבות האָט די טיראַניע פֿון די וועלט־דערלייזער גע־קענט אַרויסרופֿן!

געליטן האָבן דאָרט מיליאָנען און אַזעלכע געדאַנקען האָבן מסתמא געהאַט אַלע, וואָס זײַנען בכוח געווען צו דענקען!

אַברהם זאַק'ס צווייַ בענד „קנעכט זײַנען מיר געווען" וואָלטן געדאַרפֿט איבער־געזעצט ווערן אין אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט. זיי זײַנען געשריבן אַזוי רויִק, אַזוי איבערצײַגנדיק, וואָס מער איבערצײַגנדיק איז שוין אוממעגלעך. פֿון יעדן וואָרט וויינט דאָ שטיל אַרויס דער אמת און ער שרײַט ביז אין די זיבעטע הימלען. עס זײַנען דאָך ביז הײַנט פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס מיינען, אַז אין רוסלאַנד ווערט צוגעגרייט די גאולה פֿאַר דעם מענטשן. און זאַק'ס שטילע שילדערונגען וועלן יעדן איינעם, וואָס וועט זיי לייענען, איבערצײַגן, אַז אַזאַ קנעכטשאַפֿט ווי ס'איז דאָרט פֿאַראַן, איז בײַ פֿרעהן אויך נישט געווען און אַז אַלע אינקוויזיציעס אין איינעם דאַרפֿן אין רוסלאַנד לערנען ווי אַזוי צו פּײַניקן מענטשן...

משה קויפֿמאַן

I

אַברהם זאַק — 57 יאָר פּאָעטישע שעפֿערישקייט

— א —

עס איז נישט קיין לײַכטער ענין צו שרײַבן וועגן אַ זינגער און דערציילער, וואָס קומט מיט אַ בוך לידער און פּאָעמעס מיט קאָמפּאַקטע 343 זײַטן טעקסט, מיט דער גרעסטער שפּאָרעוודיקייט פֿון פּלאַץ, און גיט צו וויסן, אַז דאָס עלפֿטע לידער־בוך „פֿון אַלע מײַנע יאָרן" (אַנטאָלאָגיע פֿון מײַנע לידער און פּאָעמעס) איז דער אָפּקלײַב פֿון 57 יאָר פּאָעטישער שעפֿערישקייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער לידער־זאַמ־לונג „אַקאָרדן", גראָדנע 1918, און גייט ביז 1975, דורךביידע וועלט־מלחמות, נע ונדן, וואַנדערונגען, חורבן, אויפֿקום, ישראל און גלות, און די לעצטע אַריבער

פאַר צענדליק יאָר — בײַ אונדז אין אַרגענטינע, די צווייטע היים נאָך דעם געבורט־שטעטל אַמדור און גראָדנע, ווו אַברהם זאַק, דער זינגער און דערציילער, האָט אין די סאַמע ערשטע יוגנט־יאָרן אויסגעשפּרייט זײַנע פליגל און זיך פאַרמאָסטן צו ווערן דאָס וואָס ער איז טאַקע געוואָרן.

אַברהם זאַק איז אין דאָזיקן זין אַן אַלזײַטיקער שרײַבער, אַ יחיד במינו, הגם אין דער יידישער ליטעראַטור פעלן נישט קיין פּאָעטן און פובליציסטן מיט באַקציינער, עסייִסטן און מעמוארן־שרײַבער, אָבער מען דאַרף זאָגן אַז בײַ קיינעם פון זיי איז נישט בנמצא אַזאַ קאָנטינויִטעט פון יידישן זײַן אויף אַזאַ לאַנגן צײַט־אָפּשניט פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, ווי אין די פּאָעטישע שאַפונגען פון אַברהם זאַק, ווײַל דער גורל האָט אים באַשערט צו ווערן דער ליריקער און עפּיקער, סײַ פון דעם טראַגישן יידישן דור צווישןביידע וועלט־מלחמות און ער האָט נאָך דערצו געהאַט דעם זכות, אין די ערשטע יוגנט־יאָרן, זיך צו וואַרע־מען בײַם שײַן פון י. ל. פּרץ, אין סאַמע אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור. דערפאַר איז אויך די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע, זײַן עלפטער לידער־בוך, עפּעס מער ווי אַן אָפּקלײַב פון די פריערדיקע צען, מיטן ערשטן אָפּטייל — געזאַנג אין פאַרנאַכט — ווו עס קומען אַרײַן לויט דער קורצער הקדמה פון מחבר „לידער פון די לעצטע עטלעכע יאָר, וועלכע זײַנען נאָך נישט פאַרעפנטלעכט”, עפּעס מער ווי אַן אָפּקלײַב, ווײַל עס איז ממש די פּאָעטישע געשיכטע פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִד, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן; האָט זיך צעצווײַגט איבער אַלע גלותן; צעשפּרייט איבער שבעה ימים; האָט דערגרייכט ביז מדינת ישראל און האָט אומעטום געלאָזט טיפע שפורן.

— ב —

געוויס איז נישט קיין לײַכטער ענין אָפּצושאַצן אַזאַ פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע, דאָס עלפטע סך־הכלדיקע זאַמלונג פון צען פריערדיקע זאַמלונגען, בפרט אַז חוץ דעם שפּרייטן זיך אויס נײַנצן פּראָזע־ביכער פון אַברהם זאַק דעם דערציילער, מעמואַרן־שרײַבער, עסייִסט, וואָס הייבט אים אַרויס ווי דעם גרויסן עדות פון איי־נער פון די סאַמע שטורעמדיקע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע, אָבער ווי עס ווײַזט אויס איז דאָס אַ גורלדיקע באַשערטקייט, אַז דווקא דאָס ייִנגל פון אַ קליין שטעטל אַמדור, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ ראָמאַנטיקער, און האָט אין זײַן ערשטער זאַמלונג פון גראָדנע — „אַקאָרדן” — זיך באַוויזן מיט אַזעלכע לידער ווי „מײַן האַרץ איז אַ האַרפע” אָדער „אין וואַלס”, זאָל דווקא אין דער זעלביקער צײַט ווערן דער כראָניקער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

„אונטער די פליגל פון טויט”, וואָס איז אַרויס אין צוויי אויפלאַגעס אין פאַרלאַג די צײַט, וואַרשע, 3־1921 און אין אַ דריטער אויפלאַגע אין פאַרלאַג בנימין האַרץ בערלין־ווין 1929 און אין רוסישער איבערזעצונג אין מאָסקווער „גאַ־סיזדאַט” אין 1930, איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער גורלדיקער אָנזאָג, אַז דאָס פּאָעטישע ייִנגל פון אַמדור, וואָס איז דורך גראָדנע, מיט זײַנע צאַרטע ראָ־

מאַנטישע לידער, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט פון דער בלאַסער ליטוויש־ווײַסרוסי־שער לאַנדשאַפט בײַם ניעמאַן, פון דער פּונקט אַזוי ראָמאַנטישער יוגנט פון יענער צײַט, דערגאַנגען ביז וואַרשע און נאָך באַוויזן צו באַקומען סמיכה פון גרויסן י. ל. פּרץ, זאָל דווקא ווערן דער כראָניקער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דער מקונן פון חורבן, דער דערציילער פון נע־ונד אין קאַמי, די טײַגעס פון סיביר און דאַרש־טיקן מדבר פון מיטלאַזיע.

אָבער עס וועט נישט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל צו באַמערקן, אַז געשען איז דאָס נישט בלויז, ווײַל אַברהם זאַק איז איינער פון על פּי נס געראַטעוועטע פון דער שארית־הפּליטה, נאָר מער פון אַלץ, ווײַל דאָס יינגל פון אַמדור, האָט פאַרמאָגט אין זיך די וואָכעדיקע גבורה אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן ראָמאַנטישן שורש, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלץ וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון די דאָזיקע איבער פופציק יאָר, אין ליד, פּראָזע, פּאָעמע, און מעמואַרן און גבית־עדות פון דער חורבן־עפּאָכע, מיטן איינציקן אונטערשייד וואָס אין די „אַקאָרדן" און אין זײַן ווײַטערדיקער פּאָעטישער שאַפונג, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאָמינירט דער ראָמאַנטיקער, מיט שטילע און צאַרטע טענער, אָבער אַפילו אין זײַנע חורבן־לידער, מיטן צער־אויסברוך פון מקונן און צאַרן פון געפּײַניקטן, רייסט זיך דורך דער ראָמאַנטיקער, וואָס איז שורשדיק און טיף באַהאַפטן מיטן באָדן און איז גובר די פאַרצווייפלונג, און אויף דעם דאַרף מען האָבן אַ סך גבורה, נישט בלויז פּאָעטישע, נאָר אויך יידיש־מענטשלעכע.

אין דעם זין איז אַברהם זאַק אָן שום ספק אַ יחיד במינו, ווײַל ער איז דורך אַלע סאָציאַלע אויפברויזן פון זײַן צײַט אין די יוגנט־יאָרן געבליבן שיער נישט אָן אַלטמאָדישער פּאָעט, וואָס האַלט זיך בײַ די קלאַסישע פאָרמען און מעטריק, אָבער אין דעם ליגט טאַקע זײַן גבורה פון אַן אינטעליגענט מיט אָפענע און וואַכע חושים פאַר יעדן אויסדרוק פון דער צײַט, וואָס האָט פאַרמאָגט די עקשנות צו פאַרבלײַבן אַ פּאַלקסטימלעכער בטחון־ייד, הגם ער ראַנגלט זיך ווי יעקב אָבינו מיט מלאך, אויף דער גאַנצער לענג פון זײַן פּאָעטישער — און נישט בלויז פּאָעטישער, נאָר אויך דערציילעריש־מעמואַריסטישער שאַפונג — מיט פאַרצווייפלונג און סקעפּטי־ציזם, אָבער תמיד איז גובר דער ראָמאַנטיקער, הגם אַ סך מאָל פילט מען דאָס קוים אַרויס פון צווישן די שורות, פון דעם ריטעם, ווײַל אויך זײַנע טרויעריקע לידער שלאָגן אָן אַ מוטיקן טאָן. און ווי וויל ער האָט אָנגעהויבן מיט זײַנע „אַקאָרדן" זוכן אַ שיינע און ליכטיקע וועלט האָט ער אָבער בשום אופן נישט אַראָפּגענידערט צו די אַקאָרדן פון פאַרצווײַפלונג און זיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין די אָרעמס פון דעקאַדענטישער פּאָעזיע, וואָס וואָלט אפשר געווען נאַטירלעך, ווען אַברהם זאַק, דער רײַפער דיכטער און אָנגעזעטיקטער מיט אַנטוישונגען, דער בעל־יסורים פון אַזוי פיל נע־ונדן, וואָלט נישט אויפגעהיט דעם פּאָעטישן שורש פון דעם יינגל פון אַמדור, וואָס איז אַרויס אין דער ברייטער וועלט, איז געשטויסן און גע־טראָגן געוואָרן פון אַלע שטורעמס און געוויטערס, האָט פאַרלאָרן אַלץ, אָבער נישט דעם ראָמאַנטישן אַהייב פון זײַנע יוגנט־יאָרן און דעם מקורותדיקן יידישן בטחון.

— ג —

דערפאַר האָט געקאָנט געשען, אַז דער ליריקער און עפּיקער פוןביידע וועלט־מלחמות זאָל אַרויסגיין גאַנץ ווי אַברהם אָבינו פון דעם קאַלכאויוון און זאָל זוכה זײַן צו פאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעענעם אָרט אויך אין אונדזער טראַגישן ייִדישן דור, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, פאַרנעמען אויך אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער ייִדישער פּרעסע פון וואַרשע און זײַן דער קינסטלערישער עדות אין ליד און פּראָזע פון אַזעלכע איבער פינף יאָרצענדליק ייִדישער געשיכטע.

און נאָך מער, טראָץ דעם וואָס אַברהם זאַק קיין מאָל נישט געזינדיקט מיט „אידעאָלאָגיע" אין אַלצדינג וואָס ער האָט געשריבן און איז נישט מיטגע־ריסן געוואָרן פון די פּאָליטישע טענדענצן פון זײַן צײַט, איז זעלטן ווען צו געפּי־נען אַ דיכטער און פּראָזאַיקער, וואָס זאָל זײַן אַזוי אַקטועל, און אַזוי ענג געקניפּט און געבונדן מיטן צײַטגײַסט. אין דעם זין איז דאָס פּאָעטישע ייִנגל פון אַמדור, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט די קלאַסישע פאָרמען און מעטריק פון ליד, און איז במשך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט נישט אָפּגעטראָטן און נישט אָפּגענייגט פון זיי, אפשר דער סאַמע מאָדערניסטישער דיכטער בײַ ייִדן. ער צאַפּט נישט קיין אינס־פּיראַציע פון אַלטע און פרום־ייִדישע ברונעמער, ער אידעאַליזירט נישט די שטרײַמלען און באָרד און פּיאות, אָבער אין דער אמתן שעפּט ער פון די פאָלקס־טימלעכע ייִדישע קוואַלן און דערפאַר קאָן מען אין זײַנע לידער געפינען דעם אָטעם פון דער צײַט און די מענטשן פון זײַן דור דערקאָנען אין זײַנע שורות זיך אַליין, זייערע אייגענע איבערלעבונגען, בענקשאַפטן און באַגערן.

אַברהם זאַק איז געבליבן טרײַ צו זיך אַליין, אַ ייִדישער דיכטער מיט פּער־ספּעקטיוון טראָץ דעם וואָס ייִדיש־לשון, וואָס איז פאַר אים אַלץ, זײַן פּאָעטישער מעדיום, זײַן מוזיקאַלישער אינסטרומענט, זײַן לײַב־און־לעבן, גוף און נשמה, שטייט פאַר ווײַט נישט קיין פריילעכע פּערספּעקטיוון.

לאָמיר אויך זאָגן צום סוף, אַז די זעלביקע גבורה, וואָס ער האָט מיטגענומען אויפן נע־ונד פון אַמדור, גראָדנע און וואַרשע, וואָס האָט אים באַגלייט ביז קאָמי, סיבירער טײַגעס און סאָוועטישן צענטראַל־אַזיע, האָט זיך מיט אים צוריקגעקערט קיין פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז מיטגעגאַנגען מיט אים קיין פּאַריז ביז דאַנען, איז אים בײַגעשטאַנען אין דער ווײַט נישט גינציקער היגער סביבה פאַר אַ ייִדישן שרײַבער פון זײַן קאַליבער. אַן עדות אויף דעם זײַנען זײַנע פאַר צענדליק ביכער, וואָס זײַנען דערשינען דאָ הי און זײַן גרויסער בײַטראָג פאַר דער ייִדישער קולטור־עסקנות אין אונדזער ישוב.

אַברהם זאַק איז דער זינגער פון ייִדישער גבורה מיט שטילע טענער, אָבער עס איז שוין נישט קיין נײַעס אַז די קול דממה דקה איז מעכטיקער ווי די קולות וברקים, ווי מיר וויסן דאָס פון תנך.

דאָס בוך איז גאַנץ פײַן אַרויסגעגעבן, לפּי די לאָקאַלע מעגלעכקייטן אין היגן ישוב, מיט אַ טרעפלעכער הילע פון מאָלער בען און אַ פּאָרטרעט פון מחבר גע־

צייכנט פון קינסטלער העניריק בערלעווי ע״ה, בײדע פון פּאַריז, וואָס איז פאַר זיך אַליין, פּונקט ווי אַ היפּשער טייל פון זײַנע לידער אין דאָזיקן אָפּקלײַב, אַן אָפּ־שפּאַר פון חברשאַפט און אינספּיראַציע פון זײַנע נע־ונד־יאָרן אין פּאַריז, נאָך דעם חורבן, און פון די גוטע יאָרן אין פּוילן, ווען פּאַריז איז נאָך געווען אַ פענצטער צו דער וועלט פאַר אַ ייִדישן שרײַבער פון מזרח־אייראָפּע און נישט קיין מקום מקלט פון חורבן.

אַברהם זאַק׳ס פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע איז חוץ דעם אַלעמען אויך אַ שטיק וועלט־געאָגראַפיע און געשיכטע, געוועבט מיט די קינסטלערישע פעדעם פון זײַן ליריק און עפּיק אויף דער קאַנווע פון אונדזער ייִדישן דור, וואָס האָט דורכגעלעבט דעם גרעסטן חורבן און אויך זוכה געווען צו דער נאַציאָנאַלער אויפריכטונג אין מדינת ישראל.

(„די פּרעסע״, 1976)

II

אַברהם זאַק — דער ליריקער און עפּיקער צווישן ביידע וועלט־מלחמות

אַברהם זאַק — דער ליריקער און עפּיקער, וואָס האָט אויף זײַן אייגענער הויט דורכגעלעבט ביידע וועלט־מלחמות, צייכנט זיך אויס מיט גלײַכגעוויכט און געמיט־לעכקייט. אַנדערש וואָלט אַברהם זאַק נישט געקענט זײַן דאָס וואָס ער איז — אַ פּראָזאַיקער און פּאָעט; אַ דערציילער און מעמוארן־שרײַבער; אַ כראָניקער — אַ מקונן און בטחון־טרעגער. מיט זײַן גלײַכגעוויכט און געמיטלעכקייט גייט ער אַרויס — ליטעראַריש גערעדט — מיט גאַנצע ביינער פון „וואַרשע 1939״, פון „צווישן חורבן און אויפקום״ און פאַרבינדט דעם „פרילינג און טויט״.

„אין אומרו פון יאָרן״ 388 זײַטן אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ייִדבוך״, שליסט אײַן די אויבנדערמאָנטע דרײַ ציקלען. און די דרײַ ציקלען, יעדער באַזונדער פאַר זיך, דריקט זיך אויס אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען: רעפּאָרטאַזש, דער־ציילונג, מעמוארן, און עס פעלט נישט אַפילו דער עלעמענט פון ליריש[ן] עסיי. אַזוי צונויפשמעלצן אַלע פאָרמען און זיי געבן אַ פערזענלעך אינדיווידועל־קינסט־לערישן חותם, קאָן נאָר אַ רײַפער שריפטשטעלער, וואָס האָט אין אָט דעם גאַנצן אומרו פון יאָרן נישט פאַרלוירן זײַן געמיטלעכקייט און שרײַבערישן גלײַכגעוויכט.

מיטן אויסנאַם פון „דער טויט האָט געשפּאַסט״ און „אין לאַנד פון פּיראַמידן״, וואָס זײַנען דאַטירט, וואַרשע 1936 און 1937 — ס׳הייסט זײַנען נאָך אָנגעשריבן געוואָרן דורכן מחבר פאַרן מבול און טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפיש־מעמואַריסטישן כאַראַקטער, זײַנען אַלע אַנדערע זאַכן פון צאַפּלדיקער אַקטואַליטעט און זײַנען טאַקע בפירוש אויפגעקומען „אין אומרו פון יאָרן״. דאָך זעט זיך נישט קיין טיפער

אונטערשייד סײַ אין דער גלײַכגעוויכט פון באַהערשן דעם מאַטעריאַל, סײַ אין דער געמיטלעכקייט פון עפּיש־דערציילערישער פאָרעם. אַברהם זאַק איז דער אַני הגבר פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט דעם טרויעריקן זכות דורכ־צוגיין אָט די אַלע בלוטיקע און שטורמישע יאָרן. ער האָט ווי אַ פעסט אײַנגע־וואָרצלטער בוים אויסגעהאַלטן דעם בלוטיקן ציקלאָן. צווייגן האָבן זיך געבראָכן פון זײַן שטאַם, בלעטער האָבן זיך געשאָטן; דער שטאַם גופא האָט זיך געהויקערט און געבויגן, אָבער די וואָרצלען האָבן אויסגעהאַלטן און דער שטאַם איז שטיין געבליבן און זיך אַפילו באַוויזן אויסצוגלײַכן. דאָס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר אַ יידישן שריפטשטעלער אין הײַנטיקן דור. אַברהם זאַק — דער ליריקער און עפּיקער — איז שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דורכגעמאַכטן שטורעם. אָבער אײַנגעבראָכן האָט ער זיך נישט — פאַרקערט — די אויפטרייסלונג האָט אים גע־מאַכט פרוכבאַרער און קערנדיקער.

אַברהם זאַק, דער שריפטשטעלער אין זײַן גאַנצן פאַרנעם, פאַרדינט אַ באַזונ־דער קריטישע שטודיע, אָדער לפּחות אַרטיקלען־סעריע. סײַ וועגן זײַן פּראָזע, סײַ וועגן זײַן פּערזי. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ אויף זײַן בוך „אין אומרו פון יאָרן״. עס איז אַ בוך, אַ בנין פון דרײַ שטאָק. כראָנאָלאָגיש הייבט ער זיך אָן פון סוף, פון דעם לעצטן און דריטן ציקל: „פרילינג און טויט״, ווו עס קומען אַרײַן דרײַ דערציילונגען און צוויי אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלן.

די דערציילונג „אין שטאָטישן עלנט״ ברענגט צום אויסדרוק אַברהם זאַקן דעם ליריקער און ראָמאַנטיקער. נישט קוקנדיק, וואָס דער סוזשעט איז אַ נאָך־מלחמהדיקער און די העלדן — פאַרהאַרטעוועטע, אײנזאַמע לעבנגעבליבענע, אָטעמט פון דער גאַנצער דערציילונג מיט יענער ריטערלעכער אידעלער באַציִונג צו דער פרוי, וואָס האָט געהערשט אין יענע שיינע ראָמאַנטישע צײַטן. אויך די פרוי איז בײַ אַברהם זאַקן, בײַ איר גאַנצער פאַרהאַרטעוועטקייט, אַן איידל און צאַרט וועזן און איבער איר פאַרשפּעטיקטער סוף־זומערדיקער עראָטיק שוועבט אַזאַ מין באַלעבאַטישע געצוימטקייט, וואָס שליסט אויס יעדער וווּלגאַריטעט און הפקרות. פון די דרײַ דערציילונגען, וואָס גייען אַרײַן אין בוך, איז „אין שטאָטישן עלנט״ די רײַפסטע און גאַנצסטע און האָט אויך אין זיך — ווי כמעט אַלץ וואָס גייט אַרויס פון אַ. זאַק׳ס פען — אַ פערזענלעכן אמת. נאָך מער קומט צום אויס־דרוק די ריטערלעכע באַציִונג צו דער פרוי אין דער צווייטער דערציילונג „אין שאָטן פון טויט״. דער שאָטן פון טויט, וואָס ווערט געשילדערט מיט אַזעלכע אײַנ־געהאַלטענע שטילע טענער פון אַ דערציילער, אַ ליריקער, איז בײַ אַברהם זאַקן שטאַרקער, ווי די אויפגעפלאַמטע דערוואַכונג פון אַ יונגער ליבע־דורשטיקער פרוי און פון דעם יונגן סטודענט, וואָס האָט אַליין די דערוואַכונג אויפגעבלאָזן. אויך די דערציילונג „איינמאָל אין פרילינג״ שילדערט דעם סובטעלן נשמה־געראַנגל צווישן טויט און דערוואַכונג צום לעבן, אָבער דאָ איז שוין דער מאַן, דער וואָס נעמט די איניציאַטיוו. אומעטום איז זאַק נישט קיין נאַטוראַליסט, נאָר אַ ליריקער

און ראָמאַנטיקער. ער באַניצט נישט קיין געדיכטע פאַרבן און אַפילו די שטורמישע לאַנדשאַפטן האָבן אין זיך די סובטעלע אידלקייט פון אַקוואַרעל.

די אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע „דער טויט האָט געשפּאַסט" (דער מחבר גיט עס אָן אין קלאַמערן, קאַפּיטלען פון אַ יונג לעבן) איז — ליטעראַריש גענומען — די קינסטלערישסטע זאַך פון בוך און איז אָנגעשריבן לויט די שענסטע טראַדיציעס פון דער ייִדישער שטעטל־ליטעראַטור. שוין ביַים געלונגענעם אָנהייב („איין מאָל, ווען כ'בין אַלט געווען אַ יאָר עלף, האָב איך, צוליב עפּעס אַ פאַרקילונג, אָנגעהויבן הוסטן. אין ברוסטקאַסטן האָט גענאָגט אַ וויטיק, און אויפן פּנים בין איך געוואָרן בלייכער פון טאָג צו טאָג") צעוויקלט זיך אויף פאַר אונדז ווי אויף אַ פילם־סטענגע, די שטעטלשע מיליע מיט איר פּוילישן דאָקטער, די וויַבער און באַלעגאָלע, דאָס קראַנקע שווינדזיכטיקע מיידל, וואָס קומט אַראָפּ פון שטאָט זיך „פּאַפּראַווען" אין שטעטל און אויך די מיסטעריע פון טויט און לעבן, וואָס שטעלט זיך אַוועק פאַרן מחבר, שוין גלייַך אויפן שוועל פון זיַינע קינדערישע יאָרן, ווערט אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ בריליאַנטענער רירנדיקער פּשטות, אַז פון זיך אַליין רייַסט זיך אַריַין ווי אַ זון־שטראַל אין אַ פאַרכמאַרעטן וועטער אַ טראָפּן הומאָר, — דער באַלעבנדיקער גייַסט פון יעדער עכט־קינסטלעריש ווערק.

די דאָזיקע נאָוועלע, געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, איז דאַטירט אין 1936. אין יענע, נאָך רעלאַטיוו רויִקע יאָרן, האָט דער מחבר געהאַט די מעגלעכקייט גייַסטיק זיך צו פאַרטיפן און שעפּן פון אייגענעם קוואַל — דאָס ייִדישע שטעטל, וואָס איז פאַקטיש דער אויטענטישער קוואַל פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור. אַברהם זאַק'ס שטעטל איז נישט דאָס ראָמאַנטיש־אידעאַליזירטע שטעטל פון שלום אַש און אויך נישט די נאַטוראַליסטישע. עס איז דאָס ליטוויש־וויַסרוסישע שטעטל מיט זיַינע אָרעמע היימען און בלאָס־פאַרביקע לאַנדשאַפטן און מיט זיַינע באַשיידן־שטילע און האַרציק־אָרעמע ליטוויש־וויַסרוסישע ייִדן.

פון זעלבן כאַראַקטער, אָבער שוין ווייניקער געלונגען, איז די צווייטע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלע „אין לאַנד פון פּיראַמידן" (אַ כראָניק פון די צאַרישע צייַטן). דאָ שילדערט שוין דער מחבר אַ וויַטערדיקן עטאַפּ פון זייַן לעבן אַלס שרייַבער אָנפאַנגער אין וואַרשע, ווי ער פאַלט אַריַין אין די הענט פון דער צאַרישער אָכראַנע. הגם די שילדערונג גופא וויקלט זיך פונאַנדער מיט דער זעלביקער געמיטלעכקייט, ווי אין „דער טויט האָט געשפּאַסט", פעלט דאָ אָבער די שטעטלשע מיליע און במילא פילט זיך שוין נישט דער מחבר אַזוי שטאַרק אין זייַן עלעמענט.

די סעריע „וואַרשע 1939" — איז אַ רעפּאָרטאַזשן־קייט פון די טראַגישע צייַטן. מלחמה־אויסברוך. מיליטערישע מפּלה. דער אָנהייב פון דער נאַצי־אָקופּאַציע פון וואַרשע און דאָס לויפן צו דער סאָוועטישער גרענעץ. דאָס זיַינען שילדערונגען פון טראַגיש־היסטאָרישע טעג. דער אָנהייב פון סוף פונעם פּוילישן ייִדנטום. אַברהם זאַק פאַרלירט אויך דאָ נישט זייַן קינסטלערישע גלייַכגעוויכט. ערטערוויַיז ווונדערט איר זיך ממש מיט וואָס פאַר אַן עפּישער רויִקייט ער שרייַבט זיַינע רעפּאָרטאַזשן. מאַנכע פון זיי האָבן אַן אָנהייב, אַ סוף און אַ מיטן, ממש ווי דער־

ציילונגען. דער מחבר פון „אונטער די פליגל פון טויט" האָט שוין דערפאַרונג אין שילדערן מלחמה־יאָרן. די מלחמה־שילדערונגען זײַנען פאַקטיש געווען זײַנע ערשטע באַדײַטנדיקע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין דער רעפּאָרטאַזשן־סעריע „וואַרשע 1939" ווערן געשילדערט היסטאָרישע מאָמענטן פון שוידערלעכן קריג, לופט־באָמבאַרדירונגען, עוואַקואַציע און דער אַרײַנמאַרש פון די נאַציס. די געשטאַלטן פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פון דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע און די אומגעהײַערע לײַדן און דערנידערונגען, וואָס די ייִדן זײַנען אויסגעשטאַנען שוין אין די ערשטע טעג פון די נאַצישע רוצחים. די דאָזיקע סעריע נייטיקט זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן און קריטישע אַנאַליז. דאָס זײַנען פאַקטן פון אַ שוידערלעכער צײַט, באַשריבן מיט אַ מערקווירדיקער געצוימטקייט. עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי דער מחבר אַליין האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות אָפּצוּוואַרפן דעם שאַלעכץ און אויסשיילן בלויז דעם קערן, ווײַל אַזעלכע רעפּאָרטאַזשן ווערן געשריבן פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער.

„צווישן חורבן און אויפקום" איז די צווייטע סעריע פון בוך, וואָס נעמט שוין אַרום די יאָרן נאָכן חורבן און עס ווערט געשילדערט דער טראַגישער צוריקקער פון דער שארית הפליטה אויף די חורבות פון פּוילן. דאָ ווערט שוין דער מחבר מיטגעריסן. זײַן רעפּאָרטאַזש „אויף קבר־אָבות אין מאַידאַנעק" הייבט אָן אַ. זאַק:

> „כ׳בין געווען אין מאַידאַנעק, אָבער נישט בעת דער פינצטערער ממשלה פון די ברוינע אויבער־תּליִנים, נאָר — שווער צו זאָגן: „צום גליק" — אין אַ זוניקן סעפּטעמבער־טאָג פון 1946.
> כ׳בין געווען אין מאַידאַנעק — אויף קבר־אָבות".

די שילדערונגען פון די חורבות און די מערכה פון די עלנטע הייפלעך ייִדן אין נײַעם פּוילן ווערן אַרויסגעבראַכט אין די ווײַטערדיקע רעפּאָרטאַזשן פון דער סעריע „אַ ליטעראַרישע נסיעה". אויך דאָ באַמיט זיך דער מחבר צו צוימען און אַפילו צו זײַן אָביעקטיוו, הגם נישט שטענדיק געלינגט עס אים. די באַגײַסטערטע אָנהענגערס פון נײַעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן; די עבודה־זרהניקעס פון „אײַזערנעם פאָרהאַנג" וועלן זיך אַוודאי פילן געטראָפן פון זײַנע אויספירונגען.

אין „איבער די וועגן פון תנ"ך" — אַ רעפּאָרטאַזשן־סעריע מיטן אונטער־קעפּל (לויפיקע נאָטיצן פון אַ נסיעה אין 1950), — געפינט אַברהם זאַק צוריק זײַן טאָן פון אַ ליריקער און עפּיקער, און זײַנע קינסטלערישע שילדערונגען פון דער ישראל־נאַטור זײַנען שוין אַליין פאַר זיך אַ ליטעראַרישע דערגרייכונג. אָבער אַברהם זאַק באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט נאַטור־שילדערונג — אויך די מענטשן פון ישראל און זייערע דאגות און פּראָבלעמען קומען צום אויסדרוק אויף אַן אָב־יעקטיוון אופן. אַברהם זאַק איז קודם־כל אַ ייִדישער מענטש, אַ ייִדישער שריפט־שטעלער און די ייִדישע שפּראַך און קולטור פאַרנעמט בײַ אים דעם זעלבן פּלאַץ אויך אויף די וועגן פון תנ"ך. אויפן דאָזיקן געביט גייט זיך ווידער דער מחבר פונאַנדער מיט די פאַנאַטישע העברעיִסטן און די וואָס פאַרניינען דעם גלות וועלן

זיך ווידער אַ ביסל פּילן געטראָפן פון זײַן „מסיבות, מסיבות". אַברהם זאַק איז נישט קיין פּאַרטיי־מענטש אין ענגן זינען פון וואָרט. ער האָט ליב דאָס ייִדישע לעבן; און אויף וויפל די ייִדישע פּאַרטייען טוען אויף פאַרן ייִדישן לעבן, אויף אַזוי פיל האָט ער אויך ליב די דאָזיקע פּאַרטייען.

דער „ייִדבוך", וואָס גיט אַרויס ביכער פון פאַרדינסטפולע ייִדישע שרײַבערס, האָט געמאַכט אַ זייער געלונגענעם אָפּקלײַב. „אין אומרו פון יאָרן" איז אַ קינסט־לעריש בוך פון דער אַקטועלער צאַפּלדיקער קעגנוואַרט און האָט אויך אַ געשיכט־לעכן ווערט פאַרן עתיד.

א. מ. קייזער

אַ ב ר ה ם ז אַ ק

(צו זײַן באַזוך אין לאָנדאָן)

1

בײַם צווייטן בית־המקדש, דערציילט די גמרא יומא, איז צווישן די כהנים געווען אַ פּען־קינסטלער, וועלכער האָט געקאָנט שרײַבן מיט פיר פּענעס מיט אַ מאָל, אַרײַנשטעקנדיק זיי צווישן די פינף פינגער פון זײַן האַנט.

אַברהם זאַק, וועלכער דינט געטרײַ די שרײַב־כהונה שוין איבער פערציק יאָר, האַלט אויך מער ווי איין פּען אין האַנט; ער שרײַבט אַרטיקלען, פעליעטאָנען, סאַטירעס און בעיקר — נאָוועלן און לידער. זאַק איז אויך אַ פײַנער איבערזע־צער; אַ דאַנק אים איז דער ייִדישער לייענער באַקאַנט געוואָרן מיט סטרינדבערג, גאָגאָל, נאַרדוי, טורגעניעוו, לערמאָנטאָוו, פּושקין, א"אַ. זאַק האָט שוין אויף זײַן קאָנטאָ 14 בענד נאָוועלן און לידער, אַחוץ 9 בענד איבערזעצונגען. בסך־הכל: 21 בענד, וואָס באַצירן די פּאָליצעס פון אונדזער ליטעראַרישן קאָמאָד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז באַפרײַט געוואָרן, האָט אויך די דאָרטיקע ייִדישע ליטעראַטור געגומען פרײַער אָטעמען. דאָס ייִדישע וואָרט, וואָס איז געווען געפּענטעט אין די צאַרישע צענזור־קייטן, האָט אויפגעלעבט, באַ־קומען שווונג. אין יענעם פרײַהייטס־פּעריאָד זײַנען אַ חברה יונגע טאַלאַנטפולע שרײַבערס — פּרץ מאַרקיש, אורי־צבי גרינבערג, מלך ראַוויטש און אַנדערע — אַרויס אויף דער ליטעראַרישער גאַס מיט זייער „כאַליאַסטרע". דאָס האָט גע־דאַרפט זײַן דער נײַער שטייגער אין אונדזער ליטעראַטור. חברה האָבן באַראַבאַ־נעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט, געבליצט און געדונערט, אָבער צו קיין רעגן איז נישט געקומען. פון דעסט וועגן זײַנען אַ סך יונגע שרײַבערס מיטגעריסן גע־וואָרן פון יענער שוים־כוואַליע. עס האָט געדויערט כמעט אַ צענדליק יאָר ביז זי איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. אַפילו די בעלי־הכאַליאַסטרע גופא האָבן שפּעטער

פאַרגעסן דאָס קינד זייערס, וואָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט זײַן דער יורש פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַברהם זאַק איז אָבער נישט בכשל געוואָרן. די „כאַליאַסטרע" האָט אים נישט פאַרטאַראַראַמעוועט. ער איז זיך געגאַנגען זײַן דרך, דעם דרך פונעם גרויסן רבין זײַנעם — פרץ, וועמענס לעצטער סטראָף איז געווען:

„שטילער, שטילער,

דאַנקען וויל ער..."

אָט די צוואה האָט זאַק כשר אָפּגעהיט. שטיל, סאָליד, כמעט בלחש, שאָפּט ער, ווײַל —

„פאַראַן נאָך רגעס הייליקע און שטילע
ווען ס'איז נשמה פול מיט פרום געזאַנג;
עס פליסן ווערטער, פלעכטן זיך אין תפילה,
צו שקיעה־הימלען טראָגט זיך קלאַנג נאָך קלאַנג".

(יאָרן אין וואַנדער, ז' 226)

2

אין 1922־23 איז דער ביכער־מאַרק אין פוילן געווען פאַרפלייצט מיט ייִדישע ביכער. אַז איך האָב דעמאָלט, ווען איך האָב באַזוכט פוילן, געפרעגט בײַ דער „קולטור־ליגע" אויף דאָס בעסטע בוך, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף זאַק'ס „אונטער די פליגל פון טויט"; זײַנע אייגענע איבערלעבענישן אַלס סאָלדאַט בײַם פראָנט אין מזרח־גאַליציע. עס זײַנען דאָן אויך דערשינען מלחמה־מעמואַרן פון ד"ר גרשון לעווין, ד"ר י. לייפונער און ש. אַנסקיס „חורבן־גאַליציע", אָבער זאַק'ס ווערק איז געווען עולה על כולם. די וועלט איז דעמאָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון רעמאַרקס „אין וועסטן ניכטס נויעס" און שעריפס „דזשורנים־ענד". וואָלט זאַק'ס „אונטער די פליגל פון טויט" געהאַט אַן אייראָפּעיִשע איבערזעצונג, וואָלט עס מסתמא פאַרנומען דאָס זעלביקע אָרט ווי רעמאַרק און שעריף.

דאָס אָ בוך איז נישט בלויז אַ בלוטיק בילד פון מלחמה־גרוילקייטן, נאָר ווי אַזוי אַ ייִדישער קיבוץ אין גאַליציע ווערט חרוב ונחרב אונטער פאָניעס שטיוול. עס איז געשריבן געוואָרן מיט בלוט, אפשר מיט יענעם בלוט, וואָס האָט געטריפט פון זאַקן גופא, בעת עס האָט אים געטראָפן דעם שונאס קויל. אַ פאַרוווּנדעטער, באַקומט ער אורלויב פון פראָנט, נאָר נישט האָבנדיק קיין וווינרעכט, ווערט ער פון נאָווגאָראָד אַרויסגעשיקט.

אַז איך האָב דאָס בוך עמעצן געבאָרגט, האָב איך אים געעצהט נישט צו לייענען עס קעגן נאַכט, ווײַל די בילדער קריצן זיך אַזוי טיף אַרײַן אין מוח, אַז דער שלאָף ווערט אין גאַנצן אָפּגענומען.

3

זאַק איז נישט בלויז אַ מאָלער, נאָר אויך אַן אַרכיטעקט. בעיקרשט איז ביי אים דער בנין. די פאַרב, וואָס ער באַנוצט אַזוי שפּאָרזאַם, איז בלויז פאַרן פּאַסאַד. אַ גוט־געבויטער בנין, אַפילו אָן פאַרב, האָט מער שטאַנדהאַפטיקייט, ווי אַ טאַג־דייטנער בנין מיט אַ סך בונטע פאַרבן. זאַק איז באמת אַ מייסטער אין קאָנסט־רוקציע. אַ פעדאַנט אין אָפּקלייבן פּרטים פון אַ סיטואַציע, פונאַנדערוויקלען אַ קנויל. דאָס אויג איז ביי אים שאַרף און מוז תמיד זיין וואַך, ווייל:

> „דאָס לעבן האָט קיין מאָל נישט קיין באַשטימטעס. יעדע ליניע דרייט זיך אין אויסטערלישע זיגזאַגן. דיין יעדע פאַסירונג איז אומגעריכט, אַ סיורפּריז. אַ גוטער אָדער שלעכטער, אַ פריילעכער אָדער טרויעריקער. דיין יעדער טריט איז אַ טריט אין דאָס אומבאַקאַנטע... דיין גאַנץ לעבן איז אָפט מאָל אָפּהענגיק פון אַ טריט רעכטס אָדער לינקס...”
>
> („צווישן שאָטנס”, ז' 98)

דערפאַר האַלט ער די העלדן זיינע אויפן שפּאַן. זיי קאָנען נישט אַזוי גיך אַנטלויפן. איר זעט זייערע באַוועגונגען אַזוי קלאָר און בולט.

זאַק איז אויך געבענטשט מיט צוויי ייִדישע סטילן — אַן אייראָפּעיִשן און אַ

דעלעגאַציע פון שרייבער־פאַראיין צו דער אַנטהילונג פון דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ

עס טראָגן די לענטע, פון רעכטס: אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַברהם זאַק, לייב אָליצקי, דוד ספרד. ביי דער זייט: משה קנאַפּהייס, ישראל אַשענדאָרף. הינטער דער לענטע — יצחק יאַנאַסאָוויטש, משה וואַלדמאַן צווישן עולם שרייבער.

יידישן ייִדיש. שרײַבט ער אַ נאָוועלע מיט אַ נישט־יידישן תּוכן, איז דער סטיל זײַנער עכט אייראָפּעיִש, ווי למשל „די דאַמע פון קופּע":

„זי האָט אויסגעזען אַ ביסל עקסטראַוואַגאַנט: אַ בלאַסלעך געזיכט, טונקעלע, פלעמל־דיקע אויגן אונטער צוגעשוואַרצטע, לאַנגע, קינסטלעך־אויסגעצויגענע ווײַעס. פּעט־געשמינקטע ליפּן. דינע, שוואַרצע ברעמען אין אַ סובטעלן בויגן. געדיכטע פלאַטין־האָר, פאַרענדיקט מיט באַהנטע לאָקנדלעך, וועלכע האָבן דערגרייכט קוים אירע אַקסלען."

און דערציילט ער אײַך פון ליטע, האָט איר דעם גאַנצן ליטווישן קאָלאָריט מיט איר טיפּישן „יאָדערדיקן" ייִדיש. אַז אפרים־זאב דער מלמד איז געקומען צו גאַסט צו ישראל־מאירן דעם מלמד אין סוכה און גענומען דערציילן ווי אַזוי ער האָט דעם יום־טוב „צונויפגעשטוקעוועט", האָט אים דבורה די מלמדקע מכבד געווען מיט צימעס:

„— צו וואָס, דבורה לעבן... זאָלט איר געזונט זײַן...

— עסט, עסט געזונטערהייט... זאָל אײַך וויל באַקומען... איך ווייס נישט, צי דער צימעס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן.. .ער איז מיר נישט אַרויסגעקומען אַזוי פאַרברוינט ווי עס קער צו זײַן...

דער גאַסט עסט און באַלעקט זיך ממש:

— וואָס רעדט איר... מעדנים... הלוואי וואָלט מײַן רחטשע אָפּגעקאָכט אַזאַ צימעס...

— וואָס שײַך — באַמערקט דבורה — רחטשעס צימעס מוז אויך זײַן אַ געראָטענער...

— כע־כע... — שמייכלט אין די וואָנצעס אפרים־זאב — מײַן רחטשע האָט לגמרי קיין צימעס נישט געמאַכט... אויף אַלץ האָט שוין נישט געקלעקט... נאָר געלויבט השם־יתברך דערפאַר..."

דער סטיל איז דער מענטש, דער אַ סטיל מיט זײַן יידישן חן איז — ליטע. דאָס יידישע ליטע פונעם נאָענטן עבר.

זאַק פאַרמאָגט אויך הומאָר. נישט קיין „צילבאָוווסטער" הומאָר לשם לאַכן. חלילה! דאָס ליגט אים גאָרנישט אין זינען בעת דאָס לעבן איז אַזוי ביטער כמו גאַל. נאָר סתם אַזוי, אָן אַ פּאַרוואָס, וואַקסט בײַ אים אויס אַזאַ מין לוסטיקע סיטואַציע:

ווען יאָשע־בערל דער בעל־עגלה איז געבליבן אָן זײַן אַמאָליקן „קאַשטאַן", קויפן אים חברה אַ נײַעם פערד, מאַכט מען לכבוד דער קניה אַ ברייטן לחיים. איר האָט פאַר זיך אַ „מחותן" מיט אַ „מחותנתטע" פונעם פערדס צד; קרובים, געסט, דאָס גאַנצע געזינדל. ס'איז אַ שמחה, אַ גדולה, גלייך ווי מען וואָלט דאָ אויסגעגעבן אַ טאָכטער, געפירט צו דער חופה. פון אַלע זײַטן שיטן זיך ווינטשערײַען און ברכות:

„— גאָט זאָל געבן, איר זאָלט פון אים נחת האָבן! — ווינטשט דער פאַרקויפער.

— זאָל זײַן מיט מזל! — כאַפּן אונטער די מעקלערס.

— אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיקער שעה! — ברומט אונטער די „מחותנתטע" — דער, וואָס די הענט נישט געוואַשן, זאָל געבן, אַז מען זאָל רק טרינקען אויף פריידשמחות!

און דערבײַ האָט זי אונטערגעטראָגן דעם פּאַרטעך צו די אויגן...
מאָטל, וואָס האָט געהאַלטן אַ גאַנצן „טאָסט", האָט פאַרענדיקט מיט אַ פײַערלעכן הייב פונעם קידוש־גלעזל:

— איך טרינק פאַרן געזונט פון פערד!...

— הלוואַי, אָמן! — האָט דער „מחותן" זיך אָנגעכאַפּט — גאָט זאָל געבן, איך זאָל פון אים קיין צער נישט האָבן!"

4

די לעצטע מלחמה האָט געבראַכט אַן איבערברוך אין זײַן שאַפונגס־גאַנג. איבער זעקס יאָר איז ער געווען פאַרוואָגלט אין טיף רוסלאַנד, ווו ער איז דורכ־געגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום. ער קומט צוריק אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, צו די חרובע היימען אין פוילן. אומעטום — צעשאָטענע ציגל, ציגל, ציגל. ער טוט אָן אַש אויפן קאָפּ און גייט אויף די חורבות פון ייִדישן וואַרשע. אַזוי וואַנ־דערט ער אַרום ביז ער קומט צום „אוהל פּרץ":

„מיר האָבן נישט קיין קברים,
קיין בערגל ניט, קיין שטיין.
צו וועמען זשע זאָל קומען
אַ ייִד מיט זײַן געוויין ?

צו דיר, אָ פּאָטער פּרץ,
מיר קומען דאָ אַהער —
פון אַלע גלות־וועגן
איעדער מיט זײַן טרער".

און די טרער זײַנע איז אַ ביטערע, אַ פאַרסמטע. זי טראָגט מיט זיך צער, צאָרן און נקמה־דורשט. אַלץ וואָס האָט זיך אויף זײַן נשמה אָנגעזאַמלט אין די פאַר־וואָגלטע יאָרן זײַנע איז געקומען צום אויסדרוק אין זײַן לידער־זאַמלונג „מיט אַש אויפן קאָפּ", וואָס איז דערשינען אין לאָדזש אין 1947. דאָס איז אַ דאָקומענט פון אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט.

זאַק האָט אויסגעטרונקען דעם כּוס־היגונים, דעם יסורים־בעכער, ביזן דנאָ. פון דעסט וועגן האָט דער יאוש נישט געהאַט קיין שליטה אויף זײַן צעווייטיקטער נשמה. דער ביטערער גורל האָט אים נישט געקאָנט בײַקומען.

„אומזיסט ! מיך וועסטו נישט באַצווינגען,
שטאָלענער שיקזאַל !
עס קלעקט מיר פרייד אויף טרויער־טעג —
אַן אוצר פרייד, אַ שלל !"

אַזוי איז ער אַליין אויף זיך מעיד. זאַק'ס כּוח־היצירה איז נאָך נישט אויס־געטריקנט. מיר וועלן נאָך הערן זײַן פריידיק ליד.

(„לשון און לעבן", לאָנדאָן 1952)

ישראל עמיאַט

1

„געווען אַ יידיש פּוילן"

פון זינט לעאָ פינקעלשטיין האָט פאַרעפנטלעכט זײַן בוך „מגילת פּוילן", אין 1947, דערמאָן איך זיך נישט נאָך אַן אַרבעט וועגן אַפּגעמעקטן, טויזנט יאָריקן ישוב, וואָס זאָל זײַן אַזוי גרינטלעך פון אַלע אַספּעקטן: תורה, חסידות, שטייגער און קולטור, דאָס סעקולערע לעבן, דאָס יידישע מאָדערנע שאַפן, און געשריבן טיף, אַרומנעמענדיק, און מיט פײַער און אמת פּאָעטישן סטיל.

אַברהם זאַק, דער אָנגעזעענער פּאָעט און זשורנאַליסט, וואָס זײַן בוך „געווען אַ יידיש פּוילן" איז שוין דאָס 25סטע, האָט זיך נישט געשטעלט אַזאַ הויכע אויפגאַבע.

דאָס פּוילן פון „אַמאָל" פאַרנעמט 12 זײַטן סך הכל. און אַכציק פּראָצענט פונעם בוך זײַנען גיכער געווידמעט צו די יאָרן פון נאָכן בראָך, ווען דאָס ביסל יידן, וואָס האָט זיך, טראָץ אַלע איבערלעבונגען, דאָך געראַטעוועט, און צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן און אָנגעהויבן צו בויען אַ שטיקל יידיש לעבן, האָט באַלד איבערגעלעבט דעם קעלצער פּאָגראָם, נאָך וועלכן דער גרעסטער טייל צוריקגעקומענע האָבן אויסגעוואַנדערט ווי די וועלט האָט נאָר אַן עק, און, פאַרלאָזנדיק די פּוילישע ערד, זאָגן זיי:

> „אַדיע, פּוילן! טויזנט יאָר האָבן מיר דיר געהאָלפן בויען דײַן לאַנד, פאַרגרעסערן דײַן וווילזײַן און באַרײַכערן דײַן לעבן — גאַנצע 30 דורות פון יידישן פלײַס, פון יידישן זשעני האָבן מיר דאָ אינוועסטירט; מיר לאָזן איבער בײַ דיר אונדזערע בית־עולמס, דאָס צעווייעטע אַש פון אונדזערע טײַערסטע, פון אונדזערע קדושים, אויף דײַנע פעלדער".

דעם דאָזיקן „אַדיע" זאָגן שוין איצט די סאַמע לעצטע צו אַנטלויפן, די אַפילו, וואָס האָבן זיך פריער געגאַרט, אַז מען וועט קענען אָנהייבן בויען פון דאָס נײַ און געעצהט זאַכן און זײַנס גלײַכן, נישט צו פאַרלאָזן פּוילן אין 1948.

דאָס גרעסטע און אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטל אינעם בוך איז „מיט צוואַנציק יאָר צוריק", אַ קאַפּיטל זכרונות.

עס איז נאָך געווען אַ צײַט, ווען אין אַ לאָדזשער יידישן טעאַטער איז פאָרגעקומען אַ פײַערלעכע אַקאַדעמיע געווידמעט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, אונטערן נאָמען: „דער יידישער שרײַבער פאַר דער מלוכה ישראל" און שרײַבערס זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט לידער.

עס זײַנען דערשינען צײַטונגען און זשורנאַלן. עס האָבן נאָך אין פּוילן געלעבט גאַנצע 46 יידישע שריפטשטעלערס — פּאָעטן און זשורנאַליסטן. עס איז

טעטיק געווען אַ זשורנאַליסטן־פאַראיין, הילף־אָרגאַניזאַציעס, געשטיצט דורכן דזשאָינט, און עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין קאָמישע מאָמענטן, וועגן וועלכע דער פיינער זיכרונות־דערציילער (דער מחבר פונעם צוויי־בענדיקן „קנעכט זיינען מיר געווען", איינס פון די בעסטע ביכער וועגן לעבן פון די יידישע פליטים אין רוסלאַנד) ברענגט.

אָט איז אַן עפּיזאָד, איינער פון אַ ריי:

אַ קינסטלער האָט זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, און אַזוי ווי ער איז געווען אַן געלט, האָט ער פאָרגעלייגט דער פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין אָפּצו־קויפן ביי אים דאָס בילד פון פּרצן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד.

פּרצעס בילד איז פאַר דער מלחמה געהאַנגען אינעם גרויסן זאַל פון ליטע־ראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, האָט דער פאַראיין גערן געוואָלט קויפן דאָס בילד, בתנאי, דער מאָלער זאָל אַ ביסל ענדערן די וואָנסן, וועלכע זיינען ענלעך געווען אויף סטאַלינס, און אויך די אויגן זיינען נישט געווען פּרצעס אויגן. דער מאָלער האָט עפּעס געענדערט, אָבער נישט צופיל. מ'האָט געקויפט דאָס בילד פשוט צו שטיצן אַן אָרעמען מאָלער.

מאַכט זיך, אַז איליאַ ערענבורג קומט אַראָפּ קיין פוילן מיט אַ גאַנצער סוויטע, מיטן אוקראַיִנישן פּאָעט טיטשינאַ, מיטן רוסישן פּאָעט אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי.

מ'האָט ערנבורגן מיט זיין שטאַב איינגעלאַדן אין יידישן ליטעראַטן־פאַראיין ווו ער האָט געהאַלטן אַ רעדע און צווישן אַנדערע אַקצענטירט אין אַ פּאַטעטישן טאָן, אָנווייזנדיק אויפן פּרץ־בילד אויף דער וואַנט:

— טאַ טשטאַ ווי אַ נאַס דומאַיעטיע — יאַ וויזשו... („דאָס, וואָס איר דאָ טראַכט וועגן אונדז — דאָס זע איך").

ערנבורג האָט פּרצן אָנגענומען פאַר סטאַלינען...

„אונדזער גאַנצן עולם האָט דורכגענומען ווי אַ מין ספּאַזם, וואָס האָט געקאָנט גורם זיין אַ ספּאָנטאַנעם געלעכטער, אָבער מיט ניסים, ממש, האָבן זיך מענטשן באַהערשט און אויסגעמיטן צו קוקן איינע אויף די אַנדערע, כדי אַפילו נישט אַ שמייכל צו טאָן.

„... אָבער באַלד נאָך דער מסיבה, ווען די געסט און דער גאַנצער עולם זיינען זיך צעגאַנגען, האָבן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער ערשט זיך פאַרגונען פונאַנדער־צולאַכן, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן תיכף אַראָפּצונעמען דאָס שלימזלדיקע פּרץ־בילד."

אַ ביסל אין דער זייט פון זיינע זיכרונות וועגן פוילן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, דריי יאָר נאָכן חורבן, איז דאָס קאַפּיטל „אַריינבליק אין דער חורבן־ליטעראַטור" און „אַ ליטעראַטור אין קייטן" (וועגן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד), און נאָך אייניקע עסייען וועגן פאַרשטאָרבענע יידישע שריי־בערס, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיטן נאָמען פונעם בוך.

דאָס בוך איז געשריבן לייכט, פּאָפּולער, אינעם נוסח פון זאַק'ס פריִערדיקע זיכרונות און מיט אַ סך ליבשאַפט און פאַרגעבונג צו חברים וואָס זיינען גע־

שטרויכלט געוואָרן מיט צו פיל „גלויבן” אינעם „שטערן פון מזרח” — דאָס איז אויך אין סטיל פון זאַק׳ס באַקאַנטער מענטשלעכקייט און הומאַניזם.

פאַראַן אַ טראָפּן רכילות, אָבער אין אַזאַ פריינדלעכן טאָן, און אַן בייזקייט, אַז קיינער קאָן זיך נישט באַליידיקן.

II

„אויף שטילע וועגן”

אַברהם זאַק איז מיט זיינע דרייסיק ביכער אַזוי באַקאַנט מיט זיין שטילן וועג אין דער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע, אַז ער דאַרף גאָרנישט אונטערשטרייכן מיט אַ ספּעציעלן נאָמען פון בוך „אויף שטילע וועגן”, צו וויסן, אַז אויך אין דעם בוך, וועט דער לייענער אַריינאָטעמען אין זיך אַ סך וואָס איז אַזוי ווייט פון שטילקייט. ער קוקט אויף די געשעענישן אַרום אים מיט אַן אייביקייט־בליק און נעמט פאַר זיך אַ ביישפּיל די הויך־הויכע בערג

... בן אָדם, קום לערן זיך פריידן און שווייגן —
די אייביקע געטלעכע שפּראַך.
ד׳ טויזנטער יאָריקע זקנים — זיי וויסן,
זיי קאָנען דערציילן אַ סך.

... זיי וויסן די זקנים פון לעבנס, פון קאַמפן;
די מילבן — אין אייביקער שלאַכט.
נאָר ס׳שווייגן די ריזן, ווי עדות ווי שטומע
אין אייביקייט תמיד פאַרטראַכט.

אַברהם זאַק האָט אַ סך מיטגעמאַכט אין זיין לעבן, אָנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווי אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער צאַרישער אַרמיי און אַפילו אַרויסגעגעבן אַ גוט אָנגעשריבן בוך זכרונות „אונטער די פליגל פון טויט”, וואָס האָט אויסגעהאַלטן גאַנצע דריי אויפלאַגעס און איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש און דערשינען אין מאָסקווע אין 1930. געווען פאַרשיקט אין סיביר בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און אָנגעשריבן דאָס באַרימט געוואָרענע בוך „קנעכט זיינען מיר געווען”, וואָס איז איינס פון די סאַמע בעסטע ביכער, וואָס שילדערט די סאָוועטישע לאַגערן (פרעמירט מיט דער למד־פרעמיע). געשריבן עסייען, איי־בערזעצט אַ סך פון דער רוסישער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן פיל ביכער, זאַמלונ־גען, און אומעטום דערקענט איר דעם שאַרפן איינפלוס פון דער קלאַסישער רוסי־שער ליטעראַטור.

זאַק האָט זיכער געלייענט אַלע ליטעראַטורן אין דער וועלט און מאָדערנע פּאָעזיע און פּראָזע אויך, אָבער ער איז בכיוון געבליבן ביים אַלטן קלאַסישן נוסח סיי אין דער פּאָעזיע סיי אין דער פּראָזע.

אין דער פּאָעזיע דאָמינירט דער אײַנפלוס פון פּושקין, לערמאַנטאָוו, טיוטשעוו, סאָלאָגוב. אין דער פּראָזע — טשעכאָוו, קופּרין, מאַקסים גאָרקי.

אַברהם זאַק האָט אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זײַן באַקאַנטסטן חבר לייב נײַדוס, וועמעס פּאַרדינסטן פּאַרן באַנײַען די פֿאָרעם אין אונדזער פּאָעזיע איז נישט אָפּצו־שאַצן. ער איז געשטאָרבן זייער יונג און ווען נישט אַברהם זאַק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זײַנע כּתב־ידן, זיי סעגרעגירט און אַרויסגעגעבן אין פינף בענד מיט אַן אויסגעצייכנטער הקדמה, וואָלטן מיר נישט געהאַט נײַדוסן. און אינ־טערעסאַנט: נײַדוסן האָט געצויגן אויך צו דער פּאָעזיע אין פראַנצייזיש, פון וועל־כער ער איז באַאײַנפלוסט געוואָרן פונקט אַזוי ווי פון דער רוסישער פּאָעזיע. אַברהם זאַק האָט אָנגעהויבן און געבליבן אַ געטרײַער תלמיד פון דער רוסישער קלאַסישער שולע.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַברהם זאַקן, דעם פּאָעט־ליריקער, דאָס ליד אַ „קאַרשנבוים", וואָס איז געשריבן געוואָרן שוין אין 1967, אָבער עס פאַר־מאָגט אין זיך אַלע יענע סענטימענטן און די געדעמפּטקייט פונעם רוסישן קלאַ־סישן לירישן ליד. ער זעט, אין דעם פאַל, אַ בליִענדיקן קאַרשנבוים און דאָס פירט אים צוריק צו די זכרונות פון אַמאָל:

כ'האָב הײַנט געזען אַ קאַרשנבוים אין ווייסן בליִען, —
אין אַ צעגרינדער ווילע בלויז איין קאַרשנבוים,
און ס'האָט דער אַראָמאַט אין עבר מיך פאַרטראָגן,
צום גערטל היימישן, וואָס לעבט נאָך אין מײַן טרוים.

צו יענעם גערטל פון מײַן אַלטער גוטער באָבען
וואָס רוט שוין לאַנג אונטער אַ שטיין אויף „גוטן אָרט".
אַוודאי איצטער פאַשען זיך שוין דאָרטן ציגן
און ס'קליינגט נישט אלול־צײַט שוין קיין „אל מלא" דאָרט.

ווײַל אַלע יידן דאָך אַוועק צו דער עקידה,
און שטעטל איז געבליבן אָן אַ סימן ייִד.
איז ווייס איך נישט וואָס איז מיט יענעם בוים געוואָרן
וואָס האָט אַמאָל פאַר מיר אין ווײַסן זיך צעבליט.

כ'האָב הײַנט געזען איין קאַרשנבוים אין סאַמע בליִען —
אין ווײַסן בלי, וואָס האָט אַזוי פיל מיר דערמאָנט.
אַ גאַנצע וועלט פאַר מיר איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען,
געשטאַלטן, וואָס געווען מיר אַזוי ליב און נאָנט.

און מיטן זעלבן טאָן אַן איבערצושרײַען זיך אַליין און אַנדערע, דריקט ער אויס זײַן ווייטיק אויף דער רציחה איבער די ייִדישע שרײַבערס אין רוסלאַנד, וועלכע מען האָט אומגעבראַכט דעם 12טן אויגוסט 1952, און וועגן זײַנע אייגענע לײַדן אין די פאַרשנייטע פראַסטיקע טײַגעס אויף שקלאַפן־אַרבעט. און וועגן דאָס משוגענע אויסשעכטעניש אויף דער וועלט, און צוריק צו זײַן שטעטעלע אַמדור, און אַן עלעגיע וועגן גראָדנע. און ווער זאָל שרײַבן קינדער־לידער אויב נישט

דער נאָך אַלע טראַגעדיעס געבליבענער פּאָעט, וואָס איז ביז הײַנט צו טאָג נאָך אַלץ אין זײַן נשמה גוט און ריין ווי אַ קינד? האָבן מיר טאַקע אינעם בוך אַ שיינעם ציקל קינדער־לידער, וואָס אויב זיי בליצן נישט מיט קיין מעטאַפֿאָריק, זײַנען זיי אָבער זייער פּשוט און צוגענגלעך פֿאַרן קינד און שול.

אונדזער פּאָעזיע האָט שוין ביז איצט אַזוי פֿיל אויפֿטווּנגען און גײַקייטן אין דער שפּראַך, פֿאָרעם און אינהאַלט, אַז מיר מעגן פֿאַרדייען צו מאָל אַ פּאָעט, זײַן אייגענעם וועג, דעם וועג פֿון דער קלאַסישער פֿאָרעם, פֿון פּשוטקייט, עכטקייט, כאָטש ער שעפּט טייל מאָל פֿון דער ערשטער שטימונג; אָבער דאָס איז נישט קיין פּרימיטיווער שרײַבער, נאָר אַ פּאָעט וואָס איז דווקא באַקאַנט מיט אַלע פּאָעטישע שולעס אין דער וועלט און קלאַמערט זיך דאָך אײַנגעשפּאַרט אין דער קלאַסישער שולע.

III

אַברהם זאַק — דער ליריקער

(„פֿון אַלע מײַנע יאָרן״ — אַנטאָלאָגיע פֿון מײַנע לידער און פּאָעמעס).

אַברהם זאַק, דער טאַלאַנטירטער פּילזײַטיקער פּאָעט, פּראָזע־שרײַבער, איבער־זעצער און רעדאַקטאָר, איז פֿון אַלע זײַנע ביכער באַזונדערס באַרימט געוואָרן אין דער וועלט מיט זײַן צוויי־בענדיקן בוך מעמואַרן פֿון די סאָוועטישע לאַגערן „קנעכט זײַנען מיר געווען״. איינס פֿון די בעסטע מעמואַרן־ביכער וועגן די סאָ־וועטישע לאַגערן און פֿאַרשיקונג־פּלעצער. דאָס האָט אַ ביסל געמאַכט פֿאַרגעסן דעם פֿײַנעם, איידעלן ליריקער אַברהם זאַק, וואָס איז אָריגינעל אויף זײַן שטײַ־גער, כאָטש ער האַלט זיך בײַם קלאַסישן נוסח און פֿאָרעם פֿון ליד, אָבער ער חזרט זיך נישט איבער. ער איז זייער פּשוט און פֿאַרשטענדלעך, אָבער ער לאָזט שטענדיק עפּעס צו הערן.

דער נאָענטסטער חבר פֿון לייב נײַדוס, דעם ערשטן פֿאָרעם־ווירטואָז אין דער ייִדישער פּאָעזיע, דער נאָענטסטער חבר און אַרויסגעבער פֿון נײַדוסעס ווערק נאָך זײַן טויט, איז ער נישט פֿאַרבליבט צו פֿיל פֿון בלויז פֿאָרמעלע אײַנפֿאַלן, שפּראַך־קאָמבינאַציעס און פֿערזן־קלאַמערונג ווי יענער. ער טראַכט מער וועגן געפֿיל און געדאַנק פֿון זײַן פֿערז.

„פֿון אַלע מײַנע יאָרן״ איז רײַך אין טעמאַטיק; פֿונעם ריין־אינדיווידועלן ליד ביזן ליד פֿון פֿאַרשיקונג אין רוסלאַנד, חורבן פּוילן און מדינת ישׂראל.

זײַן לירישער טאָן איז זייער ענלעך צום צאַרטן ניגון פֿון דוד איינהאָרן, אָבער דאָך איז עס אַ באַזונדער אייגנאַרטיקער וועג, כאָטש דו פֿילסט בײַביידן די השפּעה פֿון דער אויסגעצייכנטער רוסישער קלאַסישער ליריק, איבערהויפּט לערמאָנטאָוו.

אַ מוסטער פֿון זאַק׳ס אינדיווידועלן ליד (די ערשטע סטראָפֿע):

פלאָנטער אײַן

פלאָנטער אײַן די דינע פינגער
אין מײַנע האָר, צעשויבערט ווילד,
ס׳וועט די משא ווערן גרינגער,
דער טרויער ווערן ווער געשטילט.

כ׳וויל פאַרגעסן וואָס געוועזן,
איך וויל פאַרגעסן וואָס ס׳דערוואַרט ;
זאָל פאַרכישופן מײַן וועזן
דײַן יעדער פינגער־גלעט, שטיל, צאַרט.

וועגן חורבן־פוילן זײַנען בײַ אים דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע ציקלען שטאַרקע לידער. מיר וועלן ציטירן אײנס: „כ׳וואָלט וועלן תפילה טאָן”. דער צאַרטער פּאָעט אין אים ווערט אַ בונטאַר, ווי איוב, קעגן גאָט אַליין:

כ׳וואָלט וועלן תפילה טאָן, כ״וואָלט וועלן זײַן מתפלל
פאַר גוטער פרומער מאַמע און פאַר קינד ;
נאָר כביכול האָט אַליין זײַן טראָן פאַרלאָזן
און זוכט פאַרגעבונג פאַר זײַן אייגן זינד.

זייער רײַך איז דער ציקל פון ישראל. יעדער פלאַץ דערמאָנט אים אין חומש, ער פילט זיך אין דער היים און וויל נישט זען די שוועריקייטן. און דאָך וואָלט איך אויסגעקליבן זײַנע שטילע, יחידותדיקע, צאַרטע לידער פאַר די בעסטע.

— — — — — — — — — — — — —

שרײַבער אין וואַרשעווער געטאָ
גייען צום אומשלאַג־פלאַץ

אין ערשטער שורה רעכטס: יחיאל האָפּער, איציק מאַנגער,
אפרים קאַגאַנאָווסקי, בער מאַרק, אַברהם זאַק.

ל. דאַמאַנקעוויטש

מה רעש, אַברהם זאַק?

אַט האָבן מיר ווידער די פרייד און די זכיה צו באַקומען פון אײַך אַ נײַ בוך לידער און פּאָעמעס, וואָס אָטעמען מיט יוגנט און האַפּערדיקייט, מיט ריטמען, מיט קלאַנגען, וואָס פּאַסן זיך טאַקע פאַר אַ פּאָעט אין זײַן פולער שעפערישקייט. אַזוי האָב איך געפונען דעם גרעסטן טייל לידער. און אַז מען ברענגט אַרויס פאַרן עולם אַזעלכע געזאַנגען אין די רײַפע יאָרן, ווי מיר לייענען אין דער דאַזיקער נײַער זאַמלונג אײַערע, וואָס איר האָט באַקרוינט מיט אַזאַ אײדעלן זאַנפטיקן און שטי־מונגספולן נאָמען: „אויף שטילע וועגן״ איז עס דער בעסטער סימן אַז דער בוים גרינט נאָך און אַז זײַן געצווײַג באַצירט בשפע און רחבותדיק אויף אײַערע איצ־טיקע שטילע פּאָעטישע וועגן, און אַז די אומגעזעענע יוסטע וואָרצלען פון דעם דאָזיקן בוים, ציִען זייערע זאַפטן פון געזונטע קוואַלן. אמת, עס איז פאַראַן אַ סך אומעט און בענקשאַפט צו די פאַרגאַנגענע יאָרן, אין די לידער פון אײַערע שטילע וועגן. פּאַסט זיך דאָך אומעט פאַר פּאָעטן און פאַרליבטע, איבערהויפּט פאַר אַ ראָמאַנטישן פּאָעט, וועלכער האָט נישט מורא צוליב זײַן ראָמאַנטיזם, נישט צו זײַן מאָדערן. ראָמאַנטיק ליבע, אומעט, זײַנען די שטענדיקע אַטריבוטן פון דער פּאָע־זיע. און מיר געפינען אויך האַפּערדיקייט אין דעם שיינעם ליד: „צעזונגענע כוואַ־ליעס״ און מחמת דאָס ליד איז אַ קורץ, וועלן מיר עס ציטירן אין זײַן אינטע־גראַליטעט; איך האָף, אַז עס וועט אײַך הנאה טאָן:

און ווידער אַ בלויקייט פון ים און פון הימל,
און ווידער אַ מעוועס־געפלאַטער בײַם ברעג;
די זאַמדן וואָס בריִען, די פרויען וואָס בליִען,
דער רייץ פון אַמאָליקע זוניקע טעג.

עס רופן דיך, לאָקן דיך שוימיקע כוואַליעס,
די פרויען־געלעכטערס אין רויש פונעם ים;
עס רעדן די לײַבער פון טיפע באַגערן,
די אויגן, די ליפּן — פון תאוושן פלאַם.

פאַרגעסט אין די רגעס אָן לאַסט פון די יאָרן,
ביסט אויכעט אַ גאַסט אויף דעם יום־טוב פון פרייד.
דער הימל, דער ים, די צעזונגענע כוואַליעס —
פאַר אַלעמען גלײַך איז דער יום־טוב געגרייט — — —

דאָס אויבן ציטירטע ליד האָט איר דאָך אָנגעשריבן אין יאָר 1968, אין מאַר־דעל־פּלאַטאַ, אַרגענטינע, ווו עס געפינט זיך זײַט נאָך דער מלחמה אײַער דיכטע־רישע היים, און אײַער עפעקטיווע היים.

און וויפל לעבנס־חכמה איז דאָ אינעם ליד „סך־הכלען״. אַ קלוג פּאָעטישער

סך־הכל, פון וועלכן יעדער פאַרנונפטיקער מענטש האָט אַ סך צו לערנען. און זאָגן זאָגט איר אין דאָזיקן ליד אַז איר ווילט ב״י־ש״ט אונטערצי׳ען קיין סך־הכלען, נאָר אַז מען דאַרף לאָזן גיין דאָס לעבן, ווי עס גייט, ווײַל קיין אַנדערע ברירה איז סײַ ווי נישט פאַראַן, דאַרף מען געניסן פון יעדער גוטער רגע. אָבער דער ווי אַזוי אײַערער מוז דאָ אַנטפּלעקט ווערן:

שלינג, אָטעם טיף אַרײַן די אַראָמאַטן
פון יעדן בוים, פון בלימעלע אין פעלד.
און זינג אַ שבח מיט שמעטערלינג צוזאַמען,
וואָס נאָר איין טאָג בײַ אים די גאַנצע וועלט — — —

ליבער דיכטער אַברהם זאַק, וואָס וואָלטן מיר געקענט טאָן, ווען עס פאַלט חלילה אײַן דעם רבונו של עולם אונדז צו באַשאַפן, אַנשטאָט מענטשלעכע בשר ודמס, לאָמיר זאָגן, אַזעלכע ברואים, ווי אײַערע שמעטערלינגען? ווי אַזוי וואָלטן מיר אין דעם פאַל אויסגעזען? פון וואַנען וואָלט איר, איך בעט אײַך איבער, ר׳ אַברהם זאַק, גענומען צײַט אויפצושטעלן אַזעלכע עטלעכע און דרײַסיק בנינים, ווי עס זײַנען אײַערע עטלעכע און דרײַסיק ספרים? זיי, די שמעטערלינגען, האָבן אפשר, לויט זייער צײַט־אויסמעסט, גענוג זייער איינעם טאָג וואָס „איז זייער גאַנצע וועלט״ אויף אויסצופלאַטערן זייערע דרײַסיק פלאַטערנדיקע ווערק, אפשר? (אויב פאַרשטייט זיך, ס׳געפינען זיך צווישן זיי פּאָעטן־פלאַטערלעך). כ׳בין גאָר־נישט זיכער, צי זיי זעען אונדז אַפילו, זיי, די פילפאַרביקע, שטענדיק פאַרנומענע

יידישע שרײַבער אין פּאַריז באַגלייטן אַברהם זאַקן אויף גאַר סען לאַזאַר בײַ זײַן אָפּפאָר קיין אַרגענטינע.
פון רעכטס: ל. דאָמאַנקעוויטש, ל. אייכענראַנד, משה וואַלדמאַן, ח. ל. פוקס, פערל האַלטער, אַברהם זאַק, ב. קוטשער און פרוי, ישראל אַשענדאָרף, צבי ראַיאַק, אַברהם שולמאַן.

מיט זייער אומאויפהערלעכן פלאַטער. מיר עקסיסטירן אפשר בכלל נישט לויט זייערע אָפּטישע און צײַט־השגות. אָבער פאַרענדיקן מוזן מיר מיט אַ שלאָ עשׂני שמעטערלינג. די דאָזיקע קליינע דיגרעסיע, ווײַל אַ מענטש צו זײַן איז אויך נישט שלעכט, כאָטש אין מאָמענטן פון נסיונות קען עס אָנקומען שווער.

אײַער כסדר וועלן אַנטלויפן פון דער רעאַליטעט צו חלום איז דאָך אײַער פּאָעטישער דרך און אײַערע לעגיטימע רעכט פון אַ דיכטער. און אײַער תפילה אײַך „אײַנצוויקלען" אין חלום רופן אַרויס וויזיע פון כהנים פאַרוויקלטע אין טליתים בײַם דוכענען.

יעדער נײַער פרילינג פאַרשיכורט אײַך אויף ס׳נײַ און רופט בײַ אײַך אַרויס פרילינג־אַסאָציאַציעס פון די יונגע יאָרן. אײַער ליריק איז געבליבן פריש און זאַפטיק. אָבער אַמטרײַסטן זײַט איר געבליבן, פון אַלע פיר סעזאָנען, דער עיקר דעם פרילינג. פאַר אים האָט איר רעזערווירט די שענסטע שבחים.

דאָס בינטל קינדער־לידער וויעט מיט מחיהדיקער פרישקייט ווי אַ פרילינג־ווינטל, וואָס פרישט אָפּ דאָס געמיט, נאָך דעם ווי מען האָט אַדורכגעלייענט די איבעריקע ציקלען פונעם בוך, ווו עס דאָמינירן פעסימיזם, יאוש און אָפּט אויך פאַרצווייפלונג. דאָרט געפינען מיר אַ ריי לידער מיט נעמען ווי: „ס׳איז זיקנה אַ תפיסה", „דײַן וועלט ווערט פוסטער", „די בלעטער־יאָרן", „שוואַרצע רעמלעך", „וואָס וועט זײַן", „פאַרבײַגעפלויגן". אויך אַ מעלאַנכאָליש ליד וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און די אומגעבראַכטע קינדער, און אויך אַ דערמאָנונג פון אַ תפיסה־צעלע, אין וועלכער איר האָט געשמאַכט „אין קלעם פון רויטן האָטענטאָט".

עס איז אויך דאָ אַ ליד געווידמעט דעם אומקום פון די „צוויי ליכטיקע זיילן", וואָס אַזוי רופט איר אָן ישׂראל צינבערג און שמעון דובנאָוו; ביידע זײַנען אומגעקומען ווי קדושים. אמת, נישט פון זעלבן מערדער:

אַ טײַוול אַ רויטער מיט פּאָן פון „דערלייזער"
פאַרלענדט מיט רציחה האָט איינעם פון זיי...
העט ערגעץ פאַרוואָרפן אין וויסטע מרחקים,
ווו ס׳שמאַכטן קרבנות, ווו ימים פון שניי...

אַ טײַוול אַ „ברוינער" פאַרלענדט האָט דעם צווייטן,
מיט מחנה פון קדושים אין קאַמער פון גאַז.
מיט שטאָלץ ר׳איז געגאַנגען פון געטאָ מיט יידן
צום אומקום, געטריבן דורך רוצחים מיט שפּאָס.

אָבער אײַער געזונטער לעבנס־אינסטינקט איז גובר אַלע פּײַנען און מיט פרייד שטעלן מיר פעסט אַז אײַער קוראַזש איז געבליבן גאַנץ. אײַער מוט איז אַרויס אומבאַרירט פון אַלע אײַערע לײַדן און שווערע דערפאַרונגען בעת דער מלחמה־צײַט. מיר דערוואַרטן אײַערע ווײַטערדיקע לידער און טרײַע אײַער באַליבטן קלאַסישן נוסח. דעריבער רוף איך דעם איצטיקן מאמר „מה רעש, אַברהם זאַק?" צוליב אײַער קלאָגן אויפן גורל פון מענטש. עס האַלט גאָר נישט אַזוי שלעכט מיט אים, און איר ווייסט עס גוט. מה רעש?

(„ישׂראל־שטימע", תל־אָביב 1972)

י. האַרן

I

אַברהם זאַק באַקומען די לאַמעד־פּרעמיע

ווי די ייִדישע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט מודיע געווען, איז די לויִס לאַמעד־פּרעמיע פאַרן יאָר 1958 צוגעטיילט געוואָרן, ווי אַלע יאָר, פאַר ביכער אין ייִדיש און פאַר ביכער אין העברעיִש.

די פּרעמיעס פאַר פּראָזע אין ייִדיש האָבן באַקומען אַברהם זאַק פאַר זיינע צוויי בענד „אויף שליאַכן פון הפקר" און י. מעצקער פאַר זיין בוך „גאָטס באַשעפענישן".

פאַר העברעיִשע ביכער זיינען פּרעמירט געוואָרן בנימין רעסלער פאַר זיין בוך „נחלת צבי" און חיים בראַנדווײַן פאַר זיין בוך „בחצרות ירושלים". די פּרעמיע פאַר פּאָעזיע איז צוגעטיילט געוואָרן צו מ. שטיקער פאַר זיין בוך לידער „ייִדישע לאַנדשאַפט". די זשורי איז באַשטאַנען פון יצחק באַשעוויס, איציק מאַנגער און פּראָפעסאָר צבי שאַרפשטיין. פאָרזיצער פון דעם לויִס לאַמעד־פאָנד, וואָס עקסיסטירט שוין 19 יאָר איז היינט ד"ר שמואל מאַרגאָשעס.

אַברהם זאַק, דער דיכטער, האָט אָנגעהויבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז גלייך אַרײַן אין דער ליטעראַטור. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין „אונטער די פליגל פון טויט" האָט עס אויסגעהאַלטן אַ ריי אויפלאַגעס און דאָס בוך איז אַוועק איבער דער וועלט. זיין ערשט בוך „אַקאָרדן" איז דערשינען אין גראָדנע, אין 1918 און פאַר זיינע ביכער „אויף די שליאַכן פון הפקר" וואָס זיינען דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס, אין פאַרלאַג „ייִדבוך" אין 1958 האָט דער מחבר באַקומען צוגעטיילט די לויִס לאַמעד־פּרעמיע, וואָס איז זייער אַ חשובע אויסצייכענונג.

מ'דאַרף נישט זאָגן אָנערקענונג צו אַ שרייבער, וואָס האָט שוין געשאַפן פיל ביכער: פּאָעזיע, מעמוּאַרן, איבערגעזעצט אַ ריי ווערק און באַקומען אַ ריי ליטעראַרישע פּרעמיעס.

אַברהם זאַק מאַכט נישט קיין קונצן אינעם שרייבן, נאָר ער שרייבט אינטים, פּשוט, וואָס ווירקט און ווערט אויפגענומען. אַזוי זיינע לידער, אַזוי זיין פּראָזע און זיינע מעמוּאַרן.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַר וואָס שוין דאָס דריטע מאָל ווי אַברהם זאַק'ס ביכער באַקומען ליטעראַרישע פּרעמיעס און דאָס בלויז אין די לעצטע יאָרן.

אַברהם זאַק האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערציילן ווי „אַ וועלט גייט אונטער". די טרילאָגיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט „וואַרשע 1939" וואָס איז אַרײַן אינעם בוך „אין אומרו פון יאָרן", וואָס איז דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס אין פאַרלאַג „ייִד־

בוך", אין 1954 און האָט שפּעטער באַקומען אַ פּרעמיע פון „מרדכי סטאָליאַר"־פאָנד ביי „די אידישע צייטונג".

אין 1956 זיינען אין היגן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" דערשינען צוויי בענד „קנעכט זיינען מיר געווען", וואָס זיינען שפּעטער אויסגעצייכנט געוואָרן פונעם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

„קנעכט זיינען מיר געווען" איז געאַנגען אין המשכים אן „די אידישע צייטונג", „פאָרווערטס", „קאַנאַדער אָדלער" און „נייער מאָמענט" און די ייִדישע וועלט איז געוואויר געוואָרן וואָס סאָוועט־רוסלאַנד איז, ווי אַזוי מ'ווערט דאָרט געפּייניקט.

און „אויף שליאַכן פון הפקר", די לעצטע טייל פון דער טרילאָגיע „אַ וועלט גייט אונטער", דערשינען אין פאַרגאַנגענעם יאָר, האָט באַקומען די לוי"ס לאַמעד־פּרעמיע.

אַזעלכע ביכער זיינען ראוי צו ווערן אויסגעצייכנט, פּרעמירט, ווייל זיי העלפן באַשיידן און דערזען די צייט, אין וועלכער מיר לעבן; דעקן אויף די ביטערנישן און פאַרפּוילטקייט פון אַ רעזשים, וואָס איז געקומען ברענגען פריי־הייט דעם כלל און דעם יחיד.

„ס'איז מיר נאָך באַשערט געווען — זאָגט דער מחבר אין זיין אַריינפיר — צו פאַרזוכן אויך דעם טעם פונעם סאָוועטישן „גליקלעכן לעבן" אויף דער פריי, פינף יאָר נאָכן קאָנצלאַגער איז אים נאָך אויסגעקומען צו וואַנגעטירן אין די פאַרשיידענע סאָוועטישע רעפּובליקן אויפן ווייטן דרום און אין דרום־אוראַל. על־פּי רוב איז עס געווען אַ בראַדיאַגיש, אַ נע־ונד־לעבן אין כסדרדיקע פּלאָגענישן און מאַטערנישן; אין הונגער און קעלט; אין וויסטער הימלאָזיקייט און שמוץ; אין לאַכעס און טראַנטעס; ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט".

„דאָס ערגסטע — זאָגט אַ. זאַק ווייטער, וואָס ער האָט אויף זיינע וואָגלענישן געזען — איז די ירידה פון מענטש. די מענטשלעכע אַנטווערטונג".

און ער שילדערט בילדער, ווייזט מענטשן אין זייער פולער גייסטיקער און מענטשלעכער ירידה, אין רעזולטאַט פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. דער מחבר פון „קנעכט זיינען מיר געווען" און „אויף שליאַכן פון הפקר" נעמט דעם לייענער מיט זיך, פירט אים נישט, נאָר לאָזט אים זען דעם מענטש, סביבות, דאָס לעבן, נישט נאָר ווי אַ טוריסט וועמען מ'ווייזט בלויז דאָס שיינע. איז עס אַ וויכטיקער אויפטו און פאַר אַזאַ שרייבערישער דערגרייכונג קומט אַ פּרעמיע.

נאָכן חורבן איז אַברהם זאַק געווען אין פּוילן, באַזוכט ישראל, געוווינט אין פּאַריז און קרוב 7 יאָר לעבט ער אין בוענאָס־איירעס. צי האָט ער מנוחה, לעבט ער זיך אויס אין בוענאָס־איירעס? איינס איז אָבער באַקאַנט, אַז ער איז זייער אַרבעטזאַם און ער האָט נאָך פיל צו דערציילן. נאָר הלוואי זאָל ער נישט בלויז האָבן צו דערציילן פון „אַ וועלט וואָס גייט אונטער" נאָר פון אַ וועלט וואָס „גייט אויף".

ווען די ביכער „אויף שליאַכן פון הפקר" זיינען דערשינען האָט דער מחבר פון די שורות געשריבן אין „די אידישע צייטונג". עס איז דעריבער איצט פּאַר

מיר אַ באַזונדערע פרייד צו באַגריסן דעם שרײַבער, פרײַנד אַברהם זאַק, צו זײַן פּרעמירט ווערן פון לויס לאַמעד־פאָנד.

II

ווען אַ שרײַבער האָט אַ ביסל פרייד

(אַרום אַברהם זאַקס אַ בוך אין שפּאַניש: „כימען לאָס באָסקעס סיבעריאַנאָס“)

היות עס טרעפט בײַ מיר דאָס ערשטע מאָל, ווילט זיך וועגן דעם דערציילן: מײַנער אַ שכן, אַ פּענסיאָנירטער אַרגענטינער לערער, האָט מיך געפרעגט צי האָב איך נישט אַ מאָל דאָס בוך פון אַברהם זאַק: „כימען לאָס באָסקעס סיבעריאַנאָס“.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — איך קאָן עס אײַך באָרגן צו יעדער צײַט.

דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך אין דעם מאָמענט געפילט אַ ביסל געשמייכלט פון דעם, וואָס דער געוועזענער אַרגענטינער מיטלשול־לערער, אַ שטענדיקער לייענער פון „לאַ פּרענסאַ“ וויל לייענען אַ בוך פון אַ ייִדישן מחבר, וואָס ער דערציילט וועגן סאָוועט־רוסלאַנד.

עס האָט געדויערט געציילטע מינוטן און דער לערער האָט אַרויסגעבראַכט, אַז דעם אינטערעס צו דעם בוך האָט אין אים אַרויסגערופן די „לאַ פּרענסאַ“, וואָס ער לייענט אַלע יאָרן.

אַזוי ווי עס איז אין דער ביבליאָגראַפישער טייל — אין אַ זונטיק־נומער — געווען אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם בוך „כימען לאָס באָסקעס סיבעריאַנאָס“ און אין

אַברהם זאַק און זײַן פרוי פּאַני (פון רעכטס) מיט אירע צוויי גראָדנער־חברטעס פון וואַרשע און בריסעל, אין מאַנטאָן (פראַנצייזישע ריוויעראַ) אין 1965 בײַם צוריקקער פון ישראל.

איניקע טעג נאָך דעם איז אין „לאַ פּרענסאַ" דערשינען אַן אויפקלערונג פון מחבר פון בוך — אין שײַכות מיט אַ שרײַענדיקן לאַפּסוס אין דער אָפּשאַצונג — אינ־טערעסירט אים דער ענין.

אויסער אָפּשאַצונגען אין אונדזערע היגע יידישע צײַטונגען, יידיש־שפּאַנישע זשורנאַלן, האָבן חוץ „לאַ פּרענסאַ" געבראַכט אָפּהאַנדלונגען וועגן אַברהם זאַק'ס בוך: „כימען לאַס באָסקעס סיבעריאַנאָס" די טאָגצײַטונג „קלאַרין", „לאַ קאַפּיטאַל" פון ראָזאַריאָ א"אַ.

דאָס בוך פון דיכטער, דערציילער, מעמואַריסט אַברהם זאַק איז דערשינען אין דער צוגעפּאַסטער צײַט. מיט אַ פופצן יאָר צוריק איז „קנעכט זײַנען מיר געווען" געדרוקט געוואָרן אין המשכים אין איניקע יידישע טאָגצײַטונגען און אין צוויי בענד, דערשינען אין היגן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום".

וויפל מ'זאָל נישט דערציילן וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, ווי עס זעט אויס דאָס דאָרטיקן לעבן, אַרבעט, שקלאַפן־לאַגערן, תפיסות, פאַרשיקונגען דאָרט, וווּ דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט, איז אַלץ ווייניק.

דער שרײַבער אַברהם זאַק, וואָס איז, ווי ער שרײַבט, אַליין געווען דער קרבן און דער עדות פון די אַלע שוידערן אין דעם לאַנד פון „האַמער און סערפּ" אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געוואָלט צוזאַמען מיט זײַנע אחים־לצרה בלײַבן לעבן כדי צו קאָנען דערציילן דער וועלט וועגן עמק הבכא; וועגן דעם גרויזאַמען פאַרברעך איבער מיליאָנען לעבנס".

צום גליק האָט ער דערלעבט און מיט לערך צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין בוענאָס־אײַרעס, ווו ער איז שרײַבעריש פּראָדוקטיוו און געזעל־שאַפטלעך אַקטיוו.

פאַרשטעלן פאַר די לייענערס פון „די אידישע צײַטונג" ווער עס איז דער שרײַ־בער אַברהם זאַק דאַרף מען נישט, ווײַל זײַנע לידער, עסייען, דערציילונגען, זכרו־נות, וואָס ער פאַרעפנטלעכט, ווערן געלייענט און זיי ריידן פאַר זיך צום קלאָרסטן. פיל לייענערס דערמאָנען זיך אויך מסתמא, אַז אַ ריי אַרבעטן פון אַברהם זאַק זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „די אידישע צײַטונג" נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַז מ'טיטולירט אַברהם זאַק: „זקן הסופרים" וויל ער עס נישט צו אָפט הערן. ער שטאַמט דאָך אַלס שרײַבער פאַרט פון יענער מחנה, וואָס האָט דורכגעמאַכט פרילינג־יאָרן אין יידישן שאַפן: ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, מיט וואָס ער איז פאַרבונדן בלב־ונפש.

אַברהם זאַק דער שרײַבער האָט שוין זײַן אייגנס אַריבער 25 ביכער פון פאַרשיידענע זשאַנערן, און ער איז ביז גאָר שעפעריש עד־היום, וואָס עס פרייט אַלעמען.

מיט צענדליקער יאָרן צוריק איז איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש אַברהם זאַק'ס מעמואַרן־בוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָס הייסט „אונטער די פליגל

פֿון טויט״, וואָס איז אין ייִדיש — אין יענע יאָרן — דערשינען אין אַ ריי אויפֿלאַגעס.

ווי געזאָגט, איז אַברהם זאַק׳ס בוך אין שפּאַניש, אַ טייל פֿון דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין זײַנע ביכער וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, דערשינען אין אַ צוגע־פּאַסטער צײַט, און דאָס האָט מסתמא באַוויגן די „דאַיאַ״ צו ווידמען אירס אַ חודשלעכן מיטאָג לכבוד דעם מחבר פֿון „קנעכט זײַנען מיר געווען״, וואָס הייסט אין שפּאַניש „כימען לאָס באָסקעס סיבעריאַנאָס״.

דער צוזאַמענקום איז געווען זייער אַ פֿײַנער, ווי געהעריק דורכגעפֿירט און עס האָט חלילה נישט „פֿאַרשאַדט״, וואָס נישט בלויז דער מחבר אַברהם זאַק האָט זײַן רעדע געלייענט אין ייִדיש, נאָר אויך די אָפּשאַצונג אין נאָמען פֿון דער דאַיאַ, וואָס עס האָט געגעבן ד״ר אליעזר רובינסאָן, איז געווען אויפֿן אָרט און אין אַ פֿײַנעם ייִדיש.

ווי אַ ייִדישער שרײַבער קאָן אַברהם זאַק זײַן צופֿרידן, וואָס זײַן בוך, איבער־געזעצט אין שפּאַניש, איז אויך דערגאַנגען צו נישט־ייִדן, וואָס שאַצן עס אָפּ ווי געהעריק.

שניאור וואַסערמאַן

I

מיט אָפּגעבריטע פֿינגער

(וועגן „פֿון הייסן אַש״ פֿון אַברהם זאַק)

ס׳איז שווער צו שרײַבן וועגן אַ בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „פֿון הייסן אַש״ און בריט ממש אָפּ די פֿינגער בײַ יעדן בלעטל, וואָס מען מישט איבער. דער לייע־נער (און אַ רעצענזענט איז דאָך קודם־כל אַ לייענער — כאָטש נישט אַלע מאָל...) ווערט אַ מיטבאַטייליקטער אין די איבערלעבונגען, לייענענדיק די דאָזיקע לידער; ער ברענט זיך אָפּ די טריט מיטגייענדיק איבער די אַלע ווײ־ און ווינד־וועגן אויפֿן הייסן אַש.

אַ דיכטער וואָס זאָגט קדיש גלײַכצײַטיק נאָך זײַן אומגעבראַכטער מאַמען און: „קדיש נאָך מײַן „קדיש״ אין אבלים־כדר״ — (אויפֿן וועג פֿון קדושים). אַזאַ דיכ־טער שרײַבט נישט מיט טינט, נאָר מיטן רעשטל ביסל איבערגעבליבענעם בלוט, וואָס פֿליסט נאָך אַלץ אין זײַנע אָדערן, כאָטש ווי אַזוי, ווייסט אַליין נישט דער מחבר:

„מיר דינט נישט מײַן זיכרון״ — (פֿון הייסן אַש).

די קינסטלער פון אונדזער דור און אויך פון די קומענדיקע דורות טראָגן און וועלן טראָגן דאָס הייסע אַש אין זיך, כאָטש אויפן אָרט פון אַש וועט שוין לאַנג בליִען דער פרילינג און אויף די מאַסן־קברים וועלן שוין לאַנג שפּראָצן —

„בלוי און ראָז,
רויט און גרין,
ווייס און געל".

(פרילינג נאָכן חורבן).

אויב די ערשטע אָפּטיילונג, „אויפן וועג פון קדושים", איז דער „איכה" — אונטער פאַרשיידענע נעמען — אויף אונדזער דריטן חורבן, איז די דריטע אָפּטיילונג פון בוך, „אויף דעמער־וועגן" — אָנגעזאַפּט מיט די פילאָסאָפישע „קהלת"־טענער, וועלכע זיינען די אומפאַרמיידלעכע אויסגעצויגענע בין־השמשות־שאָטנס, כמעט ביי יעדן מענטש, ווען ער לאָזט הינטער זיך דעם מיטן טאָג...

די עלעגיע־טענער זיינען אויסער שטח און אויסער צייט; זיי באַציִען זיך צו יעדן מענטש אין זיין בין־השמשות. זיי האָבן אַפילו אין זיך אַן אייגענע שיינקייט, די קאָלירן־רייכקייט פון זונפאַרגאַנג אויפן מערב־ראַנד.

אָבער דער דיכטער וויל זיך נישט טרייסטן מיט דער שקיעה־שיינקייט, מיט איר פּורפּור; ער פילאָסאָפירט, אַז:

„אַט־באַלד — און דער פּורפּור אַלץ בלאַסער ער ווערט,
אַלץ נענטער און נענטער די נאַכט רוקט זיך צו. —
אַזוי אויך דיין גאָלדענער וועג אויף דער ערד,
ווען טאָג דיינס פאַרגייט און עס קומט אָן די רו..."

(גאָלדענער שטעג).

אַן אַנדער טאָן און אַנדערע פאַרבן ברענגט אַברהם זאַק אַריין אין זיין אָפּטיילונג „ייִדישע אַקאָרדן". דאָ האָט אין טייל לידער (אָבער בלויז אין טייל) אָפּגעטראָטן דער קינות־קרעכץ פאַר דער „אָז ישיר"־אָדע פון אונדזערע הייַנטיקע ים־שפּאַלטער:

„דו האָסט זיך איינגעביסן טיף אין פעלדזן און אין שטיינער
מיט הייזער־בלאָקן בלאַנקיקע, מיט שטעט זיך אויסגעשפּרייט.
געשניטן וויסטע, האַרטע בערג, מדבריות אויסגעפלאַסטערט,
מיט גרינקייטן באַצויגן פלאַכקייטן אין לענג און ברייט".

(ישראל).

און אויך די אָדע זיינע צו דער ייִדישער גבורה איז דורכגעשטאָכן מיט אומקום־טראַכטעניש. ער קוקט זיך צו צו דער יום־העצמאות־פייערונג אין ישראל, „ווען ייִדן מאַרשירן" און דורכגענומען פון דער גבורה, טראַכט אָבער דער דיכטער:

„און כ'האָב אין חלום מיר געטראַכט,
שטום קוקנדיק אויף זיי :
ווען ס'וואָלט אין געטאָגראַד אַריין
די ייִדישע אַרמיי..."

און ער קומט צום אויספיר, אַז דער בלוט־חשבון וואָלט אַן אַנדערער געווען.

עס קען אויך אַנדערש נישט זײַן: די אַסאָציאַציעס צווישן חורבן און אויפקום זײַנען די צוויי שטראָמען וואָס גיסן זיך אַרײַן אין יעדן ייִדישן האַרץ און אַוודאי אין דעם דיכטערישן האַרץ, וואָס איז דאָס ברענגלאָז פון די איבערלעבונגען.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך פאַרן דיכטער, וואָס די מייסטע קינות־לידער האָט ער געשריבן גראָד אין זײַן „פאַרוויילונגס־צײַט"; אויף די פאַרשיידענע דאַטשעס אין לאַנד און אין אורוגווײַ. דאָס טיטל־ליד פון בוך, „פון הייסן אַש", איז



אַברהם זאַק

אייל־בילד פון מאָלער בען (פאַריז 1950).

געשריבן געוואָרן אין וואַזשע הערמאָסאָ, 1963. דאָס חורבן־ליד „איך זע זיי אַלע" — אין מאַר דעל פּלאַטאַ א״א.

גראַד דאָרט ווו ער וואָלט באַדאַרפט זיך אויסרוען און פאַרברענגען, שווימען דעם דיכטער קאַפּויער די שרעקלעכסטע חורבן־בילדער און געשטאַלטן. ער קען פון זיי נישט אַנטלויפן, ער קען זיי נישט דערטרינקען אין די שוים־כוואַליעס פון מאַר דעל פּלאַטאַ, ווײַל ער נעמט זיי מיט זיך, אין זיך.

בלויז די אָפּטײלונג „דער בלויער ערגעץ" איז טײלווײַז אַן אָאַזיס נאָך דעם „וועג פון קדושים" און פאַרן אַרויפגיין אויף די „דעמער־וועגן". דאָ רוט זיך דער לייענער אַ ווײַל אָפּ, אָבער בלויז אַ ווײַל, ווײַל עס טרעפט אויך „אין פרילינג", ווען דער דיכטער געניסט פון דער באַנײַטער, צעגרינטער וועלט, זאָל ער אַ פּי־לאָסאָפיר טאָן:

„דאַן טראַכט זיך: אפשר?... אפשר מענטש ווערט אויכעט שענער, בעסער?
און ער מיט שיינקייט און מיט גוטסקייט ווערט באַנײַט?
אַן קרבן און אַן שעכטער גאָר? אַן בלוט, וואָס שרײַט פון ערדן?
ס׳קומט פריד, ווי פאַר אוראַלטער קין־הבל־צײַט?...

(עס טרעפט אין פרילינג).

איז דאָס בוך „פון הייסן אַש" מיט דער האַנט אויפן דופק פון דער צײַט, פון אונדזער ייִדישן דור, אין וועלכן עס האָבן זיך געקרייצט דער סאַמע גרעסטער חורבן מיט דער שענסטער גאולה־רעאַליטעט; און פונקט אַזוי זײַנען די לידער געטרײַ דעם געמיט און די שטימונגען פון דיכטער, וועלכער שאַפט נישט זײַנע לידער לויט דאָגמאַטישע קאַפּיטעס; זײַן טרויער און זײַן טראָפּן פרייד זײַנען נישט קיין דרויסנדיקע, נאָר שטראָמען אין אייגענעם בלוט — און דערפאַר — עכט.

נישט איין מאָל ווערט אַ שעפערישער מענטש געשטרויכלט קעגן זײַן אייגע־נעם ווילן, מיט דער, אָדער אַ צווייטער גרופּן־פילאָסאָפיע און עס באַקומט זיך, אַנשטאָט אמתער געמיט־אויסדרוק — טראַפאַרעט־מלאכה.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט „איבערדיכטונגען" פון אַ צאָל דיכטער פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, 2 לידער פון העברעיִש און איינס פון דײַטש, פון היַינע.

אַגב, זײַנען איבערדיכטונגען און איבערזעצונגען שטענדיק געווען אַ טייל פון אַברהם זאַק׳ס ליטעראַרישער אַרבעט און פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט צווישן זײַנע אַרויסגעגעבענע ביכער.

***

איז דער דיכטער און דערציילער אַברהם זאַק געקומען מיט זײַן בוך „פון הייסן אַש", מיט אַ נײַעם אידלשטיין צום פאָלק, כאָטש ער ווייסט, אַז פאַר די „אידל־שטיינער" טרעפט מען „אין דער גרויער גאַס קאַלטע שטיינער" (צום ברודער — דיכטער) וואָס זײַנען גאָרנישט קיין סטימול פאַרן שעפערישן מענטש, אָבער — קענען דאָך נישט פאַרשטעלן דעם שעפערישן קוואַל, ווײַל:

„עס טראַכט זיך: אפשר וועסטו בלײַבן לעבן אין די ביכער?"

און דאָס טאַקע איז דאָס נוצלעכע פון שעפערישן מענטש: פאַר די „קאַלטע שטיינער פון דער גאַס" — אָפּצאַלן מיט „איידלשטיינער" — דערצו איז דער שע־פערישער מענטש געבוירן געוואָרן.

אויגוסט 1967

II

פון „אַקאָרדן" ביז „אויף שטילע וועגן"

(רעדע געהאַלטן בעת דער פײַערונג צום דערשײַנען פונעם בוך „אויף שטילע וועגן")

דער פיל־זשאַנערדיקער שרײַבער אַברהם זאַק איז באַרײַכערט געוואָרן מיט נאָך אַ פּאָעטיש ווערק — דאָס 28סטע פון זינט זײַן ערשטן בוך „אַקאָרדן" וואָס איז דערשינען אין גראָדנע, אין יאָר 1918. דאָס 28סטע בוך, וואָס איז דער מאָטיוו פון דער הײַנטיקער באַערונג פאַרן מחבר, הייסט: „אויף שטילע וועגן".

צווישן „אַקאָרדן" און „שטילע וועגן" ליגט אַ מהלך פון 53 יאָר. פולע און שעפערישע יאָרן, אָבער טראַגישע יאָרן, בלוטיקע יאָרן.

דערפאַר זײַנען אַברהם זאַק'ס פּערזענלעכע און דיכטערישע וועגן נישט קיין שטילע. דאָס איז אַ וואַנדער „אויף שליאַכן פון הפקר" און אויפן „הייסן אַש".

לויט אַברהם זאַק'ס געמיט אין באַנעמען זיך מיט מענטשן, לויט דער אַט־מאָספער, וואָס ער שאַפט אין דער געזעלשאַפטלעכער און אינטימער סביבה, פּאַסט זיך זייער דער נאָמען „אויף שטילע וועגן" און נאָך ריכטיקער — מיט שטילע טריט. אָבער גאָרנישט שטיל זײַנען זײַנע אויסגעוויטיקטע דיכטערישע און פּראָזע־שורות. עס רינט פון די שורות בלוט פון אונדזער צײַט. בלוט פון 3טן יידישן חורבן, פון וועלכן ער איז אַליין דער קרבן און דער סיסמאָגראַף צו רעגיסטרירן דעם חורבן. ס'איז געוונג צו דערמאָנען בלויז טייל נעמען פון זײַנע חורבן־ביכער, ווי: „מיט אַש אויפן קאָפּ", „יאָרן אין וואַנדער", „צווישן שאָטנס", „פון אַלע נע־ונדן", „קנעכט זײַנען מיר געווען", „אויף שליאַכן פון הפקר", „פון הייסן אַש", „געווען אַ יידיש פוילן" — אַלץ ביכער, קינסטלערישע פּראָטאָקאָלן, אין ליד, דערציילונג און מעמואַרן, פון גרויסן יידישן און וועלט־חורבן.

פאַראַן בײַ דעם שרײַבער־קדוש, דוד בערגעלסאָן אַ דערציילונג „אָן עדות". יענער עדות איז נישט געבענטשט־פאַרשאַלטן מיט קינסטלערישער באַגאַבטקייט, אָבער מיט אַ מענטשלעך געוויסן און דער „עדות" באַרויקט נישט זײַן געוויסן ביז ער פאַרענדיקט נישט דערציילן אַלץ וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט.

אונדזער האַרציקער אַברהם זאַק האָט שוין אַ סך דערציילט אין זײַן היפשער

צאָל ביכער, אָבער נישט אַלץ. דערפֿאַר ווערט דער פּילנדיקער לייענער דערזען די טראַפּנס בלוט, וואָס רינען פֿון אַלע זײַנע שורות, אַרײַנגערעכנט אויך שורות פֿון זײַן איצטיקן בוך, וואָס טראָגט אַזאַ פֿרידלעך־אידילישן נאָמען „אויף שטילע וועגן״. די לעצטע 19 יאָר, זינט די אַטלאַנטיק־כוואַליעס האָבן אונדזער בעל־שמחה, צו־זאַמען מיט נאָך שרײַבערס — מיט אַש אויף די קעפּ — געבראַכט צו די אַרגענ־טינער ברעגן, האָבן אויך זײַן פּען נישט באַרויִקט. גראָד אין דער אַרגענטינער סטעפּישער רחבות, בײַ די צעשוימטע אַטלאַנטיק־כוואַליעס אין מאַר דעל פּלאַטאַ, קומט דעם צעוויטיקט־פּילנדיקן דיכטער קאַפּויער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען און דורכגעלעבט אין די חורבן־יאָרן, נישט נאָר אין ברוינעם מלכות־היטלער, נאָר אויך אינעם רויטן מלכות־סטאַלין.

אָט זײַנען אַ פּאָר שורות, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אונטערן נאָמען „אין מיטן נאַכט״, אין מאַר דעל פּלאַטאַ 1969:

אין מיטן נאַכט, אין מיטן חושך,
אָפֿן מײַנע אויגן.
ערשט זע איך קלערער, זע איך בעסער
אַלץ, וואָס איז פֿאַרפֿלויגן.

איך זע אַ וועלט, וואָס איז שוין חרוב;
וואָס אַוועק אין פֿלאַמען.
איך זע געשטאַלטן, וואָס נישטאָ מער;
כ'זע מײַן שוועסטער, מאַמען.

מיט אַזעלכע איכה־שורות איז פֿול דאָס איצטיקע בוך מיט איבער 100 לידער און פֿול אויך אַלע אַנדערע ביכער זײַנע. דאָס געוויסן פֿון דעם דיכטער־מענטש רופֿט אַרויס שאַרפֿע רעאַקציעס דווקא ווען אַרום אים שפּרייטן זיך פֿרידלעכע פּייסאַזשן און מענטשן טרינקען פֿולע בעכערס ווײַלטאָג. דיכטער און מענטש איז נישט קיין צו אָפּטער זיווג... נישט שטענדיק גייט געפּאָרט טאַלאַנט מיט געוויסן. בײַ אַברהם זאַקן באַשײַנט אויך דער דיכטער זײַן ווערק; דער שאַפֿער באַשײַנט זײַן שאַפֿונג.

די בלוטיקע איבערלעבונגען, די אַנטוישונג אינעם „פּאַטערלאַנד פֿון די פּעל־קער״ האָבן דעם מחבר פֿון די „שטילע וועגן״, צום גליק, דאָך נישט באַרויבט פֿון דעם לעצטן גלויבן אין מענטש. דער „אחרית־הימים״, כאָטש אַ דערוויטערטער, האָט נישט אויפֿגעהערט מיניען פֿאַר זײַן דיכטערישן בליק. דערפֿאַר זײַנען אין זײַנע לידער דאָ, צוזאַמען מיט דעם אָפּקלאַנג פֿון ירמיהוס איכה־טענער, אויך אָפּקלאַנגען פֿון ישעיהוס אחרית־הימים־טענער.

נאָכן שילדערן מיט בלוטיקן סאַרקאַזם אַ סטאַלין־מאָנומענט, אויפֿגעבויט פֿון מיליאָנען מענטשלעכע שאַרבנס, פֿאַרענדיקט דער מחבר זײַן ליד וואָס הייסט: „פּראָיעקט פֿון אַ סטאַלין־דענקמאָל״, מיט אָט די האָפֿענונג־פֿערזן:

„אין דורות ווײַטע, פרײַע וועט מען
צום דענקמאָל קומען אינעם לאַנד;
דערמאָנען וועט מען יענע קנעכטשאַפט,
מיליאָנען טויטן און די שאַנד.

די פרײַע דורות, וואָס דער דיכטער זעט, זײַנען טאַקע נאָך ווײַטע, אָבער ער זעט זיי.

דער דיכטער און פיל־זשאַנערדיקער שרײַבער אַברהם זאַק איז ברייט באַקאַנט אין דער גאַרער יידישער וועלט. זײַן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור איז מיטן ברייטן טראַקט. קאָלעגן שרײַבערס און קריטיקערס זעען אים און שאַצן אים אָפּ. די יעניקע, וואָס האָבן אויך די געלעגנהייט צו זײַן מיטן מחבר פון „די שטילע וועגן" אין שרײַבערישן און אין געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט, געניסן פון זײַן אָנ־ווענזנהייט, פון זײַן — אַן בערדיקער — הדרת־פּנימדיקייט, פון זײַן באַהערשטקייט, פון זײַן אָן־פּניותדיקער באַציִונג צום צווייטן.

איז דער הײַנטיקער פאַרדינטער יום־טוב געווידמעט סײַ דעם דיכטער און סײַ דעם מענטש אַברהם זאַק, וועמענס טאַלאַנט און געוויסן זײַנען אַן אוצר פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

זאָל אויך בײַ דער פײַערלעכער געלעגנהייט באַגריסט ווערן זאַק'ס טרײַע באַגלייטערין פאַניע, וועמען דאָס בוך איז געווידמעט מיט ליבשאַפט.

(„איד' צײַטונג", 19 דעצ' 1971)

ד״ר דוד ספאַרד

דער דיכטערישער וועג פון אַברהם זאַק

דער ראָמאַנטיזם, אין כלל גענומען, קומט אויף אָדער אויף דעם ראַנד פון אַ תקופה, וואָס שטאַרבט אָפּ, אָדער אויף דער שוועל פון אַ נײַ־געבוירענער צײַט. די דאָזיקע אײַנטיילונג איז אין אַ געוויסער מאָס באַדינגלעך, ווײַל זי עקסיסטירט אָפט מאָל מער אין ראָמאַנטיקער גופא, איידער ווי אין דער אָביעקטיווער ווירק־לעכקייט, ווו יעדער סוף פון אַ תקופה טראָגט שוין אין זיך די קערנער פון אַ נײַער און אין יעדן אָנהייב פון אַ נײַער שטעקן נאָך די וואָרצלען פון דער נאָר־וואָס אוועקגייענדיקער. עס ווענדט זיך אין וואָס פאַר אַ ריכטונג דער ראָמאַנטיקער צילט זײַן בליק: צי איז דאָס פאַרגאַנגענע אײַנגעהילט בײַ אים אין אַ ליכט, וואָס זעט אים אויס צו זײַן שלימותדיק, צי, פאַרקערט, בלויז אין דער צוקונפט זעט ער די פאַרווירקלעכונג פון זײַן אידעאַל.

דאָס בשותפותדיקע, אויב אַפילו נישט וועזנטלעכע, וואָס כאַראַקטעריזירט יעדע ראָמאַנטישע באַוועגונג, איז די אומצופרידנקייט מיט דער ווירקלעכקייט, די נעגאַציע פון דער קעגנוואָרט און די שטרעבונג צו אַן אַנדער, שענער לעבן.

אַברהם זאַק געהער צו דער גרופּע דיכטערס, וועלכע זײַנען אויפגעקומען צווישן דער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר און דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

דאָס פאַלן פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אויף דער אַלגעמיינער גאַס און די רדיפות און פּאָגראָמען אויף דער יידישער האָט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, פון וועלכער עס איז צו יענער צײַט געקומען דער גרעס־טער טייל יידישע שרײַבערס, אַרײַנגעטריבן אין אַ צושטאַנד פון יאוש און אומעט. זײַענדיק זייער לויז פאַרבונדן מיטן יידישן אַרבעטער און מיט דער אמתער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי די דאָזיקע שטימונגען זײַנען שנעל געוואָרן באַזיגט, און בישט צושטייענדיק אויך צו דעם אויסגעשפּראָכן בורזשואַזן יידישן שיכט, וועלכער האָט צו יענער צײַט איבערגעלעבט אַ געוויסן אויפשטײַג־מאָמענט, איז דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער יידישער אינטעליגענץ געבליבן שטעקן אין אַ בית־השמשות־אַטמאָספער פון צווישן טאָג און נאַכט.

אַברהם זאַק האָט די שטימונג פון דעם טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין יענע יאָרן געבראַכט צום אויסדרוק אין זײַנע שאַפונגען פון ערשטן פּעריאָד אויף אַ סובטעלן, פּשוטן און אויפריכטיקן אופן, אויפלייזנדיק די אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע אַנטוישונגען אין דער ספערע פון ראָמאַנטישע בענקשאַפטן נאָך אַן אויסערלעך שענערער און אינערלעך ריינערער וועלט.

„ס׳איז שיין יעדער וועג, וואָס פאַרהוילן זײַן סוף,
ס׳איז שיין יעדער ציל, וואָס איז תמיד אין ווײַט״...

דערצו האָט נאָך אויף זאַקן צו יענער צײַט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג די רוסישע ראָמאַנטישע דיכטונג, וועלכע איז געווען אין גאַנצן אונטער דער השפּעה פון בייראָנישן וועלט־שמערץ מיט זײַן פאַראַכטונג צו דער שטאָט און שטאָטישן מענטש און פאַרהערלעכונג פון דער נאַטור און פון דער איינזאַמקייט.

דער בייראָניזם אין זײַן לערמאָנטאָווישער פאַרוייכערטער לירישער פאָרעם געפינט אין יענע יאָרן פון בין־השמשות אַ גוטן באָדן אין דער יידישער ליטע־ראַטור.

אין זאַק׳ס „שטאָט־קאָשמאַרן״ גייט ער אויף דאָ און דאָרט אײַנגעהילט אין דעם סובטעלן אומעט און שטילקייט, מיט וועלכע עס צייכנט זיך בכלל אויס זאַק׳ס דיכטונג.

אַלץ ענגער, ענגער ווערט די שטיינער־שטאָט,
פעסט געשמידט איז די נשמה, ווי אין קייטן,
פאַרשוווּנדן איז פונדאַנען לאַנג שוין גאָט...״

אָדער:

כ׳וועל גיין מײַן וועג אַליין, באַזונדער,
אויף שמאָלער סטעזשקעלע, בײַ זײַט.

אָט די אַלע וועלט־שמערץ־מאָמענטן אין זאַק׳ס דיכטונג זיינען איבערגעפלאָכטן מיט שטילע אומבאַשטימטע אומעטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַזוי דאָס לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין יענע יאָרן:

„עס איז אין מיר איצט בין־השמשות — אָן אַ נאַכט...״

אָדער:

„איך בין אַ צווייגל אָפּגעפליקט פון בוים
דורך עמעצנס אַ האַנט
און כ׳ווייס נישט ווו מיין שטאַם.״

די ערשטע אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה צעטרייסלט די אין גרונט גענומען אידילישע יאוש־שטימונגען אין דער יידישער פּאָעזיע. עס קומט אויף אַ דיכטונג פול מיט בונט און פּראָטעסט, וועלכע ברענגט צום אויסדרוק דעם שטאַרקן דראַנג פון דער יידישער געזעלשאַפט פולער און שענער זיך אויסצולעבן. אויף דער יידישער גאַס גייט אַדורך דער הייסער אָטעם פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ברעכט אויף דעם צודעק פון די בין־השמשותדיקע מרה־שחורהס מיט פאַרשיידנפאַרביקע אינהאַלטן און פאָרמען. אין זאַק׳ס שאַפן נעמט די איבערהאַנט דער רעאַליסטישער עלעמענט, וועלכער איז אויך אין ראָמאַנטישן פּעריאָד געווען אַ וועזנטלעכער באַשטאַנדטייל סיי פון זיין פּראָזע, סיי פון זיין דיכטונג. אַנשטאָט דעם פריערדיקן אַנטלויפן פון שטאָט און דער שטרעבונג צו פאַרבלייבן נאָר מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע טרוימען און בענקשאַפטן, קומט איצט אויף דער ווילן צו געניסן וואָס מער און וואָס שענער פון לעבן. דאָס געפיל, אַז „ווו נאָר ער קומט, לאָזט ער איבער אַ חלום דאָרט״ ווערט פאַרשטעלט פון אַ צווייטן, אַז „קיין מאָל האָט קיין חלום פון די עבר־טעג נאָך נישט געבלענדט ווי דו, אַזוי ווי ערשט...״

אָדער:

„איך האָב אַ פרילינג היינטיקס יאָר,
מיין טרוים פאַרוואַנדלט זיך אין וואָר —
אַדיע, אַ נעכט, אַ טריבע!

(פון בוך „צווישן פיר ווענט״)

אַ גאַנצע ריי נאָוועלן און לידער אויף דער טעמע פון ליבע און לעבנס־געניוס קומט אויף צו יענער צייט ביי זאַקן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פאָלקסטימלעכן טאָן און אוממיטלבאַרער פּשטות. באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די זייער פּלאַסטישע און רעאַליסטישע שטעלונג פון דעם זעלנערישן לעבן אויפן פראָנט א״ב „אונטער די פליגל פון טויט״, וועלכע איז אַרומגענומען מיט אַזאַ שטילן לירישן אומעט.

אָבער אַפילו אין זיינע רעאַליסטישע זאַכן האָט אַברהם זאַק נישט אויפגעהערט צו זיין ראָמאַנטיקער. פון צווישן די שורות פון זיינע לידער און נאָוועלן פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין פלוג לויט זייער טעמאַטיק דעם גאַנצן ענגן אינטערעסן־קרייז פון יידישן קליינבירגער און קליינבירגערלעכן

אינטעליגענט פון יענער צײַט. פון צווישן אַט די שורות קומט אויך אויף דער ראָמאַנטישער טרוימער און בעל־חלומות, וואָס וואַרט אומאויפהערלעך אויף עפּעס נײַס און אַנדערשדיקס, אויף עפּעס שענערס און העכערס:

„קוימענס, קוימענס נאָר און דעכער.
ביזן האָריזאָנט צעשפּרייט.
אַך, אַ פֿלי טאָן העכער, העכער
צו די וואָלקנס שטילערהייט...״

(פון בוך „צווישן פיר ווענט״)

אָבער אַנשטאָט צו פליען העכער, העכער, איז דאָס ייִדישע לעבן אַ פּאַל געטאָן פלוצעם אין אַ תהום פון פינצטערע קאָשמאַרן און שוידערלעכן אונטערגאַנג. דאָס קינסטלערישע וואָרט איז נישט אין שטאַנד איבערצוגעבן מער אַפילו אַ מיליאָן־חלק פון דעם, וואָס עס איז געשען. אַן אויסגעוואָרצלטער און עלנטער, ווײַט פון אַלעמען, מיט טיפער אומאויפהערלעכער בענקשאַפט נאָך זײַן פוילישער היים, האָט אַברהם זאַק זיך דערוווסט וועגן דעם גרויליקן טויט פון זײַן גאַנץ פאָלק, פון זײַן אייגן פערזענלעך לעבן און פון זײַן שיינעם טרוים וועגן מענטש, און זײַן טיפער און איינזאַמער וויטיק זוכט אַן אויסוועג און טרייסט אין זײַן שטענדיקן חבר און באַגלייטער, אין זײַן ליד. און נאָך אויף סאָוועטישער ערד הייבט אָן זאַק זײַן אומ־אויפהערלעך איכה־ליד. זײַן גרויסן קדיש נאָך דעם אומגעקומענעם פוילישן ייִדנטום. הונדערטער לידער האָט זאַק אָנגעשריבן אין משך פון די לעצטע פאָר יאָר, נאָר אַלע זײַנען געווידמעט איינער און דער זעלבער טעמע, דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק פון ייִדישן פאָלק. זאַק קען פון דער טעמע נישט אָוועקגיין:

„איך קען נישט קיין אַנדערן סדר־היום —
פרימאָרגן, בײַ טאָג, צי בײַ נאַכט —
נאָר וואָרשע... נאָר געטאָ... נאָר בלוטיקער תהום...״

זעלטן ווען עס רייסט זיך אַרויס איצט בײַ זאַקן אַ ליבע־ליד און ווען יאָ, איז עס אויך אַ דערינערונג פון אַמאָליקע צײַטן, נאָך זעלטענער אַ ליד, אין וועלכן ער זעט ווידער אויפגיין פרייד און אַ שטרעבונג צו אַ נײַ לעבן, אָדער אַפילו אַ ראָמאַנטישע בענקשאַפט צו אַ געוויסער ענדערונג, אַזוי טיף איז זאַקס וואָרט דורכ־גענומען מיטן וויטיק פון פאָלק, אַזוי טרײַ וויל ער אויסקלאָגן זײַן גרויסע קלאָג. און ער טוט עס מיט פאָלקסטימלעכער פשטות, מיט אוממיטלבאַרן געפיל און אויפ־ריכטיקן, נאָר געצוימטן צער. דערפאַר גייען טאַקע אויף אַלע זײַנע לידער וועגן חורבן און אומקום, ווי די לידער פון פאָלק אַליין.

און דאָך, ווען מען קוקט זיך טיפער אַרײַן אין דעם טונקעלן אומעט פון זאַק׳ס ליד, דערזעט מען דאָרטן די ערשטע שפּראָצן פון נײַע דורכלויכטן, וועלכע וועלן האָפנטלעך זאַקן דערפירן סוף־כל־סוף צו גאָר אַן אַנדער ליד. די דאָזיקע דורכ־לויכטן — דאָס זײַנען די מאָמענטן פון איבערמענטשלעכער גבורה, וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אין די דאָזיקע טראַגישע יאָרן. פּאַמעלעך און

נאַטירלעך גייט זאַק איבער צו אָט די נײַע מאָטיוון, וועלכע ער פּאַסט זייער ריכטיק אויף, נישט ווי עפּעס אַ קעגנזאַץ צו זײַן ביזאיצטיקער קלאָג, נאָר ווי אַ מאָמענט, וואָס וואַקסט פון איר גופא אַרויס. אַזאַ איז אין זײַן לעצטער דראַמאַטישער איינ־אַקטער וועגן אייניקע עפּיזאָדן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, „אין איינער אַ נאַכט“.

אַברהם זאַק איז איינער פון אונדזערע פּרוכטבאַרסטע שרײַבערס. בײַ אַ צוועלף ביכער אָריגינעלע פּראָזע און פּאָעזיע, אויסער אַ גאַנצער ריי איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור, האָט ער שוין צו פאַרצייכענען אויף זײַן ליטעראַרישן אַקטיוו. מיר קענען דעריבער מיט דער פולער זיכערקייט האָפן, אַז אויך דער מאָמענט פון יידישער גבורה און יידישן דראַנג צו אַ נײַ לעבן, וועט נאָך געפינען דעם געהעריקן אויסדרוק אין זײַן שטילן, אוממיטלבאַרן און שטימונגספולן ליד.

(„אויפגאַנג“, וואַרשע, 1947)



אַברהם זאַק
(אייל־בילד פון וו. באַנדורעק, ב. אײַרעס)

איליאַ פאַלקאָוו (ד״ר אליהו שולמאַן)

אַברהם זאַק

אַברהם זאַק, אַ יידישער דיכטער און פּראָזאַיקער, פאַרנעמט אַ גאַר חשובן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ דיכטער אין די ראָמאַנטישע צייטן פון דער יידישער ליטעראַטור, אין דער תקופה ווען עס האָבן אָנגעהויבן שרייבן דוד איינהאָרן, דער נסתר, דוד בערגעלסאָן און דוד האָפשטיין. זינט יעמאָלט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל שאַפונגען הן אין דיכטונג, הן אין פּראָזע. ער האָט אויך איבערגעזעצט אַ צאָל וויכטיקע ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור. ווי אַ פריינד פון לייב ניידוסן האָט ער געשריבן וועגן דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער און האָט געהאָלפן אַרויסגעבן זיינע ווערק.

שוין העכער ווי צוויי צענדליק יאָר ווי אַברהם זאַק געפינט זיך אין אַרגענטינע — וווּ ער איז אַקטיוו ווי אַ שרייבער און קולטור־בויער. אין אַרגענטינע האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער.

אין 1971 האָט אַברהם זאַק אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „אויף שטילע וועגן״. דאָס בוך פאַרדינט געוויס אַן אָפּהאַנדלונג — אַט פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ יושר אַז עמעצער זאָל אָנשרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן זאַקן. זיינע לידער פאַרמאָגן ליריזם, עכטקייט און אַ ראָמאַנטיזם וואָס דערמאָנט אָן דער פרילינג־תקופה פון אונדזער ליטעראַטור.

כדי צו געבן אַ פאַרשטעלונג פון אַברהם זאַק׳ס שאַפונגען גיבן מיר דאָ טאַקע צוויי לידער פון דעם בוך „אויף שטילע וועגן״.

אַ שלייער
(סקערצאָ)

כ׳האָב אַן אומחן געוואָרפן אויף אונדזער לבנה,
וואָס פלעגט מיך באַגלייטן אין עלנטן וועג.
געווען כ׳בין פאַרליבט אין איר ליכטיקן פּנים,
באַרוישט פון איר שמייכל אין בלויקייט אַן ברעג.

זי האָט מיך געקושט מיט די זילבערנע שטראַלן
אין נעכט אין דער בלויע, מיט כישוף פאַרוועבט.
עס האָט מיין נשמה אין נעץ פון חלומות
צו איר און מיט איר אין דער בלויקייט געשוועבט.

איך האָב זיך אַנטוישט אין דעם הימלס בת־מלכה
זינט ס׳האָט זי בן־אָדם באַרירט מיט זיין טריט:
איך האָב זי דערזען אָדם־נאַקעט, אַן שלייער,
צעפּאַקט און צעלעכערט, מיט מכות באַשיט.

גיי וויס... אַז בחינם געלאָזט זיך געוואָרן...
אַראָפּ איצט איר שלייער פון בלאָסן געזיכט.

כ׳פיל מער נישט איר כישוף אין נעכט אין די בלויע —
אַז פאַלש איז איר בלויקייט און שמינקע — איר ליכט — —

פאַרפאַלן...

פאַרפאַלן, איך קאָן זיך נישט שיידן
מיט יאַמב, אַנאַפעסט און טראָכיי:
זיי שלייפן מײַן פרייד, מײַנע לײַדן,
שוין צוגעוווינט יאָרן מיט זיי.

צו שפעט זיי אַצינד צו פאַרראַטן,
אויף תמיד מיט זיי איך פאַרבלײַב,
אַזוי ווי מיט מאַמען, מיט טאַטן,
אַזוי ווי מיט אייגענעם ווײַב...

זיי מקריב זײַן בלויז פאַר דער מאָדע —
בין איך נישט מחויב. צו וואָס?
ס׳איז גוט מיר מיט ריטעם, — כ׳ליב גראָדע
פון וואָרט די מוזיק און די מאָס.

אַ „זײַטן־שפרונג" כ׳קאָן מיר פאַרגינען
מיט פערזן מיט ווײַסע, אָן גראַם.
נאָר, גלויבט מיר, איך קאָן נישט געפינען
אין זיי דאָן דעם אמתן טעם.

זײַט מוחל דעם „פינצטערלינג"־דיכטער,
איר דיכטערס אָן ריטעם, אָן גראַם...
און זײַט נישט קיין גרויזאַמע ריכטער
אויב עמעץ נאָך האַלט פון אַ צאַם...

ס׳איז זיכער באַקוועמער און גרינגער
אַנטלויפן פון גדר, פון עול...
פאַרפאַלן, כ׳געהער צו די זינגער,
וואָס זײַנען פאַרליבט אין אַמאָל — — — — —

בוענאָס־אײַרעס, יולי 1971

בײַם סוף פון בוך ווערט געגעבן אַ רעגיסטער פון אַברהם זאַק׳ס שריפטן און איבערזעצונגען און די ווערק וואָס ער האָט רעדאַקטירט. דער רעגיסטער פאַרנעמט כמעט ווי דרײַ זײַטן.

אין זײַן בוך „פון הייסן אַש" וואָס איז אַרויס אין בוענאָס־אײַרעס אין 1967 גייען אַרײַן חוץ זײַנע אייגענע לידער אויך איבערזעצונגען פון שמעון פרוג, אלישע ראַדין, היינריך הײַנע, מ. יו. לערמאָנטאָוו און א. ס. פושקין. חוץ עטלעכע פושקינס לידער האָט זאַק איבערגעזעצט אויך זײַן, פושקינס, „מאָצאַרט און סאַליערי". עס דאַכט זיך מיר אַז אויך דוד האָפשטיין האָט איבערגעזעצט די דאָזיקע דראַמאַטישע פאָעמע.

(„דער וועקער" 1972)

יצחק טורקאָוו

אַברהם זאַק׳ס ליד

אַברהם זאַק איז איצט דער סעניאָר פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין אַרגענטינע. ער איז אויך, דוכט זיך, דער לעצטער שריד פון דער פּרץ־סביבה אין וואַרשע און פון די אָנגעזעענסטע פאַרשטייערס פון דער צווישן־מלחמהדיקער ייִדישער ליטע־ראַטור אין פּוילן.

דאָס הייסט ניט, אַז זײַן ליד איז דירעקט מושפּע פון י. ל. פּרצן, נײַערט דער פּרץ־גײַסט איז אַ תּוכיקער אין זײַן גאַנצן שאַפן — אין דער פּאָעזיע, פּראָזע, אינעם צוגאַנג צו ליטעראַטור און צו ייִדיש. ווײַל די פּאָעטישע השפּעות אויף אים דאַרף מען גיכער זוכן בײַ אַברהם רייזען, בײַ זאַק׳ס נאָענטן חבר און לאַנדסמאַן לייב נײַדוס און דער עיקר — בײַ די רוסישע ראָמאַנטיקערס (פּושקין, לערמאָנטאָוו) און די רוסישע ליריקערס פון דער שפּעטערדיקער, פּאָסטראָמאַנטישער תּקופה.

דאָס איצט דערשינענע בוך „פון הייסן אַש״ איז, דוכט זיך, די צענטע זאַמלונג פון זײַנע לידער און (צוזאַמען מיט איבערזעצונגען) דאָס עטלעכע און דרײַסיקסטע בוך בכלל. ובכן: אַ בכבודיקער דאָראַבעק פון אַ ייִדישן שרײַבער, וועלכער האָט אויף זײַנע עטלעכע און זיבעציק יאָר איבערגעלעבט בפועל ממש (אויפן פּראַנט) די ערשטע וועלט־מלחמה און די צווייטע — אין סאָוועטישער תּפיסה, לאַגערן, וואַנ־דער און וואָגלונגען. די אַלע איבערלעבונגען און איבערלײַדונגען געפינען אַן אָפּ־קלאַנג כמעט אינעם גאַנצן שאַפן זײַנעם. איז אויך ניט קיין וווּנדער, אַז עס הערן זיך בײַ אים טענער פון „דער שוואַרצער גאַסט״:

> דער שוואַרצער גאַסט קומט אומגעבעטן, / ער קומט גאָר אומגעריכט. / ער טוט אַ פאָך מיט שוואַרצע פליגל, / לעשט פּלוצלינג אויס דאָס ליכט.

דאָס פאָכען פון שוואַרצע פליגל האָט מען שוין געפילט אין זײַן שאַפן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (די דערציילונגען, וואָס זײַנען דאַן דערשינען — „אונ־טער די פליגל פון טויט״, האָבן אים שוין דאַן באַרימט געמאַכט, געוואָרן איבער־געזעצט אין רוסיש (גאָסיזדאַט); זײַן פּאָעזיע פון די שפּעטערדיקע יאָרן איז גיכער פאַרוויִעט מיטן אַש — דעם אַש פון די היטלעריסטישע קרעמאַטאָריע־קוימענס און פון די קרבנות, וואָס האָבן זייער צופעליקן קבר געפונען אין די סאָוועטישע לאַ־גערן און טײַגעס. הייסט זײַן ערשטער נאָכמלחמהדיקער באַנד לידער (לאָדזש, 1947) „מיט אַש אויפן קאָפּ״; דער איצטיקער — „פון הייסן אַש״. פונעם אַש, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין „יאָרן אין וואַנדער״ (1949), „אין אומרו פון יאָרן״ (1954), „אויף שליאַכן פון הפקר״ (1958), „אויף פרעמדער ערד״ (1962), „אויף וועגן פון גורל״ (1964) — אַלע דערמאָנטע ביכער דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס) און אַנדערע. הגם אַ. זאַק איז מער ליריקער ווי מקונן, נײַערט

ס'איז פול איבער ברעגעס דאָס האַרץ פון אַ ייִד, / נישט אויסגעוויינט איז אַלץ די טרער. / נישט אויסגעקלאָגט אַלץ נאָך דער צער אינעם ליד, / אײַן קינות, וואָס וואַקסן אַלץ מער — — —

זינגט ער אויך אַ „לירישן רעפּאָרטאַזש" צו „די לאַגערישע ברידער, די ברידער פון קאַמי". ער קלאָגט, אַז די פריידן זײַנע זײַנען שוין קורצע, ווײַל:

אָפּגעבליט שוין איז מײַן גאָרטן, / האַרבסט איז דאָרט אַצינד, / אַלע פייגל שוין פאַרפלויגן, / קדיש זאָגט דער ווינט.

ער פילט בחוש, אַז ס'גייט אַוועק זײַן דור, „אַלע טרוימערס געטרײַע" און בעט זיך: „גאָט, זאָל זיי נישט טוישן דעם כאַם..." ער מעדיטירט וועגן דעם, אַז דעם מענטשנס לעבן איז „אַ גענעץ נאָר אין אייביקייט אַרײַן".

נײַערט בעצם איז ער אַלץ אַ באַזינגער פון דער נאַטור, פון פּייזאַזש, פון שטימונגען, פון יחידישע געפיל־אויפּציטערן. ער באַנוצט זיך דערבײַ זייער אָפט מיט די טראַדיציאָנעלע, קלאַסישע אַקסעסואַרן, מיט גריכישער מיטאָלאָגיע (די מוזע, פּעגאַז, באַכוס); איז שטרענג־טראַדיציאָנעל אין פאָרעם:

עס פרעגט מיך דער און יענער / פאַר וואָס איך שרײַב מיט גראַם; / פאַר וואָס בײַ מיר דער פערז איז / מיט ריטעם און מיט צאַם.
(„צווישן פאָעטן")

און ער ענטפערט „ווײַל נאָר אין אַזעלכע פערזן / דערפיל איך גוטן טעם". דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, אַז:

מיך רייצן נישט די וואָלקנקראַצער אין די שטעט מאָדערנע / וואָס רײַסן פרעך און גאַווהדיק זיך צו דער הויך; / עס איז מיר ליבער אַ קליין שטיבעלע צווישן גרינקייט, / און פון זײַן קוימענדל זאָל גיין אַ בלויער רויך.

אָדער ער רופט צום מענטשן ער זאָל נישט יאָגן זיך:

קוק צו ווי ס'בליט דאָס קאָרן־בלימל, / פאַרנעם דעם פויגלס טרילערײַ, / ווי העזל שפּרינגט דורך גרינער לאָנקע, / ווי טײַכל פליסט מיט פּלאַפּלערײַ.

ער זוכט אַפילו „אויף דעמער־וועגן" אַ ביסל שײַן, אַ האָפענונג, אַז:

קומען וועט צו דיר אַ נײַער, יונגער טאָג; / אַז נישט דער לעצטער טאָג איז עס אַצינד פאַרגאַנגען / און נישט מיט אים דײַן חלום און דײַן זונג און זאָג...

ער רײַסט זיך צו בלויקייט, אין וועלכער ער וועט זיך פילן „פרײַ ווי אַ יונגער ווינט". אפשר דערפאַר, ווײַל „אין בלויקייט שאַטנט נישט דער טויט" און ער — בײַ אַלע זײַנען פּײַנען, צרות און פאַרלוסטן — איז אַן אַפירמאַטאָר פון לעבן, פון שיינקייטן אינעם לעבן. דערפאַר אויך — זײַן צאָרן קעגן מענטשלעכער אָרעמקייט, לײַדן און נויט. וועגן דעם — אָדער קעגן דעם — זינגט ער אין זײַנע לידער נאָך פון דער וואַרשעווער תקופה, ווי אויך אין די אַרגענטינער לידער, ווי „ראַנטשאָס

אויף די וועגן״ — „די נאַרעס מענטשלעכע פון בלעכן, ברעטלעך, ליים און צווײַג־לעך״.

אין „פון הייסן אַש״ זײַנען פֿאַראַן: „אויפן וועג פון קדושים״, „דער בלויער ערגעץ״, „אויף דעמערוועגן״, „ייִדישע אַקאָרדן״ (צווישן זיי „ישראל־מאָטיוון״) און איין ליד אַפילו — „פֿאָלק פון ציון״ איז אַ צײַט־מאָטיוו געשריבן וועגן די יוני־געשעענישן, דעם 20סטן יוני 1967 און שוין באַוויזן אַרײַנצוקומען אינעם בוך, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין יולי!) און איבערדיכטונגען (פון ש. פרוג, א. ראַדין, ה. הײַנע, מ. לערמאָנטאָוו, א. פושקין — אַ גלאַנץ־לײַסטונג, די איבערזעצונג פון דער קליינער טראַגעדיע „מאָצאַרט און סאַליערי״). צווישן די „ייִדישע אַקאָרדן״ — אַ סך ליבשאַפט צו ייִדיש, וואָס

> האָסט צעצווײַגט זיך אַזוי ווי אַ דעמב, / מיט זאַפטן מיט פרישע צעבליט. / האָסט פאַרוועבט זיך אין מאַמעס געבעט, / אַרײַן אין נשמה פון ייִד.

די ליבשאַפט צו ייִדיש קומט אויך שטאַרק צום אויסדרוק אין די ווידמונגען „בײַם זיידנס קבר״ (נאָך מענדעלעס טויט), צו לייוויקס יאָרצײַט און אינעם ליד „מיר זײַנען נישט די לעצטע״ (מחשבותן צו מלך ראַוויטשס 70 יאָר). די ליבשאַפט צו ייִדיש פילט זיך אין יעדן פערז, אין יעדן ליד פון אַברהם זאַקן און דאָס שטאַרק־סטע אין דעם באַנד „פון הייסן אַש״.

(„פאָלקסבלאַט״, ת״אָ, 1967)

י. הירשהויט

צווישן שאָטנס

דאָס נײַע בוך פון אַברהם זאַק איז אַ זאַמלונג פון אַכט דערציילונגען, אָנגעשריבענע אין פאַרשיידענע צייט־פעריאָדן, אָנהייבנדיק פון יאָר 1934 ביז 1949. דער מחבר האָט די דאָזיקע דערציילונגען פאַרטיילט אין דרײַ באַזונדערע גרופּעס, וואָס שאַפן די דרײַ טיילן פון בוך. דער ערשטער טייל „אין דער חרובער היים״ אַנטהאַלט איין דערציילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צווישן שאָטנס״. סײַ דער נאָמען פון דער גרופּע און סײַ דער נאָמען פון דער דערציילונג אַנטפּלעקט תיכף איר זשאַנר. דער סיוזשעט פון דער דאָזיקער דערציילונג איז געבויט אויף דער נאָכן חורבן־פּראָבלעמאַטיק. דרך אַגב איז צו באַמערקן, אַז שאַפונגען איבער ענ־לעכע טעמעס זײַנען בײַ אונדז ביז איצט דערשינען אין אַ קליינער צאָל.

דער צווייטער טייל פון בוך „אונטער אַ מאַסקע״ נעמט אַרום דרײַ קלענערע דערציילונגען פון אַ לײַכטערן זשאַנר, אָנגעשריבן אין די פאַרמלחמה־יאָרן. אייגנט־לעך זײַנען זיי מיט קויל אָנגעצייכנטע סקיצן פון דרײַ פאַרשיידענע פּרויען־געשטאַלטן.

אינעם דריטן טייל, וואָס הייסט „פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט“, ברענגט דער מחבר פיר דערציילונגען, וואָס שטעלן פאָר אַ גאַלעריע פון אַלט־ייִדישע טיפּן פונעם אַמאָליקן פוילישן שטעטל.

**
*

די פּראָבלעמאַטיק פון דער ערשטער דערציילונג „צווישן שאָטנס“ האָט אַ שייכות צו דער וויכטיקסטער פראַגע פון באַנייונג פון ייִדישן לעבן נאָכן גרויסן חורבן. אַ פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר צענדליקער טויזנטער ייִדישע מענער און פרויען, אָפּגעראַטעוועטע על פּי נס פון דער שחיטה און פאַראייניזאַמטע נאָכן אומקום פון זייערע משפּחות. פאַר אַ סך פון זיי האָט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

ווי צוויגן, דורך שטורעם אָפּגעריסענע פון ביימער, זיינען אויף דער וועלט געבליבן די העלדן פון אַברהם זאַק׳ס דערציילונג. דער לערער וויס און די פרוי סאָניע זילבער זיינען צוויי מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער זעלבער געזעלשאַפטלעכער סביבה און זיינען צווישן זיך געווען באַפריינדט. ביידע האָבן זיי געהאַט זייערע איינגעאָרדנטע היימען. ער אַ פרוי און זי אַ מאַן. ביידע האָבן זיי געהאַט קינדער. איז געקומען דער נאַצישער שטורעם און ביידע זיינען געבליבן פאַראיינזאַמט. און אַט נאָך יאָרן באַגעגענען זיי זיך אין וואַרשע אין נייע אומשטענדן. ער איז אין אַ מעמד פון אַ בעטלער צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און זי האָט שוין באַוויזן זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און האָט זיך אַפילו געשאַפן אַ געוויסע מאַטעריעלע פּאָזיציע. און איצט שטעלט זיך דאָס עצמדיקע פּראָבלעם: וואָס זאָלן די דאָזיקע מענטשן טאָן? זאָלן זיי די איבעריקע יאָרן, וואָס זיי איז נאָך באַשערט צו לעבן, פאַרברענגען אין איינזאַמקייט און טרויער נאָכן פאַרברענטן נעכטן, צי זאָלן זיי אונטערציִען אַ שטריך אונטערן נעכטן און אָנהייבן היינט אַ ניי לעבן מיט ניי געשאַפענע משפּחות?

אין זאַק׳ס דערציילונג שפּילט די פרוי די ראָל פון טרייב־קראַפט, וואָס באַמיט זיך צו ווירקן אויפן מאַן און צו געווינען אים פאַרן געדאַנק פון באַנייען דאָס משפּחה־לעבן. זי דערוויזט אים מיט צענדליקער ראיות, אַז מען מוז אויפנעמען דיווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז, מען מוז צוריקגעפינען דעם וועג אין לעבן און שאַפן אַ נייע משפּחה און אַ נייע היים. זי האַלט זיך דערביי נישט אָפּ פון מאַכן קלאָרע אָנצוהערענישן אויף דעם, אַז זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט אים, דעם איינציקן לעבנגעבליבענעם מענטש פון איר אַמאָליקער סביבה.

אָבער דער מאַן לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט איבערציִגן. ער לעבט נאָך כסדר אין דער וועלט פון שאָטנס פון פאַרלוירענעם אַמאָל. ער הערט נישט אויף צו באַזוכן די געטאָ און איז זיך מתיחד מיט די חורבות און צעשאָטענע שטיינער, פון וועלכע עס הויכט אויף אים דער אָטעם פון זיינע פאַרלוירענע נאָענטע, פון דער געליבטער פרוי און פון זיין איינציקן קינד.

איצט קומען מיר צו צום אינטערעסאַנטסטן טייל פון דער דערציילונג. ווי

אַזוי וועט דער מחבר לייזן דאָס דאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעם, וואָס ער האָט פּאַר אונדז פונאַנדערגעוויקלט מיט אַזאַ צאַפּלדיקער לעבעדיקייט און אַזוי פּיל אינער־לעכן געפיל? צי וועט ער צוגעבן גערעכט דער פרוי אָדער דעם מאַן? און בכלל וואָס פאַראַ שיטה אין לעבן ער וועט הייסן אָננעמען דעם דאָזיקן מין מענטשן, ווי ווײַס און פרוי זילבער? אַברהם זאַק גיט אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן און — לויט מײַן מיינונג — אַ זייער ריכטיקן און ערנסט דורכגעטראַכטן ענטפער. ער דערווײַזט, נעמלעך, אַז קיין שום שכלדיקע חקירות קענען דאָ נישט האָבן קיין פעולה. דאָס לעבן אַליין און דער אײַנגעבוירענער מענטשלעכער אינסטינקט זײַנען די איינציקע הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס דעצידירן אין אַזעלכע פראַגן. אין ווײַטערדיקן טייל פון דער דערציילונג ווײַזט אונדז דער מחבר, ווי דער זעלבער ווײַס באַגעגנט אַ צווייטע פרוי, שרה, אַ חברטע פון אַמאָליקע צײַטן און ווי באַלד ער באַגעגנט זי און שמועסט זיך מיט איר דורך, פאַרשווינדן בײַ אים אַלע ספקות און ער באַשליסט מיט איר זיך צו פאַרבינדן און צוזאַמען מיט איר ווײַטער ציִען די קייט פון לעבן.

די קאָנטורן פונעם פונאַנדערגעוויקלטן פּראָבלעם און בפרט דער אופן, ווי דער מחבר לייזט דאָס פּראָבלעם, דערווײַזן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דער־ציילונג פון אַן אויסגעשפּראָכענעם רעאַליסטישן כאַראַקטער מיט אַ סאָציאַלן אונ־טערשלאַג. דער דאָזיקער כאַראַקטער ווערט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן דורך די אויסגעצייכנטע שילדערונגען פון די הערשנדיקע באַדינגונגען אין נײַעם פּוילן, פון דער באַציִונג פון פּאָליאַקן צו ייִדן און פון די שטרעבונגען פון דער ייִדישער שארית הפליטה צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד. דער מחבר באַווײַזט גרויס קענ־טעניש אין אָנהאַלטן דעם פּסיכאָלאָגישן קשר צווישן דעם פאַרלוירענעם נעכטן און טרויעריק־אויפגייענדיקן הײַנט. די פּערסאָנאַזשן קומען פון אונטער זײַן פּעדער אַרויס מיט מענטשלעך־נאַטירלעכער פּשטות. א דאַנק די אַלע מעלות איז די דער־ציילונג אַן עכטע אָפּשפּיגלונג פון אַ גרויסן טייל ייִדישערווירקלעכקייט אין נאָכ־מלחמהדיקן פּוילן.

***

פון אַ גאַנץ אַנדערן זשאַנר זײַנען די פיר דערציילונגען „פון אַ פאַרשווונדענער וועלט". אַברהם זאַק ברענגט דאָ סילועטן פון פיר אַלט־ייִדישע פאָלקס־געשטאַלטן פונעם אַמאָליקן פּוילישן שטעטל. ישראל־מאיר, דער מלמד, וואָס לעבט אין דער וועלט פון תורה און מצוות; יואל שוחט, וועלכער זעט אין דמיון די שוועבנדיקע, נישט דערשאָכטענע טויב און וואָס דאָס געוויסן פּײַניקט אים צוליב די טויזנטער באַשעפענישן, וועלכע זײַנען אומגעקומען פון זײַן האַנט; ר׳ לייזער דער קרעטש־מער, דער לעצטער מאָהיקאַנער פון ייִדישן קרעטשמע־דור; יאָשע־בערל, דער תמימותדיקער בעל־עגלה, וואָס נעמט אויף זײַנע אומגליקן מיט אַ דערהויבענער פּשטות — אָט זיי אַלע זײַנען טײַערע ייִדישע געשטאַלטן, אָנגעצייכנטע דורכן מחבר מיט גרויס ליבע־געפיל און פאַרבן־רײַכקייט. אין די דאָזיקע פיר קורצע דערציילונגען געפינען מיר אַן אוצר קינסטלערישן פּאַטאָס און אַ שטאַרקן אויס־דרוק־כוח.

אַלע פיר דערציילונגען האָט אַברהם זאַק אָנגעשריבן עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער לעצטער מלחמה. אָבער קיין מאָל זײַנען זיי נישט געווען אַזוי אַקטועל און רײַף אַרויסצוגעבן זיי אין אַ בוך־פאָרעם, ווי דווקא הײַנט. אין יענע צײַטן, ווען דאָס שטעטל האָט נאָך געלעבט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס שטייט אײַנגעפונדעוועט און אײַנגעוואָרצלט אין זײַנע יסודות, האָבן מיר אין אונדזערע מחשבות און רייד אָפט געזינדיקט קעגן אים און קעגן אָט אַזעלכע ליכטיקע גע־שטאַלטן, וואָס ווערן געשילדערט דורך אַברהם זאַק. אָבער הײַנט, ווען מיר ווייסן שוין אויף זיכער, אַז מיר האָבן פאַרלוירן סײַ דאָס שטעטל און סײַ זײַנע אײַנ־וווינערס, וואָס האָבן געשפונען דעם פאָדעם פון אונדזער טראַדיציע, פילן מיר אַן אינערלעכן באַגער אויפצולעבן די דאָזיקע פאַרשוווּנדענע וועלט לפּחות אין גע־דאַנקען און אין זכרונות. אָט צוליב דעם ווירקן אויף אונדז אַברהם זאַק׳ס דער־ציילונגען מיט אַ באַזונדערס שטאַרקער נאָענטקייט. זיי רירן אונדזער האַרץ און געמיט.

(פּאַריז, 1950)

מ. וואַלדמאַן (פּאַריז)

אַברהם זאַק — דער זינגער פון פאַרבאָרגענעם טרויער

ווען אַברהם זאַק איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור איז די וועלט נאָך געווען אַ נאָרמאַלע. אַפילו די אויפגערודערטע פון דער דורכגעפאַלענער רע־וואָלוציע, ראַדיקאַלע ענדערונגען און נײַע אײַנשטעלונגען האָבן זיך סטאַביל אײַנ־געפונדעוועט אין לעבן. געווען איז דאָס יאָר 1908, ווען דער פּאָעט אַברהם זאַק איז קוים אַלט געווען 17 יאָר. עס איז אָבער שוין געווען אין דער צײַט, ווען פּרץ האָט גערופן: „צוריק אין שול אַרײַן״, וואָס האָט געמיינט: צוריק צו יידישקייט — צו דינען דעם פאָלק. עס וועט בקרוב ווערן 65 יאָר ווי אַברהם זאַק דינט דער יידישער ליטעראַטור, באַרײַכערט זי מיט ווערק, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַ וויכטיקע פּאָזיציע ווי אַ פּאָעט און דערציילער.

מיט וואָס איז דער יונגער פּאָעט געקומען אין אונדזער ליטעראַטור? ווי אַזוי האָט פאַר דעם 17־יאָריקן אַברהם זאַק זיך אַנטפּלעקט די וועלט — און וואָס האָט ער אונדז געלאָזט הערן?

ווען דער פּאָעט האָט אָפּגעצייכנט זײַנע זעכציק יאָר אַקטיווע שעפערישקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, מיטן אַרויסגעבן דאָס 25סטע בוך זײַנס — „געווען אַ יידיש פּוילן״ — האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז דאָס ערשטע ליד זײַנס האָט געטראָגן דעם נאָמען „וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים״.

אַן עלעגיע, אַ ליד, וואָס וואַקסט אַרויס פון פאַרטונקלטער וויזיע און געהאַלטן איז עס אין מינאָרן טאָן. אין דעם זעלבן 25סטן בוך זאָגט דער פּאָעט, אַז „די לידער

פון פיל ייִדישע דיכטערס קלינגען מיט אַ דינעם, פאַרבאָרגענעם טרויער פון פּוי־לישן גאָלדענעם האַרבסט...".

"דער פאַרבאָרגענער טרויער" פון פּייזאַזש האָט געווירקט אויך אויף דער פאָרמירונג פון אים גופא, ווי אויף אַנדערע פּאָעטן פון פּוילן־לאַנד. אויך די דורות־דיקע ירושה און ביטערע דערפאַרונגען האָבן געגעבן דעם טאָן יעדן ייִדישן מענטש און אַוודאי — דעם דיכטער. וועלכער נעמט אויף דעם פאַרבאָרגנסטן ציטער אין דער איבערלעבונג פון יחיד און כלל.

מיר מעגן עס זאָגן גאַנץ דרייסט, אַז הגם דער פּאָעט האָט געביטן אַ סך פּייזאַזשן, באַגלייט דער מינאָרער טאָן זײַן גאַנץ שאַפן. אומעטום זינגט זיך אַרויס — ממעמקים — דאָס טיף עלעגישע, וואָס איז דאָס אַממערסטן כאַראַקטעריסטישע פאַרן שעפער. דער פאַרבאָרגענער טרויער געפינט זיך דורך אים, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אַנדערער ווירקלעכקייט, וואָס איז אים און אונדז אַלעמען אויסגעקומען צו לעבן — אויסלעבן אין נישט ווייניק פּײַנען.

עס איז גענוג צו אילוסטרירן דאָס געזאָגטע מיט אַ טייל נאָר פון די נעמען, וואָס טראָגן אַברהם זאַק׳ס ביכער, אָנגעהויבן פון די "אַקאָרדן", און מיינען מיינט דאָס דאָך נישט דווקא קיין הויך־קלינגענדיקע טענער, ווען זיי זײַנען אַפילו נישט קיין מינאָרע. אָט זײַנען נעמען פון זײַנע ביכער:

"רגעס פון טרוים", "צווישן פיר ווענט", "אונטער די פליגל פון טויט", "שטאָט־

אַ גרופּע שרײַבער אין לאָדזש אָנהייב 1947

עס זיצן פון לינקס: אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַהרן וואַהל, יוסף רובינשטיין, משה גראָסמאַן, בער קוטשער, נחום באָמזע, אַב־רהם זאַק. עס שטייען פון לינקס: יהודה עלבערג, אַהרן צפנת, אפרים שעדלעצקי, משה וואַלדמאַן, יצחק גוטערמאַן.

קאַשמאַרן״ — ווערק געשריבענע נאָך פאַרן חורבן, וועלכע זאָגן שוין אָן שווערע איבערלעבונגען. מיר פילן דעמאָלט שוין דעם פליגל־פלאַטער איבער אונדזערע קעפּ, וואָס זאָגן אָן אומרו, אַ גערוואַנגל, וואָס דער דיכטער פירט מיט דער גרויער וואָר.

דער חורבן האָט דעם דיכטער פאַרכאַפּט אין וואַרשע און אים געפירט — אָדער געוואָרפן — פון העק צו העק; פון צרה צו צרה; פון גרויל צו גרויל; פון איינגעזעסענעם שטייגער צו הפקר פון צופאַל; פון משפחהדיקער אידיליע — צו יתומשאַפט נאָך אַ מאַמע, אַ ווייב און אַ קינד; אין דער יתומשאַפט פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק.

די שפּעטערדיקע ווערק פון אַברהם זאַק טראָגן ווידער טרויעריקע נעמען. דאָס ערשטע, וואָס איז דערשינען באַלד נאָך דער מלחמה, אין האַלב־חורבן לאָדזש הייסט — „מיט אַש אויפן קאָפּ״. שטילע טרויעריקע געזאַנגען, אַרויסגערופן דורך דער קאַשמאַרער דערקענטעניש פון אַ חרובדיק־אויסגעליידיקטער היים. און אַזוי גייט שוין אַברהם זאַק אַ פאַראַבלטער „צווישן שאָטנס״, „אויף שליאַכן פון הפקר״, איבער פעלדער „פון הייסן אַש״, צו „אויף שטילע וועגן״, ווו דער דיכטער זינגט אויס זיינע צערן.

אומעטום, ווו דער פּאָעט גייט, גייט מיט אים דער גערוואַנגל אין זיך גופא. אומעטום — די צעוויטיקטקייט, וואָס גיט נישט קיין רו.

„אַלע טאָג קומט די זון מיט אַ בשורה,
ווערט ליכטיק אַזוי אין געמיט...
אַלע נאַכט לעשן אויס זיך די פריידן
און טרויער פאַרכליניעט מיין ליד...״.

(„אַלע טאָג״)

***

פון זיין רייכן שאַפונגס־פאַרמעגן — 25 בענדער — טיילן זיך אויס גאָר באַזונדערס זיינע איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — מיטן בוך „אונטער די פליגל פון טויט״, וואָס ברענגט פאַר אונדז דעם גרויל און דאָס מיזערנע לעבן און די „איבערלעבענישן פון מענטשן אין אַ גרויען שינעל, צווישן מחנות גרויע שינעלן״ אויף מלחמה־פעלדער פון ערשטן גרויסן אומגליק אין אונדזער יאָרהונדערט, וואָס האָט שוין דעמאָלט גענומען אַ קרבן פון צען מיליאָן מענטשן. דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען פריער ווי רעמאַרקס „אויף מערב פראָנט נישטאָ קיין נייעס״.

דער גורל האָט זאַקן נישט געשאַנעוועט. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אים געבערענגט צו אַ נייער גרויליקער דערקענטשאַפט — דורך מיטלעבן דעם קאַשמאַר פון דער דייטשישער באַמבאַרדירונג און צעשטערונג פון וואַרשע; זיין „שפּאַציר־גאַנג״ ביז צו זיין היים־שטאָט גראָדנע — און פון דאָרט אין ווייטן „קאָמי״ — שוין אין פאַרמאַכטן וואַגאָן מיט קראַטעס און נאָך שפּעטער — אונטער די שטעכל־

דראַטן און אונטער דעם אויג פון אַ „סטריעלאָק״, וואָס האָט אים געהאַלטן אַלס „מלחמה־פאַרברעכער״.

פון דעם „וועג״ איז געבליבן פאַר אונדז דער אָפּשפאַר פון פיר ביכער, וואָס דערציילן אויף דעם פּשוט־מענטשלעכן אופן וועגן די אַלע אוממענטשלעכע איבער־לעבונגען אין די לאַגערן ווו — „קנעכט זײַנען מיר געווען״ — און אויף דער פרײַ, אין פאַרביטערטן נע־ונד — „אויף שליאַכן פון הפקר״, ווו מיר קריגן דאָרט אַ גרויליקע לעקציע פון אַ גרויליקער צײַט. די דאָזיקע ביכער זײַנען באַזונדערס פון אַ טיפן ווערט: זיי גיבן אונדז צו דערקענען די פּײַן און דערהויבנקייט פון מענטש אין דעם שווערסטן נסיון.

(פּאַריז 1972)

באַרווין פרענקעל

I

„אויף פרעמדער ערד״

(לידער און פּאָעמעס פון אַברהם זאַק)

נאָך דעם וואָגיקן און אמתדיקן גבית עדות־בוך „אויף שליאַכן פון הפקר״ צוויי בענדער (דערשינען אין פאַרלאַג „ידבוך״, אין 1958) און איז געקרוינט גע־וואָרן מיט דער לוויס לאַמעד־פּרעמיע אין 1959, איז דערשינען איצטער דאָס בוך לידער „אויף פרעמדער ערד״ (פאַרלאַג „קולטור־קאָנגרעס״, בוענאָס־אײַרעס).

דאָס ערשטע בוך לידער פון אַ. זאַק איז דערשינען אין גראָדנע אין יאָר 1918 און עס האָט געטראָגן דעם מוזיקאַלישן נאָמען „אַקאָרדן״. קלאָר, אַז די טענער און מאָטיוון זײַנען דאַן געווען אַנדערע ווי זיי זײַנען עס אין די איצטיקע לידער. נאָך די ביכער „מיטן אַש אויפן קאָפּ״ (לאָדזש, 1947), „יאָרן אין וואַנדער״ (בוע־נאָס־אײַרעס 1949) און „פון אַלע נע־ונדן״ (1955) און אַנדערע ביכער, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם דיכטערס „וואָגל״ און „הפקר לעבן״.

זיי זײַנען אַנדערש נישט בלויז מיטן לעבנס־דיסאָנאַנס פון די איצטיקע דיכטערישע אַקאָרדן, נישט בלויז מיט זייער צײַט־קלאַנג, ווײַל מען ליבט און דיכטעט אַנדערש צו צוואַנציק, ווי מען ליבט און דיכטעט צו... אָבער אין תוך האָט די ענדערונג, די אַנדערשקייט בלויז אַ שײַכות צום טראַגישן אינהאַלט פון זײַנע לידער, און נישט צו זייער פאָרעם. די אויסערלעכע געשטאַלטונג פון זײַנע לידער פאַרמאָגן תמיד דעם זעלבן „אַקאָרד״, אויב דאָס לעבן מיט זײַנע צוזאָגן איז נישט געבליבן געטרײַ צו אַברהם זאַק, (ווי זי איז נישט געווען צו אונדז אַלעמען, צו די לעבנס־פּראָזאַיִקער) איז אָבער זײַן דיכטערישע „מוזע״ (דאָ באַנוץ איך זיך מיט

זאַק׳ס אַ באַליבטע מיטאַלאָגישע געשטאַלט), פירט אים אַלץ ווײַטער אויף די זעלבע לירישע שטרעקעס, דאָס הייסט, אין די גרענעצן פון זײַן פּאָעטישן און ייִדישן תחום־המושב.

און די גרויסע און זעלטענע ערלעכקייט פון דיכטער אַברהם זאַק פון דעם מענטשן אַברהם זאַק, האָט מיך תמיד שטאַרק גערירט און אַפילו באַגײַסטערט.

די הויכע מעלה פון אַ קינסטלעריש ווערק איז די מאָס, וואָס עס פאַרמאָגט, דאָס איז דער הויפּט־קריטעריום פון אונדזער אָפּשאַצונג, און די וואָג פון זײַן קינסטלערישן ווערט. זאַק איז תמיד אויטענטיש, געטרײַ, עכט, דערפאַר רירן אונדז אין זײַנע לידער אַפילו זײַן נאַיִוויטעט און דער פּאָעטישער פאָלקסטימלעכער נוסח.

אַ. זאַק איז פשוט דער למד־וואָווניק אין אונדזער דיכטונג.

און ווען ער זאָגט אין דער שירים־שפּראַך אַז:

„ס׳איז אייביק בראשית אין דער יצירה
ס׳קומט יעדער טאָג מיט זײַן נס,
כ׳וואַך אויף אין קאַיאָר צו נײַער שירה
אין יונגן בלויען מעת־לעת״, —

גלייבן מיר אים, ווען אַפילו ער דיכטעט פאַר זיך אַליין אין די „די זיקנה יאָגט״:

„די זיקנה יאָגט מיך נאָך אין וועג,
זי שרעקט מיך און איך אייל אַוועק
זי יאָגט אין אַ פאַרמאַכטן קרײַז
כאַפּט פאַר די שלייפן, מאַכט זיי ווײַס״.

גלייבן מיר אים, טראָץ וואָס אַלץ גראַמט זיך אַזוי וואויל און פײַן.

פאַראַן גאָט־געבענטשטע פּאָעטן, וואָס אַלץ גראַמט זיך בײַ זיי נישט בלויז אין זייערע שירים, נאָר אויך אין זייער טיפן ווען און אפשר אין לעבן...

מען דאַרף דערצו פאַרמאָגן אַ געוואַלדיקע מאָס פון אָפּטימיזם, גלויבן, עקשנות און... ליבע, וואָס איך באַוווּנדער און שעץ אַזוי שטאַרק בײַ אַברהם זאַקן. באַזונדערס אין זײַנע לידער איז אָט די גרויסע מאָס פון ליבע, נאָבלקייט און געלייטערט מיט־געפיל, וואָס ער פאַרמאָגט פאַרן מענטשן, פאַרן ייִד, פאַרן קליינשטעטלדיקן עבר. דאָס איז זײַן שעפערישער טאַליזמאַן... און אונדזער קריטעריום.

אַ. זאַק איז נישט בלויז לירישן און אייביק פאַרליבט אין מענטשן, אין דער שיינער לאַנדשאַפט, אין אַ ווײַסער טשעכאָווישער מעווע, שוין אָפּגערעדט פון זײַן אַמאָליקער גראָדנער ווירקלעכקייט און חלום —, נאָר ער איז אויך פאַרליבט אין זײַן ליד... און די ליבע, די עגאָצענטרישע, (ווײַל זי איז אַזוי עכט און האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פון דער צײַט) איז אונדז ליב און רירנד אַפילו ווען פון אַלט־גראָדנע ביז יונג־ווילנע איז פאָלג מיך אַ פּאָעטישן גאַנג...

און ווען ער פאַרזעט זײַן לידער־זאַמלונג מיט אַ מאָטאָ בזה ה׳פּאָעטישן לשון ווי אָט די שורות:

„לידער מײַנע — בלויע פלאַמען
פון מײַן דעמערדיק געמיט
אין מײַן נע־ונד צוזאַמען
שטענדיק איז מיט מיר מײַן ליד".

פילן מיר, אַז אין דעם נע־ונד לעבן נאָך אַלץ פולבלוטיק די גראַדנער „אַקאָרדן" (1918). און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זײַן — זײ פאַרמאָגן אַן עכטע אָרגאַנישע וויטאַליטעט און נישט קיין קינסטלעכן פאַרײַנגערונגס־סוראָגאַט... און מיר באַ־דויערן טיף, צוזאַמען מיטן דיכטער, ווען ער דריקט אויס אין זײַנס אַ ליד: „ווי האָס איך דיך וואַלד"...

„ווי האָס איך דיך וואַלד
ביסט געווען מיר אַמאָל
פאַר שאָטן, פאַר ליבע, פאַר רו."

אָבער אין „ווײַטן צפון", בעת די יאָרן פון הפקר, האָט מען אין די וועלדער וועגן „רו, פרוי" און „ליבע" נישט געקענט טראַכטן און אַפילו נישט דיכטן.

וווּנדערט אונדז אַ ביסל אַ. זאַק'ס האַס צו אַ וואַלד, אָבער שולדיק אין דעם האַס איז נישט דער וואַלד, ווי דער „בוים". דער מעכטיקער, ברוטאַלער, פאַרכאַ־פערישער, וואָס האָט פאַרשטעלט, פאַרשעמט און פאַרפּײַניקט דעם „וואַלד", ווי מיר דערפילן עס אַזוי בולט, וויטיקלעך אין דעם דערנעבנדיקן ליד „די רויטע שחיטה" (געווידמעט דעם זכר פון די פאַרטיליקטע ייִדישע פען־ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד).

דאָס ליד הייבט זיך אָן:

„אין אַרגיע און צעיושעטער פון סטאַלינשע טיראַנען
געפאַלן איז אויף קעפּ די קאַלטע רוצחים־שווערד,
און זיכער האָט בײַם סוף פון די סאָוועטישע מאַראַנען
אַ „שמע ישראל" נעבן ווענטל זיך דערהערט"...

און ווײַטער:

מיר זײַנען מוחל זיי, די אַלע פיל געפּלאָגטע ברידער —
ס'איז אָפּגעוואַשן זייער זינד מיט זייער בלוט"...

אַ. זאַק דריקט אויס זײַן פּײַן, צער און לײַדן אויף זײַן לירישן אופן, אין דעם פאָלקסטימלעכן געזעמל פון אַ ירושהדיקער פּאָעטיק, וואָס פאַרמאָגט די בלוט־וואָרעמקייט פון אַ מאַמיש האַרץ און פון אַ נאָסטאַלגישן קלאַנג, וואָס איז אַרײַנגע־וועבט אין דעם שם־המפורש „אַמאָל, אַמאָל"...

געהערט ער טאַקע אין אונדזער דיכטונג צו דער פּלעיאַדע פון די ראָמאַנטי־קערס, וואָס האָבן „געזוכט דעם אמת".

זײַן דיכטונג איז רק אמת... אפשר גראַמט זיך נישט „אמת" מיט הײַנטצײַ־טיקער פּאָעזיע? מעגלעך... אָבער מיר האָבן תמיד אַן אויפריכטיקן סענטימענט

און אַפילו ליבע פּאָר עכטער, מיוחסדיקער גין־גאָלד־צירונג, אַפילו ווען די פּאָרעם איז אַ ביסל פֿאַרעלטערט.

II

„איף װעגן פֿון גורל"

אַברהם זאַק איז גאָר יונג אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור און יונג איז ער אין איר פֿאַרבליבן (ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר). ער איז פֿאַרבליבן יונג, הגם די טעמאַטיק פֿון זײַן שרײַבן האָט זיך ראַדיקאַל פֿאַרענדערט, ווײַל זײַענדיק אַן אָפּשפּיגלער פֿון לעבן, איז ער תמיד געבליבן טרײַ דער ווירקלעכקייט. און אויב ער איז פֿאַרט פֿאַרבליבן יונג, פֿאַרדאַנקען מיר עס, וואָס אַ. זאַק איז אַ ליריקער און אַזעלכער איז ער אויך אין זײַנע בעלעטריסטישע שאַפֿונגען.

עס איז כאַראַקטעריסטיש און ממש וווּנדערלעך, וואָס אַ. זאַק איז פֿאַרבליבן אַ ליריקער און ראָמאַנטיקער און אַ פֿאַרליבטער אין לעבן. אָנגעהויבן האָט זיך עס בײַ זײַנע 17 יאָר ווען אַ. זאַק האָט געטראָגן ווי אַ קרוין אַ טונקעלע — דאַכט זיך, ראָמאַנטישע טשופּרינע. און ער איז עס פֿאַרבליבן בײַ 70, הגם די קרוין איז שוין שטאַרק פּאַטינירט מיט אַ זילבערדיקן אָפּגלאַנץ.

דורך אַלע זײַנע ביכער — לידער און פּראָזע־ווערק — ציט זיך אַדורך ווי אַ רויטער פֿאָדעם אַ מין פֿאַטאַליזם און גורל־מוז. אומעט, אומרו, מעלאַנכאָליע, טויט. זײַן גאַנצע טעמאַטיק איז דורכגעדרונגען דערמיט, נישט בלויז די ביכער פֿון חורבן, „מיט אַש אויפֿן קאָפּ" (1947), נאָר אַפילו די ביכער פֿון פֿאַרן חורבן אין דער תקופֿה פֿון אויפֿברויז און קולטור־ליטעראַרישן שוווּנג, — באַרירן די דראַמאַטישע פֿאַזן פֿון לעבן. אין 1921 איז דערשינען זײַן בוך „אונטער די פֿליגל פֿון טויט", אין 1922 „אין שאָטן", אין 1926 „שטאָט־קאַשמאַרן". דאָס איז געווען זײַן הויפּט־טעמע. מעגלעך, ווײַל זי האָט אויסגעדריקט זײַן נשמה־באַפֿאַרבונג און אויך אָפּגעשפּיגלט געוויסע יוגנטלעכע שווערע איבערלעבונגען, קראַנקייטן, מלחמה — וואָס האָבן ווי געלייגט אַ שטעמפּל אויף זײַן שעפֿערישקייט.

אָבער אַ. זאַק'ס טראַגיזם פֿאַרענדיקט זיך תמיד מיט אַ מין „העפּי ענד". דאָס נעמט זיך פֿון זײַן פֿולבלוטיקן לעבנס־אינסטינקט טראָץ אַלעם, וואָס קען פֿאָר־מולירט ווערן אין אַ לאַקאָנישער פֿאָרעם, אַז: „דאָס לעבן ברעכט אײַזן", אָדער — „איז שטאַרקער ווי דער טויט". טראָץ „אַלע נע ונדן" (אַ טיטל פֿון אַ. זאַק'ס אַ בוך), קלאַמערט מען זיך אין דער לעבנס „לאַדקע" און מען שווימט ווײַטער. מעג זײַן דער ווײַטער גרוי, הילפֿלאָז, אָנעמיש, פֿול מיט פּײַן און אַנטוישונג, אָבער לעבן מוז מען פֿאָרט. דאָס איז דער סדר פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, הגם זיי זײַנען אַ פֿאַרלייקענונג פֿון די חלומות, יוגנט־טרוימען, אידעאַלן פֿון „אייביקע ליי־בעס" און אַבסטראַקטע פּלאַטאָנישע לידער פֿון אייביקער ליבע.

אַברהם זאַק איז צו פֿיל ליריקער און לעבנס־פֿאַרליבטער, אַז ער זאָל זיך אָן

באַערונג-אָוונט פון פען-קלוב אין פּאַריז לכבוד „צווישן שאָטנס" פון אַברהם זאַק

פון רעכטס: ד״ר יוסף מילנער, סקולפּטאָר פּערעלמאַן, ישראל אַשענדאָרף, ד. ב. מאַלקין,
אַברהם זאַק, משה קנאַפּהייס, העבר׳ שרײַבער פּינק.

רעוואָלט אונטערוואַרפן דעם בלינדן און אַכזריותדיקן באַפעל פון „גורל", און מיט דעם דערקלערט זיך וואָס אין זײַן נײַעם בוך „אויף וועגן פון גורל" געפינען תמיד זײַנע העלדן פאַרשיידענע סטעזשקעס, באַטשנע דרכים, וואָס מײַדן אויס דעם פאַטאַלן וועגווײַזער פון „גורל". אין לעבן געפינט זיך תמיד אַ פּאַליאַטיוו, אַ סוראָגאַט, לאָמיר זאָגן, אַז דאָס הייסט — „בטחון", אילוזיע, אײַנרעדעניש און כדומה.

אין אַלע זײַנע דערציילונגען פון זײַן לעצטן בוך „אויף וועגן פון גורל" (ווי אויך פון זײַנע אַנדערע ווערק) איז פאַראַן נישט אַזוי ווײַט דער אומברחמנותדיקער ווערדיקט פון גורל, נאָר אַ לעבנס־מוז מיט אַלע זײַנע קאָמפּראָמיסן און מימיקרי־פּעזיקייטן.

ווי ליריש און טרוימעריש דער היפּער־סענסיבלער אַברהם זאַק זאָל נישט זײַן איז ער אָבער הערמעטיש פאַרבונדן מיטן לעבן און דער שרײַבער און פּאָעט אין אים איז תמיד מיטן פּנים צו דערווירקלעכקייט און דאָס באַקומט אַן אָפּשפּיגלונג אין זײַנע דערציילונגען. דאָס זײַנען שטילע לעבנס־דראַמעס וואָס טרעפן זיך אָפט בײַם שרײַבער פון „אַלע נע־ונדן". איז נישט דער סוף פון די אינטימע דראַמעס טרויעריק און פאַטאַל. אַן אויסוועג, מער וויניקער, געפינט זיך תמיד אין זיי. די טראַגעדיע, קאָלעקטיווע, נאַציאָנאַלע איז געווען אין אָנהייב. זי האָט עס גורם געווען. זי איז פאַראַן ווי אויף די ראַנדן פון די דערציילונגען, ווי אַ תהום־אַרטיקער אונטערגרונט. בלויז דאָס איז טראַגיש און פאַרענדיקט ווי דורך אַן אומברחמנותדיקן גורל.

דאָס קען מען דרינגען פון זײַנע באַהאַנדלטע מאָטיוון אין קאַפּיטל: „נאָכן חורבן", ווי למשל, „אין זײַן לעצטער היים", אַ לעבנס־באַשרײַבונג פון אַ פּליט, וואָס איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און אַנטלאָפן בלויז חורבות אין פּוילן, סוף כל סוף איז ער אַוועק אין ישראל, געוואָרן אַ לערער, געווען צופרידן, אָבער ער האָט אויסגעפונען אַן אַלטע פאַרמלחמהדיקע ליבע, וואָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז עס איז כדאי איצטער צו פאַרווירקלעכן זײַן יוגנט־חלום. ער האָט זי באַזוכט, איין מאָל, צוויי מאָל. זי איז געווען אַן אַלמנה. אָבער דער ישוב־הדעת איז געווען בײַ אים אַ צו לאַנגזאַמער און דערווײַל האָט זי אויסגעקליבן אַ צווייטן.

וואָגלעניש, נע־ונד, טראַגיק, חורבות, אַלץ פאַרלוירן, געבליבן אַ האָפענונג, אַ לעצטע און זי איז אויך פאַרשוווּנדן, ווייל דער גורל האָט אַזוי געוואָלט. פאַרפאַלן!

אָבער, „לעבן מוז מען פאָרט".

און אין דער דערציילונג „צווישן שאָטנס" שילדערט אַ. זאַק דעם לאַנגן פּײַנלעכן צוריקוועגס פון רוסלאַנד, אין אַ באַן־עשאַלאָן צווישן פּאַסקודנע פּאָליאַקן, וואַרשע איז חרוב, אַלע זײַניקע געפינען זיך שוין צווישן שאָטנס, אָבער ער טרעפט אַ פרײַנדין פון זײַן אומגעקומענער פרוי. זי שטרעבט מיט אים צו פאַראייניקן דאָס רעשטע ביסל לעבן און די איינזאַמקייט. זי איז זייער רעאַליסטיש, ער טרוי־

מעריש. אַ ווײַלע דויערט די פאַרגעסונג און דער טאָמער פאַרט... רײַסט זיך סוף כל סוף אַרויס פון אירע אָרעמס.

אָבער זײַן עלנט דויערט נישט לאַנג. ער טרעפט אַן אַנדערע אויפן ראָג פון גורלס וועג, וואָס איז אים צום האַרצן... אַזוי איז דאָס לעבן...

ווי איך האָב געזאָגט, אַ. זאַק געפינט תמיד די אומוועגן, וואָס מײַדן אויס דעם מוז פון „די וועגן פון גורל". דער זעלבער „מאַדוס וויוועגדי" איז אויך פאַראַן אין די נאָוועלן „זײַן ערשטע און לעצטע ליבע" און אין: „אַ שפּיל פון גורל" א"אַ.

אַ. זאַק'ס „גורל" מײַדט אויס די שוואַרצע טראַגישע וואַלן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ענדגילטיק ווי אין די גריכישע טראַגעדיעס.

מען טראָגט אין זיך אַרום אויף די שליאַכן פון „נע־ונד" שוואַרצפולן טרויער, באַנגיקע דערמאָנונגען, אָבער סוף כל סוף פּאַסט מען זיך צו...

ווײַל „לעבן מוז מען פאָרט".

אַברהם זאַק גיט איבער דעם מהות, די אײַנשטעלונג, דעם לעבנס־סדר פון אַ רוב מנין מענטשן, וועמענס לייט־מאָטיוו איז: „אַזוי איז דאָס לעבן". דאָס אַלץ איז איבערגעגעבן מיט אַ סך אָבסערוואַציע־חוש, פינעט, אויף אַ פײַנעם ליטעראַרישן אופן, אָן איבערראַשונגען. אמתדיק און אָביעקטיוו, ווי אַ נישט געפעלשטער שפּיגל.

III

אַברהם זאַק

(געשריבן צו זײַן 70־יעריקן יובל)

עס איז מיר שוין אויסגעקומען מערערע מאָל צו שרײַבן איבערן דיכטער און שרײַבער אַברהם זאַק. יעדעס מאָל איז עס געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנס אַ דערשינענעם בוך לידער, נאָוועלן אָדער זײַנע זכרונות אונטערן נאָמען — „אויף שליאַכן פון הפקר". וואָס עס האָט מיך תמיד גערירט בײַ אַברהם זאַק, דאָס איז זײַן גרויסער בײַטראָג פון זײַן נשמה־קלאָריט, זײַן ווייזנטלעכקייט, וואָס קומט אַזוי דירעקט צום אויסדרוק אין זײַנע לידער. זײַן ראָמאַנטיש־לירישע אייגנשאַפט פאַרמאָגט די סובטעלע מוזיקאַלישע אויטענטישקייט, וואָס איז ווי אַ וואָרהאַפטער „גבית עדות" פון זײַנע איבערלעבונגען, אומרויִקייט אין דעם צאַרטן טרויער, וואָס שפּיגלט אָפּ זײַן גרויסע ליבע פאַרן מענטשן, פאַרן ייִד. אָט די אויפריכטיקייט און אויטענטישקייט פון זײַן פּאָעטישן שניט אין משך פון צענדליקער יאָרן פון זײַן שעפערישקייט איז געווען דער פּרוביר־שטיין פון זײַן פערזענלעכקייט.

ער געהערט אין אונדזער דיכטונג צו די שטילסטע און סובטעלסטע ייִדישע דיכטערס, וואָס זײַנען טרײַ געבליבן זייער „אַמאָליקער מוזע", די מוזע וואָס איז זיי בײַגעשטאַנען אין זייערע ערשטע יוגנטלעכע לידער, פול מיט בענקשאַפט, ליבע־

ווי און וועלט־שמערץ; לידער פון תחום המושב־פּייזאַזש, פון שטעטל־קאָלאָריט, פול מיט נאָסטאַלגיע און טראַדיציאָנעלער פּיעטעט; לידער וואָס זײַנען געמעלן פון אַ לעבן, אַ לאַנדשאַפט וואָס געהערט שוין הײַנט צו אַ לעגענדאַרישער פאַרגאַנגענהייט. און ווען דו בלעטערסט הײַנט ווידער זײַנע לידער־ביכער ווי „רגעס פון טרוים", „צווישן פיר ווענט", צי פון נאָכן חורבן, ווי למשל, „פון אַלע נע ונדן", נעמט דיך אַרום די אַלטע ליבע היימישקייט, ווי אַ צערטלעכער גלעט פון אַ פרײַנדלעכער האַנט.

„ס'איז שיין דאָס בלאָנדזשען און ס'איז שיין דאָס זוכן —
האָסטו גערעדט צו מיר פאַרטראַכט,
— יאָ, שיין דאָס זוכן, טײַערע, נאָר זאָג מיר,
צי איז אויך שיין ווען מען געפינט".

(„פון אַלע נע ונדן")

מיר דאַכט זיך, אַז אַ. זאַק דער פּאָעט „זוכט" נישט און געפינט תמיד דעם פּאָעטישן עקוויוואַלענט פון זײַן שטימונג און געמיט־צושטאַנד.

„דער סטיל איז דער מענטש" — דער פראַנצייזישער זאָג איז דורכויס צוגעפּאַסט צום שרײַבער אַברהם זאַק. זײַן פּערזאָן, זײַן אינטימע פּערזענלעכקייט קומט צום אויסדרוק אין אַלע זײַנע כתבים, פון וואָסערן ליטעראַרישן זשאַנער זיי זאָלן נישט זײַן.

דער ליריש־צאַרטער טאָן פון זײַנע דורכויס ראָמאַנטישע לידער, צי זײַן פּשוטע שטילע פּראָזע פון זײַנע דערציילונגען, צי איבערלעבענישן — אין זיי אַלע שפּיגלט זיך אָפּ דער מחבר און אין דעם פּרט, אין פּרט פון פּשטות, פאָלקסטימלעכקייט און זעלטענער אויפריכטיקייט איז אַברהם זאַק אפשר אַן אוניקום אין אונדזער ליטעראַטור. אַ. זאַק גייט זיך זײַן שטילן אײנזאַמען וועג אַן זעלבסטרעקלאַמע און סענסאַציעס, אָבער זײַנע שריט, וואָס ער האָט געשטעלט אין אונדזער ליטעראַטור, זײַנען שטילע קערנדיקע און טיף־מענטשלעכע.

(פון מײַנס אַ רעדע לכבוד אַ זאַק אין פאַראיין פון יידישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין פּאַריז).

איך האָב זיך אַליין ציטירט, ווײַל איך מיין אַז די ווערטער זײַנען כאַראַקטעריסטיש — לויט מיר — פאַר אַברהם זאַק.

דער דיכטער פון גראָדנע האָט פון זײַן היים־שטאָט מיטגענומען אַן אַטלאַס זײַדן רענצל פול מיט לויטערקייט און פּראָווינצער שלווה:

„איך האָב געירשנט פון די פעלדער דײַנע שטילע
דאָס שווײַגן, וואָס עס ליגט צעשפּרייט אויף זיי.
דו האָסט געוועקט אין מיר די ערשטע תפילה,
דעם ערשטן יונגן צער, דעם ערשטן וויי".

(„פון אַלע נע ונדן")

אָט דעם „אַקאָרד", מיטגעבוירענעם און אויטענטיש, האָט זאַק פֿאַרבאַהאַלטן טראָץ זײַנע „אַלע נע ונדן" און „הפקרדיקע שליאַכן". דאָס האָט בלויז אַ שײַכות צו דער פֿאָרעם און צו דער מעלאָדישקייט פֿון זײַנע סטראָפֿן. די מאָטיוון זײַנע וואָס אונטערליגן דעם דיקטאַט פֿון אַ מוראדיקער און טראַגישער צײַט, האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגעריסן אין דער טיף־עמפּינדלעכער נשמה זײַנער, אין די טראַגישע לידער:

„אַלע שטומע הימלען שפּיגלען אָפּעט אײַערע בליקן
אַלע ווינטן טראָגן אײַער אַש און אײַער שטויב
אַלע ערדן ווערן אײַערע צעשפּרייטע קבֿרים
נשמות פֿלאַטערן אין רוים ווי „פֿליגל פֿון אַ טויב".

אַלע פֿייגל זינגען אויס אַ טרויעריקן קדיש
אַלע וועלדער רוישן אין אַ יאָמערדיק געוויין
קיינער קאָן פֿאַרגעסן אײַך — אין אַשן און אין שטויבן —
כאָטש נישט באַשערט קיין קבֿר אײַך : כאָטש נישט באַשערט קיין שטיין".

(„פֿון אַלע נע ונדן")

דער ראָמאַנטיקער אַ. זאַק דריקט אויס זײַן טיפֿן טרויער, זײַן טראַגיש האַרץ אין שטילע געדעמפּטע לידער, אין סטראָפֿן וואָס „וויינען" מיט אינעקסטע טרערן און מאַכן גלײַכצײַטיק גרינגער און טרייסטן...

און אַזוי איז ער עס אויך הײַנט אין ווײַטן בוענאָס־אײַרעס, ווו דער זיבעציקער געבוירן־טאָג האָט „אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר" און אים מסתמא אַזוי אָנגעטראָפֿן ווי אַמאָל. בלויז זײַנע האָר האָבן דעם בליאַסק פֿון שניי, אָבער אין זײַנע אויגן פֿינקלט תמיד אַזאַ גוטמוטיקער מילדער און ליבער אויסדרוק פֿון אַ שפּעט זומערדיקן גראָדנער הימל. אַזוי זע איך אים תמיד. אַזוי לייען איך אים.

אָפּט מאָל פֿרעג איך זיך צי כ'האָב ליב באַקומען אַ. זאַקן דעם מענטש, אַ דאַנק זײַנע לידער. צי ליב באַקומען זײַנע לידער אַ דאַנק דעם מענטשן. נאָר איז מײַן געפֿיל אַ רעזולטאַט פֿון דעם סינטעז צווישן זאַקן דעם פּאָעט און זאַקן דעם מענטשן. אין דעם פּרט געהערט ער אויך צו די אויסדערוויילטע פֿון אונדזער פּאָעטישער עליטע.

און ווי אַזעלכן ווינטש איך אים פֿון מײַן האַרץ: זאָל ער פֿאַרבלײַבן לאַנגע, לאַנגע יאָרן, און דערבײַ אים דערמאָנען אַ פּאָר פֿערזן פֿון זײַנס אַ ליד וואָס הייסט „אַדיע, פּאַריז":

„אַדיע, פּאַריז! מיר וועלן זיכער זען אַ מאָל זיך ווידער,
מען קען דײַן שאַרם, דײַן צויבער קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן,
ביסט ווי אַ פֿרוי, וואָס טראָגט דעם רייץ אין אירע צאַרטע גלידער.
ווערסט קיין מאָל זאַט מיט איר, זי ווערט דיך קיין מאָל ניט דערעסן".

האָפֿן מיר, טײַערער אַברהם זאַק, אַז איר וועט אויך אונדז פּאַריזער נישט פֿאַרגעסן...

(„אונדזער שטימע", פּאַריז 1963)

גבריאל ווייסמאַן

„אין אומרו פון יאָרן"

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אַברהם זאַק דערוואָרבן אַ גלײַכן נאָמען סײַ אין דער פּאָעזיע און סײַ אין דער פּראָזע. דאָך אַז מען רעדט וועגן זאַק׳ס שאַפונגען, שווימט דאָס ערשטע אַרויס — פון זײַנע העכער צוואַנציק ביכער — זײַן מלחמה־בוך: „אונטער די פליגל פון טויט".

אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער פאַרנעמען, כידוע, די מלחמה־ביכער אַ גרויסן אָרט. בײַ יידן, דאַקעגן, האָט מען ביזן היטלער־חורבן די דאָזיקע ביכער געקאָנט אויף די פינגער ציילן. צווישן זיי האָט אַברהם זאַק׳ס דערמאָנטע בוך פאַרנומען אַן אויבנאָן אָרט. און דאָס מחמת דעם, וואָס זאַק, וועלכער האָט יענע ערשטע וועלט־מלחמה אָפּגעפילט אויף דער אייגענער הויט, האָט געזען די מלחמה־גרוילן — מיט יידישע אויגן, מיט די אויגן פון אַ יידישן קינסטלער.

ביז איצט האָט זאַק אַרויסגעגעבן עטלעכע ערנסטע ביכער וועגן לעצטן חורבן: „אין אומרו פון יאָרן", „פון אַלע נע־ונדן", „מיט אַש אויפן קאָפּ" און אויך: „יאָרן און וואַנדער" און „צווישן שאָטנס", וואָס זײַנען בלוטיקע נאָכוויי ענישן פונעם גרויסן פאָלקס־אומגליק.

די פריִער אויסגערעכנטע ביכער האָבן מיר נישט אָוועקגעשטעלט לויט די יאָרן פון זייער דערשײַנען, נײַערט — לויט די אַנטוויקלונגען פון געשעענישן. דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בײַ איינעם פון זיי — „אין אומרו פון יאָרן".

אַברהם זאַק הייבט אָן זײַנע זכרונות פון סוף אויגוסט, 1939, בעת וואַרשע האָט זיך געפונען אין אָנהייב מלחמה־פיבער, וואָס האָט שוין אין זיך ערב גע־בראַכט פאַרוויסטונג און טויט. שפּעטער שילדערט אונדז דער מחבר וואַרשעס קאַפּיטולאַציע און די נאַצישע אָקופּאַציע, וואָס הייבט זיך אָן — ווי אומעטום — לויט אַ פאָרויס־באַשטימטן סדר: אין די ערשטע טעג איז דער דײַטש „הומאַניטאַר" — טיילט זופּן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, וואַרפט ברויטלעך אין לופטן און... דער פילם־אָפּעראַטאָר „פאַראייביקט" די הומאַניטאַרע טאַט פון די דײַטשן...

אין אָנהייב האָבן טאַקע פיל מענטשן געוואָלט זיך אײַנריידן, אַז „דער טײַוול איז נישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים". מען האָט זיך געפּרוּווט טרייסטן, אַז מען וועט יאַקאָש אַדורכקומען, איבערהאַלטן. אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום, נאָך דעם ווי די דײַטשע חיה־רעה האָט אָנגעהויבן ווײַזן אירע ציין און נעגל, האָט מען דערזען, אַז מען האָט זיך גענאַרט, מען האָט געלעבט אין אַ מיראַזש. און דאָ וויקלט אַברהם זאַק אויף די מגילה פון נאַצישע רציחות און באַרבאַרישע אַקטן איבער די יידישע קעפּ — ס׳איז דער אָנהייב פון אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום.

דער עיקר שילדערט אונדז דער מחבר דאָס יידישע וואַרשע, דערהויפּט — די אינטעליגענץ, די יידישע פען־מענטשן אין קלעם פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. עס

גייען דאָ פאַרביי באַקאַנטע געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן מיט אַלע זייערע איבערלעבונגען און פיבערן. מיט אַ שטאַרקן האַרץ־קלאַפּ — און נאָך גרעסערן האַרץ־ווייטיק — הערן מיר זיך צו צו די פיבערדיקע דיסקוסיעס, וואָס זיינען אין יענע גורלדיקע טעג צומייסט אָנגעגאַנגען: יאָ גיין — נישט גיין אויף „יענער" זייט. מען האָט געפיבערט צווישן „יאָ" און „ניין". פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז פונעם „דאָ" איז קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן, אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט דער אומבאַקאַנטער „דאָרט" געשראָקן. פאַרשיידן זיינען געווען די מיינונגען און אויספירן. די, וועלכע האָבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון זיין אַ „בעזשעניעץ" האָבן מער נישט געהאַט קיין חשק זיך צו לאָזן אין דער פרעמד. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן אויף זייער אייגענעם בעט (דער אַרטיסט אייזיק סאַמבערג ז"ל); אַנדערע זיינען סתם נישט געווען בכוח צו לאָזן זיך אינעם נע־ונד (דער קדוש הלל צייטלין ז"ל); געווען אויך אַ טייל, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פון גורל קען מען נישט אַנטלויפן (דער דיכטער־קדוש ישראל שטערן ז"ל). דאָס אַלץ האָט דעם מענטשן דערפירט צו דעפּרעסיע, יאוש, אַפּהאַטיקייט. אַ גרויסער טייל איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן מיטן מאַסן־פּסיכאָז און אַריבער אויף יענער זייט. צווישן זיי — אַברהם זאַק.

נאָכן איבערהיפּן די פּרשה ראַטן־פאַרבאַנד, באַגעגענען מיר דעם מחבר — באַלד נאָך דער בלוטיקער זאַווערוכע — ביים „אוהל־פּרץ". ס'איז אַפּריל, 1946 — פרילינג אויף דער וועלט. אָבער... די וואַרשעווער גאַסן ליגן אין גאַנצן צעשאָטן און צעדרויבלט צווישן חורבות...

זאַק'ס אויסטענהן זיך מיט פּרצן איז מערער אין דער מחשבה ווי מיט ווער־טער, אָבער אָט די געציילטע ווערטער דערשיטערן מיטן טיפן ווייטיק, וואָס איז פאַרבאָרגן אין יעדן וואָרט. די דאָזיקע ווערטער זיינען פון אַזאַ אויפריכטיקער שטילקייט, אַז זיי קענען הימלען שפּאַלטן. מיט נאָך אַ שאַרפערער אָנגעלאָדענער שטומקייט, שטייט שפּעטער זאַק פאַר דער קרעמאַטאָריע אין מאַידאַנעק און — צוזאַמען מיט אים קוקן מיר „אין פינצטערן חלל פון די אויוונס און פאַר די אויגן ווייזן זיך שאָטנס... שאָטנס פון היימישע, פון נאָענטע..."

אין פלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט געשיכטלעכער כראָניק, וואָס דערציילט בלויז פאַקטן, בילדער און געשעענישן אויפגעקומענע פון דער צייט. ס'איז אָבער ווייט נישט אַזוי — ס'איז פיל מער: זאַק הייבט אַרויס דעם צאַפּל־און־ציטער — דעם אָטעם פון יענער צייט. מען פילט דעם דופק פון יענעם לעבן. נאָך מער: דער מחבר פאַרמאָגט די געבענטשטע פעיקייט אויפצו־קלערן די סיבות פון כלערליי שטימונגען, געפילן און אַטמאָספער. אַברהם זאַק דערציילט די ברוטאַלסטע זאַכן מיט אַן עפּישער רויקייט. מען פילט, אַז ער האַלט זיך אין איין באַהערשן; אַז דאָס אַלץ איז אַדורכגעלעבט און אַדורכגעווייטיקט. אַזוי צוימען און באַהערשן געפילן קאָן נאָר אַ גרויסער קינסטלער, וואָס האָט אין דעם אַ קלעם נישט פאַרלוירן דעם קינסטלערישן גלייכגעוויכט. די דאָזיקע קאַפּיטלען

— דערהויפּט די ערשטע — זײַנען, בכן, אַן ערנסטער צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור.

***

אין יאָר 1950 קומט אַברהם זאַק — צוזאַמען מיט משה גראָסמאַן און דעם טראַגיש־אומגעקומענעם שמערקע קאַטשערגינסקי — אויף אַ באַזוך קיין ישראל און אַט געפינען מיר אינעם בוך אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש: „איבער די וועגן פון תנ"ך".

צו שטוינען ווי דער מחבר האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן אין די דינסטע גיוואַנסן פון דעם בלענדיקן ישראל־פּייזאַזש און די וווּנדערלעכע פרײַהייט־ און בוי־מוזיק פונעם לאַנד. ער האָט אָבער אויך באַוויזן אויפצוכאַפּן די אַלע ווידעראַנאַנדן אין ישוב — סײַ די קאָלאָסאַלע און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, און סײַ די אַלע סאָציאַלע קעגנזאַצן, דיסאַנאַנסן און פּראָבלעמען, וואָס זײַנען מיט אַ מאָל אויפגעשווומען מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

אַברהם זאַק איז אַ ייִדישער שרײַבער. מיט דער ייִדישער שפּראַך איז ער פאַרבונדן זײַן גאַנץ לעבן. און דערפאַר ווייטיקט ער איבער דער שלעכטער מערכה פון ייִדיש דאָ, וואָס איז געקומען בולט און אָפן צום אויסדרוק אויף דער „היסטאָרישער" מסיבה בײַ יואל מאַסטבוימען אין שטוב. „איבער די וועגן פון תנ"ך" — ווי די פריִערדיקע קאַפּיטלען — זײַנען באַאַרבעט מיטן מחברס הייסן געפיל און וואַרעם ייִדיש האַרץ.

דאָס לעצטע ציקל אינעם בוך נעמט אַרום דרײַ דערציילונגען, וואָס דער סוזשעט זייערער איז אַ נאָך־מלחמהדיקער — מלחמה־נאָכווייען, און צוויי דערציילונגען, וואָס טראָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

די ערשטע פיר דערציילונגען פון דעם אַ ציקל זײַנען פון אַ הויך־דערציילעריש און קינסטלערישן שוווּנג מיט אַ פּאָעטישן אָנהויך. אין זיי זײַנען אַרײַנגעוועבט זאַק'ס טיף־ליִרישע באַטראַכטונגען און מעדיטאַציעס, וואָס פירן אַרײַן אין דער אינטימער געפיל־וועלט פונעם מחבר. אין די דאָזיקע סענסיטיווע און סובטעלע דערציילונגען דעמאָנסטרירט זאַק אַ דורכגעלײַטערטן סטיל און אַ טיפע לעבנס־חכמה. אַ שאָד נאָר, וואָס נאָך דעם גוטן טעם זייערן, קומט די נאָוועלע „אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן" (אַ כראָניק פון די צאַרישע צײַטן), וואָס פּאַסט זיך נישט אַרײַן — נישט ליטעראַריש און נישט כראָנאָלאָגיש — אינעם בוך.

אויף זאַקן, דעם ליטעראַרישן עסטעט איז אַ חידוש. אָבער דאָס שוואַכט אויף אַ האָר נישט אָפּ דעם גרויסן און דויערנדיקן ווערט פונעם בוך.

תל־אָביב, 1956

יואל מאַסטבוים

אַברהם זאַק

(אויסצוגן)

... „איך קאָן נאָך ביז הײַנט נישט פאַרגעסן דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט זײַן דערציילונג „אונטער די פליגל פון טויט", אַ דערציילונג פון מלחמה־לעבן, אייגנטלעך די איבערלעבונגען פון אַ זעלנער אין דער מחנה, וואָס גייט אויף דער אַטאַקע פון טויט און לעבן.

עס איז גאַנץ ווײַט פון יענע מלחמה־שאַבלאָן־ביכער, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן. עס איז אפשר דאָס איינציקע אמתע בוך, ווו עס שפּיגלען זיך אָפּ ליידן פון אַ מענטשן, וואָס קוקט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן".

... „אַברהם זאַק איז אונטער דער ווירקונג פון די רוסישע דיכטערס. ווי אין זײַנע לידער, אַזוי אויך אין זײַן פּראָזע פילט זיך דער אײַנפלוס פון לערמאָנטאָוו. דאָ און דאָרט פילט איר אַ טרויעריקע שטימונגס־נאָטע און אַ קלאַנג און אַ וואָרט, וואָס פאַלט אַרײַן אין זכרון. עס דוכט זיך, אַז ערגעץ האָט מען עס שוין אַמאָל ווו געהערט, נאָר הייבט מען אָן נאָכצוטראַכטן לאַנג נאָכן וואָרט אָדער בילד, פילט איר, אַז דאָס בילד איז באַהויכט מיט זאַק'ס אינטימען ליריזם און איר הייבט אָן איבערלעבן מיט זײַנע שטימונגען. הויפּטזעכלעך גיט ער איבער האַרבסט, אָדער פאַר־פרילינג־שטימונגען, און עפּעס אַ לירישע צאַרטקייט פיבערט אין אײַך, ווען איר טרעפט זיך אָן מיט אַזעלכע בילדער".

(„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע)

יעקב גלאַנץ

אַברהם זאַק'ס „פון אַלע נע ונדן"

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

... אַברהם זאַק איז געבליבן אין זײַן געמיט פאָלקסטימלעך־ליריש.

די זעלביקע פשטות און לירישקייט פאַרמאָגט אויך זײַן פּראָזע.

אָבער איצטער ריידן מיר דער עיקר וועגן זײַן פּאָעזיע. זײַן טעמע איז דער יחידישער אַליינגיין, דער איינזאַמער שטעג פון דעם מענטשן, וואָס דערגייט נישט צום טומלדיקן רשות־הרבים. זײַן ליד פאַרמאָגט אַן אינעווייניקסטע שטילקייט, וואָלט איך זאָגן, וואָס איר מוזט זי אַרויסשפּירן, ווען איר זאָלט אַפילו זײַן אַרײַנגענומען אין דעם שרײַענדיקסטן אַרום. אים גייט לגמרי נישט אָן דער דרויסן אַפילו וואָס

קוילערט זיך מיט טויזנטער אָפּקלאַנגען, און פאַרשרייט די אינעווייניקסטע שטיל־קייט, וואָס רוט אין די טיפעניש פון דער נשמה; ער לעבט זיך זײַן אייגן לעבן, און איז ערלעך צו זיך אַליין.

ער האָט אַפילו מיטגענומען מיט זיך אין זײַנע נע־ונדן זײַנע פאַרבענקטע בע־ריאָזקעס פון ליטע און דעם מורמל פון די קליינע טײַכלעך; די מידע זונפאַרגאַנגען און די נישט צופיל פאַרביקע זונאויפגאַנגען.

זײַנע ישראל־מאָטיוון זײַנען פול מיט ידישער באַיאָונג און מיט פשוטער בילדלעכקייט און שטילער פרייד פון ידישן זײַן אויף להכעיס.

ער פרייט זיך מיט דעם, וואָס אין דעם ידישן היימלאַנד ווערט שוין גע־אַקערט און געזייט, געבויט און געשאַפן אַן אייגן און אייגנאַרטיק ידיש לעבן. אָבער — די פאָרעם פון זײַן ליד, זײַן נוסח בײַט ער נישט.

אַברהם זאַק איז בײַ אונדז פון די לעצטע בעלי־תפילות פון דעם ידישן ליד, וואָס פאַרגייט זיך נישט אין אויסטערלישע טענער; ער ציקלט זיך נישט און זוכט נישט קיין עפעקטן, ער איז געטרײַ צו זיך און צו דער טראַדיציע פון דעם ידישן פאָלקס־ליד און פשוטן געזאַנג וואָס זײַן ווילקלאַנג איז דער אַלטער גראַם און די געמאָסטענע שורה, וואָס גייט קיין מאָל נישט אַרויס פון אירע ברעגעס.

אומעטום פילט זיך דער דיכטער פאַראייננזאַמט און עלנט. און ער קלאָגט זיך, אַז

„ס'קלינגט אומעטיק דאָס ליד אויף פרעמדער ערד,
מעג זײַן די פרעמדע ערד ווי שיין און רײַך.
דערפאַר האָט אין געזאַנג זיך אַ געוויין געהערט
אַמאָל נאָך בײַ אַ יעדן בבלס טײַך...

ער איז פול מיט נאָסטאַלגיע נאָך דער פאַרלוירענער היימישקייט, וואָס ער וועט זי שוין קיין מאָל נישט צוריקקריגן, ווײַל —

„די ערד, די פרעמדע ערד, וואָס דיר באַשערט,
איז תמיד צו אַ שטיפמאַמע דיר גלײַך.
דו וויאַנעסט ווי אַ פלאַנץ און ווערסט פאַרצערט
אין קאַלטן, שוואַרצן טרויערס קיניגרײַך".

זײַן קיניגרײַך איז רײַך מיט שוואַרצן טרויער, און די פרעמדע ערד איז זײַן שטיפמאַמע, און ער געפינט אין ערגעץ נישט קיין פרייד און קיין רו פאַר זײַן עלנטן געמיט.

„מדבריות... בערג... אַ פאַלמע ווו נישט ווו.
עס ברענגט דיר נישט קיין פרייד, עס ברענגט קיין רו,
נישט פרעמדער הימל און נישט פרעמדער פלײַן".

עכטע, נישט געקינצלטע איכישע ליריק, אמתדיקער ווייטיק פון אַ צעפײַ־ניקטער נשמה, וואָס דער שטורעם האָט פאַרטראָגן אין אַלע נע־ונדן, און אים אָפּ־

גרייסן פון זײַן שטיקל באָדן, ווו ער איז געווען פאַרפלאָנצט מיט זײַן גאַנצענעם לײַב און לעבן.

„ס'האָט אַ געוויטער ווײַט דײַן היים פאַרשעמט,
פאַרוואָרפן דיך אין ווײַטער קאַלטער פרעמד
דעריבער קלינגט אין ליד בײַ דיר געוויין...״

ער איז דער פּאָעט פון אויסגעוואָרצלטקייט און פון שטילן יידישן טרויער, וואָס וועט נאָך לאַנג קלינגען אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַציעס אין דעם יידישן ליד, אַפילו דעמאָלט, ווען פּאָעטן וויקלען אים אײַן אין די שענסטע מעטאַפאָרן.

אַברהם זאַק זינגט זײַן טרויער־ליד עכט און ליריש, פאָלקסטימלעך און פשוט, אַזוי ווי דאָס פאָלק אַליין וואָלט זיך אין שווערע שעהען אָראָפּגערעדט פון האַרצן.

און אין דעם גיט ער אַ תיקון דעם געלײַטערטן פאָלקס־געזאַנג, וואָס קיינער בײַ אונדז וועט אים שוין מער נישט זינגען.

(„דער וועג״, מעקסיקע 1957)

ד״ר צבי כהן

אַ רויִק בוך וועגן אומרויִקע טעג

(„אין אומרו פון יאָרן״ פון אַברהם זאַק)

מיר האָבן שוין איצט אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן די טראַגישע איבערלעבונגען פון די יידן אין פוילן אין יענע טרויעריקע טעג, פון אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז נאָכן אויפשטאַנד פון דער געטאָ. מיר האָבן ווערק פון רעפּאָר־טאַזש, ביכער פון לידער, דערציילונגען און ראָמאַנען און אַפילו דראַמעס. די אַלע ווערק בילדן שוין איצט אַ היפּשע ליטעראַטור. אָבער דער טאָן פון כמעט אַלע ווערק, געשריבן וועגן דעם „דריטן חורבן״ (ווי די געשעענישן ווערן שוין מיט רעכט אָנגערופן), איז אַ שטורמישער, אַ רײַסנדיקער, אַ נערוועזער, ווײַל עס קען, דוכט זיך, גאָר נישט אַנדערש זײַן. דאָס בלוט קאָכט אין די אָדערן, ווען מען רירט זיך צו צו דער טעמע. אָבער, צוליב אָט די דאָזיקע הויכע טענער, האָט מען ביז איצט כמעט נישט געוווּסט פיל זאַכן, וואָס עס זײַנען דאָרטן פאָרגעקומען, איבער־הויפּט אין סאַמע אָנהייב, און אַזוי אַרום זײַנען פיל קשיות געבליבן נישט פאַר־ענטפערט.

דעריבער מאַכט דער נײַער בוך פונעם באַוווּסטן דיכטער, נאָוועליסט און עסייִסט, אַברהם זאַק, „אין אומרו פון יאָרן״ גאָר אַן אַנדער אײַנדרוק. עס איז אַ בוך וועגן יענע טעג, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מערקווירדיק רויִק, פון איי־נעם וואָס האָט שוין גאָר נישט רויִק עס איבערגעלעבט. אַ דאַנק אָט דער רויִקייט, וואָס דער מחבר האָט געפונען אין זיך, ווען ער האָט זיך געזעצט שרײַבן זײַנע איבערלעבונגען, איז ער געווען אין שטאַנד צו געדענקען פיל פון די אייִנצלהייטן,

וואָס די אַנדערע האָבן פֿאַרפֿעלט. אָבער ווען מען לייענט אַברהם זאַק׳ס בוך ווערן פֿיל קשיות פֿאַרענטפֿערט און נישט פֿאַרשטענדלעכע זאַכן ווערן קלאָר.

„אין אומרו פֿון יאָרן” פֿון אַברהם זאַק איז אַ קינסטלעריש ווערק צונויפֿגע־שטעלט ווי אַ מאָזאַיִק־אַרבעט דורך שטיקלעך און ברעקלעך, דורך עפּיזאָדן, אינצי־דענטן; דורך פֿאַרצייכענען גרויסע און קליינע איבערלעבונגען פֿון זיך און אַנדערע. עס איז אַ רעפּאָרטאַזש־ראָמאַן פֿון יענע טעג, געשריבן דורך זאַמלען שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס צוזאַמען גיבן זיי דעם לייענער אַ קינסטלעריש בילד. עס איז אַ קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש.

אָבער די גרעסטע מעלה פֿון דעם ווערק איז דאָס, וואָס דער מחבר האָט גע־געבן אונדז דעם סאַמע אָנהייב פֿון יענע געשעענישן, דורך אַן אופֿן, וואָס מאַכט אונדז אַלץ קלאָר און דערמיט ווערן אויך קלאָר די שפּעטערדיקע טעג. איינער פֿון די פֿאַלשע אײַנדרוקן וואָס זײַנען געווען בײַ מיר (און אַוודאי אויך בײַ פֿיל אַנדערע) איז, אַז אין יענעם טרויעריקן פֿרײַטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָבן זיך די שוואַרצע טײַוואָלים פֿון היטלערס פֿלי־ער אַראָפּגעלאָזט פֿלוצעם ווי היישעריקן איבער וואַרשע און חרוב געמאַכט די שטאָט אַזוי, אַז עס איז זיך נישט געווען מעגלעך צו ראַטעווען, און אויך אַז פֿרי־ער, אַפֿילו מיט אַ טאָג, האָבן מענטשן גאָר קיין שום אָנונג נישט געהאַט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן דײַטשלאַנד און פּוילן. אָט דער אײַנדרוק איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון די באַשרײַ־בונגען פֿון פֿיל, וואָס האָבן באַקלאָגט דעם חורבן. גאַנץ אַנדערש אָבער טוט עס אַברהם זאַק. ער גיט אונדז אַן אַנדער בילד פֿון יענע טעג. ער שילדערט דעם אָנהייב גאָר אַנדערש.

אין דעם בוך, וואָס טיילט זיך אויף דרײַ טיילן („וואַרשע 1939”, „צווישן חורבן און אויפֿקום”, „פֿרילינג און טויט”) דערציילט אונדז דער מחבר באַלד פֿון אָנהייב, אַז עס איז געווען אַן ערב חורבן. עס איז נישט געקומען פֿלוצלינג. „די פּוילישע רעזידענץ — הייבט ער אָן — האָט געלעבט אין אַ שטאַרקן פֿיבער. ס׳איז די לעצטע וואָך פֿאַרן ערשטן סעפּטעמבער 1939. בײַ טאָג זעט מען רעדלעך פֿון מענטשן אויף די גאַסן, עס גייען אַרויס עקסטראַ אויסגאַבעס פֿון די צײַטונגען יעדע שעה. עס פֿאַרשפּרייטן זיך אויסטערלישע קלאַנגען. יידן דעבאַטירן צי עס וועט זײַן מלחמה צי נישט”. אָט דאָס איז אַ באַקאַנט בילד פֿון די טעג פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אַזוי איז עס איצט אויך געווען. עס זײַנען געווען וואָכן פֿון שרעק, איידער עס איז געקומען יענער טרויעריקער טאָג פֿון ערשטן סעפּטעמבער. דאָס מאַכט דאָס בילד גאָר אַנדערש. עס מיינט, אַז מען האָט געקענט אַנטלויפֿן און זיך ראַטעווען.

אָט דער רויִקער טאָן באַגלייט זאַכן אויך ווײַטער. אַפֿילו נאָכן ערשטן סעפּ־טעמבער איז נאָך וואַרשע אַלץ געווען וואַרשע און אַפֿילו די נאַלעווקעס — נאַ־לעווקעס. צו ראַטעווען זיך איז געווען מעגלעך, אַפֿילו פֿיל שפּעטער, ווען די דײַטשן האָבן שוין געהאַט פֿאַרנומען וואַרשע און פּוילן.

די נאַציס האָבן נישט אַרויסגעוויזן זייערע נייגונגען און פּלענער באַלד אין

אַנהייב, זאָגט אונדז זאַק. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צײַט. זיי האָבן עס געטאָן ביסלעכווײַז און אײנציקווײַז און קיין מאָל נישט אויפגעדעקט זייערע קאָרטן. עס איז אויך אמת, אַז אַט דאָס האָט געמאַכט שווערער דאָס ראַטעווען זיך, ווײַל מענטשן האָבן נישט געוואָלט אַוועקגיין פון זייערע גוטע ווױנונגען און באַקוועמע געלעגערס און ווערן „בעזשענצעס". דער שרײַבער אַליין איז ערשט אַנטלאָפן דעם 11טן דעצעמבער, 1939, און ביז דעמאָלט האָט ער זיך נאָך אַלץ געוואַקלט: אפשר יאָ, אפשר נישט אַנטלויפן? אָבער דאָך איז דאָס בילד גאָר אַנדערש.

דער מחבר גיט אונדז אַ גענויע באַשרײַבונג און אַ פולשטענדיקע שילדערונג פון יענע טעג. ער פאַרצייכנט וואָס עס איז פאָרגעקומען יעדן טאָג און ווי אַזוי די לאַגע האָט זיך געביטן. מיר לעבן־מיט מיט אים די אומרויִקייט, וואָס וואַקסט, ביז צום מאָמענט, ווען ער טוט שוין אָן דעם רוקזאַק אויף דער פּלייצע, און זײַן פרוי פרעגט אים: „ביסט רויִק?" „רויִק" — ענטפערט ער איר סתם אַזוי, „כאָטש מיר האָבן ביידע געפילט דעם גרויסן אומרו, וואָס איז אויסגעוואָקסן אַרום אונדז, ווי אַ ממשותדיקע באַשעפעניש".

די אַנדערע צוויי טיילן פון בוך באַשטייען פון „צווישן חורבן און אויפקום" און „פרילינג און טויט".

„צווישן חורבן און אויפקום" באַשטייט פון רעפּאָרטאַזש פון דער צײַט פון באַלד נאָך דער מלחמה, ווען דער מחבר צוזאַמען מיט אַנדערע שרײַבערס האָבן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. די אָפּטיילונג נעמט אַרום בײַם „אוהל פרץ", ווו די שרייבערס קומען אויף קבר אָבות, נאָך זייער צוריקקער. ווען דאָס יידישע וואַרשע איז חרוב און נאָר דאָס טויטע איז געבליבן גאַנץ. דאָס לעבעדיקע איז טויט און דאָס „טויטע" לעבט. ער פאָרט אויך צוזאַמען מיט שרײַבערס „אויף קבר אָבות קיין מאַידאַנעק" און שילדערט פאַר אונדז אַ בילד, וואָס ער האָט דאָרטן געפונען. עס קומט אויך אַרײַן אַ „ליטעראַרישע נסיעה" אין די נײַע יידישע ישובים פון קראָקע און אויבערשלעזיע. דערנאָך אַ באַזוך אין אָשוויענטשים און בירקענאַו. ער באַזוכט דערנאָך די יידישע ישובים פון נידער־שלעזיע מיט ברעסלאַו אין דער שפּיץ. ער ווױנט אין לאָדזש און פון דאָרטן אַ באַזוך — אין מדינת ישראל, ווו דער רעשט פון דער שארית הפליטה האָט זיך געראַטעוועט. עס איז אַ סעריע פון העכסט־געלונגענע רעפּאָרטאַזשן וועגן דער נײַער יידישער מדינה און אירע אײַנוווינערס.

דער דריטער טייל „פרילינג און טויט" באַשטייט פון דערציילונגען, וועלכע פּאַסן זיך גוט אַרײַן דורך זייער טעמאַטיק פון „פרילינג און טויט". עס גייען אַרײַן די פאָלגנדיקע דערציילונגען: „אין שטאָטישן עלנט", „דער שאָטן פון טויט", „איין מאָל אין פרילינג", „דער טויט האָט געשפּאַסט" און „אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן". פײַנע, סובטילע דערציילונגען, געשריבן אין זאַק'ס פײַנעם, רויִקן טאָן.

אין אַלגעמיין איז עס אַ גרויס בוך, אַ בוך וואָס לאָזט איבער אַ שטאַרקן אײַנדרוק, אַ בוך, וואָס מאַכט צו פאַרטראַכטן זיך. צו דער ריי פון 14 ביכער פון מחבר, פון לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען און ראָמאַנען איז איצט צוגעקומען אַ 15טער בוך, פון אַ גרויסער באַדײַטונג.

(„פאָרווערטס")

יוסף וואָלף

„צווישן שאָטנס"

(ציטאַטן פון אַ רעצענזיע)

... אַברהם זאַק'ס לעצט בוך נאָוועלן א"ג „צווישן שאָטנס" איז אַ ליטעראַרישע קאָנטינואַציע פון זײַן סטיל און זשאַנער.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַברהם זאַק דער ליריקער „פּאַר עקסעלאַנס"

ליריש איז זײַן צוגאַנג צום סוזשעט, ליריש ווערט בײַ אים די ליטעראַרישע סיטואַציע, וועלכע ער בויט אויס און ליריש לעבן זײַנע העלדן גופא.

דעם דאָזיקן מאָמענט דערזעען מיר צום בולטסטן דווקא אין זײַן פּראָזע.

וואָרעם אויב מיר דערקענען אים ווי אַ ליריקער אין דער פּאָעזיע (אויף 15 ביז איצט דערשינענע ביכער זײַנען 8 פּאָעזיע), איז עס דאָרט נישט אַזוי כאַראַקטעריסטיש, צוליב איר לירישער באַזע ווי אַזעלכע.

עפּעס אַנדערש איז מיט דער פּראָזע: זי איז אַ סך פּילזײַטיקער — שוין צוליב אירע גרעסערע און ברייטערע טעכנישע מעגלעכקייטן. אַברהם זאַק דערהאַלט אָבער אין ליריש־פּאָעטיש געמיט אויך אין דער פּראָזע.

זײַן בוך „צווישן שאָטנס" פּאַרפּעסטיקט לגמרי די דאָזיקע טעזע.

זאַק'ס „פליגלמאַנישע" נאָמבערגישע מענער־העלדן און זאַק'ס פּרוויזשע פּראָטאָטיפּן פון וויספּיאַנסקיס ייִדישקעס — זײַנען אויך אונדזער גרויסער יזכור נאָכן אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק.

אַ יזכור פון אַ לעבן, וואָס לעבט נאָך אין אונדז.

(„אונדזער וואָרט", סעפּט' 1952)

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ

וכל המרבה לספר...

(וועגן „אין אומרו פון יאָרן" פון אַברהם זאַק)

„אַ גאַנץ פאָלק וויינט און באַוויינט. אַ גאַנץ פאָלק פרעגט דעם 'פאַרוואָס'?..."
— זאָגט אַ. זאַק אין זײַן נײַעם בוך „אין אומרו פון יאָרן".

דער שטראָם פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור האָט זיך נאָך ווײַט נישט אָפּגעשטעלט. ס'איז אוממעגלעך אויסצושעפּן די טעמע. און וויפל מען זאָל נישט שרײַבן,

וועט נישט זײַן געווען. וכל המרבה לספר הרי זה משובח — געבענטשט זאָלן זײַן די דערציילערס, די עדי־ראיה.

איינער פון די פּראָדוקטיווסטע אויף דעם געביט איז אַברהם זאַק. זינט דעם חורבן האָט ער שוין אָפּגעדרוקט 4 ביכער: „מיט אַש אויפן קאָפּ", „יאָרן אין וואַנדער" (לידער); „צווישן שאָטנס", „אין אומרו פון יאָרן" (פּראָזע). און אויך דאָס נײַסטע בוך איז נאָר איינס „פון דער טרילאָגיע „אַ וועלט גייט אונטער". דאָס קומענדיקע בוך וועט מסתמא זײַן „קנעכט זײַנען מיר געווען"... (עבדים היינו). עס האָט זיך שוין געדרוקט קאַפּיטלעכווײַז אין „פֿאָרווערטס".

זאַק האָט אַלע מאָל געהאַט וואָס צו זינגען און צו זאָגן... אויך ביזן חורבן האָט ער אונדז מזכה געווען מיט אַ טוץ אָדער מער ביכער מיט לידער, נאָוועלעס, פּיעסע, קינדער־מעשיות, איבערדיכטונגען און איבערזעצונגען. אַ באַזונדערן רושם האָט געמאַכט זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט" וועגן זײַנע איבערלעבונגען ווי אַ סאָלדאַט פון דער צאַרישער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער אַ מיליאָן מאָל מער טויט האָט ער איבערגעלעבט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען „אַ (גאַנצע יידישע) וועלט גייט אונטער", איז אונטערגעגאַנגען.

די ערשטע העלפט פון זאַקס בוך פאַרנעמט די באַשרײַבונג פון „וואַרשע 1939" —— דער „ערב..." פונעם וועלט־אונטערגאַנג. דערנאָך קומט דער אָפּטייל „צווישן חורבן און אויפקום" — כראָניקעס פון זײַנע רײַזעס איבער פּוילן אין 1946 און „איבער די וועגן פון תנ"ך" אין 1950. אינעם לעצטן פּערטל פון בוך אונטערן נאָמען „פרילינג און טויט" זײַנען אָפּגעדרוקט דרײַ דערציילונגען און צווי מעמואַריסטישע עפּיזאָדן פון זײַן קינדהייט און יוגנט.

אַברהם זאַק האָט אַלע מאָל געשריבן ציכטיקע לידער און פּראָזע. שטיל און ליריש. ער איז געווען שאָטנדיק, שלייערדיק, צאַרט אין די מערסטע שאַפונגען זײַנע. נאָר „וואַרשע 1939" איז אַנדערש, גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. דאָרטן איז ער שוין דראַמאַטיש און טראַגיש. דאָרטן געפינט איר אַ סך עמאָציעס, אַ סך דיאַלאָג, אַ סך בילד. אַפילו תליה־הומאָר. ס'איז אַ ברייטער לײַוונט וועגן דעם אומרו, די ראַנגלעניש, שטימונגען, יסורים פון גרויסן יידישן קיבוץ אין וואַרשע אין די ימים־נוראים פון 1939, ערב דער קאַפּיטולאַציע און אָקופּאַציע, ערב דער קאַטאַסטראָפע.

„די פּוילישע רעזידענץ האָט שוין געלעבט אין אַ שטאַרקן פיבער. ... אין די גאָרטן־אַלייען האָבן נאָך יידישע מאַמעס אומגעפירט זייערע קינדערלעך אין גלאַנציקע הימל־בלויע „וועזיקלעך", און בײַם סטאַוול האָבן די יידישע קינדער צוגעוואָרפן שטיקלעך זעמל דעם רויק־שווימענדיקן, מלכותדיקן, ווײַסן שוואַן. זיי, די קינדערלעך, האָבן זיכער גאָרנישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שוואַרצע כמאַרע עס רוקט זיך אָן אויך אויף זיי...

... „בײַ נאַכט איז וואַרשע פאַרטונקלט. אַלע לאַמטערנעס זײַנען אײַנגעהילט אין שוואַרצער קרעפּ. אַלע פענצטער געדיכט און שוואַרץ פאַרהאַנגען. די טראַמוויי גייען אויך איבער די גאַסן מיט פאַרהאַנגענע פענצטער. אַ גרויליקע טונקל־

קייט. מיט אימה און פחד איז אָנגעפילט דער שוואַרצער חלל. בלויז מיליטערישע רעפלעקטאָרן פון ערגעץ אַ מיליטערישן פונקט הינטער דער שטאָט שנײַדן פון צײַט צו צײַט דורך די פינצטערניש, נישטערנדיק אינעם פינצטערן חלל.

„אַ מאָדנער אומרו יאָגט מיך פון שטוב. ... די באַלויכטונג פון אונטער די פאַר־מאַסקירטע לאַמטערנעס שפרייט אויף די טראָטואַרן און אויפן אַספאַלט פון גאַס פאַנטאַסטישע אוזאָרן. מענטשן באַוועגן זיך אין אַ געשפאַנטער שטילקייט. מ׳רעדט צווישן זיך ווי בלחש. אויף אַלע פּנימער זעט זיך דער אומרו. דער גרויסער אומרו! דער אומרו ליגט אויף די מענטשן, אויף די גאַסן, אויף די בײַנאַכטיקע סילועטן פון די הײַזער”.

דער גרויסער אומרו!

אומפאַרגעסלעכע בילדער און סצענעס פון אָט דעם גרויסן „אומרו פון יאָרן” שילדערט זאַק אין זײַן נײַ ווערק.

זאַק דערציילט אויך אַ סך וועגן דעם סוף פון „דער יידישער פרעסע אין וואַרשע”. ער שילדערט „די לעצטע שרײַבערישע אַסיפה”. ער גיט איבער אַ סך פרטים וועגן די שרײַבערס שמעון האָראָנטשיק, יצחק קאַצענעלסאָן, הלל צייטלין, צבי פרילוצקי, אַרטור זיגעלבוים, טשודנער, אורקע נאַכאַלניק, זאַקס, ליפע קעסטין, ישראל שטערן, הערשעלע, ד״ר גרשון לעווין און אַ סך אַנדערע.

קינסטלעריש זײַנען אויך די כראָניקעס פון זײַנע רײַזעס איבער פּוילן און ישראל, כאָטש זיי זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטן. איינע פון די דרײַ דערציי־לונגען איז אַ המשך פון אַנדערע פון דעם מין אין זײַן פריערדיק בוך וועגן דעם לעבן פון דער שארית־הפליטה. ביז גאָר קינסטלעריש זײַנען זאַק׳ס זכרונות, די „קאַפּיטלעך פון אַ יונג לעבן” און „אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן”. זיי האָבן אַפילו אַ שפּראַכלעך־עטנאָגראַפישן, קולטור־היסטאָרישן ווערט.

דאָס ביך איז פּרעמירט געוואָרן אין אַרגענטינע, מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע בײַ „די אידישע צײַטונג”.

ח. ל. פוקס

I

„מיט אַש אויפן קאָפּ”

(וועגן די לידער פון אַברהם זאַק)

פאַראַן געפילן, וואָס אַז זיי טרעפן דיך, ווערן זיי שוין אויף אייביק דײַן, ווי צונויפגעבונדן מיט גוף און נשמה. פאַראַנען קינסטלער, וואָס קענען מיט אַ נאַ־טירלעכן נישט געקינסטלעכן אופן, נאָר דורך פשוטע מיטלען אַרויסצובאַקומען די געפילן, מאַכן זיי נאָענט פאַר יעדן.

צו אַזאַ מין מדרגה גרייכן די לעצטע לידער פון אַ. זאַק׳ס נײַעם בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ״. עס קען זײַן, אַז די סיבה פאַר וואָס זאַק׳ס לידער ווירקן אַזוי מענטשלעך, ליגט אין דעם גרויליקן, וואָס איז געשען מיט אונדזער פאָלק. אָבער ווען אַפילו עס זאָל אַזוי זײַן, זײַנען אויך די לידער פון אַ. זאַק גאָר אַנדערע, ווי בײַם רוב פון דיכטערס וועלכע האָבן געפּרוווט געבן זייער ווייטיק אַ פּנים.

זאַקס לידער פאַרמאָגן נישט דיכטערישע עפעקטן פון סתם קונסט, פון שיינע ווערטער, פון נײַע, אָדער מאָדערנע פאָרמען. זאַק שרײַבט און וויינט אויף אַ פּשוטער מענטשלעכער שפּראַך, מײַן און דײַן לשון — דאָס שטאַמלענדיקע געוויין פון אונדזערע קדושים. און ווײַל דאָס געפיל איז אַזאַ עכטער, ווירקט ער טיפער מיט זײַן פּשטות, ווי אַנדערע מיט זייער ראַפינירטער עקוויליבריסטיק.

מיר וואָלטן געקענט ברענגען פיל ציטאַטן כדי צו באַווײַזן, ווי אַזוי זאַק גיט איבער די שטימונגען און געפילן פון די רעשטלעך ייִדן, וואָס זײַנען צוריקגעקומען נאָכן חורבן אין זייער היים. עס זײַנען דאָ כמעט אין יעדן ליד ערטער, וועלכע קענען צוגעאייגנט ווערן דורך יעדן מענטש. מיר ווילן עס נישט טאָן פּשוט, ווײַל דעמאָלט וואָלט אונדז אויסגעקומען צו ציטירן כמעט דעם גרעסטן טייל פונעם בוך. מיר וועלן נאָר אָנווײַזן אויף איינציקע כאַראַקטעריסטישע שטעלן, כדי עס זאָל קלאָר ווערן פאַרן לייענער, ווי אַזוי אַ. זאַק נעמט אויף די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. און ווען זאַק זאָגט שוין אין זײַן ערשטן ליד: „איך פאָר צו דיר פּוילן״:

„אַז ס׳שרײַט פון דײַן ערד נאָך דאָס בלוט פון די קדושים —
די זעקס מיליאָן ברידער דורך גאַז און דורך פלאַם.
אַז זע איך אַ בוים נאָר, דאַן מיין איך — אַ תליה
און טרערן — אַ יעטוועדער טײַך מן הסתם״.

גלייבן מיר אים, ווײַל מיר אַלע זעען אויך אַזוי אונדזער שוואַרצן גורל, אונדזער אומקום, אונדזערע נאָענטע, ווײַל —

„אַט דאָ איז מײַן שטוב דאָך געשטאַנען
און פענצטער צעהעלט ;
און פרייד פון אַ קינד אין אַ שמייכל
צו הימל, צו וועלט״ ;

(בײַ אַ ציגל־באַרג)

און ווען פון דעם אַלעם איז בלויז געבליבן ציגל, חורבות און דער דיכטער זעט ווי:

„אַט וואַלגערן אום זיך אויף ציגל
שיריים פון ייִדישן זײַן ;
אַ שיסל, אַ בלאַט פון אַ חומש,
קאַראַפּקע צו פּסחדיק ווײַן —

ווערן אונדזערע חושים שטום, מיר קענען מער נישט רעדן, נאָר האָרכן זיך אײַן אין דיכטערס ווערטער, וועלכער באַלעבט אונדזער געפיל מיטן ווייטיקלעכן

פײַן און טרויער, פּונקט ווי דער פּײַן און טרויער וועלכער נעסטיקט זיך אינעם דיכטערס האַרץ און עס זײַנען אמתדיק די שטילע טענער:

„נישט נויטיק קיין ווערטער — ס׳איז אַלץ פּאַר מיר קלאָר:
אַט דאָ איז די גרענעץ, דער סוף פון אַ דור...

אָדער ווי אין זײַן אָבל־ליד:

„פון די וואַרעמע היימישע ווענט
געבליבן נאָר קופּעס אַצינד.
פון די מאַמעשע בייניקע הענט
געבליבן נאָר אַש אינעם ווינט.״

פון די צערטלעכסטע רייד אין דער שטיל
געבליבן אין טרוים נאָר דער קלאַנג;
פון די קינדערשע שמייכלען און שפּיל
געבליבן נאָר טרויער אויף לאַנג.

פון דער וואַרעמער ייִדישער שטוב,
פון לויטערן ווײַבלעכן חן,
געבליבן נאָר קופּעס פון ליים,
געבליבן נאָר אָבל־געוויין.

(אָבל־געוויין)

דערפילן מיר דעם שטילן שאַרף פון די מיליאָנען וואָס זײַנען אַוועק און פונעם גרויסן נישט געשטילטן צער נאָך דעם אַלעם און אונדזערע הערצער טרינקען זיך אָן מיט דעם גרויסן ווי, וואָס ווייעט פון די אמתע ייִדישע שורות.

עס זײַנען שורות פון אַ ייִדישן דיכטער וואָס האָט זײַן פּריוואַט לעבן גע־שטעלט צום דינסט פון זײַן ליד און זײַן ליד — ווי דאָס שטומע געשריי פון אַן איוב בויערט אַדורך ביזן גרונט אונדזער האַרץ.

עס זײַנען די לידער וואָס ריידן פאַרן ווי פון מיליאָנען און דעריבער זײַנען זיי אַלע הייליק, ווי דער ווי פון די אַלע מיליאָנען, וואָס זײַנען אַוועק אינעם רויך און פאַלן צוריק מיט אייביקן פּײַן און טרויער מיט זייער אַש אויפן קאָפּ.

II

„יאָרן אין וואַנדער״

אין דעם לעצטן בוך לידער פון אַברהם זאַק זעט זיך בולט דער בלוטיקער חותם פון אונדזער טראַגישער צײַט און די פּײַן־יאָרן פון אונדזער פאָלק.

אין יעדן ליד ציטערט דער דיכטערישער אומרו, וואָס גייט מיט מיטן דיכטער און בעט זיך: באַשאַף מיך, גיב מיר אַ פּנים לדורות, ווען עס וועלן שוין נישט זײַן קיין לעבעדיקע עדות.

דאָס נײַע בוך איז דעריבער דער דיכטערישער דאָקומענט, וואָס וועט דער־ציילן וועגן די אַלערליי פּײַנען, וואָס אונדזערע ברידער זײַנען אויסגעשטאַנען און איבערגעלעבט אין די יאָרן פון 1939 ביז 1945 אין אַלע ערטער, וווּ זיי האָבן זיך נאָר געפונען.

עס איז דאָס בוך מיט געפילן און שטימונגען פון יחידים, אָבער צוזאַמענ־גענומען זײַנען עס די געפילן פון כלל, פון אונדזער פאָלק, די געפילן, וואָס אַברהם זאַק האָט אויפגענומען און אויסגעוואָרעמט אין זײַן נשמה און אַרויסגעבערענגט אין ליד.

אין דער פלוגתא צי מעג דער דיכטער איבערגעבן אַלע בילדער פון זײַן צײַט אַפילו די ניט געזונג כאַראַקטעריסטישע, האָט אַברהם זאַק געפּסקנט, אַז נישט נאָר דער יידישער דיכטער מעג זיי אַרײַנגעמען אין זײַן אוצר, נאָר ער מוז זיי פאַרחתמענען מיטן זיגל פון דיכטונג, כדי עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין קיין איין שטריך, כדי מיר זאָלן נישט עובר זײַן אויפן לאו פון „געדענקען״, וואָס עמלק און אַנדערע אונדזערע שונאים האָבן מיט אונדז געטאָן.

און גוט האָט געטאָן אַברהם זאַק, וואָס ער האָט אַלע געפילן, אַלע פּײַנען אָנ־געהויכט מיט זײַן דיכטערישן געמיט. סײַ די, וואָס זײַנען בײַ אים אַרויס אין דער פאָרעם פון לירישע רעפּאָרטאַזשן, ווי דער ציקל „וואַרשע אין פּײַער״, ווו ער גיט

אויף אַ שפּאַציר אין פּאַריז אין 1950

פון לינקס: ד״ר יוסף קרוק, ד״ר אירענאַ קרוק, אַברהם זאַק.

בילדעריש איבער די ערשטע טעג און מיט דעם די ערשטע גרוילן פון דער דײַטשי־שער הערשאַפט איבערן ייִדישן װאַרשע, אָבער װוּ דער דיכטער פילט שוין די גרויסע געפאַר בכלל — און סײַ אין די אַנדערע װיזיאָנערישע לידער, װי „יזכור", „עס ברומט דער האַרבסט", „אַ מיידל פון אָשװיענטשים" און אַנדערע.

אַברהם זאַק װייס זײַן װעג — זײַן אופן פון צוקומען צום ייִדישן מענטש, ער קען די ייִדישע נשמה און פילט זי אַדורך און אַדורך.

און װײַל אַ. זאַק װייסט, אַז אויף יעדן פון אונדז הויערט דאָס גרויסע געבאָט פון געדענקען דאָס אַלץ, װאָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די „יאָרן פון װאָנ־דער", גיט ער אונדז זײַן ליד מיט דער פשטות, מיט דער זעלבער שטימונג פון אונדזערס אַ מענטשן, װעלכע האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט און אַליין אויסגע־טראָגן אין אונדזערע חלומות און אונדזערע פּײַנען.

װען מיר לייענען דעם גרויסן ציקל לידער, װאָס טראָגט דעם נאָמען „נע־װנד", פילט מען פון יעדער שורה, װי דער דיכטער רעדט אַרויס דעם שטילן װייטיק פון יענע, װאָס זײַנען מיט אים געגאַנגען פון די ערשטע טעג. װען דער דיכטער גייט אויף די גאַסן פון זײַן אַלטן היים־שטעטל און עס דוכט זיך אים אויס, אַז ער איז שוין פרײַ פון די אַלע שרעק־געפילן פאַרן דײַטשישן שונא. אָבער שוין די ייִדן, װאָס שטייען אין רעדלעך אין מאַרק, פילן בחוש, אַז ס'איז נאָך נישט דער סוף פון פּײַן, אַז װער װייס װאָס ס'שטייט נאָך פאָר... און באַלד זעען מיר דאָס טרויעריקע בילד דורכן פענצטערל, װאָס דורך זײַנע קראַטעס זעט דער דיכטער זײַן װעלט, װאָס האָט געזאָלט אויפגיין מיט פרייד — נאָכן אָנקומען פון „באַ־פרײַער". דער דיכטער װערט דאָן פלוצעם גרוי...

עס איז דער פּײַן פון טיפן האַרץ, װאָס רײַסט זיך און װאָס קומט צום דיכ־טערישן אויסדרוק אינעם ציקל לידער „װײַטער צפון". מיר לעבן שטאַרק איבער די װיזיע פון „כל נדרי בײַ טשיביו". דאָס זײַנען די איבערלעבענישן פון די אַלע, װעלכע מען האָט מיט געװאַלד אַרויסגעריסן פון זייערע הימען און פאַרװאָרפן אויפן װײַטן צפון.

לאָמיר ציטירן כאָטש איין ליד:

טײַגע אָן אַן אָנהייב,
טײַגע אָן אַ ברעג —
זוך דאָ נישט קיין אויסװעג
זוך דאָ נישט קיין װעג.

נישט קיין פויגל־טרעלן
ס'גרילצן האַק און זעג
װעלקט אַזוי דײַן לעבן,
דײַנע תפיסה־טעג.

זון גייט אויף, גייט אונטער
איבער װאַלד און פליין.
נאָר איך האָס איר שיינקייט,
נאָר איך האָס איר חן.

זעג זשע, האָק די יאַלקעס
שלעפּ דעם וויסטן יאָך.
דײַנע שטילע טרערן
שלינגט נאָר אײַן דער מאָך.

עס איז דאָס ליד פון געפּײַניקטן מענטש, וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן צום וויסטן גורל. עס איז די שטילע מצבה־טרער נאָך די אַלע, וואָס זײַנען אומגעקומען אין אַלע ערטער, ווו דער חורבן האָט זיי פאַרשלעפּט אין די בלוטיקע יאָרן פון אונדזער אומקום און דערפאַר קומט דעם דיכטער אַברהם זאַק די גרויסע אָנערקענונג — ער האָט די אַלע שטילע פּײַנען פאַרחתמעט און פאַראייביקט לדורות, זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין, נאָר מען זאָל זיי געדענקען — לזכרון עולם.

יצחק קאַהאַן (מעלבורן)

אַברהם זאַקס דערמאָנונגען און מאָנונגען

אַברהם זאַק איז איינער פון אונדזערע פּרוקטיקסטע שרײַבערס אין עטלעכע ליטעראַרישע זשאַנערן. זינט עס איז דערשינען זײַן ערשטער בוך לידער „אַקאָרדן" (1918), האָט ער באַוויזן במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרײַנצושטעלן אין אונדזער ספרים־אַלמער אַ 25 ביכער, וואָס זאָגן עדות אויף אַ שרײַבער מיט אַ סך דורכלעבונגען, מחשבות און חזיונות, אַרויסגעבראַכט מיט אַ לירישן אויפהעל און אויפקוועל אין פיל פון זײַנע ווערק.

זײַן „געווען אַ ייִדיש פּוילן" איז אַן אויפזאַמלונג פון זכרונות און אימפּרעסיעס, באַגלייט מיט אַ כוללדיקן געשיכטלעכן איבערבליק פון עטלעכע צענדליק דורות ייִדיש לעבן און שאַפן אין פּוילן, געגעבן אין ראשי פּרקים פון פאַרשיידענע צײַטן ביז אונדזערע טעג (פון חורבן און נאָכן חורבן). בלתי ספק, אַז דער מחבר האָט זיך נישט פאַרנומען אויפצושטעלן אַ געשיכטלעכן בנין, נאָר געבן בלויז זײַנע קאָנטורן, און בעיקר צונויפזאַמלען ציגל פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער. די קאָלעקטיווע דורכלעבונגען פון דער ייִדישער שארית הפליטה אין פּוילן, די דערמאָנונגען און אימפּרעסיעס פון אַן עמפּינדלעכן ייִדישן דיכטער — אַן עד־ראיה — וואָס האָט מיטגעלעבט, מיטגעווייטיקט מיט די אַלע געשעענישן אין נאָך־מלחמהדיקן פּוילן — וועלן זײַן אַ צושטײַער פאַר דעם ייִדישן געשיכטע־שרײַבער פון דעם לעצטן קאַפּיטל „ייִדיש פּוילן".

אין זײַנע דערמאָנונגען האָט אַברהם זאַק אַרויסגעוויזן די שיינע מידה פון אַרויסהייבן קאָלעגן שרײַבערס אין פאָדערגרונט, און שרײַבן וועגן זיי מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט. אין געשפּרעך מיט קאָלעגן זיך נישט געשטעלט אין צענטער, און, בכלל, איז קענטיק אין די דערמאָנונגען פון דער צוזאַמענאַרבעט מיט

חברים אין יענעם פּעריאָד, אַ באַציִונג פון האַרציקער פרײַנדשאַפט, פון אויס־מײַדן דעם עגאָ־צענטריזם — אַ נסיון, וואָס אַ סך שרײַבערס קענען אים נישט בײַשטיין...

***

אַ דריטל פונעם בוך האָט דער מחבר אָפּגעגעבן פאַר דרײַ גרעסערע אַרבעטן („געווען אַ יידיש פוילן", „מיט צוואַנציק יאָר צוריק" און „אויף די חורבות פון פוילן"), וואָס זײַנען טעמאַטיש געקניפּט און געבונדן און פאַרקייטלט צו געמישטע זשאַנערן. די פאַקטן זײַנען גוט באַקאַנט דעם לייענער אויך פון אַנדערע ווערק. אָבער די פּערזענלעכע אימפּרעסיעס און די אינדיווידועלע פאַרב בײַם צייכענען באַלעבן די דערמאָנונגען.

די געשילדערטע עפּיזאָדן פון די לעבנגעבליבענע פוילישע יידן נאָכן צוריקקומען אין זייער חרובער היים אין 1946—1947, דער אינטענסיוו־שפּעריש־ער פּרווו אָנצוהייבן אויף ס'נײַ אַ יידישן ישוב מיט לאָדזש אַלס יידישער צענטער און זאַמלפּונקט, איז באַשריבן געוואָרן דורך אַ ריי שרײַבערס (אין אונדזער פּובליציסטיק, עסייִסטיק און דיכטונג). אַברהם זאַק האָט זיך מסתמא אָפּגעגעבן וועגן דעם אַ חשבון און דעריבער זיך באַמיט צוצוגעבן אַן אינדיווידועלן קאָלאָריט דורך פּערזענלעכע אימפּרעסיעס פון דער ליטעראַריש־קולטורעלער טעטיקייט, ווען אין לאָדזש האָבן זיך אויפגעזאַמלט העכער 30 טויזנט יידן. ער גיט איבער אין קורצע שטריכן די טעטיקייט פון נײַ־געגרינדעטן יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און זײַן טעטיקייט אין יענע יאָרן, אַ רשימה פון די שרײַבערס פון יענער צײַט אין פוילן, און די צײַטונגען און זשורנאַלן וואָס זײַנען דאָן אַרויס.

רעטראָספּעקטיוו געזען, (מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער). די גרויסע אַקאַדעמיע דעם 19טן אַפּריל, 1948, בײַם אָפּצייכענען דעם 5טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די אָפּדעקונג פון דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ, ווען פוילישע מיניסטאָרן האָבן נישט נאָר גלאָריפיצירט די יידישע געטאָ־אויפשטענדלער נאָר אויך שאַרף קריטיקירט די מלוכות וואָס שטעלן זיך קעגן דער שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אין פּאַלעסטינע — צו דערמאָנען דאָס הײַנט אין אָנבליק פון דער וואַקכאַנאַליע קעגן ישראל און קעגן יידן אין איצטיקן קלימאַט פון פוילן — וואַרפט דאָס נישט נאָר אַ פּראַזשעקטאָריש ליכט אויף „געווען אַ יידיש פוילן", נאָר אויך דעם אָפּגרונט, צו וועלכן דער קאָמוניזם האָט זיך אַראָפּגעקייקלט...

וועגן דעם פיזישן און מאָראַלישן טעראָר אין „פאָלקס־פוילן" קעגן דער שארית הפליטה פון פוילישן יידנטום, די וואַנט פון שנאה וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן מצד די פּאָליאַקן, איז געגנוג צו דערמאָנען דעם קיעלצער פּאָגראָם און די האַלטונג פון די מאַכט־אָרגאַנען... אַברהם זאַק אילוסטרירט נאָר מיט אַ קליינעם, אָבער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, ווען ער מיט יאַנאַסאָוויטשן זײַנען אָפּגעפאָרן פון פוילן, האָבן די קאָלעגן שרײַבערס מורא געהאַט צו קומען צום וואָקזאַל זיי באַגלייטן, אַזוי שטאַרק איז געווען די שרעק פאַר דער „אָ. בע". און פאַר די משגי־

חים פון דער „יעווסעקציע" אין פוילן. ער פאַרצייכנט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט דעם נאָמען פון איין מענטש, וואָס איז געקומען אַ פאַרסאַפּעטער צו לויפן, צו באַ־וויזן זיך געזעגענען מיט זיי. דאָס איז געווען ד"ר שלמה הערשענהאָרן, אַ באַ־וווסטער בונדישער טוער אין לובלין פאַרן קריג, און איצט אַ מיטגליד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר „זיי"...

— היתכן? איר האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַר אַן „עין הרע?" — האָבן אים די שרייבערס געפרעגט.

— וואָס הייסט? — ענטפערט ער, — צוויי יידישע שרייבערס פאָרן אַוועק און איך וועל נישט קומען זיך געזעגענען מיט זיי?

***

אין זיינע דעראינערונגען האָט אַברהם זאַק נישט אָנגענומען די פּאָזע פון די זכרונות־דערציילער, וואָס געדענקען יעדעס וואָרט פון אַמאָליקע שמועסן מיט יאָרן שפּעטער. ס'רוב זיינען אַזעלכע זכרונות ליטעראַריש־„פיקסירטע" און אָפּגעע־קליבענע מיט אַ באַשטימטער כוונה און באַטאָנונג. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ביי די בעסטע כוונות קען מען זיך נישט סומך זיין אויף דער פּינקטלעכקייט פון זכרון צו געדענקען געגנוי נישט נאָר דעם אינהאַלט און מיין, נאָר אויך דעם ווערטלעכן אויסדרוק.

האָט טאַקע דעריבער דער מחבר אַריינגענומען אין דעם בוך צוויי אַרטיקלען („אויף די חורבות פון פוילן" און „יידישע שרייבערס אין לאָדזש"), וואָס זיינען ווי אויטענטישע דאָקומענטן פון יענער צייט, געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1947—1948, און שפּיגלען אָפּ די שטימונגען און אילוזיעס דעמאָלט אין פוילן. דער מחבר דערציילט דאָרט פון אַ פייערלעכן חנוכת־הבית אין אויפגעלעבטן יידישן שרייבער־פאַראיין, ווו מען האָט גערעדט וועגן שאַפן, בויען אויף די חורבות, אַ באַנייטן יידישן ישוב. אין אַ ריי ערטער באַטאָנט ער מיט וואַרעמע ווערטער די גרויסע הילף וואָס דער „דזשאָינט" און די ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע האָבן געשיקט פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון אַ יידיש לעבן אין פוילן, כאָטש קליין און איינגעשרומפּן, אָבער מיטן באַוווסטזיין פון „לא אָמות — כי אחיה".

אונדז איז גוט באַוווסט דער טראַגישער המשך פון דעם קאַפּיטל אונטערן נאָמען „יציאַת פוילן" און מיר וועלן דאָ שטעלן אַ פּונקט. עס וווּנדערט נאָר, וואָס אַברהם זאַק שרייבט וועגן רחל קאָרן, יוסף רובינשטיין, נחום באָמזע, משה גראָסמאַן, וועל־כע זיינען די ערשטע אַוועק קיין שוועדן, אַז „לויט אונדזער איצטיקער אָפּשאַצונג איז זייער אינטויציע געווען שוין אַ צו היפּער־היפּערדיקע" (ז' 85). האָט דאָך די דערפאַרונג געוויזן פּונקט דאָס פאַרקערטע. זיי האָבן דאָך באַלד פאַרויסגעזען, נאָך אין די „גוטע צייטן" וואָס פאַרן יידיש לעבן מען קען דערוואַרטן אין אַ קאָמוניס־טישן „פאָלקס־פוילן". קען מען זיי פאַרוואַרפן (אין1968!). אין „אפשר שוין איבער־געטריבענער באַרעכנטקייט"? (דאָרט).

***

אין דער עסיי „אַרײַנבליק אין דער חורבן־ליטעראַטור" דערמאָנט דער מחבר אַ ריי פּראָזע־ווערק און געטאָ־דערציילונגען פון דער חורבן־טעמאַטיק און די קלאָג־לידער און פּאָעמעס פון ייִדישן חורבן פון באַוווּסטע ייִדישע פּאָעטן מיט ציטאַטן פון זייערע ווערק. עס איז נישט קיין פּאַרטיפטע און גרויס־פּאַרנעמיקע אָפּהאַנדלונג, נאָר טאַקע בלויז אַן „אַרײַנבליק" אין דער גיהנום־גאַס פון דער ייִדי־שער חורבן־ליטעראַטור.

אַ גרעסערע אַרבעט איז זײַן אָפּהאַנדלונג „אַ ליטעראַטור אין קייטן", וואָס איז גלײַכצײַטיק אַ דערמאָנונג און מאָנונג. עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע אין פאַרשיידענע זשאַנערן פון אונדזער ליטעראַטור. די טראַגעדיע פון די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס און דער גײַסטיקער גענאָסיד פון רוסישן ייִדנטום אין אַלע מאַניפעסטירונגען מוז כסדר דערמאָנט ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט פון געשריבענעם (און גערעדטן) וואָרט. דאָס האָט אויך אין זינען געהאַט אַברהם זאַק ווען ער האָט אין זײַן לעצטן בוך באַרירט אָט די טראַגישע פּראָ־בלעם. ער דערמאָנט די אילוזיעס פון די וואָס זײַנען אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד, „די איינציקע האָפענונג פאַרן אויפבלי פון דער ייִדישער קולטור" (משה קולבאַק).

ווי געזאָגט, האָט דאָ דער מחבר אין זײַן לענגערער עסיי בלויז באַרירט דעם טראַגישן קאַפּיטל, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די ווערק און אין דעם גורל פון זייערע שעפער מיטן שוידערלעכן עפּילאָג. נאָכן אילוסטרירן מיט איניקע ציטאַטן פון זייערע הלל גדולס פאַר סטאַלינען און פון אַרונטעררײַסן אַלץ פון דער ייִדישער שעפערישקייט אין „צעפוילטן מערב", ווערט אָבער אונטערגעשטראָכן די אַנוסים־דיקייט פון זייער לעבן און שאַפן. באַזונדערס, ווען מען האָט זיך מיט די אייגענע אויגן אויפן אָרט איבערצײַגט אין זייערע באַדינגונגען. ער שרײַבט: „עס זײַנען עדות די ייִדישע שרײַבער־פּליטים פון פּוילן, וועלכע זײַנען בעת די מלחמה־יאָרן געווען אין מאָסקווע, אַז מיטן האַרץ און נשמה זײַנען די סאָוועט־ייִדישע שרײַבערס תמיד געווען פאַרבונדן מיטן ייִדישן שרײַבער־כּלל אין דער וועלט. אין רוסלאַנד האָבן מיר, די שרײַבער־פּליטים, גוט דערקענט די סיטואַציע און גוט פאַרשטאַ־נען"... (ז' 134).

אַ שאָד, וואָס זאַק ברענגט נישט אַרויס אין דער עסיי עפּעס פון די פּערזענ־לעכע שמועסן מיט די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס אין יענער צײַט, וואָס זאָל זײַן כאַראַקטעריסטיש פאַר זייערע שטימונגען און געפילן. עס וואָלט צוגעגעבן אַן אינדיווידועלן טאָן און קלאָרער צו די ציטירונגען פון זייערע ווערק, ווי צו די הנחות און אויספירן *).

***

„די אָקופּאַציע פון וואַרשעווער „מאָמענט" געהערט אויך צום קאַפּיטל דעראי־נערונגען פון מחבר. ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג

---

* באַמערקונג פון צוזאַמענשטעלער: אַברהם זאַק איז אין מאָסקווע לגמרי נישט געווען מחמת ספּעציפיש־סאָוועטישע באַדינגונגען.

און ער שילדערט ווי אַזוי זי איז אין 1938 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריבונע פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. בשעתה איז עס געווען אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגערודערט נישט נאָר די רעדאַקציע־מיטגלידער פון „מאָמענט" און געהאַט ברייטע אָפּקלאַנגען.

אַ שטימונגספולע פּײַנע אַרבעט איז די עסיי „אַ פאַרגעסענער". עס איז אַן עסיי־קדיש נאָך איינעם פון אונדזערע שרײַבערישע שיין־גײַסטערס צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן, ב. קאַרלינ יוס. אַברהם זאַק האָט אין „מאָמענט" ממשיך געווען די אַרבעט פון ב. קאַרליניוס, ווי דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער זײַט אין דער פרײַטיקדיקער צײַטונג. מיט אַ סך פּיעטעט, ליבשאַפט און פאַרערונג שילדערט ער אין דינע שטריכן די געשטאַלט פון אַ גײַסטיקן אַריסטאָקראַט. אין דער עסיי שטעלט ער זיך אויך אָפּ אויף נאָך צוויי קאָלעגן פון דער וואַרשעווער שרײַבער־משפחה, דער נאָוועליסט דוד קאַסעל, דער הומאָריסט יוסף טונקל, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיטן עסייִסט ב. קאַרליניוס געווען אַ מין ליטעראַרישע „טראָיקע".

אין אַלגעמיין גענומען איז דאָס בוך „געווען אַ יידיש פּוילן" אַ זאַמלונג פון עסייען און אַרטיקלען, געשריבן דורכן מחבר אין פאַרשיידענע מאָמענטן, אָפּצו־צייכענען דאַטעס פון געשעענישן אין יידישן לעבן, ווי אויך געלעגנהייטס־אַרטיק־לען וועגן אַ ריי באַוווסטע יידישע שרײַבערס (גלאַטשטיין, גלאַנץ־לעיעלעס, אָפּאַ־טאָשו, הירשביין א״אַנד). ער האָט אונטער די צוויי טאָוולען אַרײַנגענומען זײַנע פאַרצייכענישן פון אַ באַזוך אין ישראל מיט רעפלעקסן פון אַ ריי מסיבות און צוזאַמענטרעפן מיט קאָלעגן־שרײַבערס. די אײַנדרוקן לייענען זיך גוט און דאָ און דאָרט טרעפט מען אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אָדער אַנדערן שרײַבער (לדוגמאָ, וועגן אליעזר פּינעס).

אַ סך אַסאָציאַציעס רופט אַרויס דער מאַמר „עס דערמאָנט זיך". די באַמער־קונגען וועגן די מירסקיס און זייער ראָל אין „פאָלקס־פּוילן", דער טראַגישער עפּיזאָד מיטן קאָמוניסטישן זשורנאַליסט אַהרן וואַהל און נאָך אַנדערע פאַרגלײַ־כונגען, וואָס ער האָט פאַרצייכנט, גיבן גענוג שטאָף פאַר אַ שטיקל חשבון הנפש, וואָס אַ יידישער קאָמוניסט וואָלט געדאַרפט מאַכן...

פאַראַן נאָך אַנדערע עסייען אין בוך, וועלכע דער מחבר האָט אָנגעשריבן צו פאַרשיידענע באַערונג־אָוונטן לכבוד אים. זיי זײַנען זייער אינטערעסאַנט און אַקטועל.

א. וואָלף יאַסני

אַברהם זאַק דער דערציילער

„אויף די וועגן פון גורל", וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג פון „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע" איז דאָס 20סטע בוך פון דיכטער און פּראָזאַיקער אַברהם זאַק.

אויף די וועגן פון ייִדישן גורל איז אַברהם זאַק דורכגעגאַנגען אַ האַלבן יאָר־הונדערט שעפעריש לעבן און אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף אָט די וועגן — סביבה, ייִדישע טיפן און געשטאַלטן — האָט ער אַרײַנגעבראַכט אין זײַנע ווערק. ער איז דער באַזינגער און באַשרײַבער פון צוויי וועלט־מלחמות. נאָר אויב אין דער ערש־טער וועלט־מלחמה איז ער ווי אַ זעלנער פון דער צאַריש־רוסישער אַרמיי געווען אונטער די פליגל פון טויט (דער טיטל פון זײַן פּראָזע־בוך), איז ער אין דער צוויי־טער וועלט־מלחמה געווען צווישן די קנעכט אין סטאַלינס שקלאַפן־מלוכה.

מיט דער זעלבער אויפריכטיקער רעאַלקייט מיט וועלכער אַברהם זאַק האָט אין זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט" געשילדערט די איבערלעבונגען, טראַכטן און פילן פון אַ ייִדישן סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי, האָט ער אַרויסגעבראַכט די פּײַן און צרות וואָס ייִדישע פּליטים זײַנען דורכגעגאַנגען אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַנע צוויי בענדער אויף דער טעמע א"נ „קנעכט זײַנען מיר געווען" זײַנען ביז איצט די בעסטע ביכער, וואָס דערציילן אויפריכטיק, אַפילו מיט סטאָישער רויִקייט וועגן גורל פון ייִדישע פּליטים אין ראַטן־פאַרבאַנד. אמת, דער מחבר באַשרײַבט זײַנע אייגענע איבערלעבונגען, אָבער ווי אַ קינסטלער ברענגט ער אַזוי אַרויס די סביבה, די טיפּן און געשטאַלטן, רוסישע און ייִדישע, אַז עס באַקומט זיך דאָס גרויסע בילד, אויף אַ ברייטן לײַוונט פון איבערלעבונגען פון פּשוטע ייִדן און ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס זײַנען פון דײַטש־היטלעריסטישער אויסראָטונג געלאָפן אין לאַנד פון מענטשן־ליבע און פעלקער־גלײַכהייט...

מיט דער זעלבער פּשוטער רעאַלקייט, אין זײַן אויסגעהאַלטענעם סטיל, וואָס ווייסט נישט פון קיין אָפּווײַכונגען, האָט זאַק אין זײַנע ביכער באַשריבן דעם צוריק־קער קיין פּוילן און איצט אין דעם נײַעסטן בוך דערציילונגען האָט זאַק ווידער זיך צוריקגעקערט אויף זײַנע פריִערדיקע וועגן פון גורל אויף וועלכע ער איז גע־גאַנגען איידער ער האָט אויפגעשלאָגן זײַן היים אין בוענאָס־אײַרעס.

אויף די דאָזיקע וועגן האָט ער באַגעגנט ייִדישע מענער און פרויען יחידים, אַרויסגעקומענע פון געטאָס און לאַגערן, פון בונקערס און פון גוייִשע באַהעלטענישן. זייערע היימען, זייער אַמאָליק לעבן איז אָפּגעמעקט און צעשטערט. בעתן צוריק־אויפבויען די חרובע היים, אַ נײַ משפּחה־לעבן ווערט מען ווידער געטרייסט פון גורל און עס קומען פּסיכישע פאַרוויקלונגען, וואָס ווערן דורך אַברהם זאַק קינסט־לעריש אַרויסגעבראַכט.

שמעון האַרצמאַן אין דער דערציילונג „אין זײַן לעצטער היים" גייט דורך דעם באַקאַנטן פּליטים־וועג פון גלות רוסלאַנד צוריק קיין וואַרשע, צו די חורבות. נאָך דעם ווען ער באַווײַנט זײַן חרובע היים, זײַן פאַרפּײַניקטע פרוי און די קינדער און וואַנדערט איבער נידערשלעזיע, ווו עס זאַמלען זיך ייִדישע „היימקערער", וואָס האָבן נישט קיין היים — לאָזט זיך דער צוריקגעקומענער אויף נײַע וואַנדער־וועגן און איז עולה קיין ישראל. דאָ זוכט ער אָפּ זײַן אַמאָליקע באַקאַנטע פון די יונגע יאָרן — געניאַ גליקסמאַן. זי איז אַ טאָכטער פון אַמאָליקן רײַכן לעדער־פאַבריקאַנט. ער געדענקט זי ווי אַ צעפּיעשטשעטע מיידל, אַ מיידל פון אַ סך קאַפּריזן. אַ געוויסע

צײַט איז האַרצמאַן געווען איינער פון אירע פאַרערערס. ער האָט זי אַפילו געקושט. דאָ אין ישראל איז שוין געניאַ געוואָרן אַן אַלמנה.

פאַר האַרצמאַנען שטראַלט אויף אַן אַמאָליקער חלום, וואָס קאָן איצט ווערן ווירקלעכקייט. דאָ קומט דער שפּיל פון גורל: עס איז שוין נישט די אַמאָליקע געניאַ, עס איז אַן עלטערע פרוי מיט אַן אָפּגעצערט, צעקנייטשט פּנים. אָבער די זכרונות פון יענעם יונגן אַמאָל שאַפן צווישן זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך. האַרצמאַן גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז ער איז אויך שוין נישט דער אַמאָליקער, אָבער ביז ער ווערט פאַרטיק מיטן חשבון האָט שוין געניאַ אַן אַנדערן „גואל" און האַרצמאַן זאָגט צו זיך אַליין: „האָסט פאַרשפּעטיקט, שלימזל. דאָס איז די באַצאָלונג פאַר דײַן אייביקן וואַקלען זיך".

אויף אָט די וועגן פון גורל, וואָס שפּילט זיך מיט מענטשן גייען אַלע העלדן אין אַ. זאַק'ס נײַעסטע דערציילונגען. העלאַ, וואָס האָט פון וואַרשעווער געטאָ זיך געראַטעוועט אויף דער אַרישער זײַט, געפינט אָפּ איר שוועסטערס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ. זי אַדאָפּטירט עס, ווי אַן אייגן קינד און באַהאַלט אויס פאַר דעם מיידעלע די טראַגישע איבערלעבונגען פון איר מוטער. זי — העלאַ, איז די מאַמע. זי וויל נישט צעשטערן די קינדערישע פרייד מיט דעם אויפגייענדיקן לעבן. נאָר דעמאָלט, ווען דאָס מיידעלע וועט שוין זײַן אַ דערוואַקסענע, וועט מען אַנטדעקן פאַר איר דעם טראַגישן סוד.

אַ. זאַק פאַרענדיקט די דערציילונג מיט: „אָרעם מיידעלע, באַשערט דיר צוויי מאָל צו ווערן אַ יתומה, איין מאָל אין געטאָ, דאַן האָסטו די יתומהשאַפט נאָך נישט געפילט און דאָס צווייטע מאָל, ווען דו וועסט אונטערוואַקסן און מען וועט דיר מגלה זײַן דעם טרויעריקן סוד..."

***

אין די ראַמען פון אונדזער אַרטיקל איז נישט מעגלעך צו באַהאַנדלען די נײַן הויפּט־דערציילונגען אין אַברהם זאַק'ס בוך — „אויף די וועגן פון גורל". אַחוץ דעם גורלדיקן תוך, וואָס איז אין זיי פאַראַנען, האָט זאַק אַרויסגעבראַכט נאָכמלחמהדיקע ייִדישע טיפּן און געשטאַלטן און זייער סביבה. אויף שילדערן די סביבה לעבעדיק רעאַל איז זאַק אַ מײַסטער.

(„לעצטע נײַעס", 1964)

ד״ר יצחק קאַנטער

אַברהם זאַק׳ס וואָגל־ און וואַנדער־לידער

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

... אַברהם זאַק האָט זיך קיין מאָל נישט געיאָגט נאָך ספּעציעל אויסגעזוכטע מאָטיוון. עס זײַנען אים תמיד גוט געווען די „אַלטע״ (און אין תוך אייביק נײַע) מאָטיוון פון ליבע און טויט, פון היים און פון לאַנדשאַפט. ער האָט געדיכטעט וועגן די יונגע יאָרן, וואָס פאַרגייען אַזוי שנעל, וועגן האַרבסט, וואָס איז אַן אָנזאָג פון טויט אין דער נאַטור און פון טרויער אין מענטשלעכן האַרצן. זאַק האָט זײַנע ערשטע ווערק פאַרעפנטלעכט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער דער וויכטיקסטער צײַט־אָפּשניט פון זײַן שאַפן, דאָס איז דער פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווען עס זײַנען אויפגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור דער פוטוריזם, עקספּרעסיאָניזם און אַנד׳, וואָס האָבן געשעפּט זייער יניקה אין דעם סאָציאַלן אויפברויז פון יענע יאָרן. זאַק האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט מיטרייסן מיט די אַלע רעשנדיקע און רוישנדיקע כאַליאַסטרע־עקסטראַוואַגאַנצן. ער איז געבליבן בײַ זײַן שטילן, באַשיידענעם עכטן טאָן, סײַ אין זײַנע לידער, סײַ אין זײַנע נאָוועלן און דערציילונגען.

אַ. זאַק האָט קיין מאָל נישט געוואָלט איבערראַשן מיט אויסגעזוכטע ווערטער און ווערטער־נײַ־בילדונגען. דאָס עקספּערימענטירן אין דער דיכטונג איז אים תמיד דערווידער און פרעמד. האָט ער דאָך פאַר אַלעמען געוואָלט זײַן קלאָר און פאַרשטענדלעך. און דעריבער איז אַיעדער נײַ ווערק זײַנס, אַזוי פּאָעזיע ווי פּראָזע, אַ המשך אין דער ליניע פון פשטות און עכטקייט. מען האָט שטענדיק געפילט פון אַ. זאַק׳ס ווערק דעם אַראָמאַט פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט, פון דעם ייִדישן ליטווישן שטעטל מיט זײַן שטייגער און זײַנע פּערסאָנאַזשן.

עס איז אָבער אַברהם זאַקן נישט געווען באַשערט צו בלײַבן בײַ זײַנע באַליבטע, טייל מאָל ביז גאָר אידילישע טעמעס. דאָס בוך „יאָרן אין וואַנדער״ (בוענאָס־אײַרעס 1949, פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״) און דאָס בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ״ (לאָדזש 1947) זײַנען אַ רעזולטאַט פון די יאָרן פון אומקום, פון פּײַן און בלוט. דער ערשטער טייל פון בוך „יאָרן אין וואַנדער״ איז אַ בולטע לירישע אָפּשפּיגלונג פון די געשעענישן.

אין דער סאָוועטישער פאַרשיקונג, אויף דעם ראַנד פון אומקום, אַנטשטייען אַ. זאַק׳ס לידער „פון ווײַטן צפון״:

„ווער וועט וויסן גאָר פון יענע קאַלטע הימלען, / וווּ עס שפּרייטן זיך די ווײַסע ימים שנײַ? / וווּ עס ווײַזט זיך נאָר די זון ווי צו להכעיס? / וווּ דער חלל פול מיט זיפצן און מיט וויי? / אויב כ׳וועל אויסגיין דאָ אין די מרחקים

ווײַטע, / אין דער שטומער טײַגע־עלנקייט אַליין, — / ווער וועט וויסן ווו עס איז די שטילע יאָלקע, / וואָס וועט תהילים זאָגן איבער מײַן געביין?...״

מיט זײַן געפּרעסטקייט, קורצקייט און פּשטות איז דאָס ליד אַ מוסטער פון אַ. זאַק׳ס לירישע לידער. עס דערמאָנען זיך דאָ האַפּשטיינס סטראָפן: „שבת פאַרנאַכט אין די רוסישע פעלדער — / ווו קען מען זײַן עלנטער, ווו קען מען זײַן עלנטער?״

דער מענטש ווערט דאָ דערדריקט פון דער רחבות און ברייטקייט פון רוסישן סטעפּ. אָט דער מאָמענט איז אויך דאָ אין זאַק׳ס לידער „פון ווײַטן צפון״. אָבער בײַ זאַקן איז נישט סתם רחבות פון דער אומענדלעכער טײַגע, וואָס דערדריקט דעם יחיד. צו דעם געפיל פון פאַרלאָזנקייט און איינזאַמקייט אויף די אומענדלעכע שטחים קומט נאָך דער געפיל פון זײַן אַ פאַרשיקטער, פון זײַן פאַרמשפּט צו טאָן שווערע קאַטאָרגע־אַרבעט.

אָט דער שווערער גורל פון דיכטער פאַרשטעלט אויך די שיינקייט פון דער נאַטור אין דער טײַגע און ער זאָגט:

„נאָר איך האָס איר שיינקייט,
נאָר איך האָס איר חן״...

(„קיום״, נ׳ 11־12, פּאַריז)

ד. וואָלפּע (יאָהאַנעסבורג)

ביכער פון פּײַן און עלנט

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

„קנעכט זײַנען מיר געווען״, בלשון רבים, ווײַל עס איז נישט בלויז די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון מחבר, נאָר ער ברענגט אויך אַרויס דעם אָרום, די מיטפאַרקנעכטיקטע. עס איז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק אויפן פאָן פון אַלגעמיי־נעם מענטשלעכן בראָך. אַברהם זאַק מאָלט די חושכדיקע שקלאַפן־וועלט מיט אירע מענטשן און מענטשלעכע דערשײַנונגען, איר געפאַלנקייט און איר דערהויבנקייט, פּאַסירונגען און עפּיזאָדן וואָס פאַרכאַפּן אונדזער אָטעם. ער שילדערט אַזעלכע מעשים תעתועים, וואָס דאַרפן מאַכן זיך פאַרטראַכטן דעם גלויביקסטן פאַנאַטיקער, די אַלע וואָס זוכן נאָך אַלץ פונקען פון הומאַניזם אין די אויגן פון אַ האַרצלאָזן געץ.

אַברהם זאַק מאָלט קורץ, אָפּגעהאַקטע עפּיזאָדן און בילדער, וואָס פילן אַן מיט עלנט און פּײַן די בלעטער פון זײַן צוויי־בענדיק ווערק. אויך דער פאַרשפּיל, מער ווי דרײַ־פערטל פון ערשטן באַנד, אַנטהאַלט שוין אַלע עלעמענטן פון מענטש־לעכער אכזריות, הגם נאָך באַפאַרבן און צוגעשמאַלצן מיטן שמן זית פון כלומרש־טער פרײַהייט. אַ פרײַהייט, וואָס אַ ליאַדע רגע קאָן זי דורך אַן אומפאַרזיכטיק

תמימותדיקן וואָרט, אָדער סתם אַ מסירה צי גאָר אַ בילבול, זיך ענדיקן מיט אַ „סראַק" פון פיל יאָרן אין אַ פאַרדראָטעוועטער שטײַג ערגעץ בײַם אַרקטיק.

אין די דאָזיקע קאַפּיטלעך, ווו עס ווערט באַשריבן די אויסגעציטערטע פרײַהייט און שפּעטער די קנעכטשאַפט, איז פאַראַן קינסטלעריש רעאַלע קראַפט און אַ סך צימצום. דעם מחברס געדאַנקען זײַנען פײַן און אויסגערײַפט און זײַן באַאָבאַכטונגס־כוח איז שאַרף און קלאָר. ווי נאָך אַ לוויה ציִען מיר נאָך נאָך דעם פיל מיליאָניקן מאַנאָטאָנעם טרויער־מאַרש פון די שקלאַפן אין די שנייִיקע און פראָסטיקע וועלדער. וואַנדאַליזם און טעראָר, הונגער, קעלט, קראַנקייטן און טויט באַגלייטן דאָ אַ יעדן מענטשן. אַזוי זעט אויס דאָס „לעבן" אין די „אויסבעסערונג־אַנשטאַלטן" פון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. און דער מחבר איז מוסר מודעה, אַז דאָס דערציילטע איז נישט מער ווי „אַ טייל פון יענעם גרויסן שלעכטס", הגם ס'איז „דאָ דערציילט אַ סך, אָבער נאָך נישט אַלץ". און טאַקע — „צי איז דען מעגלעך פאַר אַ יחיד אויסצושעפּן אַזאַ ים פון טרערן און פּײַן?"...

אין צווייטן בוך מערן זיך די קאַפּיטלעך, וואָס זײַנען דורכגעזאַפּט מיט די טרערן און טויט פון עלנטן מענטשן און רירן מיט זייער אוממיטלבאַרן עכטן טאָן. עס איז דער שטילער קרעכץ פון געדערכטן, וואָס בײַסט זײַן אייגן פלייש. און גוט איז וואָס אַברהם זאַק האָט נישט געשוויגן. ער, אַ ייִדישער שרײַבער און אַ פליט, אָן פּאָליטישע כוונות, האָט זיך דאָך געמוזט אָראָפּריידן פון האַרצן, אויסשרײַען זײַן ווייטיק און פּראָטעסט. אין „די (דער) ערשטע(ר) נאַכט הינטער קראַטן..." פּײַניקן אים שוין די מחשבות: „סטײַטש און סטײַטש! היתכן! אַזוי טוט מען מיט פּליטים? מיט נע־ונדניקעס, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון די נאַציִשע באַרבאַרן? קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערע עוולה? קאָן נאָך זײַן אַ ריכטיקערע טענה און אַ פּײַנלעכערער פאַרוואורף? אָבער טאַקע אין די קעלערן פון דער נקוו"ד שפּעטער, נאָך אין זײַן גראָדנע, איבערצײַגט ער זיך אין עפּעס אַנדערש, אַז „אין איין נאַכט קענען 'זיי' מאַכן פון אַ מענטש אַ בראָדיאַגע"...

ווי שווידערלעך אַזאַ איבערלעבונג איז פאַר דעם יחיד און ווי גרויס איז די טראַגעדיע פון מיליאָנען געמאַכטע בראָדיאַגעס — נישט פאַרזינדיקטע קולטור־מענטשן און אינטעליגענטן, וואָס ווערן פאַרשטויסן פון זייער סביבה, משפּחה, פון זייערע היימען, דערפאַר און שטעט. אַברהם זאַק האָט זייער אַלעמענס ווייַ אַרויס־געשריִען, ווי זיי האָבן אים געבעטן, די „דאָרט" פאַרבליבענע, און ווי ער האָט זיי מבטיח געווען צו טאָן. אָבער די עיקר־גרויסקייט פון זײַנע ווערק ליגט אין דעם, וואָס ער האָט געמײַסטערט די סיטואַציע און איבערגעגעבן די זאַכן אָן דעם ביליקן בײַטאָן פון גרילצנדיקער היסטעריע, אין וועלכער אַ סך געליטענע, אויך פען־מענטשן, פאַלן אַרײַן און פאַרלירן זיך. דער שטילער איידעלער טאָן קלינגט דערפאַר אָפּ אין אונדז מיט איבערצײַגנדיקער קראַפט און רירט בײַ יעדן די דינסטע סטרונעס פון זײַנע הומאַניסטישע געפילן.

(„דרום־אַפריקע", 1957)

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו

אַ דיכטער וואָס לעבט אין זכות פון זײַן ליד

(„פון אַלע מײַנע יאָרן" פון אַברהם זאַק)

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

אַברהם זאַק איז אַ ליריקער און ליריק איז פּאָעזיע פון האַרצן, וואָס דריקט אויס די אינעווייניקסטע געפילן פון דיכטער, זײַנע פרײדן און לײדן, זײַן באַציִונג צו וועלט, מענטש און זאַכן. ליריק איז ריין סוביעקטיוו, זי דריקט אויס די אינדיווידועלע שטימונג פון פּאָעט, און באַפאַרבט אַלץ מיט אַ קאָלאָריט פון זײַן געמיט־צושטאַנד. בײַ די גריכן האָט מען אַזעלכע לידער געזונגען אין באַגלייטונג פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט וואָס הייסט לירע, און פון דעם שטאַמט עס דער נאָמען פון לירישער פּאָעזיע. אָבער אין קעגנזאַץ צו דער דראַמע און טראַגעדיע, האָט די ליריק פיל פריִער זיך אַנטוויקלט בײַ די ייִדן, און מיר האָבן די שענסטע מוסטערן פון דעם זשאַנער אין דער ביבל און אין דער אַלטער העברעיִשער פּאָעזיע.

אַ ליד „מײַן האַרץ איז אַ האַרפּע", געשריבן אין יאָר 1918, איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר אַברהם זאַק'ס סטיל, ווען אין זוניקע טעג קומט צו אים אַ מלאך אַ שטילער, און באַרירט די סטרונעס פון דער האַרפּע און „עס שוועבן אַקאָרדן פון גליק צו די הימלען", און אין די האַרבסטיקע פאַרנאַכטן נידערט אַ „דעמאָן אין שוואַרצן", באַרירט די סטרונעס די שטילע, און „עס פליסן אַקאָרדן וואָס וויינען מיט טרערן":

מײַן האַרץ איז אַ האַרפּע מיט סטרונעס מיט צאַרטע,
וואָס קאָנען אי וויינען אי לאַכן;
וואָס קאָנען באַקלאָגן די ליליעס פאַרדאַרטע,
באַזינגען דעם פרילינגס דערוואַכן.

אין זוניקע טעג, אין דעם יום־טוב דעם גרינעם
פון פאַרבן, פון וואַלד און געטריילער —
אין שלייער פון פּורפּור, אין דורכזיכטיק דינעם,
אַ מלאך קומט האָן אַ שטילער...

מײַן האַרץ איז אַ האַרפּע מיט סטרונעס מיט צאַרטע — מעגלעך אַז דער מאָטיוו איז באַווירקט פון דעם באַרימטן פּאָעטישן אימאַזש פון יהודה הלוי, וואָס זאָגט צו דער מוטער ציון: — „חלום איך פון דײַן דערלייזונג וויִדער / ווער איך אַ האַרף פאַר דײַנע לידער". נישט איין דיכטער, אויך נישט קיין ייִדישן, האָט אינספּירירט די שטורמישע ראָמאַנטיק פון דעם גרויסן ייִדישן פּאָעט פון 12טן יאָרהונדערט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ העראָישן געפיל פון טיפן גלויבן,

אין וועלכן די פּערזענלעכקייט ווערט אויפגעלייזט אין בענקשאַפט און ליבע צום אַבסאָלוטן. אין אַברהם זאַק׳ס ליד פּרעדאָמינירט דער סוביעקטיווער טאָן, און פון זײַן האַרפע פליסן אַקאָרדן, וואָס דריקן אויס די אינטימסטע געפילן פון אייגענעם האַרץ, באַפאַרבט מיט אַן עלעגישן טרויער „וואָס ווײַנען מיט טרערן״.

„פון אַלע מײַנע יאָרן״, ווי עס הייסט דאָס בוך פון אַברהם זאַק, איז אַן אַנטאָלאָגיע אין וועלכער עס קומט אַרײַן אַן אָפּקלײַב פון צען לידער־זאַמלונגען, וועלכע זײַנען דערשינען אין פאַרלויף פון די 68 יאָר פון זײַן שעפערישן לעבן, אָנהייבנדיק פון יאָר 1908, ווען ער האָט אין עלטער פון זיבעצן יאָר פאַרעפנטלעכט זײַן ערשט ליד אין אַ ווילנער צײַטשריפט. אַברהם זאַק האָט אַ גאַנץ רײַכע ביבליאָגראַפיע, מען האָט וועגן אים געשריבן; אָבער ער האָט נאָך ניט זוכה געווען צו קיין מאָנאָגראַפיע, — ווי ער האָט דאָס זיכער פאַרדינט, — וואָס זאָל אַרומנעמען און געבן אַן אַלזײַטיק בילד פון זײַן לאַנגן וועג אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אַ מהלך פון דרײַ צענדליק ביכער אין ליד און אין פּראָזע. און אין אַ מאָנאָגראַפיע האַלט מען זיך געווײנטלעך בײַם כראָנאָלאָגישן סדר, מען הייבט אָן פון די ראשי־פּרקים, ווײַל אַ מענטש איז נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון זײַן סאָציאַלער סביבה און היסטאָרישער תקופה, ווי עס האָט געזאָגט היפּאָליט טען, נאָר עס ווירקן אויף אים אויך די אײַנפלוסן, וועלכע ער האָט געבראַכט בירושה פון דורות עלטערן.

— —

עס האָט אויך נישט געשטערט, אַז זײַן מוזע זאָל זיך פריידיק צעזינגען, אַז:

פאַראַן אויך רגעס זוניקע אין לעבן גרויען,
ווען כ׳דאַרף קיין סך ניט האָבן צו מײַן גליק:
גענוג איין שמייכל ליכטיקער פון הימל בלויען,
גענוג איין פריידיק־צאַרטער מיידל־בליק.

גענוג איין פעלד באַגאָסענער מיט העלע שטראַלן,
כ׳זאָל פאַלן פונעם גליק אין גרינעם שויס.
ס׳קען דאַן פאַרשיכּורן פון זילבער־וואַסערפאַלן
דער קלינגעוודיקער, פריידפולער גערויש.

פאַראַן אויך רגעס זוניקע, ווען ס׳ווערט צעשוומען
דער אומעט פינצטערער, טרעט אָפּ זײַן אָרט דער פרייד...

און ער פאַרענדיקט דאָס ליד גאַנץ טרויעריק. דער „אומעט פינצטערער״ איז אַוועק נאָר צײַטווײַליק, זאָגט ער:

איך ווייס, אַז ר׳וועט צוריק באַלד קומען,
און הערשן אין נשמה שטילערהייט...

די פײַנלעכע געשעענישן פון יידישן לעבן אין פּוילן, און די איבערלעבונגען פון דיכטער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער ער איז פאַרווונדעט געוואָרן און אין דער צווייטער, ווו ער האָט דורכגעמאַכט דעם סאָוועטישן גיהנום אין סיביר, האָבן נישט אויסגעלײַטערט דעם שווערן געמיט, וועלכן עס האָט

פּאַראורזאַכט די „טראַומאַ" פון די קינדער־יאָרן, און אַברהם זאַק איז געוואָרן דער גרויסער מקונן — דער טרויער־זינגער און קדיש־זאָגער — פון דעם דריטן חורבן. און דער „דעמאָן אין שוואַרצן" הערט אים נישט אויף צו פּאַרפאָלגן, און אַפילו אין דער פריילעכער מאָר דעל פּלאַטאַ, אין יאָר 1975, דוכט זיך אים, אַז דער אומגעבעטענער גאַסט קלאַפּט שוין אין זײַן טיר:

ניין, כ'וועל די טיר נישט עפענען,
איך וויל אים גאָרנישט זען,
נאָר ווי! אַפילו דורך דער וואַנט
אַרײַנגיין אויך ער קען...

איך אײַל מיך, וויל פאַרענדיקן,
כאַטש נאָך, כאַטש נאָך איין ליד...
נאָר „יענער" קלאַפּט, זײַן חלף שאַרפט,
ווערט קיין מאָל זאַט פון שניט — — —

אַברהם זאַק האָט די וואַרעמע פאַרבינדונג מיט מענטשן קיין מאָל נישט פאַרלאָרן, און ער האָט מיטן כוח פון ליד געהאַלטן דערווײַטערט, אויף יענער זײַט טיר, דעם „דעמאָן דעם שוואַרצן". ער האָט אָבער אים דאָמינירט, אָבער נישט אין גאַנצן אים פאַרטריבן, אָט דעם „גאַסט דער אומגעבעטענעם", וואָס ליגט ווי אַ פריצײַטיקער קנייטש אויפן יוגנטלעכן פּנים פון זײַן זינגעוודיקער מוזע. ער האָט סטאָיִש אויסגעטראָגן דעם קאָמפּלעקס פון די קינדער־יאָרן ווי אַ פּאַקיר, וואָס פאַרכישופט אַ שלאַנג מיטן ניגון פון זײַן פליײט. דערפאַר האָט ער נישט געזוכט קיין נײַע פאָרמען פון פּאָעטישן אויסדרוק, מיט וועלכע עס איז אין פאַרלויף פון די יאָרן באַרײַכערט געוואָרן די ייִדישע דיכטונג, נאָר האָט מיטן טראַדיציאָנעלן פּאָעטישן נוסח פון זײַן לײַכטן שפּילעוודיקן פערז, פאַרווירקלעכט זײַן באַרוף אין לעבן, און יעדע מינוט געשאַפן אַ סטראָפע, יעדן טאָג אַ ליד, יעדעס יאָר אָדער צוויי — אַ בוך, וואָס האָט פאַרשאַפט גלויבן אין די אייגענע קרעפטן און אויסגעלײַטערט דעם שווערן געמיט.

ס'איז גוט באַקאַנט און שטאַרק פאַרשפּרייט אין אַלע קרײַזן דער טיף פון אַ מעלאָמאַן, פון אַ פאַרליבטן אין מוזיק, וואָס לויפט מיט יוגנטלעכן ברען פון איין קאָנצערט צום אַנדערן. ס'איז טאַקע אַ מאַניע — אויב זי גייט אַרויס פון די נאָרמאַלע גרענעצן; אָבער זי גיט אַ טעם אין לעבן, לײַטערט אויס די געפילן, און פאַרטרײַבט די שאָטנס פון געמיט ווי מיט זון־שטראַלן.

דאָס ליד איז די טרײַבקראַפט פון אַברהם זאַק'ס שאַפונגס־לוסט, ווי אַן אָפּוועהר־קאַמף קעגן דער מורא פאַרן טויט און ווי אַן אויסדרוק פון וויטאַליטעט, וואָס טראָגט די פרייד פון לעבן. אַברהם זאַק איז אַ דיכטער, וואָס לעבט אין זכות פון זײַן ליד. ער איז מקיים אַן עבודת הקודש, און האָט נישט קיין צײַט און קיין ווילן איבערצורײַסן דעם ריטעם פון לעבן, ווי ער גיט עס אָנצוהערן אין זײַן ליד א"נ „צו מײַן מוזע", געשריבן אין יאָר 1963:

װעסט קומען צו מיר אין די נעכט אין די שוואַרצע,
און טרייסטן און װעקן געזאַנג;
װעסט צינדן דעם הייליקסטן פלאַם אין נשמה,
און לײַטערן װערטער אין קלאַנג.

פאַרטרײַבן פון מיר װעסט די פינצטערע רגעס,
װען טויט, דוכט, שוין לויערט בײַם שװעל.
קאַנסט װײַזן דעם כישוף, װען די מרה־שחורה
צעזינגט זיך אויך לוסטיק אין זעל.

און כ׳װייס, װעסט אַזוי מיך כסדר באַגלייטן,
ביז רגע ביז לעצטער אין װעג.
מיט ליד איז אויך גרינגער די לעצטע צעשיידונג,
װען טאָג גייט אַװעק, גייט אַװעק — — — —

(„צוקונפט“, 1976)

מאיר קאָטשינסקי

„פון אַלע מײַנע יאָרן“

אַברהם זאַק׳ס בוך לידער „פון אַלע מײַנע יאָרן“, איז דאָס 29סטע בוך זײַנס. עס איז אַן אָפּקלײַב פון אַלע זײַנע לידער. פאַרעפנטלעכט אין בוענאָס־אײַרעס, 1975, 342 זײַטן, 363 לידער.

תפילת זכה — זאַק׳ס, איז נישט קיין װאָרטשפּיל. זאַק שרײַבט נישט דראַמאַטיש, נישט פּאַטעטיש. ער שרײַבט פּשוט, האַרציק. עס איז יעדע שורה זײַנע באַלזאַם אויף אונדזער אַנגעװייטיקטן געמיט. ער מאַכט נישט קונצן, קאָזשעלקעס, װי־מאַנכע, װאָס קליגלען אויס גראַמען, אויסגעפינענדיק פאַרשיידענע צונויפגעשטרקעװעטע פּיצלעך װערטער.

זײַן שפּראַך איז די ריינע, אומשולדיקע פאָלקס־שפּראַך. פון דעסט װעגן דוכט זיך אַז יעדעס װאָרט איז נאָר װאָס געבוירן געװאָרן... פּשוטע װערטער טאַקע, אָבער ציכטיקע. יעדע שורה שטעלט זיך באַשיידן אַװעק און ציט נאָך זיך נאָך אַ נאָך־מערערע עניװתדיקע שורה:

„איך מאַך אַ סך הכל, דעם חשבון־הנפש, / איך חשבון און חשבון מיט סדר די יאָרן, / נאָר כ׳בין מיטן חשבון נישט שװה בשװה, / אַזוי פיל די יאָרן אַן תכלית פאַרלאָרן / ... און פּלאָגן און מחלות, זעסט טויט פאַר די אויגן, / ס׳האָט פינצטערער קבר נישט אויפגעהערט שרעקן / צי קומען אין חשבון אַזעלכענע יאָרן? / די טרויעריקע שאָטנס? די פינצטערע פלעקן? / אָ, ניין, כ׳בין נישט מסכים, רבונו של עולם, / דו מוזט מיר דעם חשבון גאָר היפּש קאָרעגירן; / דו מוזט על פּי יושר מיר צולייגן יאָרן, / איך זאָל נישט געגאַרט זײַן, איך זאָל נישט פאַרלירן...“

אַזוי ליד נאָך ליד. יעדעס ליד אַ זיפץ, יעדע שורה אַ בענקעניש. דער דיכטער רעדט זיך פשוט אַראָפּ פונעם האַרצן און די ווערטער־טרערן שטראָמען, טריפן.

זאַק איז אַ בעל־בכי, אָבער אַ צניעותדיקער און אַ געצוימטער. עס קומט אויס, אַז מיר בלעטערן נישט פּאַפּירענע דיכטונג, „ליטעראַטורנע", נאָר טאַקע השתפכות־הנפש. די נשמה פון יעדן ליד באַווײַזט זיך אין איר אומשולד, אין איר וויטיק. און עס גייט אים נאָך, ווי אַ שאָטן, די אימהדיקע מאַרטיראָלאָגיע: „אויב נישט אין וואָר — איז אין מײַן חלום / איך זע זיי אין די נעכט. / זיי קומען פון די אַשן, שטויבן / און מאָנען זייער רעכט... / די פרעמדע וועלט איז מוחל, ס'איז גרינג איר מוחל זײַן. / נאָר מיר — מיר טראָגן אונדזער יזכור / אין אייביקייט אַרײַן..."

מיר הערן זיך אײַן אין די שטיל־שטילע אַראָפּרעדענישן פונעם דיכטער, לײדער זײַנען מיר, מיר די לעזערס, פון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, ווי יענע סאָלדאַטן־אַרטילעריסטן, וואָס שטייענדיק נעבן די קנאַלנדיקע האַרמאַטן, האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן דעם חוש־השמיעה...

אָבער בײַ זאַקן געפינען מיר צוריק דעם פאַרטויבטן חוש. מיר שלוקן די שורות זײַנע און דערפרישן זיך ווידער: „ס'איז אייביק בראשית פון דער יצירה / עס קומט יעדער טאָג מיט זײַן נס / כ'וואַך אויף אין קאַיאַר צו נײַער שירה / אין יונגן, בלויען מעת־לעת"... / אַז תמיד שטראַלט אויף אַ נײַער באַגינען / נאָך איט־לעכן זון־פאַרגאַנג. / ווי קען איך מײַן טרוים ביז סוף דערשפּינען / און ענדיקן מײַן געזאַנג? — — —

זײַנע געטאָ, קרעמאַטאָריע און קאַטאַרזשנע לידער זײַנען נישט קיין געבײַלטע פויסטן אַ קעגן די רוצחים, אַ קעגן דער וועלט, נײַערט אַ געדעמפּטע טענה, אַ געשטיקטער אָפּקלאַנג פון די איבערגעלעבטע לײַדן, אַ בענקשאַפט כמעט צו די פאַרפלאָסענע לײַדן, וואָס דער דיכטער מוז זיי קאָנסערווירן אין זיך און, ווי אַ באַוועגלעכער פאַקל, זיי איבערגעבן די קומענדיקע דורות: „ס'טראָגט אָפּט מיך דער חלום אויף פליגל / צוריק צו די טײַגעס, צו שניי / ווו גורל געשמידט מיך אין קייטן, / ווו טרערן געקאַפּעט אין ווײ / ... כ'פאַרגעס נישט די עלנטע קברים אין טײַגע, / זיי ליגן דאָרט נאָמענלאָז אונטערן שניי. / גאָר פלאַכע די קברים, פון קנעכט קאַרג פאַרשאָטן / פאַרשיט זיי דערפאַר מיטן שניי דער זאַווײ.

אין דער קרימינאַליסטיק ווערט דערמאָנט, אַז פאַרברעכערס ציט צוריק צום אָרט פון פאַרברעכן. אַזוי דערציילט מען. צי עס איז באמת אַזוי ווייסן מיר נישט; אָבער דעם דיכטער ציט, ווי מיט אַ מאַגנעט, צו די פאַרפלאָסענע פּײַנען, צו די פאַרשאָלטענע ערדן, צו די פאַרגאָסענע טרערן...

איז די אַנטאָלאָגיע „פון אַלע מײַנע יאָרן" אַ לאָגל אָנגעפּולט מיט פּײַן און מיט אַ קליין פּיצעלע פרייד, אָן אייגנאַרטיקע אַברהם־זאַק־פרייד...

„אין נעכט דיר שמייכלען ווײַטע שטערן / די וועלטן קאָסמישע צעשפּרייט. / ווען ס'זינגט דער ים, ווען ס'זינגען ספערן, / זינג־מיט, בן אָדם, אויך דײַן פרייד". — נישט יאָג, האָב צײַט, וועסט אַלץ איינס קומען / צום סוף, וואָס אַלעמען

באַשערט. / מתיחד זײַ זיך מיט די װוּנדער, / מיט גרינער שײנקײט אױף דער ערד...״

לעולם איז אַברהם זאַק אױף דער װעלט געקומען מיט אַ שליחות צו זינגען פרײד. איז עס אים נישט באַשערט געװען... ער איז באַשטראָפט געװאָרן אױסצו־כליפּען אונדזערע יסורים. אָבער ער געװאַלדעװעט נישט און שרײַט נישט אױף קולי־קולות, װי אין דעם פּרעכטיק־געצױמטן ליד געװידמעט זײַן בן־יחיד, װאָס איז אומגעבראַכט געװאָרן אין ערגעץ אַ קרעמאַטאָריע. עס איז אַ ליד װאָס רירט בײַם האַרצן: ... „געגנערט פון טיפער ליבשאַפט אין די דלד אמות; / דורך שױבן ליכטיקע אַ זון האָט מילד געגלעט; / געװאַקסן װי אַ בױם — די פרײד פון טאַטע־מאַמע; / מיט ברכה זײדע־באָבעס אין אַ פרום געבעט...

דײַן אַש צעשפּרײט אױף פּױלנס װיסטער ערד געבליבן. / איצט שאָקלען װי־דער זיך שױן גראָזן דאָרט אױף זײ. / דײַן טאַטע־אָבל אין דעם װײַטן װאַנדער טריבן / אַװעק איז מיט זײַן שװאַרצן טרױער און זײַן װײ — — — —״

אַברהם זאַק׳ס „פון אַלע מײַנע יאָרן״ איז אַדורכגעפלאָכטן מיט די טענער פון ספר איוב, מיטן נביא ירמיהוס קלאָגערײַען, מיט די סוף־אַקאָרדן פון ספר קוהלת און מיט אַ קלײן ביסעלע פון שיר־השירים. דאָס לעצטע ברומט אַרױס פון זײַנע פאַריזער לידער, די כלומרשטע פרײד־לידער:

... „צװישן טאַנגאָס זיסלעכע, סענטימענטאַלע / װען שמײכלען רײצן דיך, װען אױגן זאָגן צו — / נישט אַלע קענען זײַן װי דו — זײַ דו װי אַלע. / די פרײד איז אַזױ פשוט — פשוט זײ אױך דו״ — — —

„פון אַלע מײַנע יאָרן״ נעמט אַרום צװײ און אפשר דרײַ תקופות: גראָדנער־װאַרשעװער ערב מלחמה; געטאָ — און סיבירער מאַרטיראָלאָגיע און דאָס קלײן ביסל מנוחה אין פּאַריז און בוענאָס־אײַרעס. הגם יעדער פּעריאָד האָט אַן אַנדער בלעטל אַרײַנגעשריבן אין אונדזער ייִדיש לעבן. און הגם אַברהם זאַק שפּיגלט אָפּ די דאָזיקע באַזונדערקײט, איז אָבער דער הינטערגרונט פון אַלע לידער דער זעלבער: דער אײגנאַרטיקער, אינדיװידועלער טאָן פונעם דיכטער און דער דאָזי־קער טאָן איז: ליבע צום מענטש, ליבע צום פאָלק און ליבע צום... לעבן. אַברהם זאַק איז קלאַסיקער. דער לעצטער מאָהיקאַנער פון דער קלאַסישער ייִדישער דיכ־טונג. און לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער איבערבליק מיטן דיכטערס ערשטע שורות געשריבן אין 1934: „עס שיט מיט פרײד דער הימל... / װײַסע שטערן־נעץ כסדר פאַלט פון הױך״ — — — און מיר װינטשן דעם „יונגן״ דיכטער אַז די פרײד זאָל זיך שיטן און שיטן!

(„דער נײַער מאָמענט״, סאַן פּאַולאָ, 1976)

ד״ר ל. זשיטניצקי

אַברהם זאַק׳ס „אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט“

אַברהם זאַק האָט צונויפגענומען אין איין באַנד אַלץ, וואָס ער האָט אין פאַרשיידענע צײַטן געשריבן וועגן יידישע שרײַבערס, און אָט ליגט פאַר אונדז אַ באַנד פון גאַנצע 236 זײַטן, אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס איז אַ טאָפּלטער בײַטראַג: פאַר דער פאַרצייכענונג פון אונדזער רײַכער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג און אַן אַרויסהילף פאַר יעדן, וואָס וויל זיך באַקענען מיט די אייגנשאַפטן פון איינעם אָדער צווייטן דיכטער.

אַברהם זאַק גופא איז פאַרליבט אין דער יידישער שאַפונג; אינעם דערמאָנטן בוך געפינט מען אַרטיקלען וועגן דיכטונג, וועגן שרײַבערס בכלל און דערמאָנונגען וועגן מענטשן.

מיט אַ באַזונדערער ליבע און באַציִונג שרײַבט אַברהם זאַק וועגן דיכטערס און שרײַבערס. לויט די אויסדרוקן און שפּראַך, קען מען אויך אורטיילן ווער עס איז אַברהם זאַקן מער צום האַרצן און ווער — ווייניקער. „איך שטעל אין דער ריי רייזענען פאַר שלום אַשן בכוונה — נישט מחמת קינסטלערישקייט; ווי אַ פראַזע־קינסטלער קומט טאַקע אַשן די בכורה; אָבער צו רייזענס באַליבטקייט איז אַש קיין מאָל נישט געקומען. ליבשאַפט בײַם פאָלק און אַוודאי און אַוודאי בײַ קאָלעגן־שרײַבערס, בײַ די בני־הדור, די מיטבאַטייליקטע — דאָס פאַרדינט אַ שרײַבער מחמת זײַנע איידעלע מידות. מ׳האָט רייזענען געצאָלט אהבה תחת אהבה, ליבשאַפט פאַר ליבשאַפט. דערין האָט אַש נישט געקאָנט ריוואַליזירן מיט רייזענען“...

אומדירעקט איז אַברהם זאַק דאָ אַרויפגעקומען אויף אַ טעמע וואָס איז שוין נישט איין מאָל דיסקוטירט געוואָרן אין דער וועלט־ליטעראַטור, — איז פאַראַן דיכטער לחוד און מענטש לחוד, אָדער ס׳דאַרף זײַן דיכטער־מענטש־אידענטיפיקאַציע, דיכטער־מענטש־אינטעגראַלקייט? דורכן פאַרגלײַך אַברהם רייזען — שלום אַש האָט אַברהם זאַק געגעבן זײַן ענטפער. דאָס נאַטירלעך שטערט נישט, אַז אַברהם זאַק זאָל זייער ריכטיק באַצייכענען שלום אַשן ווי דעם „ריז פון דער יידישער ליטעראַטור“. ער גיט אים זײַן פאַרדינטע אָפּשאַצונג ווי דעם גרויסן שרײַבער, אָבער דאָס פאַרפליכטעט אים נישט צו ריידן וועגן שלום אַש דעם מענטש.

כמעט אינעם רוב אַרטיקלען ווערט דאָס פּראָבלעם באַרירט אויף אַ דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן. אַברהם זאַק באַנוצט זיך מיט אַזעלכע סימפּאַטיעס און אָפט מאָל — מיט ליבע, ווי מען שפּירט עס אין זײַן אַרבעט וועגן לייב נײַדוס.

אַ גרויסע נאָענטקייט האָט אַברהם זאַק אויך געפילט צו אַ. אַלמין, אים צו לאַנגע יאָר. אַלמי איז אים געוואָרן נאָענט צום האַרצן. רירנדיק איז אַברהם זאַק׳ס

אַרבעט וועגן אַלמין, ווי אויך וועגן משה בראָדערזאָן. און מיט גרויס אָנערקענונג שרײַבט ער וועגן איציק מאַנגער: „איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג האָט אַרײַנגעשריבן איציק מאַנגער, איינער פון די באַליבטסטע זינגערס אויף אונדזער פּאַרנאַס“.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף אייניקע שטעלן פונעם בוך, אויף אייניקע דיכטערס, מער כאַראַקטעריסטישע פאַר אַברהם זאַק׳ס קאָנצעפּטן וועגן דיכטער און דיכטונג. אַברהם זאַק באַצייכנט זײַן בוך ווי „עסייען און דערמאָנונגען“, אָבער אין עצם זײַנען דער רוב אַרבעטן אינעם בוך אימפּרעסיעס וועגן ייִדישער דיכטונג און דיכטער, צו וועמען אַברהם זאַק גייט נישט צו מיט דעם „סקאַלפּעל“ פון אַ כירורג, שנײַדט אויף דעם אינגעווייד צו באַווײַזן וואָס אינעם זעלבן איז פּאַראַן, — נאָר ער גייט צו אַ באַוואָפנטער מיט ליבע, מיט סימפּאַטיע און רעספּעקט. ער שטעלט נישט די זאַכן צווישן מדת הדין און מדת הרחמים, נאָר ער שטעלט די זאַכן אויפן „אהבת האיש“, ווײַל אַזאַ איז דער דרך פון ייִדישן וואָרט, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם אומבאַשטרײַטבאַרן אמת, וואָס הייסט „אהבה“, ליבע — דער פּרצוף פונעם געטלעכן. טאַקע דערפאַר רופט אָן אַברהם זאַק, מיט רעכט, זײַן בוך „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט“, — אַ בוך פול מיט באַצױונג, רעספּעקט און ליבע צום ייִדישן דיכטער, צו ייִדישער דיכטונג און ייִדישער שאַפונג בכלל.

(„די פּרעסע“, 1966)

ש. טענענבוים

אַ בוקעט פון אַ פּאָעט

אַברהם זאַק און לייב נײַדוס

איך האָב די טעג דערהאַלטן אַברהם זאַק׳ס אַ נײַעם בוקעט מיט פּאָעזיע — אַ באַנד לידער וואָס טראָגט דעם טיטל „אויף פרעמדער ערד“. שוין עטלעכע אָוונטן ווי איך לייען די שטילע, רויִקע און אײַנזאַמע לידער וועגן ליבע און טויט; וועגן מענטשלעכן טרויער און ייִדישער הימלאָזיקייט; וועגן פרויען און בלומען; וועגן היימווייִ און הימלען; וועגן די אַלע אומגליקן פון ייִד, פון מענטש, פון דיכטער און פון דעם ייִדישן פּאָעט... אַלע מענטשן וואָס לײַדן און האָבן סענסיטיווע נשמות, זײַנען אונדז מענטשלעך און ברודערלעך נאָענט... אָבער פאַרט איז אַ ייִדישער שרײַבער דאָס סאַמע אומגליקלעכסטע באַשעפעניש אין גאַנץ גאָרן אומגליקלעכן אוניווערס...

דאָס שענסטע, דענק איך, וואָס מען קען זאָגן וועגן אַברהם זאַק׳ס נײַ בוך לידער — און אויך וועגן זײַן גאַנצן דיכטערישן דרך אין דער ייִדישער דיכטונג

— איז פאַלגנדיקס: ער איז יונג און ער איז פאַרבליבן יונג און יוגנטלעך, מער יונג ווי אַ היפּשע צאָל אַנדערע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך געעלטערט אין פליש און אין גייסט, אונטער דער מוראדיקער לאַסט פון יידישן לעבן און יידישן היסטאָרישן גורל. טראָץ דעם קענטיקן אומעט אין זאַק׳ס שורות, טראָץ זיין לעבן און זיין נע־ונד, פון וואַנדערן אין חרוב־געוואָרענע לענדער מיט אַ חרוב געוואָרן יידיש האַרץ — איז ער אָבער פאַרבליבן דער אייביק־יונגער מענטש, דער תמיד־שטילער ראָמאַנטיקער, וואָס ציט זיין הוט פאַר דער פרוי, פאַרן פרילינג, פאַר דער נאַטור־לאַנדשאַפט, פאַרן מענטש, פאַרן קינד, פאַרן לעבן, פאַר ליטעראַטור און פאַר דער יידישער געשיכטע. ער איז פאַרבליבן מיט יידישן אָפּטימיזם און מיט פּאָעטישן ראָמאַנטיזם אין זיין האַרצן. פּאָעטן און קינדער צייכענען זיך אויס מיטן דאָזיקן אָפּטימיזם און אינסטינקטיוון גלויבן אין דער וועלט און אין מענטשן.

„אויף פרעמדער ערד״ איז, ווי געזאָגט, אַ פרישער, אַנגעצונדענער בוקעט מיט היימישע קוויאַטן אין אַ „פרעמדער״ וועלט וואָס שמעקט פאַרט מיטן אייביק־היימישן און אייביק־ראָמאַנטישן פאַרנאַס פון דעם אמתן און ראַיעלן פּאָעט...

**
*

אַברהם זאַק האָט אין זיין לעבן אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך: ער האָט אַ סך כוח און אַרבעט אוועקגעלייגט כדי לייב נײַדוסעס ליטעראַרישע ירושה זאָל דערזען די ליכטיקע שיין און זאָל בלײַבן שטיין אין דער ביבליאָטעק פון יידישער ליטע־ראַטור. לייב נײַדוס, זיין יוגנט־חבר, האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק, טראָץ זיין אומגליק צו שטאַרבן אין דעם יונגן עלטער פון בלויז 28 יאָר, צו האָבן פאַר זיין יוגנט־חבר אַזאַ ריינעם און עדלעכן מענטש און קאָלעגע ווי אַברהם זאַק איז... דער לעצטער האָט צונויפגעשטעלט די לידער־זאַמלונג פונעם געניאַלן לייב נײַדוס, דעם גרויסן פּיאָנער פון דער טעכניק און טעמאַטיק פון יידישן ליד. זאַק האָט פּראָפּאַגאַנדירט דורך זיין גאַנצן לעבן פאַר נײַדוסעס ווערט און ווערק.

איך קען צוגעבן אַז מיין אייגענע ליבשאַפט און פאַרערונג צו לייב נײַדוסן קילט זיך נישט אָפּ. זיינע לידער־ביכער, ווי „די פליט פון פאַן״, „דאָס בוך פון פּאָעמעס״, „ליטווישע אַראַבעסקן״ און דער גרויסער באַנד „ליריק״, ליגט נעבן מיין בעט שוין זינט שיינע יאָר. איך לייען זיינע וונדערלעכע מײַסטערווערק אַ גאַנץ לעבן, זינט יענע טעג ווען איך האָב אין שלמה שיינבערגס דרוקערײַ געזעצט נײַדוסעס לידער און אַפילו זשעדנע און מיט ציטערניש אין מיין האַרצן אָנגערירט אַפילו זיינע אָריגינעלע מאַנוסקריפּטן.

דאָס וואָס אַברהם זאַק האָט געטאָן פאַר דעם לעבנס־ווערק פון לייב נײַדוס איז אַ וויכטיק געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור, פונקט אַזוי ווי מאַקס בראָדס מעשים פאַר זיין יוגנט־פריינד פראַנץ קאַפקאַ, איז אַ געשעעניש פון גע־וואַלטיקער באַדײַטונג פאַר דער וועלט־ליטעראַטור...

**
*

אויך אין זײַן איצטיקן און נײַעם באַנד לידער „אויף פרעמדער ערד״, ברענגט אַברהם זאַק דרײַ עלעגיעס, וואָס ער האָט געווידמעט לייב נײַדוסן. ער שרײַבט: „מיט דעם ערשטן ליד האָב איך פאַרענדיקט מײַן הספד־וואָרט בײַ נײַדוסעס אָפּגע־נעם קבר; די אַנדערע צוויי לידער זײַנען געשריבן געוואָרן צו די שלושים נאָכן באַזוכן נײַדוסעס פרישן בערגל״...

(„די שטימע״, 15 סעפּט׳ 1962, מעקסיקע)

שמחה סנה

דורך אַ דינעם פאָרהאַנג

(אַברהם זאַק: „אויף וועגן פון גורל״)

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

אַברהם זאַק איז בעיקר אַ דיכטער. זײַן דיכטונג האָט קיין מאָל נישט אָפּגע־ווײַכט פונעם אינערלעכן אָרײַנבליק אין דער אייגענער נשמה. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז זאַק איז אַ דורכאויסיקער לירי קער אין זײַן שאַפן. דער באַגריף ליריק נעמט אין זיך אַרײַן אַ סך פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן. בײַ זאַקן זעען זיך בולט אַרויס נאָר צוויי: די מוזיקאַלישקייט פונעם פערז און די קאָנצענטרירטקייט פון שטימונגען. גאָר באַזונדערס ווילן מיר דאָ אונטערשטרײַכן אָט דעם לעצטן אַספּעקט. בײַ זאַקן זעט זיך נישט אָן די איבערגעפּלאָסענע בולטקייט פון דער איבערלעבונג, וואָס האָט דאָס ליד געבוירן, מעג אַפילו די דאָזיקע איבערלעבונג זײַן די סאַמע שטורעמדיקסטע און טראַגישסטע. דאַקעגן דאָמינירט אין זײַן ליד די שטימונג, וואָס האָט אים אין רעזולטאַט פון אָט דער איבערלעבונג באַהערשט. עס מאַכט אָפּט מאָל דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט מורא צו שרײַבן אויף דער הייסער מינוט, און דעריבער טראָגט ער אויס אָט די שטימונג אין זיך, ביז זי טויכט אויף אין זײַן ליד, ווי אַ רעפלעקסיע פון אַ ווײַטלעכער געדעמפטער דערמאָנונג. אויב די איבערלעבונג איז אַ שטורעם, דערגייט נישט צו אונדז דער דונערענדיקער גע־ברום, נײַערט בלויז דאָס ווינטל, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער זאַווערוכע. זאַק נעמט קיין מאָל נישט הויכע טענער אין זײַן ליד, מען וועט קיין מאָל פון אים נישט דערהערן קיין געשריי. אַפילו דאַן ווען זײַנע ווערטער רעדן וועגן ווייטיק, זײַנען דאָס גיכער שטילע מורמלענדיקע זיפצן און נישט קיין געשריי. אויך זײַנע נאַטור־שילדערונגען זײַנען נישט קיין דירעקטע. זיי קומען צו אונדז ווי דורך אַ דינעם, רעפלעקסיוון און פאַרטראַכטן קוקן אין דער ווײַט אַרײַן, ווי דורך אַ דינעם, טיולענעם פאָרהאַנג. דאָס זעלביקע קען מען אויך זאָגן וועגן זײַנע ליבע־שילדערונגען. נישטאָ דאָרט קיין פּאַטאָס, קיין ברויזנדיקער שטורעם פון

לײַדנשאַפֿט פֿון ליבע. פֿאַראַן דאָקעגן אַ צאַרט שטילע, סענטימענטאַלע פֿאַר־ליבטקייט.

אַט די אַלע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן זאַק׳ס דיכטערישן גאַנג, האָבן געלייגט זייער קענטיקן חותם אויך אויף זײַן פּראָזע. אַברהם זאַק איז ווי אַ דער־ציילער און זכרונות־שרײַבער פֿאַרבליבן דער זעלביקער שטילער ליריקער, ווי ער איז דאָס אין זײַן ליד.

דאָס בוך „אויף וועגן פֿון גורל" איז טאַקע אַ זאַמלונג דערציילונגען פֿון אָט דעם מין. עס איז דאָס 21סטן בוך פֿון אַברהם זאַק, און די דאָזיקע ציפֿער אַליין זאָגט אונדז זייער אַ סך, און מיר פֿאַרשפּאָרן צו רעדן וועגן דער צײַטיקייט פֿון דער פּרוכט, וואָס איז אונדז צוגעטראָגן געוואָרן.

די זאַמלונג דערציילונגען „אויף וועגן פֿון גורל" פֿון אַברהם זאַק, שטעלט מיט זיך אַזוי אַרום פֿאַר אַ ווײַטערדיקן, אַ נאַטירלעכערווײַז אויסגעוואַקסענעם רינג אין זײַן פֿילזײַטיקן שרײַבערישן גאַנג. די וויטאַליטעט און דער לעבנס־דורשט פֿון זײַנע העלדן זײַנען פֿאַר אונדז אַלעמען אַ דערפֿרייענדיקער אָנרעג צו טראַכטן, אַז זייער באַשאַפֿער איז פֿול מיט נײַע שרײַבערישע פּלענער, וועלכע וועלן פֿאַר־קערפּערט ווערן אין נײַע שאַפֿונגען און באַרײַכערן די ייִדישע ליטעראַטור מיט נײַע ווערטן. ווינטשן מיר אים פֿון גאַנצן האַרצן אריכת ימים און מיר וואַרטן מיט אומגעדולדיקייט אויף די ווײַטערדיקע פּרוכטן פֿון זײַן פּען.

(„די אידישע צײַטונג", 1964)

יוסף מענדעלסאָן

וועגן אַברהם זאַק און וועגן זײַן בוך „אויף די וועגן פֿון גורל"

(פֿראַגמענט פֿון אַן עסיי)

אַברהם זאַק איז פֿון זײַן ערשטער שרײַבערישער יונגשאַפֿט געווען און איז ביז איצט פֿאַרבליבן אַ דיכטער אַ שטילער, אַ זאַנפֿטער, וואָס האָט זיך זײַן אייגענע, דיכטערישע פֿיזיאָנאָמיע; און ווי זײַן דיכטונג איז שטיל־ליריש, רויִק, צאַרט און זאַנפֿט, אַזוי איז ער אויך אין זײַנע פּראָזע־ביכער — נאָוועלן, דערציילונגען, ראָ־מאַנען און זכרונות. ער איז פּשוט, בנעימותדיק און רעאַליסטיש; און דער גורל האָט גראָדע געוואָלט, אַז דער אַזוי צאַרטער ליריקער און רעאַליסטישער פּראָזאַיקער, זאָל מוזן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע ווערק ווידמען אַ טעמאַטיק שוין גאָר נישט אַזאַ רויִקער און שטילער — דער טעמאַטיק פֿון דעם דריטן חורבן — מיט איר גאַנצן גרויל און גיהנומשע איבערלעבונגען. אין דער טעמאַטיק פֿון זײַן נע־ונד, אַן אַ הײַנט, אָן אַ מאָרגן, בעתן חורבן; אין דער טעמאַטיק אויך פֿון די „אומרויִקייטן"

ערב דעם חורבן. נאָר עטלעכע יאָר צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט זאַק באַוויזן צו קענען דיכטן וועגן אַ רוזיקן לעבן און דערציילן וועגן אַ נאָרמאַל־רוזיקער סביבה; און לעצטנס, דאָ ביי אונדז שוין אין בוענאָס־איירעס האָט ער אויך גובר געווען אין זיך די טעמאַטיק פון נע־ונד און האָט אין זיין בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג", אונטערגעטראָגן דעם לייענער אַ בוך זכרונות, וואָס מער ווי זכרונות איז עס פאַקטיש אַ בעלעטריסטיש געשריבענע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס נעמט אַרום זיין לעבן ביזן יאָר 1920 — דער פרילינג הייסט עס פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן און ליטע, די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז דער מלחמה צווישן פוילן און די סאָוועטן; טיילווייז אויך נישט אין גאַנצן אַזאַ רוזיקע תקופה, אָבער נישט קיין פאַרגלייך צו די יאָרן פון חורבן און נע־ונד זיין אין די וויטע סאָוועטישע „גן־עדנס", וואָס זיינען אָנגעלאָפן זינט דעם יאָר 1939. און גלייך נאָך דעם בוך — ווידער די טעמאַטיק פון חורבן: איצטיקעס מאָל די טעמאַטיק, ריכטיקער געזאָגט פון נאָך דעם חורבן און דאָס איז דאָך אַ טעמאַטיק, וואָס האָלט ווי געפאַנגען כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור זינט אַזעלכע צוויי צענדליק יאָר... און די טעמאַטיק איז גאָר נישט אַזאַ „באַרוזיקנדיקע". זי קען שווער דערלויבן אַ דיכטער צו זיין געמעסיקט אין זיין טאָן; אַפילו אַ שטילן עלעגישן טאָן איז שווער צו אָנשלאָגן — אין דיכטונג, וועגן חורבן און וועגן די ליידן פון אומקום אָדער פון נע־ונד, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן; און דאָס זעלביקע — וועגן דער חורבן־ליטעראַטור און פּראָזע.

מיר דאַכט זיך, אַז אַברהם זאַק איז כמעט דער איינציקער צווישן אונדזערע בעלעטריסטן, וואָס שרייבנדיק אויף דער אַ טעמאַטיק, באַזיצט ער דעם גרויסן און נייטיקן כוח צו בלייבן טריי און אייגן זיין תמידיקן טאָן, אין דער פּאָעזיע און דער פּראָזע. פון געדעמפּטקייט, שטילקייט און אַפילו פון אַ בנעימותדיקן שמייכל; און דערביי בלייבן הונדערט פּראָצענט טריי דעם רעאַליזם פון די שרעקלעכע געשעענישן און גרוילהאַפטיקע איבערלעבונגען; אָן היסטעריקע, אָן אַ קללה אויף די ליפּן, נאָר איינגעהאַלטן, אָבער אין דער זעלביקער צייט קינסטלעריש אמתדיק, שילדערט זאַק אין זיינע פּראָזע־שאַפונגען און אין זיין ליריק דעם נע־ונד אין דעם רוסישן „גן־עדן", ווו מען האָט געהאַלטן אין איין „ראַטעווען" — דורך טרייבן זיי צום אומקום אין דעם וויטן צפון, אין מיטל אַזיע אָדער אין די סיבירער טייגעס — הונדערטער טויזנטער יידן.

מען מוז באַזיצן אַ גוואַלטיקן כוח צו קענען באַהערשן זיך שרייבעריש, עפּעמעריש; מען מוז באַזיצן כוח פון איינהאַלטן זיך, נישט צו ברילן, נישט שרייען, נישט צו קלאַפּן מיטן פויסט און אויך נישט צו אַריינפאַלן אין יאוש, ווען מען „זינגט" אָדער ווען מען „דערציילט" וועגן די אוממענטשלעכע ליידן פון אומקום און וועגן לאַנגזאַמען גראָען דערנענטערן זיך, טאָג־נאָך־טאָג צו אָפּגרונט פון אומקום.

עס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט באַנוצן „רוזיקייט" און שרייבן אין שטילע טענער — וועגן אַזעלכע גרוילן, אַלייך דורכגעלעבטע און דורכגעליטענע; און דער דיכטער און שרייבער אַברהם זאַק האָט באַוויזן — אין מער ווי אַ צענדליק ביכער

דיכטונג און פּראָזע וועגן די ענינים — אַז ער איז טרײַ זײַן שרײַבערישן איך, זײַן שרײַבערישן וועג און טאָן פון תמיד און אַז ער באַזיצט דעם כוח פון באַהערשן זיך, פון געוועלטיקן איבער דער טעמע און לאָזט קיין מאָל נישט זײַן שרײַבערישן איך באַהערשט צו ווערן פון זײַנע סוביעקטיווע איבערלעבונגען און לײַדן.

אין זײַנע ווערק וועגן דער תקופה אין יאָרן פון חורבן בלײַבט אַברהם זאַק טרײַ זײַן תמידיקן שרײַבערישן וועג; פון זײַן ערשטן בוך אָן האָט ער געהאַט זײַן אייגענעם שטיל־לירישן טאָן אין דיכטונג — און ער האַלט אים אָן אויך אין זײַנע לידער און פּאָעמעס וועגן דער חורבן־תקופה; און ער האַלט אויך אָן דעם טאָן פון באַזאַכטקייט, אײַנגעהאַלטנקייט אין זײַן דערציילן וועגן דער גרויל־תקופה; דער זעלביקער וועג אויף וועלכן ער איז שרײַבעריש געגאַנגען תמיד אין זײַנע פּראָזע־ווערק אין די רויִקע צײַטן פון פאַר דעם חורבן.

דאָס איז אַברהם זאַק׳ס שרײַבערישע אייגנשאַפט, וואָס האָט אים געמאַכט האַר־ציק און נאָענט צום לייענער — און ער האַלט אָן, אָן אָפּנייג, ביז איצט צו טאָג, אין אַלע זײַנע שאַפונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע, די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן זײַנע — אַלס דיכטער און אַלס פּראָזאַיִקער.

דאָס געזאָגטע איז אויך דער אַלגעמיינער אָנצײַגער — אַזוי צו זאָגן — פאַר דעם כאַראַקטער און מהות פון זײַן 12טן בוך: „אויף די וועגן פון גורל״.

(„די אידישע צײַטונג״)

שמואל ראָזשאַנסקי

מיט אַברהם זאַקן

אין פריידן
פון דער ווײַט
און פון נאָענט

מײַן האַרציקער פרײַנד אַברהם זאַק האָלט נישט פון „פײַערן יאָרן״.

ער האָט ליב צו פרעגן:

—וואָס פאַר אַ שמחה איז עס, וואָס מ׳ווערט עלטער?

אַ ליטעראַרישער יובילײ איז אַן ענין.

אַ פײַערונג פאַר אַ נײַעם בוך איז אַן ענין. אַזעלכע ימים־טובים סטימולירן, דערמוטיקן, סוגערירן. אָבער „פײַערן יאָרן״? אַ גדולה אויף דער באָבען, וואָס מ׳ווערט אַלט... וואָס טראַכט דער עולם?

פרײַנד, זעענדיק ווי זאַק האָט ליב צו גײן — ער רופט עס אָן: „זײַן אין באַ־וועגונג״ — ווערן טייל מאָל נתפעל.

— אומעטום זעט מען אים!

— ווי זעט מען אים נישט?

נישטאָ אַ ליטעראַרישע און קולטור־אונטערנעמונג, וווּ זאַק זאָל זיך נישט „צוכאַפּן". אויב ער האָט נישט קיין צײַט צו זײַן דעם גאַנצן אָוונט, מוז ער כאָטש „זײַן אַ ווײַלע". אין טעאַטערס. אין סאַלאָנען. אויף פּײַערונגען. אויף אינקאָגניטאָ.

נאָענטע פרײַנד מײַדן דעריבער אויס צו ריידן וועגן עלטער אין זאַק'ס אָנ־וועזנהייט, פּונקט ווי אין דער אָנוועזנהייט פון פרויען... מ'האָט זיך געשושקעט:

— אַזאַ יובילײ קען מען נישט דורכלאָזן... נאָר ריידן אויפן קול האָט מען נישט געוואָלט. ביז אַברהם זאַק'ס אָקערשט דערשינען בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג", אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", האָט אויסגעזאָגט דעם „סוד", און מאַרק טורקאָוו, וועלכער פירט אָן מיט דעם פאַרלאַג, האָט דעם „סוד" נעכטן פאַרשפּרייט דורך „די אידישע צײַטונג": אַז אַברהם זאַק איז אַ „שעפערישער בן־שבעים".

קאָלעגע טורקאָוו האָט דערבײַ דערמאָנט צוויי אַדרעסן, וועלכע פאַרנעמען זייער אַ גרויס אָרט אין זאַק'ס שרײַבערישער אַרבעט: נאַלעווקעס 38 אין וואַרשע, וווּ ס'איז ביזן צווייטן וועלט־קריג געווען די פּאָפּולערע טעגלעכע צײַטונג „מאָמענט", און קאָריענטעס 2314, זײַן בוענאָס־אײַרעסער רעדאַקציע.

„זײַענדיק נאָך אויף נאַלעווקעס 38 — שרײַבט טורקאָוו — האָט זיך זאַק פאַרבונדן מיט קאָריענטעס 2314".

בײַם לייענען די דאָזיקע שורות גייט בײַ מיר אויף גאָר אַ באַזונדערע פרייד. בײַ דער דאָזיקער שמחה פיל איך זיך ווי דער סאַמע ערשטער מחותן... ווײַל איך בין עס דער, וועלכער האָט פאַרבונדן אַברהם זאַקן פון נאַלעווקעס 38 מיט קאָ־ריענטעס 2314.

אַז איך נעם אין האַנט דעם ערשטן בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון אַברהם זאַקן — דער בריוו איז געשריבן אויף בלאָקפּאַפּיר פון „מאָמענט" — גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לײַב. אויפן פּאַפּיר איז געדרוקט דער אַדרעס נאַלעווקעס 38, וווּ איך אַליין האָב געוווינט און וווּ זאַק האָט זיך באַגעגנט מיט מײַן משפּחה...

אינעם בריוו האָט ער מיר געשריבן, אַז ער האָט פאַר מײַן שוועסטער „איבער־געזעצט עפּעס פון איר רעפּערטואַר אין יידיש". און באַגריסנדיק זיך „מיט דעם דאָזיקן צופאַל", האָט ער זיך צו מיר געווענדט, איך זאָל פאָרלייגן דער דירעקציע פון „די אידישע צײַטונג" זײַן מיטאַרבעט „פון צײַט צו צײַט". ער האָט מיר דערבײַ אויסגעשריבן די שווערע באַדינגונגען פון דעמאָלטיקן לעבן. „ווי איך זע פון אײַערע בריוו — האָט זאַק געשריבן — איז מײַן נאָמען אײַך נישט פרעמד". דער־פאַר איז ער זיכער געווען, אַז איך וועל אים ענטפערן (אָנגעגעבן דעם פּריוואַטן אַדרעס: שוויענטאָ יערסקאַ 28, וואַרשע) און געשיקט „פאַרויס מײַנע האַרציקע דאַנקען".

די ווענדונג איז מיר געווען ביז גאָר ליב. צווישן מײַנע ביכער, וואָס איך האָב מיטגענומען פון פוילן, האָבן זיך געפונען עטלעכע אויסגאַבעס פון אַברהם זאַק, און טאַקע מיטן שטעמפּל פון נאַלעווקעס 38... זײַן בוך „אונטער די פליגל פון

טויט״ האָב איך אַ סך מאָל ציטירט אין מײַן רעפעראַט וועגן קריגס־ליטעראַטור, וואָס איך האָב יאָרנלאַנג געהאַלטן, ווײַל דאָרטן ווערט פאַרגעשטעלט דער ייִדישער זעלנער, וואָס דאַרף זיך שלאָגן פאַר שונאים, און לײַדט דערפאַר דאָפּלט... איך האָב אָבער נישט באַדאַרפט שטאַרק זיך אײַנשטעלן בײַם דירעקטאָר פון „די אידישע צײַטונג״. מרדכי סטאָליאַר האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש און איז געווען געשיקט אין אויפנעמען (אָדער אָפּוואַרפן) מיטאַרבעטערס. איז מײַן רעקאָמענדאַציע אײנס און צוויי עולה יפה געווען און זאַק׳ס אַרבעטן זײַנען געדרוקט געוואָרן און דער דירעקטאָר האָט אויך נישט פאַרצויגן מיט אָפּשיקן דעם האָנאָראַר. אין אַ קאַרטל פון 19טן יוני 1939 האָב איך טאַקע געקראָגן פון זאַקן דעם אמתן „האַרציקן יישר כוח פאַר שאַפן דעם קאָנטאַקט צווישן מיר און „די אידישע צײַטונג״ און „פאַר באַקומען פון אײַער צײַטונג דעם ערשטן טשעק פאַר מײַן דערציילונג „די פּרוי פון הפקר״. און „אויפן ווונטש פון פרײַנד סטאָליאַר (און, פאַרשטייט זיך, לויט אײַער אנרעגונג) האָב איך הײַנט אַרויסגעשיקט נאָך עטלעכע זאַכן״...

און בײַם סוף האָט אַברהם זאַק צוגעגעבן:

— „מ. טורקאָוו איז שוין מסתמא אָנגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס. גריסט אים האַרציק! זאָל ער מיר אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער, אָבער אויף מײַן פּריוואַט־אַדרעס״.

כ׳בין זיכער, אַז איך האָב דעם גרוס מאַרק טורקאָוון איבערגעגעבן ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס...

אַברהם זאַק איז פון די מענטשן, וועלכע קענען זיך האַלטן מיט ווירדע. ווייניק דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען אָפּהיטן זייער חשיבות.

זײַן שטילקייט, זאַק׳ס, איז נישט דערפאַר, ווײַל ער קען נישט הויך רעדן. ער קען שטילערהייט אויך זאָגן, וואָס אַן אַנדערער זאָגט הויך... נאָר אין אַזעלכע פאַלן איז אים ליבער — אויסצומײַדן, „לאָזן לויפן״, נישט דערנידעריקן זיך אַליין...

איך בין דערפאַר צוויי מאָל טיף צופרידן: 1) וואָס איך האָב אַברהם זאַקן שרײַבעריש פאַרבונדן מיט דער אַרגענטינער לייענער־מאַסע; 2) וואָס איך בין דער „הויפּטשולדיקער״ צו דערמעגלעכן זאַקן צו קומען קיין אַרגענטינע (דורכן קולטור־קאָנגרעס).

עס איז אײדעלער אונדזער שרײַבער־סביבה, ווען מיר האָבן אין איר אַברהם זאַקן.

(„אידישע צײַטונג״ 28 דעצ׳ 1962)

זלמן וואַסערצוג

פון דער רובריק: „צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן“

I

קאָלעגע אַברהם זאַק׳ס אָקערשט דערשינענע בוך, דאָס 22סטע בוך זײַנס — „אין קיניגרײַך פון ידישן וואָרט“ — ווערט גוט אויפגענומען, אי בײַ די קריטיקערס, אי בײַם לייענער.

עטלעכע דורות ידיש־שעפערישע גײַסט־מענטשן, באַקאַנטע שרײַבערס און דיכטערס, שפּאַנען דאָ פאַרבײַ, אונטער דער באַלויכטונג פון אַ פײַנעם שריפטשטעלער, מיט אַ וואַך געפיל, וואַרעם געמיט און אָפן אויג. און דערצו איז דער מחבר אַן אײדעלער און ווירדיקער מענטש.

דאָס איז אַ ווערטפול בוך מיט אײַנדרוקן און זכרונות, וואָס נעמט אַרום העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. דער מחבר עפנט פאַר אונדז אויף די טויערן פון דעם רײַכפאַרביקן קיניגרײַך פון ידישן וואָרט, אין דער אויסטערלישער תקופה פון אונדזער יאָרהונדערט.

אַ שלל מיט אײַנדרוקן, עפּיזאָדן, באַגעגענישן, סיטואַציעס, פײַנע שילדערונגען פון סביבה און טרעפלעכע אָפּשאַצונגען פון באַקאַנטע שרײַבערס, פילן אויס דאָס בוך.

דער לייענער וועט פון דעם בוך הנאה האָבן און וועט דאַנקבאַר זײַן דעם מחבר.

II

עס וואָלט געווען אַן אומרעכט פאַרבײַצוגײַין שווײַגנדיק די באַערונג, וואָס דער שרײַבער־פאַראײַין צוזאַמען מיטן היגן קולטור־קאָנגרעס האָבן דורכגעפירט לכבוד דעם באַליבטן דיכטער און שריפטשטעלער אַברהם זאַק, צום דערשײַנען פון זײַן בוך לידער „אויף שטילע וועגן“ — דאָס 28סטע בוך זײַנס.

דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט צו זאָגן אַ גוט און ערלעך־פאַרדינט וואָרט וועגן דעם אײדעלן מענטשן און ווירדיקן שרײַבער, וועלכער טראָגט מיט זיך אַן אָפּשײַן פון דער גלאָררײַכער פּרץ־תקופה, ווען דאָס ידישע וואָרט האָט זיך געפונען אויפן סאַמע אָלימפּ און האָט באַלויכטן און באַשײַנט אונדזער לעבן.

איך טראַכט: ווען די שרײַבערישע פּען זאָל אײַנשטיין נאָר בײַ אַזעלכע זויבערע און לויטערע מענטשן, ווי עס איז אַברהם זאַק — ווי אַנדערש עס וואָלט געווען די מערכה פון דעם ידישן וואָרט...

דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק פון יענעם אָוונט האָט בײַ מיר געלאָזט דאָס וואָרט פון באַערטן. ער איז נישט אָפּגעקומען מיט שאַבלאָנע לויב־ און דאַנק־רייד, נאָר

ער האָט צו דער געלעגנהייט אָנגעשריבן אַ פּרעכטיקן עסיי, וואָס טראָגט אין זיך בענקעניש צו דעם נעכטן, וואָס איז אויף אייביק פאַרשווונדן מיט אונדזער אונטער־געגאַנגענער וועלט; שיינע געדאַנקען וועגן דיכטער און דיכטונג; און אַ וויזיע וועגן דעם באַחרית הימים, דאָס אידילישע צוזאַמענלעבן פון העברעיִש און ייִדיש אין ישראל.

און דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אַברהם זאַק איז אַן עכטער דיכטער און זיינע לידער האָבן דעם עלעמענט און אַראָמאַט פון גוטער פּאָעזיע?

(„אידישע צייטונג")

יעקב פּאַלאַטיצקי

„אויף פרעמדער ערד"

איך לייען גערן פּאָעזיע און האָב אַזוי בלעטערנדיק אַברהם זאַק׳ס ספר „אויף פרעמדער ערד", איינגעשלונגען די 113 זייטן, וועלכע זיינען צעטיילט אין 4 חלקים: „רויכן פון מאַידאַנעק", „געגנוג איז אַ חלום", „פון אַלע וויטעניש" און „אונטער פאַרמאַכטע אויגן". דער לעצטער טייל נעמט אַרום אַ לענגערע פּאָעמע און „פּאָסטליד", וואָס דער דיכטער הייבט אָן מיט

גענזונגען, געזונגען און נישט דערזונגען,
נאָך אַלץ נישט פון ליד דער סוף.

ווי קאָן איך מיין טרוים ביז סוף דערשפּינען
און ענדיקן מיין געזאַנג ? — —

ספּעציעל געבראַכט די סאַמע לעצטע שורות פון סאַמע לעצטן ליד אין בוך, מחמת זיי זיינען, הגם אַ סקעפּטישער, אָבער דאָך באַרויִקנדיקער ענטפער אויף דעם דיכטערס אַנדערע שורות אין פריִערדיקע אָפּטיילן, ווי:

די זיקנה יאָגט מיך נאָך אין וועג,
זי שרעקט מיך און איך איִל אַוועק.
איך שטרעק צו הימל אויס די הענט —
אין שקיעה זון ווערט אויך פאַרברענט.
זי ווערט פאַרברענט. ס׳לעשט אויס איר פּראַכט —
פאַר אַלץ, פאַר אַלץ קומט אָן די נאַכט — — —

אָדער אַזעלכע אומרויִקע פערזן אין ליד „כ׳וויל דעם זונפאַרגאַנג"...

פיל חשבונות ניט פאַרענדיקט
דאָ און דאָרטן מיט דער וועלט.
ניט באַוויזן, ניט פאַרשטענדיקט,
קיין מאָל שטימט ניט. עפּעס פעלט.

די טעמאַטיק פון אַברהם זאַק איז ווי פון אַלע אַנדערע דיכטערס פון דער שארית הפליטה: טרויער, נישט אײַנגעוואָרצלטקייט, נע־ונד־אומרו, פּרעמדקייט. דאָס קומט צום בולטן אויסדרוק בײַ זאַקן כמעט אין אַלע זײַנע לידער. איך זע לויט די באַצייכנטע פּלעצער און יאָרן, אַז אַ סך פון זײַנע פּײַן־ און טרויער־לידער האָט אַברהם זאַק געשריבן אין די פּרעכטיקע פּלאַזשעס פון נעקאָטשעאַ, טשאַפּאַדמאַלאַל, לאַס טאַסקאַס (אורוגווײַ), אָדער אין די גן־עדנדיקע שטילע אָפּרו־פּלעצער ווי קאַסטעלאַר, סאַן קלעמענטע דעל טוזשו. אומעטום לויפן אים אָבער נאָך „רויכן פון מאַידאַנעק", חרובע שילן, אין קיינעמס לאַנד. אַפילו אין זײַנע אַרגענטינער געזאַנגען איז פאַראַן אַ נישט־דאָיקייט, אַ פרעמדקייט און בעיקר אַ דערמאָנונג וועגן „יענער ערד". אַ ליד „פרילינג אין בוענאָס־אײַרעס" ענדיקט דער דיכטער מיט אַזעלכע שורות:

> דערמאָנען זיי די טעג פאַרשוועבטע און די יאָרן:
> געווען אַמאָל... אַ רוישנדיקער מאַסקן־באַל —

די פאָרעם פון זאַק'ס פּאָעטישן שרײַבן איז די קלאַסישע מעטריק און ריטמיק אַן מרעיש־עולמדיקער מעטאַפאָריק, נאַטירלעך, מיט ווײַטער דערמאָנונג פון לער־מאָנטאָוו און אַברהם רייזען.

מרדכי קויפמאַן

„אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט"

דער אצילותדיקער דיכטער, איידעלער חבר און טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער אַברהם זאַק האָט מהנה געווען דעם בעסערן יידישן לייענער מיט אַ נײַעם בוך: „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט", וואָס איז געטיילט אין 30 פרקים, מיט 236 זײַטן.

דאָס דאָזיקע בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון אינהאַלטסרײַכע עסייען און אינטערעסאַנטע זכרונות, וואָס דער מחבר האָט אָנגעשריבן אין פאַרשיידענע יאָרן, אין לאָדזש 1947, ווי אין בוענאָס־אײַרעס אין יולי 1957, אָדער אין פּיריאַ־פּאָליס 1961, ווי אין אַנדערע מקומות און דאַטומס. דאָס זײַנען אָבער דערמאָנונגען פון אַ גרויסן דיכטער, אַ הערשער איבער אונדזערע גײַסטיקע יידיש־קוואַלן. דער מחבר פירט אונדז אַרײַן אין דער גאָלדענער תקופה פונעם פאַרמלחמהדיקן מלכות יידיש אין פּוילן, ווו עס האָט געקיניגט ביד רחבה דאָס אייביקע יידישע וואָרט בתוך דעם דאָרטיקן קולטור־שאַפנדיקן דרײַ־מיליאָניקן יידנטום. אַברהם זאַק פאַרפיקסירט פאַר אונדז די לעבעדיקע און שטורמישע געשטאַלט פון „דעם זינגער פון דער גרויער נויט", אַברהם רייזען, וועלכער האָט אין זײַנע לידער אָנגעשלאָגן אַ רעוואָלוציאָנערן התלהבות, און דאָס איז נישט נאָר אַברהם רייזען. דאָס איז אַ צײַט־אָפּשניט אינעם יידישן לעבן אין פּוילן, ווו גרויסע מאַסן ווערן פאַרכאַפּט און פאַרכישופט פון גרויסע אידעען. סאָציאַליזם און ציוניזם פאַרלאַנגען און

פאַדערן קאַדרען ייִדישע קעמפערס פאַר מענטשלעכער און ייִדיש־מענטשלעכער גאולה.

אַברהם זאַק גייט טאַקע אַרום ווי אַ מלך אין זײַן „קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט" און ווײַזט אונדז מיט זײַן שפע־ברכהדיקן טאַלאַנט פּרעכטיקע וואָרט־שמידער, מלכים און בני־מלכים פון ייִדישן וואָרט. אָט איז ה. ד. נאָמבערג, דער געמיטלעכער מענטש, דער באַהעם, אָבער אויך דער גאָט־געבענטשטער פּובליציסט, צו וועמעס וואָרט און מיינונג ס'הערן זיך צו גרויסע מאַסן ייִדישע לייענערס, און אַפילו תקיפים ציטערן פאַר זײַן אַרויסגעזאָגטער מיינונג און פאַר זײַן פּאַרטיידיקטן שטאַנד־פּונקט. אַ צוויי־דרײַ בלעטלעך ווײַטער אין זאַק'ס בוך שילדערט דער דיכטער שלום אַש, דער ריז פון דער ייִדישער ליטעראַטור — וועלכער האָט פרי'ער באַ־קומען פון ייִדן לויב־געזאַנג און שפּעטער קריטיק פאַר זײַנע, מיט וואַנגעליע און קלויסטער־מאָטיוון, געוועבטע ביכער. אַזוי פירט אַרײַן דער דיכטער אַברהם זאַק אין זײַן „קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט" נײַדוסן, וועמען ער שילדערט ווי דעם ווירטואָז פון ייִדישן פערז. און אָט איז דאָס האַרץ פונעם פּאָעט פול מיט צער אויפן יחידותדיקן וועג פון דעם איינזאַמען און זעלבסט זיך עלימינירטן א. אַלמי. נישט ווייניקער רירנדיק ווי דאָס קאַפּיטל „בײַ אַלמיס פרישן קבר" איז דאָס פאַר־קלעמטע האַרץ וואָס בערל גרינבערגס טראַגישער טויט האָט גורם געווען שרײַ־בער קאַלעגן.

אינעם קאַפּיטל „אַ מצבה נאָך אַ פאַרשניטענעם דור" הערט מען כסדר, ווער עס פאַרמאָגט נאָר אַ גוטן געהער, דעם „לא אמות כי אחיה"־געשריי, וואָס האָט זיך געהערט פון די מאַסן־קברים. דאָס זײַנען קדיש־שורות נאָך אַ „דור הולך", וואָס איז געפירט געוואָרן צום אומקום דורך אַ בעסטיאַלישער וועלט, אָבער דער דיכטער אַברהם זאַק געפינט אויך דעם „דור בא" און ער זאָגט: „מיר זײַנען אונ־טערגעגאַנגען אין מדינת פּוילן — איז געקומען דער נס פון מדינת ישראל. עס צעוואַקסן זיך די ייִדישע ישובים אין אַנדערע לענדער, ווו עס בליט דער ייִדישער גײַסט, די ייִדישע קולטור".

דאָס בוך פון דיכטער אַברהם זאַק: „אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט" וועקט האָפענונג און גיט גלויבן, אַז דאָס אייביקע ייִדישע וואָרט, וואָס שוועבט נאָך דער־ווײַל אַרום איבער ייִדישע הײַזער און קלאַפּט אָן אין ייִדישע פענצטער בעט זיך, מען זאָל אים לאָזן אויף דער מזרח־וואַנט פון אונדזער ייִדיש לעבן, וועט ווידער אַ מאָל אָנפילן אויסגעטריקנטע קוואַלן מיט אַ גײַסטיק־קולטורעלן שטראָמיקן מים חיים.

פאַליק לערנער

„אויף שטילע וועגן“

(פראַגמענט)

אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז אַ זאַמלונג פון איבער הונדערט לידער, פּרעזענטירט זיך אַברהם זאַק אַלס מײַסטער פון דעם קלאַסישן פערז (ער מאַכט נישט, ווי אַנדערע, קיין אינאָוואַטאָרישע „קאַזשעלקעס“) און דריקט אויס זײַנע געפילן אין דעם פיר־שורהדיקן קלאַסישן פערז און מיט — עכטקייט. אויב די אויפגאַבע פונעם דיכטער איז אַרויסצוברענגען דאָס וואָס ער פילט און לעבט איבער, זײַנען די מערסטע לידער פון דעם דאָזיקן בוך באמת אַן אויסדרוק פון עכטקייט און דער דיכטער ברענגט אין זיי אַרויס געפילן נישט נאָר פון זײַנע אייגענע איבערלעבונגען, נאָר אויך פון אַנדערע, וואָס לעבן איבער דאָס זעלבע. אויפן ערשטן בליק קאָן זיך אויסווײַזן אַז דאָס זײַנען לידער פון אינדיווידועלע שפּירונגען פונעם דיכטער, אַן אַרויסגעריסענער פון זײַן נאַטירלעכן באָדן און פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל; אָבער ווען איר טראַכט זיך אַרײַן טיפער אין דעם אינהאַלט פון אַ סך פון די דאָזיקע לידער, דערפילט איר אַז דער דיכטער איז דאָ נישט מער ווי דער שליח־ציבור פון טויזנטער ווי ער, וואָס פילן זיך ווי ער, נאָך צענדליקער יאָרן, ווי אויסגעוואָרצלטע און בענקען נאָך דעם אַמאָל...

אַברהם זאַק געפינט זיך צווישן אונדז שוין באַלד אַ פּאָר צענדליק יאָר, אָבער ווי עס איז צו זען פון זײַנע לידער האָט ער נישט באַוויזן צו שלאָגן קיין וואָרצלען אין דעם נײַעם באָדן און ער ציט זײַן שאַפערישע יניקה נאָך פון דעם באָדן, פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואָקסן און פון וועלכן ער קאָן זיך נישט באַפרײַען. דער נײַער באָדן אויף וועלכן ער איז על פּי גורל פאַרוואָרפן געוואָרן איז אים פרעמד. זאָגט ער אין דעם ליד „איבער די וואַסערן“ (ער זאָגט עס אין אַנדערע לידער פונעם בוך אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס):

„איבער וואַסערן שווימען פיל שיפן,
שווימען זיי הין און הער.
איך האָב מײַן שיף אין אַ האַפן פאַרלאָרן
און איך געפין זי נישט מער.

בלאָנקע איך אום אויף אַ ברעג אַ פרעמדן,
כ׳וואַרט אויף מײַן שיף אַלץ און וואַרט.
ס׳קרייצן אין ווײַטעניש שיפן און רויכן,
צאַפּלט נשמה און גאַרט.

כ׳האָב ערגעץ־ווו, ערגעץ ווען דאָך געהאַט אויך היימישע ליבע פיר ווענט.
האָט מיך אַ שטורעם פאַריאָגט און פאַרטראָגן,
חרוב די היים און פאַרברענט“.

דאָ האָבן מיר געבראַכט אַ מוסטער פון צענדליקער ענלעכע לידער וואָס זײַנען פאַראַן אין דעם בוך און וואָס דערציילן וועגן די איבערלעבונגען פון דעם דיכ־טער, וואָס פילט זיך אַן אויסגעוואָרצלטער, אַן איינזאַמער און פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל און דווקא נאָך דעם אַמאָל וואָס איז געווען פול מיט נויט און דחקות. די דאָזיקע לידער זײַנען גראָד געשריבן אין אַ סביבה פון מער באַקוועמ־לעכקייט און אַפילו שיינקייט אין מאַטעריעלן זינען פון וואָרט; אָבער דער דיכטער זעט דאָס אַלץ מיט די אויגן פון אַ פרעמדן, פון אַן אויסגעוואָרצלטן. אַזוי פילט ער און אַזוי ברענגט ער עס אַרויס, אָפט מאָל מיט אַ דערשיטערנדיקן פעסימיזם, און אין שטילע טענער פון אַן עכטן ליריקער.

מיט דעם דאָזיקן בוך לידער האָט אַברהם זאַק זיך ווידער פרעזענטירט פאַר אונדז ווי איינער פון די ווירדיקע וועטעראַנען פון דעם שיין־געשריבענעם יידישן וואָרט; נאָך אַ שיינע בלום צו דעם קראַנץ פון זײַן צאָלרײַכער ביכער־סעריע אין פראָזע און אין פערז.

(„די פרעסע")

ש. י. דאָרפזאָן

„אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט"

דער פרוכטבאַרער, „אייביק יונגער" שרײַבער אַברהם זאַק, וואָס האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אַרום 30 ביכער לידער נאָוועלן, דערציילונגען זכרונות און אַנדערע זשאַנערן פון זײַן געבענטשטער פען, האָט אונדז באַרײַכערט מיט אַ נײַעם בוך, „אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט", אַרויסגעגעבן דורכן „יווא"־אינסטיטוט אין בוענאָס־אײַרעס. דאָס דאָזיקע ספר איז אַ מין כאַראַקטעריסטיק וועגן יידישע שרײַבערס, — דיכטערס, פראָזאַיקער, דראַמאַטורגן און זשורנאַליסטן, מיט וועלכע אַברהם זאַק איז געווען באַפרײַנדט, סײַ ווי אַ מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע יידישע צײַטונגען, אָדער ווי אַ קאָלעגע פון דער „פען". עס האַנדלט זיך אין דרײַ־סיק מענטשן, אָבער די צאָל שעפט נישט אויס זאַק'ס באַקאַנטשאַפט און חברשאַפט מיט אַנדערע פען־קאָלעגן אין וואַרשע, פּאַריז און בוענאָס־אײַרעס.

מוז מען מודה זײַן, אַז אַברהם זאַק האָט אַ סך צו דערציילן וועגן זײַנע באַ־קאַנטע יידישע פען־מענטשן אַנהייבנדיק פון אַברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, א. אַלמי, ש. ניגער, י. ל. פרץ און בעיקר וועגן זײַן יוגנט־פרײַנד, ל. נײַדוס.

אַברהם זאַק איז זייער בצמצום, ממש קאַרג אין שורות. אָבער דאָס מינערט נישט דעם תוך פון זײַנע שילדערונגען. מיט אַ זאַץ האָט ער — ווי אַ מאָלער מיט זײַן פענדזל — אָפּפאָטאָגראַפירט זײַן העלד.

הגם מיר זײַנען מער ווייניקער באַקאַנט מיט די גרויסע מידות און מעלות טובות פון אַברהם רייזען, למשל, דעם קאַפּריזנעם ה. ד. נאָמבערג, דעם „אייביק

איינזאַמען״ ז. סעגאַלאָוויטש און אַנדערע, וואָס פיגורירן אין זאַק׳ס בוך, לייענט מען מיט חשק פון דאָס נײַ די געלונגענע כאַראַקטער־שטריכן וועגן די ייִדישע שרײַבערס, וואָס דער רוב פון זיי זײַנען שוין אַוועק אין דער אייביקייט.

אַברהם זאַק האָט אין זײַן לעבן שוין מיטגעמאַכט די פאַרשיידנסטע גלגולים. ער האָט אַפילו געהאַט דעם „זכות״, צו באַטייליקן זיך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמײ; אין די יאָרן פון דער היטלערי־שער וועלט־מלחמה האָט ער „געפּראָוועט דאַטשע״ אין סטאַליניסטישן רוסלאַנד; שפּעטער איז ער געווען נע־ונד אין דעם „באַפרײַטן פּוילן״, שפּעטער פּאַריז, און איצט לעבט ער אין אַרגענטינע. אָבער א. זאַק האָט זיך נישט אַקלימאַטיזירט אין זײַן נײַער „היים״. ער בענקט נאָך זײַן „וואַרשע״, נאָך די „נאַלעווקעס 38״, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס „קיניגרײַך״ פון דער צײַטונג „דער מאָמענט״. אוי, ווי עס בענקט זיך — צוזאַמען מיט א. זאַקן, — נאָך יענע יאָרן און צײַטן, יאָרן פון האָפע־נונגען און חלומות, וואָס האָבן אַזוי ביטער אַנטוישט...

אַברהם זאַק נעמט אויך אַרײַן אין זײַן שרײַבערישן „קיניגרײַך״ אַ צאָל שרײַבערס, וואָס ווירקן אין תל־אָביב, בוענאָס־אײַרעס, ניו־יאָרק און פּאַריז. ער דערמאָנט דעם קרעפטיקן פּראָזאַיִקער א. מ. פוקס, איציק מאַנגער, מלך ראַוויטש און אַנדערע. סײַ די נפטרים און סײַ די לעבעדיקע כאַראַקטעריזירט זאַק ווי זיי זײַנען.

ס׳איז נישט בלויז אַ וויכטיק און נוצלעך ספר, נײַערט אַ ביז גאָר אינטערע־סאַנטער לעקסיקאָן פון אַ צאָל ייִדישע שרײַבערס — פון אַלע שאַפערישע זשאַנערן, מיט וועלכע דער האַרציקער און גוטמוטיקער אַברהם זאַק איז אין משך פון זײַן שעפערישן לעבן געקומען אין באַרירונג.

(„לשון און לעבן״, לאָנדאָן)

וו. קופּער

פון די ערשטע „אַקאָרדן״ ביז צו פאַרצערטע קלאַנגען *

אַברהם זאַק׳ס נײַ־דערשינענער בוך „געווען אַ ייִדיש פּוילן״ איז דאָס פינף און צוואַנציקסטע פון זײַנע ביז איצט דערשינענע ביכער. דער דאָזיקער ציפער איז זיכער אַ באַווײַז פון אַ פּראָדוקטיווער ליטעראַרישער שעפערישקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר 1918, דעם יאָר ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זײַנע „אַקאָרדן״ אין גראָדנע, און ציט זיך איבער זײַנע שאַפונגען, וואָס ער האָט אַרויס־

* אַברהם זאַק, „געווען אַ ייִדיש פּוילן״, אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון שארית הפליטה אין אַרגענטינע, בוענאָס־אײַרעס, 1968.

געגעבן אין די פאַרלאַגן פון וואַרשע, בערלין — ווין און מאָסקווע. די זעלביקע שע־פערישקייט ווײַזט דער מחבר אַרויס אויך אין בוענאָס־אײַרעס ווו עס זײַנען דער־שינען זײַנע זיבן ביכער. אַברהם זאַק ציט זײַן יחוס פון יענער אויפגייענדיקער עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען י. ל. פּרץ האָט געקיניגט אין דעם מלכות פונעם קינסטלערישן יידישן וואָרט.

ס׳איז אפשר סימבאָליש וואָס אַברהם זאַק׳ס ערשטער בוך לידער טראָגט דעם נאָמען: „אַקאָרדן״, וואָס דאָס האָט געמיינט לידער פון אַן אויפגייענדיק לעבן, בעת אין זײַן איצטיק בוך הערן זיך יאוש־קלאַנגען, באַווירקטע פון אונדזער נאָ־ענט־טראַגישן עבר. ווען מען לייענט דעם מחברס „געווען אַ יידיש פּוילן״ גייען אין אונדז אויף געפילן פון צער און ווייטיק און זיי מישן זיך אויס מיט אַ געפיל פון נאָגנדיקער בענקשאַפט צום לאַנד, וווּ יידיש האָט זיך געפורעמט און געשטאַל־טיקט אין משך פון טויזנט יאָר.

אין זײַן עסיי „געווען אַ יידיש פּוילן״ שרײַבט אַברהם זאַק:

„מיט אַ באַזונדער ספּעציפישן חן האָט אין משך פון דורות, אויף דער פּוילישער ערד זיך צעצווײַגט דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט, דאָס אַלט יידישקייט פון די פאָלקסטימלעכע יידן, פון די רעליגיעזע שיכטן, דער קול־תורה האָט אַרויסגעקלונ־גען פון די יידישע פענצטערס, עס איז געווען אַ יידישע גאַס, אַ יידישע אַטמאָספער, אַ יידיש שטייגער לעבן.

„אינעם יידישן לעבן פון אַלטן פּוילן האָבן געגלאַנצט די נעמען פון אַזעלכע יידישע גײַסטער פון דער רבנישער וועלט, ווי: מהרש״ל, דער ש״ך, רמ״א, מורי זהב, דער ווילנער גאון, ר׳ יהונתן אייבערשיץ, רבי עקיבא אייגער און פיל אַנדערע. די גאונים פון דער חסידישער וועלט מיטן בעש״ט; די חסידישע „הויפן״ פון קאָצק, גער, אַלעקסאַנדער, פּשיסכע און אַ סך אַנדערע, האָבן אַפילו באַקומען אויך אַ קינסט־לערישן תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור: אין די ווערק פון י. ל. פּרץ, שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו און אַנדערע, אין משך פון דורות האָט זיך אַ יידיש לעבן געוועבט; אַ לעבן פון גרויער וואָך און פון הייליקן שבת.״

אין אָט די ציטירטע שורות קומען צום אויסדרוק די נאָגנדיקע בענקשאַפטן צום אויף אייביק שוין פאַרשווונדענעם עבר. אַ באַגראָבענעם אונטער אַש און חורבות. די על פּי נס לעבנגעבליבענע יידן שפּאַצירן שוין נישט איבער די יידישע גאַסן און געסלעך, מען טרעט איבער חורבות וואָס אונטער זיי ליגן נאָך אומגעקו־מענע און אויסגעשאָכטענע.

בעת ס׳קומען זיך צונויף די רעשטלעך פון דעם אַמאָליקן יידישן פּוילן איז צו ערשט נאָך פאַראַן אַ שטיקל האָפענונג. אפשר? אפשר וועט מען קענען אָנהייבן פון דאָס נײַ? אָבער באַלד קומט די רעאַליטעט, די ביטערע אַנטי־יידישע ווירק־לעכקייט, דער פּאָגראָם אין קעלץ. שפּעטער דאָס קאָמוניזירנדיקע פּוילן וואָס מאַכט אַ סוף צו אַלע נאַיִווע חלומות וואָס יידישע שרײַבערס האָבן געחלומט. דאָס אײנ־ציקע וואָס איז פאַרבליבן פון דעם אַמאָליקן יידישן פּוילן איז דער געטאָ־מאָנו־מענט אין וואַרשע, וואָס שטייט פאַראייניזאַמט; אַ מאָנומענט פאַר יידישער גבורה, אָן... יידן.

אַברהם זאַק דערציילט און שילדערט ווי אַזוי די לעצטע רעשטלעך פּוילישע ייִדן ראַנגלען זיך, ביז ס'הייבט זיך אָן דער יציאת פּוילן און צווישן די אויסוואַנ־דערער — אויך דער מחבר וואָס פאָרט קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין בוענאָס־אײַרעס. דער שרײַבער שילדערט מיט פּיעטעט זײַנע באַגעגענישן מיט ייִדישע שרײַבערס, פאַר יעדן איינעם האָט ער אַ גוט וואָרט, ער האָט ליב נישט בלויז די ייִדישע ליטעראַטור, נאָר אויך אירע שעפערס.

אַברהם זאַק האָט אײַנגעטיילט זײַן בוך אין עטלעכע צוואַנציק קאַפּיטלעך אָנהייבנדיק פונעם געוועזענעם ייִדישן פּוילן, ביז זײַנע איבערלעבענישן אין מדינת ישראל. דאָרט שילדערט ער זײַנע באַגעגענישן מיט ייִדישע שרײַבערס אין תּל־אביב. ער באַגעגנט זיך מיט פרײַנד און חברים, ייִדישע פּאָעטן, וואָס דאַכט זיך, ערשט נעכטן האָבן מיר זייערע לידער, דערציילונגען געלייענט אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" און אין אַנדערע ייִדיש־ליטעראַרישע זשורנאַלן. דאָס זײַנען די רעשטלעך מיט וועלכע דער מחבר באַגעגנט זיך אין דעם ייִדישן לאַנד.

אַז מען לייענט די ביכער, געשריבן פון ייִדישע שרײַבערס וואָס האָבן איבער־געלעבט די שרעקלעכע יאָרן פון הריגות, שחיטות און פאַרשיקונגען, שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען האָבן זיי גענומען אַזוי פיל כוחות, גײַסטיקע און פיזישע, דאָס אַלץ איבערצוּווינדן? פון וואַנען און פון ווו נעמט זיך זייער קינסטלערישע פּאָטענץ צו שעפערישער אַרבעט? שווער דאָס צו פאַרשטיין. און אפשר איז עס די קינסטלערישע השגחה וואָס וואַכט איבער זייער לעבן און גיט זיי כוחות צו שאַפן?

אין זײַנס אַ סאָנעט: „פון הייסן אַש", געשריבן אין אַרגענטינע אין 1963 זינגט אַברהם זאַק:

אָפּט גלויבט זיך נישט, אַז איך אַליין נאָר, איך נאָר איינער
איין לעבעדיקער פון די אַלע פיל מיליאָנען
אַז כ'בין אַרויס אַ גאַנצער פונעם טאָל פון ביינער
אָפּט גלויבט זיך נישט, איך קאָן אַ מאָל עס גאָר נישט אָנען

און אין דעם לעצטן סטראָף פונעם סאָנעט קומט אָן ענטפער אויף דער האַרבער פראַגע:

פאַר אַלע טויטן דורך די גאַז־קאַמערס, דורך פלאַמען;
פאַר די געשאָכטענע — פאַר יעדן קינד און מאַמען, —
העם גאַנצן לאַנגן חשבון פאַר די זעקס מיליאָנען — — —

ס'איז קלאָר, און פאַרשטענדלעך, אַז דעם חשבון וואָס עס פאָדערט בײַ דער וועלט דער ייִדישער שרײַבער איז די שליחות וואָס גיט אים כוח צו זײַן שעפע־רישקייט, און אַברהם זאַק איז איינער פון די חשבון־פאָדערער, פון די דין וחשבון־מאָנערס.

ס'טרעפט, אַז ווען אַ שרײַבער ווערט אויסגעוואָרצלט פון זײַן באָדן איז אים נישט גרינג אײַנצופלאַנצן זײַן נײַ־לעבן אויף אַ נײַעם באָדן, דערצו נאָך ווען דאָס נײַע אָרט איז פאַר אים ווי פאַרשטיינערט, ס'איז נישט גרינג אויפצונעמען און זיך

אַרײַנלעבן אין אַ נײַעם שטייגער, אַ נײַעם קאָלאָריט, איבערהויפּט ווען אַרום קלינגט פאַר אים אַ פרעמד לשון. נישט יעדער איינער קאָן זיך איבערברעכן און איבער־פורמען. אָבער דער אויטענטישער קינסטלער קאָן אויך די שוועריקייט איבער־ווינדן. אין זײַנעם אַ ליד: „בײַם דענקמאָל פון אַ דיכטערין" שרײַבט אַברהם זאַק:

„זי האָט אַזוי געליבט דאָס לעבן
דאָס פעלד, די בלום דעם ים;
די ווײַסע מעוועס אינעם שוועבן
די זון, דעם שקיעה פלאַם."

צו דעם ליד האָט דעם דיכטער אינספּירירט דער דענקמאָל פון דער אַרגענטי־נער דיכטערין אַלפאָנסינאַ סטאָרני. דאָס ליד איז אַ באַווײַז, אַז אַברהם זאַק האָט אַן אויג און אַן אויער פאַר דער נײַערווירקלעכקייט אין וועלכער ער לעבט און שאַפט.

אַברהם זאַק'ס „געווען אַ ידיש פוילן" פאַרמאָגט אַ שלל מיט זכרונות וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די דאָקומענטאַציע פון דעם טראַגישן דור. עס פאַרמאָגט אָבער אויך אַ שלל מיט אינטימע האַרץ־אַראָפּרעדענישן וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף זײַן שעפערישן געשטאַלט און דיכטערישער ביאָגראַפיע.

(„דאָס נײַע וואָרט", אַפּריל 1969)

יצחק באַרענשטיין

„קנעכט זײַנען מיר געווען"

(פון דער טרילאָגיע פון אַברהם זאַק: „אַ וועלט גייט אונטער")
(פראַגמענט)

„קנעכט זײַנען מיר געווען" — דאָס איז דער נאָמען פון אַ גרויס מאָנומענטאַל ווערק, וואָס עס האָט לעצטנס אָנגעשריבן דער פײַנער דיכטער און שריפטשטע־לער אַברהם זאַק און וואָס מיר הייבן אָן דרוקן אין „דער נײַער מאָמענט".

אַברהם זאַק איז איצטער טעטיק מיט זײַן שעפערישער פעדער אין בוענאָס־אײַרעס. אין בראַזיל איז ער נאָך נישט געווען, אָבער זײַן נאָמען איז גוט באַקאַנט בײַ אַלע לייענערס פון ידישן וואָרט אויף דער גאַנצער וועלט.

ווי דער גרויסער טייל פון אונדזערע שרײַבערס, האָט אויך אַברהם זאַק נאָך גאַנץ יונג אָנגעהויבן מיט לידער און טאָקע פון פײַנסטן סאָרט.

בליץ שנעל אָבער האָט ער אַ גלאַנץ געטאָן אין דער פּראָזע מיט אַ ווערק „אונטער די פליגל פון טויט".

דאָס איז געווען באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען אַברהם זאַק איז אַהיימגעקומען פון דער מלחמה ווו ער האָט אַלס פּשוטער סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי דורכגעמאַכט די שווערע שלאַכטן אויפן מזרח־פראָנט קעגן די דײַטשן...

„אונטער די פליגל פון טויט" איז געווען אַ שטאַרק בוך מיט אַ פּאַציפיסטישן מוסר־השכל: דער מחבר האָט אין זײַנע דראַמאַטישע שילדערונגען געוויזן דעם חורבן פון דער מלחמה ווו אַפילו די זיגערס זײַנען פּאַקטיש אויך באַזיגט.

צו יענער צײַט האָבן זיך באַוויזן אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אַ גאַנצע ריי ביכער פון דעם מין ווי: „רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נײַעס"; אַלפרעד לעיס „פעלד־אַפּטייק"; אַנרי באַרביס „פײַער"; ערנסט גלעזערס „1902"; סמיטס „דאָס איז געווען אַ מלחמה" א"אַנד.

די דאָזיקע ביכער זײַנען שטאַרק געלייענט געוואָרן און רעמאַרק האָט אַפילו מיטן טיראַזש פון זײַן בוך געשלאָגן דעם וועלט־רעקאָרד. אויך אַברהם זאַק'ס „אונטער די פליגל פון טויט" איז געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס. דער עולם האָט ממש געשלונגען די דאָזיקע ביכער כדי פײַנט צו קריגן די זאַך, וואָס הייסט מלחמה. און דאָס איז אַגב געווען דער הויפּט־ציל פון די מחברים, וועלכע זײַנען אַלע געווען מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צום סאָציאַליסטישן לאַגער, דעם לאַגער פון צדק ויושר...

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, די שרעקלעכסטע מלחמה פון אַלע צײַטן, איז אַברהם זאַק נישט געווען „אַקטיוו" באַטייליקט. אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַז ער זאָל זײַן אַן עדות און צוקוקן ווי אַזוי די אַכזריותדיקע דײַטשן האָבן שרעקלעך באָמבאַרדירט די ייִדישע שטאָט וואַרשע און אין עטלעכע חדשים שפּעטער, פילן אויף זײַן אייגענער הויט דאָס אַכזריות פון די „רויטע", וועלכע האָבן פאַרפּײַניקט אין די הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן אין זייערע קאַטאָרגעלאַגערן צוליב „פרײַהייט", צוליב קאָמוניזם... אויך אין די דאָזיקע קאַטאָרגע־לאַגערן איז אַברהם זאַק געווען.

אינעם ווערק „קנעכט זײַנען מיר געווען" דערציילט דער מחבר מיט אַ זייער פּשוטער און מענטשלעכער שפּראַך וועגן די אַלע שרעקלעכע איבערלעבונגען וואָס עס זײַנען דורכגעגאַנגען אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון היטלעריסטישן גיהנום מיט דער האָפענונג צו קענען דורכלעבן די שווערע מלחמה אויף דער טעריטאָריע, וועלכע האָט געהערט צו סטאַלינען... און ווי ביטער איז געווען זייער אַנטוישונג.

„קנעכט זײַנען מיר געווען" איז נישט קיין טאָגבוך, ווײַל ווער ווייס צי מיר וואָלטן געהאַט דעם ליבן אַברהם זאַק מיט אונדז, ווען סטאַלינס משרתים, די ברוטאַלע ענקאַוועדיסטן וואָלטן בײַ אים געפונען כאָטש איין פאַרשריבן פּאַפּירעלע. און אַגב די פאַקטן און אויסטערלישע פּאַסירונגען, וועלכע זײַנען פאַראַן אינעם דאָזיקן ווערק האָט דער מחבר נישט באַדאַרפט פאַרצייכענען, ווײַל ער האָט זיי אַליין דורכגעלעבט און געפילט אויף זײַן אייגענער הויט. די גאַנצע זעקס מיט אַ האַלבן יאָר, ווען ער האָט געהאַט דאָס אומגליק צו זײַן אין סטאַלינס מדינה. ער איז

דאָרט געווען געשוואָלן פון הונגער, אָפט מאָל שווער קראַנק און נישט איין מאָל געזען דעם מלאך־המות פאַר די אויגן.

אָבער אַברהם זאַק דער שרײַבער מיטן פײַנעם סטיל האָט אין דאָזיקן ווערק באַוויזן אַרויסצוברענגען אַלץ אַזוי רויק און נאַטירלעך און ערטערווײַז אַפילו מיט הומאָר — אַ הומאָר געמישט מיט טרערן, פאַרשטייט זיך.

אַברהם זאַק איז נישט קיין פּאָליטיקער. אין זײַן ווערק איז נישטאָ קיין פּאַר־טייִשע פאַרביסנקייט. עס איז דער אָביעקטיווער אמת פון אַ מענטש, וואָס דער־ציילט אויף אַ רעאַליסטישן אופן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אַלץ וואָס ער האָט געזען, געפילט און איבערגעוויטיקט.

אַברהם זאַק דערציילט. ער גיט איבער מיט זײַן לעבעדיקער פעדער פאַקטן, אָבער די קאָמענטאַרן לאָזט ער איבער פאַרן לייענער, וועלכער דאַרף גאָרנישט פיל טראַכטן כדי צו קומען צו די געהעריקע מסקנות. יעדער לייענער זעט פאַר זיך אַ רעזשים פון שרעקלעכסטן טעראָר, וואָס ס'איז זיך שווער אַפילו אין דער פאַנטאַזיע פאָרצושטעלן.

די שילדערונג אין „קנעכט זײַנען מיר געווען" ווײַזט דאָס נאַקעטע פּנים פון דער רויער סאָוועטישער ווירקלעכקייט און זי לייענט זיך ווי דער שפּאַנענדיק־סטער ראָמאַן.

אין „קנעכט זײַנען מיר געווען" ווערט אויפן בולטסטן אופן דעמאַסקירט די פאַלשע לעגענדע מיט וועלכער די יעווסעקעס האָבן פאַרשרײַען (און פּרווון נאָך איצט אויך פאַרשרײַען) די יידישע גאַס, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט געראַטעוועט יידן פון אומקום.

אַ מיאוסער ליגן! די סאָוועטן האָבן פאַרשלעפּט אין זייערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן הונדערטער טויזנטער אַנטלאָפענע יידן פון דער לינקער זײַט בוג, וועלכע האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון היטלערן. די סאָוועטן־רעגירונג האָט פון די אומגליקלעכע יידן אויסגעזאַפּט דאָס בלוט און שווייס און אַ סך פון זיי פאַרפּײַניקט צום טויט. און ס'איז גאָרנישט קיין „חסד" פון דער סאָוועטן־רעגירונג וואָס אויף דער פרײַער וועלט זײַנען איצט פאַראַן יידן וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אירע בײ־טערע קאַטאָרגע־לאַגערן. ניין, דאָס איז נישט איר „חסד". דאָס איז בלויז אַ דאַנק טשערטשיל און שיקאָרסקי וועלכע האָבן געצוווּנגען דעם גרוזינישן רוצח אַרויס־צולאָזן (אין סעפּטעמבער 1941) די אומשולדיק אַרעסטירטע און פאַרפּײַניקטע יידן. — די פּוילישע בירגער.

אָט אַזוי זעט אויס פאַקטיש די לעגענדע ווי אַזוי סאָוועט־רוסלאַנד האָט „גע־ראַטעוועט" יידן בשעת דער מלחמה.

יחזקאל בראַנשטיין

דער דיכטער פון פּאַטאָס

(אַברהם זאַק: „פון הייסן אַש")

(פראַגמענט)

דער דיכטער אַברהם זאַק איז איינער פון די גאָר ווינציקע ייִדיש־פּאָעטן, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון גיהנום. און כאָטש ער אַליין גלייבט אָפט נישט „אַז כ'בין אַרויס אַ גאַנצער פונעם טאָל פון בייִנער"... וואָס איז אין אַ געוויסן זין טאַקע אויך אמת, און אַז

ס'איז אָרעם, אוי אָרעם דאָס וואָרט אין דײַן מויל,
דאָס לשון צו בלאָס און צו פלאַך, —
צו קאָנען דערציילן פון גאַנצענעם גרויל
נישטאָ גאָר, נישטאָ אַזאַ שפּראַך.

האָט ער פון דעסט וועגן, אַ דאַנק זײַן טאַלאַנט, גראָד יאָ געפונען דאָס פּאַסיקע לשון פאַר אונדזער אומגליק. אין אויסדרוקספולע, פּאָעטיש־לירישע ליי־דער און פּאָעמעס, האָט ער געגעבן אונדזער חורבן אַזאַ שאַרף־קאָנקרעטן אויסדרוק, וואָס ציטערט אויף דײַן האַרץ און איז אין דיר גורם אַ פאַרשאַרפטן געפיל פון צאָרן און פּראָטעסט, וואָס צווינגט דיך ממש מיט אים מיטצולעבן און איבערלעבן דעם חורבן אויף ס'נײַ; געדענקען און נישט פאַרגעסן, וואָס עס איז מיט אונדז געשען. און טאַקע צוליב דעם, וואָס ער ווייסט און געדענקט:

איז פול איבער ברעגעס דאָס האַרץ פון אַ ייִד,
נישט אויסגעווײנט איז אַלץ די טרער.
נישט אויסגעקלאָגט אַלץ נאָך דער צער אינעם ליד,
אין קינות, וואָס וואַקסן אַלץ מער...

איז ער אַלע מאָל באַהערשט פון אָט דער פינצטערער איבערלעבונג ,וואָס זוכט און געפינט אַ תיקון אין דער עכטקייט פון זײַן ליד, וואָס ווייסט צו דערציילן פון פוסטע שולן אין פאַרכטיקע טעג, פון וועלכע עס גייט מער נישט אויף קיין תפילה, סײַדן נאָר:

די טויטע פון די קברים וועלן זאָגן קדיש
נאָך די, וואָס אויסגעשאָכטן און נאָך זיך אַליין.
אַז נישט געבליבן דאָך אַפילו קיין יתומים,
די גאַנצע עדה דאָך פאַרברענט, פון גרויס ביז קליין.

צוליב דעם דער דעוויז, אַז —

בלחש זאָג: ׳אל מלא...׳ און דערמאָן זיי אַלע, אַלע
זייער טויט אויף פאַרמעטן פאַרשרייַב.
און זאָלן זייַן די נעמען פון די קדושים וטהורים
פאַר די אייביקייטן אַ פאַרבלייַב.

וואָס ער גופא, דער דיכטער פון פּאַטאָס — האָט מיט דעם בלוט פון זייַן האַרץ פאַרשריבן אין אַ צאָל רירנדיקע לידער און פּאָעמעס.

די סעפּטעמבער־טעג פון נייַנצן־נייַן־און־דרייַסיק שטייען אים אַלע מאָל פאַר די אויגן. מיט דעם גאַרן וויטיק פון זייַן האַרצן זינגט ער וועגן דעם, ווי —

דער הימל איבער וואַרשע כלומרשט בלוי איז דאַן געווען,
מיט פאַלשן תכלית אייַנגעהילט די גאַנצע שטאָט.
אַריבער די ממשלה איז צו שדים, צו משחיתים,
פאַרלאָזן האָט דעם ייִד דער אַלטער, אַלטער גאָט.

זייַן חשבון מיט אונדזער אַלטן גאָט איז נאָך אַלץ נישט קיין פאַרענדיקטער. תמיד שטייט ער, דער אַלטער — פאַר זייַנע ברייט צעעפנטע, מיט בלוט פאַרגאָסענע אויגן, און ער רעדט זיך מיט אים דורך אויף זייַן היימיש־פּאָעטישן לשון.

נישט מיט קיין קליינעם וויטיק אין האַרצן זינגט ער צו מאָל:

ווען פאָלק געגאַנגען צו עקידה,
האָסט ניט געשיקט קיין מלאך־רעטער.
האָט חלף — אָן דייַן נס — געשאָכטן,
פאַרלוירן האָסט אַזוי פיל בעטער.

וועמענס שליח־ציבור אים איז באַשערט צו זייַן און צו פאַרבלייַבן אין אונדזער דיכטונג.

ווי אַ דיכטער מיט פאַרנעם און אויסגעשפּראָכענע ייִדיש־וועלטלעכע אַנשויונגען, האָט אַברהם זאַק אויך אָן אויער פאַר סאָציאַלע און אוניווערסאַלע טעמעס, וואָס געפינען אַ פּאָזיטיוון אויסדרוק אין זייַן דיכטונג.

זייַן לעבנס־אויפפאַסונג איז אין גרונט גענומען אַ געזונטע. צוליב דעם זייַן פאַרזאָג צו דעם מענטש:

נישט יאָג, האָב צייַט. וועסט אַלצאיינס קומען
צום סוף, וואָס אַלעמען באַשערט.
מתייחד זייַ זיך מיט די וווּנדער,
מיט גרינער שיינקייט אויף דער ערד.

רירנדיק ביז גאָר זייַנען זייַנע געדענק־לידער וועגן ה. לייוויק, א. לעיעלעס און די פּאָעמע בייַם זיידנס קבר.

זייַנע געזאַנגען וועגן ייִדיש אָטעמען מיט דער נאַטירלעכער האַרציקייט און אָפּטימיזם פון אַ פלאַמיקן ייִדיש־קעמפער און זינגער, וואָס פילט מיט אַלע זייַנע

רמ״ח אברים, אַז זי — די מאַמע יידיש, וועט נישט פאַרגיין... צוליב דעם זיין רירנדיקער אויפזינג:

אָ, ניין! מיר זיינען נישט די לעצטע...
וועט אונדזער יידיש לשון איבערגיין נאָך לאַנג פון דור צו דור.
בחינם די באַוויינער און אומזיסט דער קדיש,
וואָס ס׳זינגען אויס קברנים אין אַ כאָר.

צוליב דעם באַרעכטיקט זיך אויך זיין תפילה:

אָ, וואַרט נאָך זון, אין מערב,
און איַיל זיך נישט, אָ, נאַכט:
איך האָב נאָך אַלע גאַרבן
אין שייער נישט געבראַכט.

יהי רצון, אַז די תפילה זיינע זאָל אָנגענומען ווערן. דער דיכטער און פּראָזאַיִקער אַברהם זאַק זאָל נאָך זוכה זיין צו באַרייַכערן אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש־קודש מיט גאָר אַ סך געראָטענע ווערק. אָמן!

(„פּאַרויס", מעקסיקע, 1968)

ב. פּיק

אַברהם זאַק׳ס בייטראַג צו דער חורבן־פּאָעזיע

(פראַגמענט פון אַן עסיי)

מיטן בוך לידער „מיט אַש אויפן קאָפּ" האָט אַברהם זאַק אָנגעהויבן זיין באַניַיטן שאַפונג־וועג אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך איבערגעריסן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער נע־ונד איבער די וועגן פון דער וועלט.

אַברהם זאַק׳ס צווייט בוך לידער און פּאָעמעס, וואָס דער מחבר האָט אָנגערופן „יאָרן אין וואַנדער" און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1949 אין פאַרלאַג פון פּוילישן יידנטום איז נאָך געמיש פון זכרונות פון דער אַלטער פאַרשניטענער היים, אין וואַרשע, און דערמאָנונגען פון איבערלעבענישן אין די יאָרן פון געצוווּנגענער וואַנדערשאַפט, געיאָגט פון די אָנרוקנדיקע נאַצישע אַרמייען. דער טיפער טרויער, וואָס דער דיכטער פון דער שארית הפליטה האָט דערפילט נאָך זיין צוריקקומען אין דער צעשטערטער וואַרשע, איז ערשט בולט געוואָרן אין אַברהם זאַק׳ס שפּעטערדיקן בוך „פון אַלע נע־ונדן", וואָס איז אויך דערשינען אין בוענאָס־איירעס, אין יאָר 1955. אין לויפעניש איבער שטעט און לענדער, נאָכן ענדגילטיקן פאַרלאָזן דאָס חרובע און פאַלשע פּוילן, האָט דער דיכטער ערשט שאַרף דערפילט די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער דור, וואָס האָט מיט איין מאָל פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. דעמאָלט זינגט דער דיכטער:

„און ווידער טראָגט מײַן ייִדיש גורל מיך אויף באַנען,
ער טראָגט מיך צו אַ ווײַטער, אומבאַקאַנטער וועלט.
כ׳געזעגן, פוילן דיך אַצינד, דײַן ערד דײַן הימל.
כ׳נעם מיט אין האַרץ אַן עלנט נאָר, אַ וויסטע קעלט.

אין שטעט און שטעטלעך ייִדישע געלאָזן הפקר
די שולן, בתי תפילה פוסטע אָן איין ייִד.
נישטאָ קיין דאַוונערס דאָרט, קיין תפילות, קיין קדישים,
אויף די בתי עולמס פּאַשען ציגן זיך אין מיט.

געוועזן, פוילן, כ׳בין בײַ דיר אויף קבר אָבות,
אויף בערגלעך ציגל און אויף קופּעס שטויב און ליים.
נאָר ווו די קברים פון מײַן קינד און פון מײַן מאַמען?
געפונען נאָר מײַן וויסטע גאַס, מײַן וויסטע היים.

אין די דאָזיקע דרײַ סטראָפעס, מיט וועלכע דער דיכטער האָט געעפנט זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „פון אַלע נע־ונדן", האָט ער אויסגעשריִען דעם ווייטיק, וואָס האָט אַרומגענומען די נישט־דערברענטע שײַטן, אָפּגעראַטעוועט פון דעם גרויסן נאַצישן פײַער, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון די נאַצישע טויטנלאַגערן און פון סטאַליניסטישער פאַרשיקונג און זיי האָבן זייערע טײַערע, וועגן וועלכע זיי האָבן געחלומט אין זייערע קאָשמאַרע חלומות, נישט מער געטראָפן צווישן די לעבעדיקע און פון דאָס בײַ האָבן זיי געדאַרפט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און זיך לאָזן איבער די וועגן פון דער וועלט.

צוזאַמען מיט דער שארית הפליטה האָט אויך געוואַנדערט איר דיכטער. אין פראַנקרײַך האָט ער געמאַכט אַן אָפּשטעל. דאָרט האָט אַברהם זאַק געטראַכט זיך צו קענען באַפרײַען פונעם קאָשמאַר פון זײַנע איבערלעבענישן. האָבן אים אָבער אומעטום באַגלייט די שאָטנס פון זײַנע נאָנטע, און וווהין ער זאָל נישט גיין און וווהין ער זאָל נישט וואַנדערן באַגלייטן זיי אים.

„אומעטום באַגלייט איר מיך, איר אַלע מײַנע נאָנטע,
וווהין איך זאָל נישט וואַנדערן, וווהין איך זאָל נישט גיין.
אין נעכט אין לאַנגע שלאָפלאָזע איר שטייט בײַ מײַן צוקאָפּנס,
איר קומט צו מיר, איר ווייסט דאָך וויל: געבליבן כ׳בין אַליין.

איר רעדט צו מיר, איר רעדט צו מיר, איר נעמט מיר אויסדערציילן
פון טעג פון גרויליק־פינצטערע, פון אײַער לעצטן וועג —
איך שטרעק צו אײַך די אָרעמס אויס, איך ווער אַליין אויך שאָטן.
און ס׳דוכט: צוזאַמען כ׳בין מיט אײַך דורך פלאַם און רויך אַוועק.

(„פון אַלע נע־ונדן")

אַ טייל פון אַ ווײַטערדיקן בוך, „אויף פרעמדער ערד", רופט דער דיכטער אָן מיט דעם פּיל־זאָגנדיקן נאָמען „רויכן פון מאַידאַנעק". דער דיכטער שליסט די דאָזיקע אָפּטיילונג מיטן ליד „וואָס ווײַטער", וואָס איז אייגנטלעך דער אַני מאַמין פון דער גאַנצער שארית הפליטה.

דער דיכטער רופט אויס:

„וואָס מער די וועלט וויל מאַכן אונדז אין אַלץ פאַרגעסן
און אָפּווישן מחילהדיק די מערדער־האַנט —
אַלץ מערער שאָטנס טויכן אויף פון מאַסן־גריבער
און וואַרפן אויף די האַרן פון דער וועלט די שאַנד.

וואָס מערער גראָז פאַרדעקט שוין אַלע ברידער־קברים,
אַלץ פײַנלעכער איז אונדזער קדיש איבער זיי;
עס וועלן דורות גיסן טרערן איבער קינות,
און אייביק וועט נישט אײַנשטילן בײַם פאָלק דער וויי —

אין די ווײַטערדיקע לידער און פאָעמען אין בוך „אויף פרעמדער ערד" דאָ־מינירט נאָך אַלץ דער חורבן־מאָטיוו אין אַברהם זאַק׳ס שאַפונגען. אָבער דאָ און דאָרט רײַסן זיך שוין אַרײַן נײַע טענער אין זײַנע לידער. די ליבשאַפט צו דער נאַטור — דער ים, דער טײַך — הייבט אָן ביסלעכווײַז צו פאַרנעמען די זײַטן פון זײַנע לידער־ביכער.

דעם דיכטערס ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז שיין און לויטער, — דער וואָר־צייכן פון אַברהם זאַק׳ס פאַרמלחמהדיקער דיכטונג, — רופט זיך ביסלעכווײַז אָפּ און רײַסט זיך אַרײַן מיט נײַע מעלאָדיעס אין אַברהם זאַק׳ס שאַפונגען.

(„די פּרעסע")

מ. רעמעז (מרדכי בערנשטיין)

הײַנטיקע מגילת־איכה

על אלה אני בוכיה, עיני, עיני ירדה מים.
דערויף טו איך וויינען פון מײַן אויג, מײַן אויג רינט וואַסער.

(איכה א, ט"ז)

דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון אַלע מקוננים, פון אַלע, וואָס האָבן נאָך גרויסע חורבנות פון פאָלק אויסגעזונגען, אויסגעשריִען זייער וויטיק, זייער צער צוליבן גרויסן בראָך פון בת עמי, פון פאָלק.

אַזוי די נביאים, אַזוי נאָך דעם די פּיטנים, די משוררים, אַזוי ביאַליק אין זײַן „עיר ההריגה".

דאָס איז אויך דער מאָטיוו פון אַברהם זאַק׳ס לעצטן בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ".

דאָס איז איינע פון די איכה־מגילות, וואָס זײַנען אין משך פון די לעצטע 2 יאָר געשאַפן געוואָרן אויפן „חורבן השלישי", ווי עס איז שוין אָנגענומען גע־וואָרן צו רופן דעם היטלער־מבול.

עס איז אַ בוך, ווו טרויער, צער און צאָרן ווייעט פון יעדן בלעטל, פון יעדער שורה, אַפילו דער כמו מונטערער אַרײַנפּיר: „איך פאָר צו דיר פוילן", ווו עס זאָגט זיך אין דער ערשטער האַלבער סטראָפע:

דו האָסט מיך באַגעגנט מיט גרינקייט פון פעלדער,
מיט בונטע קוואַדראַטן אויף באַרג און אויף טאָל, —

ווערט פאַרענדיקט:

דאָך פוילן — עס איז שוין מײַן פרייד לאַנג געשטאָרבן
און כ'קען זיך נישט פרייען אַזוי ווי אַמאָל.

און ווי קען זיך פרייען דער דיכטער, אַז:

איך ווייס נישט ווי וועל איך דײַן ברויט קענען עסן,
און קוקן דעם הימל אין פּנים אַרײַן —
אַז ס'פעלד דײַנס באַמיסטיקט מיט אַש פון מײַן מאַמען
און זון האָט געשיקט נאָך צו רוצחים איר שײַן.

און זע איך אַ בוים נאָר, דאַן מיין איך — אַ תליה,
און טרערן — אַ יעטווידער טײַך מן הסתם.

מיט זײַן הײַנטיקן בוך האָט אַברהם זאַק באַנײַט זײַן איבערגעריסענע שרײַ־בערישע טעטיקייט, באַנײַט זי אויף אַן אמת־בכבודיקן אופן.

די יידישע ליטעראַטור, וואָס צו איר פּערל געהערן אויך די חורבן־ און קידוש־השם־מגילות פון די פאַרשיידענע תקופות, האָט מיט אַברהם זאַק'ס בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ" באַקומען אַ ווערטפולן צושטײַער.

(„פאָלקסצײַטונג", וואַרשע 1948)

פּנחס שטיינוואַקס

מגילות פון עמק הבכא

(אויסצוגן)

אַברהם זאַק'ס צוויי ביכער אונטערן נאָמען: „קנעכט זײַנען מיר געווען" שרײַען אויס דעם טיפן ווייטיק, די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון מענטשן אין דעם שוידערלעכסטן גיהנום אויפן כדור־הארץ — אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַברהם זאַק, דער האַרציקער יידישער דיכטער און דערציילער, וויקלט פונאַנ־דער אין צוויי ביכער די מגילות פון לײַדן און פּײַן, פון גרויזאַמע אַכזריותן, וואָס מענטשן אין מיליאָנען, און ער אַליין, אַלס איינער פון זיי, האָבן איבערגעלעבט אין דעם סאָוועטישן גיהנום, אין סטאַלין־לאַנד.

אַברהם זאַק האָט זײַנע ביכער אַ נאָמען געגעבן „קנעכט זײַנען מיר געווען״. מיר וואָלטן די ביכער אַ נאָמען געגעבן: „אין גיהנום זײַנען מיר געווען״. ווײַל פון דעם אינהאַלט פון די ביכער, פון יעדעס קאַפּיטל שרײַט אַרויס די גרויסע רשעות, די גרויזאַמסטע פאַרברעכנס, די שרעקלעכסטע לײַדן און יסורים, וואָס זײַנען געטאָן געוואָרן צו מענטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די ביכער דערציילן פון דעם שרעקלעכסטן גיהנום, וואָס דער מענטשלעכער כוח הדמיון קאָן פאַרטראַכטן. די ביכער פון אַברהם זאַק זײַנען אָבער, ווי דער מחבר אַליין דריקט זיך אויס אין זײַן הקדמה: „נישט קיין פּראָדוקט פון שרײַבערישן כוח־הדמיון, עס איז צו דער חרפּה פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, די טרויעריקסטע וואָר״.

אַברהם זאַק דערציילט בלחש, רויק, אַלץ וואָס ער צוזאַמען מיט אַנדערע האָבן איבערגעלעבט אין די סאָוועטישע גיהנומס. אָבער גראָד בלחש, דאָס שטילע לשון ווירקט שטאַרק אויפן לייענער, און אַזוי שטאַרק איבערצײַגנדיק, אַז עס רײַסט מיט און דער לייענער וואַנדערט מיט מיט די פאַרשיקטע אין די קאַלטסטע סטעפּעס פון סיביר, גייט אין וואַלד אויף שווערער אַרבעט, לײַדט פון הונגער און נויט, פון דורשט, פון צינגאַ און אַנדערע הולאתן, ווערט פּיזיש און גײַסטיק געפּײַניקט פון כלערליי אַנטיסעמיטן און סתם אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע זײַנען פאַרשיקט געוואָרן צוליב קרימינעלע פאַרברעכנס און אין די לאַגערן געוואָרן בריגאַדירן, וועלכע איזדיעקעווען זיך איבער אַנדערע.

דער מחבר פרעגט אין זײַן הקדמה: „צי איז דען מעגלעך פאַר אַ יחיד אויסצושעפּן אַזאַ ים פון טרערן און פּײַן?״ ניין! איז אונדזער תשובה. עס איז טאַקע נישט מעגלעך. דער מחבר האָט אָבער דערגרייכט זײַן אויפגאַבע מיטן צופירן דעם לייענער צום ים פון טרערן און פּײַן, אַרײַנצופירן אים אין דער אַטמאָספער פון דער גרויזאַמסטער רשעות און צו באַקענען אים מיט דעם אַכזריותדיקסטן באַרבאַריזם פון סאָוועטישן גיהנום.

א. פאַרשער (יוסף מלאַטעק)

אַברהם זאַק

(איינער פון די לעצט־פאַרבליבענע אײַנגייערס צו י. ל. פּרץ)

דער מחבר פון אַרטיקל איז דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער זײַט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ א״נ „פּערל פון דער יידישער פאַנטאַזיע״. ברענגענדיק אין זײַן אָפּטיילונג דרײַ לידער פון אַברהם זאַק שרײַבט ער צוו״אַנד (אין סעפּטעמבער 1974):

אינעם זאַמלבוך „צוזאַמען״, וואָס איז אַרויס מיט עטלעכע חדשים צוריק אין תל־אָביב געפינען זיך אויך צוויי לידער פון איינעם פון אונדזערע עלטסטע יידיש־

דיכטערס, וועלכער איז אויך איינער פון די לעצט־פאַרבליבענע אַרײַנגייערס אין פּרץ־הויז אין וואַרשע — אַברהם זאַק.

דאָס גיט אונדז אַ געלעגנהייט צו באַקענען אונדזערע לייענערס מיט דעם טאַלאַנטפולן דיכטער, וועלכער לעבט און שאַפט די לעצטע 22 יאָר אין בוענאָס־אײַרעס, ווו ער האָט זינט 1952 אַרויסגעגעבן קרוב צוויי צענדליק ביכער פּאָעזיע און פּראָזע. געקומען קיין אַרגענטינע איז דער דיכטער שוין מיט אַ גרויסן ליטע־ראַרישן סטאַזש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט זײַן ערשטן געדרוקטן ליד אין יאָר 1908 און זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג „אַקאָרדן", וואָס איז אַרויס אין 1918 אין גראָדנע. זינט דעמאָלט ביז זײַן קומען קיין אַרגענטינע אין 1952 האָט ער שוין געהאַט אַרײַנגעשטעלט אינעם שאַצקאַמער פון דער יידישער ליטעראַטור פערצן ביכער — פּאָעזיע, דערציילונגען, אַ טעאַטער־פּיעסע, מעמואַרן פון זײַנע נע־ונד־און תפיסה־יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, עסייען און זכרונות וועגן דער יידישער ליטעראַרישער סביבה אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אין וועלכער אַברהם זאַק איז געווען אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט. אַ באַזונדער שטאַרקן אײַנדרוק אויפן לייענער און אויף דער קריטיק האָט געמאַכט זײַן בוך „אונטער די פליגל פון טויט", וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה. חוץ דעם זײַנען אויך אַרויס אַ צאָל זײַנע איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור: פון לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, טורגעניעוו, סטרינדבערג, פּושקין און אַנדערע.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ. זאַק געלעבט אין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער צײַטונג „מאָמענט". ער האָט דאָרט געדרוקט לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען און ליטעראַרישע אַרטיקלען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויף אים איז אויס־געפאַלן דער גורל צו רעדאַגירן די לעצטע נומערן פון דער צײַטונג בעת וואַרשע איז געווען באַלאַגערט פון די דײַטשן. אין דעצעמבער 1939 האָט ער זיך געראַ־טעוועט פון דער נאַצי־אָקופּירטער וואַרשע און אַוועק אין דער סאָוועטיש־אָקו־פּירטער גראָדנע. ער איז דאָרט געוואָרן דער אָנפירער פון אַ נײַ־געשאַפענער יידי־שער טעאַטער־גרופּע. אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין יולי 1940, איז אַברהם זאַק אָן אַ פאַרוואָס אַרעסטירט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער געהיים־פּאָליציי און פאַרשפאַרט געוואָרן אין דער גראָדנער תפיסה. נאָך דעם האָט מען אים ערשט פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין די סאָוועטישע טײַגעס פון ווײַטן צפון. ווען ער איז אין 1941 באַפרײַט געוואָרן, אַ דאַנק דעם אָפּמאַך מיט דער פּוי־לישער גלות־רעגירונג, האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער די פאַרשיידענע אַזיאַטיש־סאָוועטישע רעפּובליקן און זיך אויסגעהאַלטן פון טאָן כלערליי אַרבעטן: ער איז גע־ווען אַ נאַכט־וועכטער, אַ פּאַסטעך, אַ וואַסער־פירער אין קאַלכאָזן און געטאָן אַנדערע שוואַרץ־אַרבעט. אין 1946 איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן, ווו ער איז געווען ביזן יאָר 1948 דער סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין און פּען־קלוב. פון 1948 ביז 1952 איז אַברהם זאַק געווען דער פאַרזיצער פון יידישן שרײַבער־

פּליטים־פאַרבאַנד אין פּאַריז. אין בוענאָס־איירעס איז דער דיכטער איינער פון די וויכטיקסטע וואָרטזאָגער אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער סביבה.

מיר דרוקן היינט איבער דריי לידער פון דעם דיכטער, וועלכער איז ביי זיינע 83 יאָר וויי־טער שעפעריש און אַקטיוו, ווי ער איז עס געווען אַלע יאָרן פון זיין רייך ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעך לעבן.

באַמערקונג פון צוזאַמענשטעלער

דער צוזאַמענשטעלער באַדויערט, וואָס עס פעלן דאָ די אָפּשאַצונגען פון די שרייבערס דוד איינהאָרן, נחמן מייזל, דניאל לייבל, ב. קאַרלינער, יעקב פּאַט, י. דאָברושין (וועגן „אָקאָרדן" אין „ביכער־וועלט", קיִעוו 1918), וועלכע זיינען אָנגעוויזן אין דער „אַברהם זאַק־ביבליאָגראַפיע" פון יעפים ישורין, דערשינען אין אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון אַברהם זאַק"ס בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג" (1962).

אין אַרגענטינע, אורוגווייַ און בראַזיל האָבן נאָך געשריבן וועגן אַברהם זאַק: חיים בראַקאַרזש, משה קנאַפּהייס, י. ל. גרוזמאַן, מ. שענדעריי, ל. שוסהיים, פיניע ניעמאַי, יצחק איסאַקסאָן, מיכל הכהן סיני, מאיר בורסוק, מלך טשעמני, מאַרקאָס פּאַרישעווסקי, יואל גאַק, נחום קריטשמאַר, יצחק ליפּסקי, יצחק גוטערמאַן (סאַן פּאַולאָ).

עס פעלן דאָ אויך: משה גראָסמאַן (ישראל); מ. לבני, ד. ב. מאַלקין, נ. זילבערבערג, י. קאָרנהענדלער (פּאַריז); סאָכאַטשעווסקי, ליסקי (לאָנדאָן); חיים לאַזדייסקי, ז. בערעביטשעז, משה רובינשטיין (מעקסיקע).

IV

נאר איין מאל אין א יובל...

אַברהם זאַק איז קיין מאָל נישט געווען גענייגט צו פּײַערן עפּנטלעך אַ יובל פון יאָרן. ער האָט עס באַרעכטיקט מיט פּסיכאָלאָגישע טעמים. אין זײַן עסיי „איין מאָל אין אַ יובל" (אין זײַן בוך „אין קיניגרײַך פון יידישן וואָרט") שרײַבט ער:

„מיך פערזענלעך מאַכן אַזעלכע יובילייען אומעטיק. מ'ווערט דאָך עלטער. מ'גייט דאָך באַרג־אַראָפּ... איז וואָס זשע די גדולה?... ווען מען וואָלט געקאָנט פאַרהאַלטן די זון און איר זאָגן: „שטיי!" — אַזוי ווי יהושע בן נון אין גבעון, דעמאָלט וואָלט געווען אַ שמחה צו טאַנצן אין די גאַסן. אָבער נישטאָ הײַנט אַזאַ העלד".

נאָר איין מאָל האָט אַברהם זאַק געמאַכט אַן אויסנעם און זיך געלאָזט אָנריידן צו פּײַערן זײַן ווערן אַ בן־שבעים, — און אויך דעמאָלט האָט ער עס געכשרט מיט אַן אַנדער גלייכצייטיקן יום־טוב זיינעם: צום דערשײַנען פון זײַנע 2 ביכער: „אין אָנהייב פון אַ פרילינג" און „אויף פרעמדער ערד". געווען איז עס אין 1962. איז עס בײַ אים געווען דער עיקר אַ ליטעראַרישער יום־טוב. און צום דאָזיקן טאָפּלטן יום־טוב זיינעם זײַנען אָנגעקומען אַ היפּשע צאָל באַגריסונגען צום בעל־יובל מאַרבע פּינות העולם. געווען דעמאָלט אַ יובל־קאָמיטעט פון שרײַבער־פאַראיין, יחוא און גראַדנער לאַנדסלײַט־פאַראיין.

היות ווי נאָך יענעם יום־טוב האָט אַברהם זאַק, אין הסכם מיט זײַן דרך, „דורכגעשמוגלט" 2 אַנדערע יובל־דאַטעס (75 און 80), ברענגען מיר דאָ כאָטש אַ קליינעם טייל באַגריסונגען פון שרײַבערס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען און געלייענט געוואָרן דעמאָלט בײַ דער פּײַערונג אין 1962. צום באַדויערן זײַנען אַ היפּשער טייל פון די דעמאָלטיקע באַגריסערס איצט שוין אויפן עולם האמת.

א. גלאַנץ לעיעלעס (פּאָרזיצער פון יידישן פּען־קלוב, ניו־יאָרק):

ליבע, חשובע קאָלעגן,

סײַ ווי דער פּרעזידענט פון דעם יידישן פּען־צענטער, סײַ פּערזענלעך באַגריס איך דעם יובילאַר, מײַן גוטן פרײַנד אַברהם זאַק, צו זײַן ווערן אַ בן שבעים.

אַברהם זאַק'ס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור איז בײַ דער מזרח־וואַנט. זײַנע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער פּאָעזיע זײַנען פילפאַכיק און גרויס. אין ליד

און אין פּראָזע, אין עסיי און אין מעמואַרן האָט ער וווּנדערלעך און ווונדיק געשילדערט די גרויליקע יאָרן פון אונדזער דריטן חורבן. זײַנע ווערק געהערן צו דער לעבעדיקער אייביקייט פון אונדזער געשיכטע.

אַברהם זאַק פּאַראייניקט אין זײַן פּערזאָן אַ גרויסן שאַפערישן טאַלאַנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעך שיינער מענטשלעכקייט. עס איז פּשוט אַ נחת אים צו באַגריסן און אים צו ווינטשן נאָך לאַנגע שאַפערישע און געזונטע יאָרן.

מיט די בעסטע גרוסן צו אַלע געסט און באַטייליקטע אין דער פײַערלעכער אַברהם זאַק־מסיבה.

אײַער מיט קאָלעגיאַליטעט און פרײַנדשאַפט
א. גלאַנץ־לעיעלעס

טײַערער אַברהם זאַק, נעמט צו מײַנע האַרציקסטע גליקווונטשן. איך בין אײַער אמתער פאַרערער. כל טוב און חזק ואמץ!

אפרים אויערבאַך (ניו־יאָרק):

... טײַערער אַברהם! מיר שפּאַנען פון שיבה לגבורות. ווי לאַנג, האַ, זײַנען מיר געווען יונגעלײַטלעך? איר האָט אָנגעפילט אײַער לעבן מיט שעפערישקייט, וואָס איז אין תוך דער אָנזאַמל פון יוגנט. זאָל אײַך דער בורא עולם ווײַטער שטאַרקן, אַז דער אָנזאַמל זאָל זײַן אַלץ פולער און פולער.

מיט ליבשאַפט טרינקען מיר, חנה און איך, אַן אימאַזשינערן לחיים צו אײַך און אײַערע פול אָנגעזאַמלטע יאָרן, און מיר זײַנען מצרף אײַער פּאַניען.

ליבשאַפט
אפרים

מלך ראַוויטש

דער נאָמען אַברהם זאַק דערוועקט אַזוי פיל וואַרשעווער סענטימענטן — און נישט נאָר וואַרשעווער — נאָר טלאָמאַצקע 13 — דעם בינשטאָק מיט אַזוי פיל קינסטלערישן יידישן האָניק; דעם בינשטאָק, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן. אָבער נישט נאָר סענטימענטן זײַנען מיט דעם נאָמען פאַרבונדן, נײַערט אויך פרוכטבאַרע ליטעראַרישע אויפטוען אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט: לידער, זכרונות, דערציילונגען, עסייען און דערצו דער מענטש און חבר אַברהם זאַק. זאָל ער זשע זײַן באַגריסט מיט אַ האַרציקן אַרומנעם — פון אַן אַלטן פשיאַטשעל, חבר און פאַרערער.

מלך ראַוויטש

ד״ר שלמה ביקל (ניו־יאָרק):

... די מסיבה וואָס איר האָט איינגעאָרדנט לכבוד ידידנו אַברהם זאַק גיט מיר אַ געלעגנהייט צו זאָגן אים כאָטש אַ האַלבן שבח אין פּנים פון די שבחים וואָס זיינען גרייט פאַר אים ביי מיר אין האַרצן. ער איז אַ טאַלענטירטער ערלעכער און ליבער דיכטער און שרייבער. ער האָט אונדזער ליטעראַטור פאַרשאַפט כבוד און קיין מאָל נישט בושות.

זאָל ער וויסן זיין, אַברהם זאַק, אַז זיין אידל, נוח לבריותדיק און ערלעך שע־פעריש וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין אונדזערע הערצער און מיר אַלע איבער די וויטקייטן, וואָס צעשיידן אונדז געאָגראַפיש, אָבער קיין מאָל נישט גייסטיק, האָבן אים ליב. איך בעט אייך, מיינע טייערע, זאָגט עס אים אין מיין נאָמען.

שלמה ביקל

ד״ר צבי כהן (ניו־יאָרק):

... איך בין פול מיט דאַנקבאַרקייט צו אייך פאַר אייער גוטן איינפאַל איינצו־אָרדענען אַ יובל־פייערונג פאַר מיין יוגנט־פריינד, דעם חשובן פּאָעט און גרויסן פּראָזע־מייסטער אַברהם זאַק, צו דער געלעגנהייט פון זיין 70סטן געבוירן־טאָג.

אַברהם זאַק האָט זיך איינגעקויפט אַ חלק עולם הבא אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור מיט זיינע „דברי הימים״־ביכער פון אונדזער צייט. ער איז געוואָרן דער כראָניקער־קינסטלער פאַר עקסלאַנס פון אונדזער דור. ער פאַרנעמט אַ פּלאַץ אויפן סאַמע אויבן־אָן אין דער נייער ריכטונג פון קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש. אַברהם זאַק, וואָס דער גורל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס אַלץ אַליין איבערלעבן, גיט אונדז אַ געטרייע בילד פון די אומרויִקע יאָרן מיט אַ זעלטענער סטאַזשער רוי־קייט, און דערצו מיט אַ גוט־צוגעפּאַסטער מאָס פון בעלעטריסטישער באַהויכונג, אַז אַלץ וואָס עס קומט אַרויס פון זיין פּעדער איז בולט און רעאַליסטיש.

אַברהם זאַק׳ס ווערק: „אין אומרו פון יאָרן״, „קנעכט זיינען מיר געוועזן״ און „אויף שליאַכן פון הפקר״ וועלן בלייבן די פאַראייביקונג פון אונדזער תקופה.

ד״ר צבי כהן

יוסף רובינשטיין (ניו־יאָרק):

... עס פרייט מיך זייער וואָס איר, די ייִדישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין אַרגענטינע, באַערן מיין לאַנגיאָריקן פריינד און קאָלעגע פון דער נאָך פאַר־מלחמהדיקער וואַרשע, פאַר זיינע פאַרדינסטן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

עס קומט אייך אַ יישר־כוח פאַר דער וואַרעמער באַציִונג צו אַ חבר, אַ ייִדישן שרייבער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן, פיינפולן וועג אין די טעג פון אונד־זער גרויסן חורבן.

דעם יובילאַר, מײַן טײַערן חבר אַברהם זאַקן, ווינטש איך אַ סך געזונטע און שעפּערישע יאָרן אין אַ רויִקער וועלט.

יוסף רובינשטיין

מרדכי שטריגלער (ניו־יאָרק)

... עס קומט אײַך אַן אמתן יישר־כח פאַרן אײַנאָרדענען אַזאַ שמחה — לכבוד איינעם פון די שטילסטע און איידלסטע מענטשן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַברהם זאַק איז איינער פון אונדזערע ראשונים; פון די געציילטע, וואָס האָט אָנגעהויבן זיינע ליטעראַרישע טעטיקייטן אין דער צײַט פון די קלאַסיקערס. איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַרנעמט ער זײַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור — און זײַן וואָרט איז אַלע מאָל ערלעך, קינסטלעריש טרײַ צו זיך, די אייגענע כוחות און באַגאַבונגען.

איך האָף, אַז ער וועט נאָך לאַנגע יאָרן זײַן מיט אונדז און אָנגיין מיט זײַן שעפערישקייט.

מײַנע אויפריכטיקע ברכות צו אים און נאָך אַ מאָל אײַך אַ דאַנק פאַרן אָנ־מערקן בקהל זײַן יובל.

אײַער
מרדכי שטריגלער

רחל קאָרן (מאָנטרעאַל):

... וואָלט דער מהלך צווישן אונדזערע „קאָנטריס" נישט געווען אַזאַ גרויסער, וואָלט איך מיט פרייד, צוזאַמען מיט אײַך, אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער פײַערונג, צו באַערן דעם פּאָעט און מײַן גוטן פרײַנד אַברהם זאַק. די אַלע, וואָס לייענען זאַק׳ס ווערק און קענען אים פּערזענלעך, ווייסן ווי אָפּצושאַצן זײַנע קוואַ־ליטעטן אַלס מענטש און פּאָעט.

אַלץ, וואָס אַברהם זאַק זאָגט, שרײַבט, אָדער טוט, טראָגט דעם חותם פון זײַן וואָרעמער פּערזענלעכקייט, טיף־מענטשלעכער באַציִונג.

אין זײַנע לידער און די פּראָזאַישע ווערק האָט זיך אַברהם זאַק דערהויבן צו דער מדרגה פון גרויסער אויפריכטיקייט און פּשטות. אין יעדער שורה פילט איר דעם ציטער פון אַ תפילה, די לויטערקייט פון אַ מענטשלעכער טרער.

אין די שווערסטע גורלדיקסטע יאָרן פון זײַן לעבן איז אַברהם זאַק געבליבן געטרײַ זײַנע איבערצײַגונגען, גאַנץ מיט זיך אַליין, קיין מאָל נישט אײַנגעגאַנגען אויף קיין פּשרות, כדי זיך אַ ביסל לײַכטער צו מאַכן זײַן דערנערדיקן וועג.

זאָל ער זײַן געזונט און שטאַרק און האָבן דעם כשר פאַרדינטן נחת פון זײַנע ליטעראַרישע אַרבעטן און זײַן שעפּעריש פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

מיט די האַרציקסטע גרוסן צו אַברהם זאַקן, זײַן פרוי און אײַך אַלע, וואָס נעמען אַזאַ האַרציקן אָנטייל אין זײַן און אונדזער אַלעמענס יום־טוב —

אײַער
רחל קאָרן

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ (ניו־יאָרק):

... אַברהם זאַק טראָגט אַ סך קרוינען — ער איז באמת פּילזײַטיק. ער האָט באַרײַכערט אי די פּאָעזיע, אי די פּראָזע, אי די עסייִסטיק, אי די מעמואַריסטיק. ער האָט באַרײַכערט די ליטעראַטור וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה און די ליטעראַטור וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה, די ליטעראַטור וועגן לייב נײַדוסן, י. ל. פּרצן, מענדעלע און נאָך אַנדערע.

„אין אָנהייב פון אַ פרילינג" איז אַרויס צו זאַק'ס ווערן 70. ער קומט צוריק צו זײַן „אָנהייב" צום אָרט פון זײַן געבורט, צו זײַן שורש, צו זײַנע וואָרצלען, ער שליסט זײַן לעבנסקרײַז, שליסט אָפּ, ציט אונטער דעם סך־הכל פון אַ רײַך לעבן.

אָבער זאַק איז נאָך יונג אין גײַסט און געמיט, נאָך שטאַרק שעפעריש. טאָ זאָל „אין אָנהייב פון אַ פרילינג" זײַן דער אָנהייב פון אַ נײַעם שעפערישן פרילינג פאַר זאַקן; דער אָנהייב פון אַ נײַעם פרילינג פון נײַע זינגענדיקע מאָרגנס פאַר מענטש און וועלט!...

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ

מ. גינזבורג (מיטרעדאַקטאָר פון „קענעדער אַדלער", מאָנטרעאָל):

... איר טוט, רבותי אַ זייער גוטע זאַך דורך צוטיילן אַ ביסעלע כבוד און נחת־רוח צו איינעם פון די וועטעראַנען פון דער יידישער שרײַבער־משפחה, צו אַברהם זאַק, וועלכער האָט שוין הינטער זיך אַ גרויסע ליטעראַריש־שריפטשטעלערישע פאַרגאַנגענהייט, און קומט צו זײַן פײַערונג באַלאַדן מיט אַ נײַעם צוואַנציקסטן באַנד, וועלכן ער רופט אָן צערטלעך, ווי אַ מאַמע אַ נײַ געבוירן קינד — „אין אָנהייב פון אַ פרילינג"...

דאָס איז אַ באַזונדער סימבאָל, אַז אַברהם זאַק טראַכט נישט אין טערמינען פון אַלטקייט, פון האַרבסט, אָדער ווינטער, נאָר פון אַן „אָנהייב פרילינג", וואָס דאָס אַליין זאָגט שוין עדות אויף זײַן אייביקער יוגנט, אָדער יוגנטלעכקייט, כאָטש ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ לאַנגן שווערן דערנער־וועג, פול מיט ביטערע נסיונות און שרעקלעכע פּײַניקונגען, מאָראַלישע ווי פיזישע...

... דאָס וואָס ש. ניגער האָט געשריבן וועגן זאַקן אין „טאָג", אין 1921, וואָס מיינט אַ קיימא לן מיט איבער 30 יאָר צוריק, קאָן זײַן אַ גוטער „מעסטשנור" פאַר זאַק'ס מוזע, וועלכע האָט אים נישט פאַרלאָזן דורך די אַלע יאָרן, זינט ער איז צוגעקומען צום „וואַרשטאַט" פון דער יידישער ליטעראַטור.

... נעמט צו מײַנע האַרציקסטע ווונטשן פאַר מײַן לאַנדסמאַן (כאָטש איך בין

פון סלאָנים און ער — פון אַמדור, אָבער ביידע פון גראָדנער גובערניע) מיט מײַן תּפֿילה פֿאַר לאַנגע יאָרן פון ווײַטערדיקער פּראָדוקטיווער שאַפונג.

מ. גינזבורג

יעקב פּאַט (ניו־יאָרק):

איך דאַנק אײַך בכבוד גדול פֿאַר אײַער אײַנלאַדונג צו מיר זיך צו באַטייליקן אין דער „פֿײַערלעכער ליטעראַרישער מסיבה לכבוד דעם פֿאַרדינסטפֿולן שרײַבער און דיכטער אַברהם זאַק".

גלייבט מיר, איך בין געווען דאָרט מיט אײַך אַלע, און באַזונדער מיט מײַן גוטן פֿרײַנד און חבר אַברהם זאַק. איך וואָלט געוויס געהאַלטן אַ רעדע וועגן אים, וועל איך שוין דאָס מוזן טאָן אַן אַנדערש מאָל. אַ סך יאָרן פון פֿרײַנדשאַפֿט און קאָאָפּעראַציע בינדן מיך מיט אים. איך האַלט פון אים שטאַרק און האָב אים ליב. טײַערער אַברהם זאַק, איך ווייס שוין, אַז 70 יאָר איז ווייניק. מען דאַרף און מען קען אַרײַנלעבן נאָך אַ סך יאָרן און טאָקע נאָך טאָן און טאָקע אויפֿטאָן. מײַן ברכה פון גאַנצן האַרצן, און אַ ברכה צו אײַך אויך פון מײַן פֿרידען.

אײַער יעקב פּאַט

חיים לייב פוקס (ניו־יאָרק):

... אַברהם זאַק, וואָס איז אַ מוסטער פון מענטשלעכער און חברישער טרײַ־שאַפֿט, האָט אין זײַנע ווערק אַרויסגעהויבן תּמיד דאָס מענטשלעכע, דאָס דויערנ־דיקע, וואָס דערהאַלט אונדז מענטשן.

איך האָב במשך פון די אַלע יאָרן (און נאָך פֿריִער) וואָס איך האָב דעם גרויסן פֿאַרגעניגן צו זײַן פֿאַרחברט נשמהדיק מיט זאַקן, געפֿילט זײַן נשמה, זײַן האַרץ, וואָס האָט תּמיד געקלאַפּט אין ריטעם פון זײַנע ווערק. פון זײַן ליד, פון זײַנע נאָ־וועלן, פון זײַן עסיי שטראַלט תּמיד דער פֿלאַם פון זײַן וועזן: זײַן אַ מענטש!

מיר האָבן עס אַפֿילו געזען אין זײַנע חורבן־לידער און די גרויליקע בילדער פון זײַן נע־ונד, אין וועלכע זאַק האָט אַרויסגעהויבן פון גיהנום אַרויס די טיפֿן, וואָס לאָזן אונדז נישט פֿאַרצווייפֿלען אַפֿילו אויף דער שוועל פון שאול תּחתּית. אויפֿן לעצטן טרעפּל צו דער נידעריקסטער נידער, וואָס עס איז געווען דער רוסי־שער לאַגער, האָט ער אויך מיט זײַן נשמה אָפּגעפֿילט די „נשמות ערטילאות" און זיי געגעבן אַ תּיקון דורכן פֿאַראייביקן זייערע פּײַנען.

דורך די יאָרן פון זײַן צוזאַמען ווידער האָבן מיר געקאָנט דערקענען פּנים לפּנים די מידות, מיט וועלכע אַ מענטש דאַרף זיך גרויסן. די באַציִונג פון בין אָדם לחברו, בײַ וועלכע מען קאָן געשטרויכלט ווערן, איז אונדזער בעל היובל גע־ווען און געבליבן ווי אַ סימבאָל פון ערלעכקייט און ריינקייט פּונקט ווי אין זײַנע ביכער.

וועגן „אין אָנהייב פון אַ פרילינג“ קאָן איך איצט בלויז איבערחזרן די ווער־טער: אַ הייליק בוך! אַ נר של נשמה פון און פאַרן גרויסן דור, וואָס זאַק באַלעבט אויף תמיד.

די אויגן פון די אַלע, וואָס זאַק ברענגט אויף צום ווידערגעבורט, לעבן און גיבן ווידער איבער די פונקען פון דער קדושה פון דור צו דור.

חיים לייב פוקס

מרדכי וו. בערנשטיין (ניו־יאָרק):

... אַברהם זאַק'ס ביכער די ביז־הײַנטיקע — און מיר האָבן די ווײַטערדיקע אויך — זײַנען וויכטיקע ציגל צו דער געשיכטע פון אונדזערע לעצטע 50 יאָר. נישט נאָר ווערט אָפּגעשאַצט זייער הויכער ליטעראַרישער ווערט, נאָר אויך דער צושטײַער אויף דערלערנען אונדזערע תקופה.

פון די היימישע הימלען* איז געוואָרן פאַר אונדזערע אויגן אַש אויפן קאָפּ. ער איז אין זײַנע לידער געוואָרן סײַ דער אויסזינגער פון אונדזערע פריידן, סײַ דער מקונן פון חורבן.

אין זײַנע ביכער איז ער געוועזן פון די שטאַרקסטע, וועלכע האָבן אַרויסגע־בראַכט דעם אומרו פון יאָרן — די יאָרן פון דער ברוינער מגיפה, וואָס איז גע־האָלפן געוואָרן פון דער מדינה, ווו מיר זײַנען געווען קנעכט.

וואָס איך ווינטש דעם בעל־שמחה איז, אַז נאָך די שליאַכן פון הפקר; אַז נאָך אַלע נע־ונדן, נאָך אַלע פּײַנען אויף פרעמדער ערד, זאָל זיך טאַקע בײַ אים אָנ־הייבן אַ פרילינג — אַ לאַנגער, אַ שעפערישער פרילינג, אַ פרילינג, וואָס זאָל פאַר־גיטיקן אַלע פריערדיקע קאַשמאַרן.

זאָל ער דעם דאָזיקן פרילינג טיילן מיט זײַן ליבער פרוי.

מרדכי וו. בערנשטיין

אַלחנן וואָגלער (פּאַריז):

... איך דאַנק אײַך פאַר דער אײַנלאַדונג צו דער פײַערלעכער מסיבה לכבוד מײַן פרײַנד און עלטערן חבר, דעם שריפטשטעלער אַברהם זאַק. דעם שריפטשטע־לערס שאַפונגס־וועג איז מיר לײַבלעך נאָענט. איך שעפּ מײַן יניקה פון אַברהם זאַק'ס ליטווישער לאַנדשאַפט. ער איז מײַנער אַ לאַנדסמאַן און מיר טרינקען ביידע פון די זעלבע קוואַלן. פון פּאַריז ביז ווילנע און גראָדנע איז אַ ווײַטער מהלך, מיטן אויג נישט צו דערלאַנגען. ווי מען קען נישט דערלאַנגען צוריק די יוגנט.

אַברהם זאַק איז אַ פענאָמען אין אונדזער יידישער ליטעראַטור מיט זײַן ליבע צום מענטש און פאָלקסטימלעכער פשטות, און צו זײַנע זיבעציק יאָר שטייט ער

---

* די אונטערגעשטראָכענע ווערטער זײַנען נעמען פון אַברהם זאַק'ס ביכער.

ביים ליכטיקן שוועל פון איר היכל, — ווי אין אַנהייב פון אַ נייעם פרילינג. איך באַוווּנדער זיין קינסטלערישן אויסדויער. איך ווינטש דעם יובילאַר לאַנגע יאָרן פון שעפערישער אַרבעט און פרוכטבאַרער טעטיקייט פאַרן וווּל פון אונדזער פאָלק. זאָלן געשטאַרקט זיין זיינע הענט, ווי זיי זיינען געשטאַרקט געווען ביז איצטער.

אַלחנן וואָגלער

ד״ר ל. קורלאַנד (רעדאַקטאָר פון „אונדזער קיום״, פּאַריז):

... איר האָט אַ גרויסן זכות צו האָבן צווישן אייך דעם ליבן און האַרציקן ייִדן און גרויסן ייִדישן פּען־מענטש — אַברהם זאַק, סיי מיט זיין שרייבן, סיי מיט זיין פּערזענלעכן שאַרם און סיי מיט זיין אויסשטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט געהערט ער צו די ייִדן, וואָס ברענגען אַריין יום־טובדיקייט אין אונדזער וואָכעדיקן אַרום. דעריבער האָט ער אַזוי כשר פאַרדינט, אַז מען זאָל אים יום־טובן און באַקרוינען. און אייער זכות איז נאָך גרעסער, וואָס איר קאָנט עס טאָן בפניו.

זאָגט אים, דעם ליבן און האַרציקן בעל־יובל, ווי ליב עס איז מיר זיין שרייבן און וואָס פאַראַ גרויס דרך־ארץ איך האָב פאַר אים. איך וועל זיך באַמיִען, אַז מיר זאָלן אים פייערן אויך דאָ ביי אונדזער שרייבערישן וועלטל און אויף די שפּאַלטן פון „אונדזער קיום״.

דערווייל — מיינע האַרציקסטע ברכות פאַר באַנייטע און שעפערישע יאָרן און זאָל דער נחת, וואָס מיר האָבן פון אים אין אַזאַ שפע, קיין מאָל נישט אָפּטאָן זיך פון אים. עד מאה ועשרים!

ד״ר ל. קורלאַנד

משה וואַלדמאַן און מנוחה ראַם (פּאַריז):

... צווישן די, וואָס טראָגן ווירדיק די ירושות פון פוילישן ייִדנטום, איז אויך דער חשובער יובילאַר. מיט זיינע ווערק פאַר די לעצטע יאָרן האָט אַברהם זאַק גע־שטעלט אַ ווירדיקע מצבה דעם פאַרשניטענעם פוילישן ייִדנטום. אינעם ליד, וואָס ער האָט צו אונדז געבערענגט (אין זיין בוך „מיט אַש אויפן קאָפּ״), האָט דער דיכ־טער אויסגעזונגען די צערן פון אַלע יתומים, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אויף דעם גרויסן ייִדישן בית־עולם פון פוילנלאַנד. פון 1947 ביז היינט זיינען אַדורך אַ סך יאָרן; אָבער דעם דיכטער באַגלייט דאָס אומגליק, וואָס אַ ווידערקלאַנג האָבן מיר אין זיינע צער־געזאַנגען.

מיר ווועלן זיין מיט אייך אין יענעם מאָמענט, ווען איר וועט אָפּגעבן דעם פאַרדינטן כבוד צו אַ ייִדיש־שעפער, וואָס צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, דערלעבט ער אַזאַ יום־טוב פאַר זיך. נעמט אונדז אַריין צווישן אַלע יום־טובדיקע ייִדן, וואָס וועלן זיך פרייען מיט אַברהם זאַקן — דעם ייִדישן שרייבער, דעם ווירדיקן קעמ־

יובל־פייערונג לכבוד אַברהם זאַק צו זיין 70סטן געבוירנטאָג און צום דערשיינען פון זיינע ביכער „אין אָנהייב פון אַ פרילינג" און „אויף פרעמדער ערד"

פון רעכטס: יעקב באָטאָשאַנסקי, ד"ר ל. זשיטניצקי, פאַני זאַק, אַברהם זאַק, מאַרק טורקאָוו, שמחה סנה, שמואל ראָזשאַנסקי.

פער פאַר יידישער המשכדיקייט, דעם ליבן מענטש, מיט טאַקט און באַציונג צו אַנדערע; פאַר וועמען מיר טראָגן אַ סך ליבשאַפט.

מנוחה ראָס און משה וואַלדמאַן

פון פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך

... טייערער אַברהם זאַק,

אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון אַלע אונדזערע חברים ווינטש איך אייך, איר זאָלט האָבן נאָך אַ סך, אַ סך פריידיקע, געזונטע און שעפערישע יאָרן. איר זאָלט מזכה זיין דער וועלט מיט נאָך אַ סך ווערטפולע ווערק און מיר זאָלן זוכה זיין מיט אייך זיך צו פרייען צו אייער ווערן אַ בן־שמונים.

אין שייכות מיט דעם יום־טוב אייערן אָרדענען מיר איין דעם היינטיקן שבת אַ ליטעראַרישן שמועס אויף דער טעמע „אַברהם זאַק — אַ בן־שבעים". עס וועלן זיך באַטייליקן: באַרווין־פרענקעל, משה וואַלדמאַן, ל. לענעמאַן און איך.

אייער ב. קוטשער
(סעקרעטאַר)

ד״ר משה מערקין (זשענעווו)

... אַברהם זאַק איז נישט נאָר אַ פון גאָט געבענטשטער פּאָעט, נאָר אויך אַ פיינער בעלעטריסט. זיינע ווערק געווידמעט די יאָרן פון סיבירער דעפּאָרטאַציע, זיינע דעראינערונגען וועגן דעם בראשית פון זיין ליטעראַרישער שעפערישקייט, אפילו די „טאָג־גראַמען", וואָס ער דרוקט אין „די אידישע צייטונג" (אונטערן פּסעוודאָנים אַלפאַ) — אַלץ וואָס קומט אַרויס פון אַברהם זאַק'ס פעדער טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט, וואָס האָט אים שוין פאַרשאַפט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

וועגן אַברהם זאַק דעם מענטש מוז איך אָן שום קאָמפּלימענטן פעסטשטעלן (איך האָב מיט אים מיטגעאַרבעט אין שרייבער־פאַראיין ה. ד. נאָמבערג), אַז זאַק איז אַ גוטער, האַרציקער חבר, באַשיידן און נאה לבריות. גלייכצייטיק האָט ער זיינע פּרינציפּן, אויף וועלכע ער וועט נישט מוותר זיין, ווייל דער גייסט פון קאָלעגיאַליטעט איז ביי אים זייער שטאַרק...

ד״ר מ. מערקין

בינם העלער (תל־אָביב):

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג צו דער מסיבה לכבוד אַברהם זאַק. איך וואָלט געוועזן גליקלעך זיך צו באַטייליקן אין דער שמחה פון מיין טייערן חבר און קאָלעגע.

טײַערער אַברהם זאַק,

מיט אײַער ליטעראַרישער אַרבעט איז אָרגאַניש פאַרבונדן די שטורעם־און־דראַנג־צײַט פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. איך בין שטאָלץ וואָס עס בינדט מיך מיט אײַך אַ גוטע פרײַנדשאַפט פון פאַר און פון נאָך דער מלחמה.

אַ שווערן וועג איז אײַך אויסגעקומען אַדורכצוגיין ביז צום צוואַנציקסטן בוך, אָבער איר דאַרפט זײַן שטאָלץ מיט אײַער אייגענעם דרך אין ליד און אין פּראָזע. דאָס איז אײַער סאַטיספאַקציע און דאָס באַוועגט אײַך צו אַן אָנהייב פון אַ נײַעם שעפערישן פרילינג.

נעמט צו מײַנע און מײַן פרוס האַרציקסטע ברכות אויף אַ סך יאָרן פון געזונט און פרייד צוזאַמען מיט אײַער ליבער פרוי.

אײַער חבר און פאַרערער
בינם העלער

ד״ר יוסף קרוק (ישראל):

... איך שטאָלציר דערמיט וואָס איך בין געווען דער איניציאַטאָר פון אַרויס־געבן אַברהם זאַק׳ס בוך „אונטער די פליגל פון טויט״ אין דער רוסישער איבער־זעצונג. איך האָב דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע באַגאָמאָלאָוו דאַן אָנגעוויזן, אַז דער מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג דאַרף דאָס בוך אַרויסגעבן, ווײַל פּונקט ווי באַרביס׳ „פײַער״ שפּיגלט אָפּ אויך זאַק׳ס בוך אמתדיק און קינסטלעריש די שטימונגען און איבערלעבונגען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. און קורץ פאַרן טויט פון אונדזער נשיא יצחק בן־צבי, האָב איך אים רעקאָמענדירט זאַק׳ס ביכער ווי די ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון די איבערלעבונגען פון די ייִדן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. און עס ברענגט כבוד דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ דאָס אַרויסגעבן זאַק׳ס 20סטן בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג״.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אַברהם זאַקן, דעם מענטשן, איז זײַן באַציִונג צו זײַן יוגנט־פרײַנד, דעם פּאָעט לייב נײַדוס. אין אונדזער ברוטאַלער, הפקרדיקער צײַט איז דאָס אַ ליכטיקער שטראַל, וואָס וואַרפט אַ שײַן אויף דער פּערזענלעכקייט פונעם שרײַבער און צאַרטן מענטש אַברהם זאַק. מיר וואַרטן אויף אַברהם זאַקן און זײַן פרוי מיט אומגעדולד דאָ אין ירושלים, בכדי אויך דאָ צו פײַערן זײַנע פרוכטבאַרע יאָרן.

ד״ר אירענאַ און ד״ר יוסף קרוק

מרדכי צאַנין (רעדאַקטאָר פון די „לעצטע נײַעס״ — תל־אָביב)

... דער טאָג פון אײַער פײַערונג פאַר דעם חשובן שרײַבער און טײַערן קאָלעגע, וועט אויך זײַן אַ יום־טוב פאַר מיר. און מײַנע האַרציקסטע ווונטשן פאַר אים דריק איך אויס סײַ ווי דער רעדאַקטאָר פון די „לעצטע נײַעס״, סײַ ווי דער פאָרזיצער פון ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין ישראל, און אויך אין מײַן פּערזענלעכן נאָמען.

אַברהם זאַק איז דערווירדיקער רעפּרעזענטאַנט פון אַ גרויסן ייִדישן דור שרײַבערס און דורך זײַנע שריפטשטעלערישע טראַדיציעס פאַרבינדט ער דעם סאַמע גורלדיקסטן האַלבן יאָרהונדערט פון דער ייִדישער ליטעראַטור — פון איר העכסטן פלי ביז איר טראַגישן נסיון אין די קלעמען פון דער נאַצישער שחיטה און דער חניקה פון רוסלאַנד.

איך באַדויער וואָס איך קען נישט צוזאַמען מיט אײַך אויסטרינקען אַ לחיים פאַרן געזונט און שעפערישקייט פון יובילאַר, דעם ליבן קאָלעגע אַברהם זאַק.

מ. צאַנין

א. מ. פוקס (ישראל):

... איך שיק מײַנע האַרציקע ברכות צום 70־יעריקן יובל פון אונדזער גרויסן ייִדישן דיכטער און פּראָזאיקער, מײַן טײַערן פרײַנד און קאָלעגע אַברהם זאַק.

אַברהם זאַק איז בײַ זײַן הײַנטיקן יובל אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ סימבאָל פון אַ נאָבעלן גײַסט־מענטש. מיט גרויס כבוד און פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך אים נאָך לאַנגע, לאַנגע שעפערישע יאָרן — ביז הונדערט און צוואַנציק.

א. מ. פוקס

* * *

אָפּרופן וועגן אַברהם זאַק׳ס יובל אין פּאַריז

אין „אונדזער וואָרט״:

אַברהם זאַק — אַ בן שבעים

אונטערן פאָרזיץ פון ב. קוטשער איז אין שרײַבער־קלוב פאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטער שמועס, געווידמעט דעם באַקאַנטן שרײַבער און דיכטער אַברהם זאַק — צו זײַן ווערן אַ בן שבעים און צום דערשײַנען פון זײַן צוואַנציקסטן בוך.

אַברהם זאַק איז דעם פּאַריזער ייִדישן עולם גוט באַקאַנט און צו דעם שמועס איז טאַקע געקומען אַ גרויסער עולם שרײַבערס, קולטור־טוערס און סתם פרײַנד פון אַברהם זאַק.

ב. קוטשער עפנט די מסיבה, רעדט וועגן דעם זיבעציקסטן געבוירן־טאָג פון אַברהם זאַק — מיט וועמען עס בינדט אים אַ נאָענטע פרײַנדשאַפט שוין העכער פערציק יאָר, און ער גיט אויך איבער, אַז אין בוענאָס־אײַרעס — וווּ דער דיכטער איז הײַנט אַ תושב — ווערט איצט לכבוד אים געפּראַוועט אַ גרויסער יום־טוב, אײַנגעאָרדנט דורך אַ ריי ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

דאָס ערשטע וואָרט וועגן אַברהם זאַקן, אַלס שרײַבער און קאָלעגע, נעמט ל. לענעמאַן — וואָס האָט צען יאָר געאַרבעט צוזאַמען מיט אַברהם זאַקן אין דער וואַרשעווער צײַטונג „מאָמענט", ווו זאַק איז געווען רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג. לענעמאַן גיט דערבײַ בכלל אַן אינטערעסאַנטן איבערבליק וועגן דער ראָל און וועגן דער חשיבות פון דער יידישער פּרעסע אין אַמאָליקן וואַרשע, און וואָס פאַר אַ באַדײַטנדיקן אָנזען אַ יידישער שרײַבער האָט אַמאָל געהאַט בײַם ברייטן עולם. צום סוף גיט ער אויך איבער עטלעכע אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון זײַן טרעפן זיך מיט אַברהם זאַק אויף זײַן וואַנדערוועג אין רוסלאַנד.

דער צווייטער רעדט באַרווין־פּרענקעל, וואָס האַלט, אַז דער פראַנצייזישער זאָג: „סטיל איז דער מענטש", איז אין גאַנצן צוגעפּאַסט צו אַברהם זאַק׳ס אופן שרײַבן. דער לירישער טאָן פון זײַנע דורכויס ראָמאַנטישע לידער, צי די פשוטע שטילע פּראָזע פון זײַנע אייניקע דערציילונגען — אומעטום שפּיגלט זיך אָפּ דער מחבר. שוין אַפילו אין דעם איינעם פּרט — אין פּרט פון פשטות, פאָלקסטימלעכקייט און אויפריכטיקייט — איז אַברהם זאַק אפשר אַן אויסנאַם. באַזונדערס שטעלט זיך באַרווין־פּרענקעל אָפּ אויף אַברהם זאַקס לעצטן לידער־בוך „אויף פרעמדער ערד".

עס רעדט דערנאָך מ. וואַלדמאַן וועגן אַברהם זאַק׳ס אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין דער יידישער דיכטונג, ווי אַ ליריקער, וואָס גייט אויף זײַן אייגענעם דרך. זײַן ליד צייכנט זיך אויס מיט אַ שטילער מעלאַנכאָליע און מיט אַ ראָמאַנטיזם, וואָס קומט אפשר מיט דער השפּעה פון דער רוסישער דיכטונג — אָבער איז דורכויס פאַרבונדן מיט יידישער פאָלקסטימלעכקייט און יידישער טראַדיציע. גאַנץ באַזונדער שטעלט זיך מ. וואַלדמאַן אָפּ אויף אַברהם זאַק׳ס ערשט לידער־בוך פון נאָך דער מלחמה — „מיט אַש אויפן קאָפּ" — פון וואַנען ער ברענגט אַ פּאָר ציטאַטן.

אַ פּאָר אינטערעסאַנטע מאָמענטן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אַברהם זאַקן גיבן נאָך איבער: די פּעדאַגאָגין רבקה יוכנאָוועצקי און דער בינע־קינסטלער זלמן קאָלעשניקאָוו.

דער גאַנצער עולם שיקט דערנאָך איבער אַברהם זאַקן די האַרציקסטע ברכות פון אַריכת ימים און אַ לאַנג־דויערנדיקע שאַפערישע טעטיקייט.

אין „אונדזער שטימע":

היינט ווערט אין בוענאָס־איירעס געפייערט דער 70סטער געבוירן־טאָג פון אַברהם זאַק

אין דעם ווײַטן בוענאָס־אײַרעס ווערט געפײַערט דער 70סטער געבוירן־טאָג פון דעם פּאָעט און דערציילער אַברהם זאַק. בוענאָס־אײַרעס האָט מזל: זיי האָבן דאָרט דעם בעל־יובל בײַ זיך.

די פֿײַערונג וועט אַדורכגעפֿירט ווערן אין אַ גרויסן זאַל, אָרגאַניזירט פֿון שרײַבער־פֿאַראיין, ייִוואָ, פֿאַרלאַג פֿון „פּוילישע ייִדן" און עס וועלן זיך אין אים באַטייליקן די בעסטע פֿאָרשטייערס פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

אַברהם זאַק... שוין דער נאָמען פֿירט אונדז אַרײַן אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט, אַ ריטערלעכע, אַן אײדעלע וועלט; פּונקט ווי דער פּאָעט אַליין, פּונקט ווי זײַן ווערק. ער איז שטיל, ער איז נאָסטאַלגיש, און פֿאָרט איז שטאַרק דער כּוח פֿון זײַן וואָרט וואָס צערודערט דאָס געמיט, דרינגט אַרײַן טיף אין דער נשמה, רײַסט אויף די פֿאַרגליווערטקייט פֿון שוין פֿאַרהאַרטעוועטע נאַטורן; ער האָט געשריבן פּאָעזיע, ראָמאַנען, דערציילונגען און זכרונות... אָבער זײַן ווערק איז אַ פּאָעטיש ווערק, יעדע שורה זײַנס איז פּאָעזיע, וואָס האָט אַ באַצויבערנדיקן כּוח אַרײַנצופֿירן דעם לייענער אין דער וועלט, רעאַלער אָדער אויסגעבענקטער פֿון דעם פּאָעט.

אַברהם זאַק איז אייגנטלעך קיין מאָל נישט געגאַנגען אויף דעם הויפּט־שליאַך פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט פֿאַר זיך אָפּגעקליבן זײַן וועג וואָס האָט אים אָט אַזוי צוגעפֿירט צו זײַן און אונדזער יובל. עס איז פֿון דעסט וועגן נישט געווען קיין ווייניקער דערנערדיקער וועג. אויך ער איז געגאַנגען איבער די פּראָסטיקע סטאַליניסטישע טײַגעס! אויך ער האָט דערנאָך זיך גענומען צום וואָנ־דער־שטעקן. און מיר דערמאָנען זיך נאָך זייער גוט דעם דעליקאַטן דיכטער דאָ, אין פּאַריז, די לעצטע סטאַציע ערב זײַן רײַזע, וואָס האָט אים געפֿירט קיין אַר־גענטינע. אָבער דער אַדורכגעלעבטער שטורעם האָט אים נישט מיטגעריסן. זײַן וואַרעם פּאָעטיש געמיט האָט אים פֿאַרפּאַנצערט. ער איז ווײַטער, אין יעדער שורה, אַ דיכטער פֿון אַ נאָגנדיקער בענקשאַפֿט, פֿון אַן אײַנוויגנדיקער היים וואָס איז שטענדיק גרייט אויפֿצונעמען די וואָס זײַנען אַוועק אויף שטורמישע אַוואַנטורעס!

„אונדזער שטימע" איז הײַנט אַ מיטבאַטייליקטע אין דעם יובל פֿון אַברהם זאַק. אונדזערע מיטאַרבעטערס און אונדזערע לייענערס זײַנען הײַנט בײַ נאַכט אין בוענאָס־אײַרעס אויף דעם יום־טוב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, מיט די בעסטע ווונטשן און גרוסן פֿאַר דעם פּאָעט און פֿרײַנד אַברהם זאַק!

(„אונדזער שטימע", פּאַריז 19 יוני 1962)



אַברהם זאַק

צייכענונג פון מיכאל מילבערגער, (פּאַריז, 1972).

ביבליאגראפיע

ביכער פון אַברהם זאַק:

אַקאָרדן (לידער), גראָדנע, 1918.
„ (צווייטע אויפלאַגע); פאַרלאַג מ. י. פריַיד, וואַרשע, 1921.
רגעס פון טרויס (טאַנקעס); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1919.
צווישן פיר ווענט (לידער); פאַרלאַג מ. י. פריַיד, וואַרשע 1920.
אונטער די פליגל פון טויט (צווייי אויפלאַגעס); פאַרלאַג „די צײַט“, וואַרשע 3-1921.
„ „ „ „ (דריטע אויפלאַגע); בנימין האַרץ־פאַרלאַג, בערלין־ווין, 1929.
אין שאָטן (נאָוועלן); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1922.
די חורבה און דער פּאַלאַץ (קינדער־מעשה); פאַרלאַג „אַלט־יונג“, וואַרשע, 1923.
אַ זומער־חלום (נאָוועלן); פאַרלאַג א. י. שאַפּירא, וואַרשע 1923.
אונטער הימישע הימלען (פּיעסע אין 3 אַקטן); פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע, 1926.
שטאָט־קאַשמאַרן (לידער); פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע, 1926.
פּאַניע גנב (אַ כראָניק); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1929.
די פרוי פון שטאָט (נאָוועלן); קאָאָפּ׳ „ביכער“, וואַרשע, 1931.
מיט אַש אויפן קאָפּ (לידער); פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן“, לאָדזש, 1947.
יאָרן אין וואַנדער (לידער און פּאָעמעס); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס־אײַרעס, 1949.
צווישן שאָטנס (דערציילונגען); פון דער סעריע „ביכער פון יידישן פּען־קלוב“, פּאַריז, 1950.
אין אומרו פון יאָרן („וואַרשע 1939“ א״אַנד); פאַרלאַג „יידבוך“, בוענאָס־אײַרעס, 1954.
(פּרעמירט מיט דער סטאָלאַר־פּרעמיע בײַ „די אידישע צײַטונג“, ב״א, 1955).
פון אַלע נע־ונדן (לידער); הויפּטפּאַרקויף קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1955.
קנעכט זײַנען מיר געווען (באַנד איינס); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס־אײַרעס, 1956.
קנעכט זײַנען מיר געווען (באַנד צוויי); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“.
אויף שליאַכן פון הפקר (באַנד איינס); פאַרלאַג „יידבוך“, בוענאָס־אײַרעס, 1958.
אויף שליאַכן פון הפקר (באַנד צוויי); פאַרלאַג „יידבוך“, בוענאָס־אײַרעס, 1958.
(פּרעמירט מיט דער לוויס לאַמעד־פּרעמיע אין ניו־יאָרק, 1959).
אויף פרעמדער ערד (לידער און פּאָעמעס); הויפּטפּאַרקויף קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1962.
אין אַנהייב פון אַ פרילינג (זכרונות); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס־אײַרעס, 1962.
אויף וועגן פון גורל (דערציילונגען); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס־אײַרעס, 1964.

אין קיניגרײַך פון ייִדישן וואָרט (עסייען און דערמאָנונגען); הויפּטפּאַרקויף: „ייִוואָ״, בוענאָס־אײַרעס, 1966.

פון הייסן אַש (לידער און פּאָעמעס); הויפּטפּאַרקויף: „ייִוואָ״, בוענאָס־אײַרעס, 1967.

געווען אַ ייִדיש פּוילן (עסייען און דערמאָנונגען); אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון שארית־הפּליטה, בוענאָס־אײַרעס, 1968.

(פּרעמירט מיט דער צבי קעסל־פּרעמיע אין מעקסיקע).

אויף שטילע וועגן (לידער און פּאָעמעס); הויפּטפּאַרקויף: קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1971.

(פּרעמירט מיט דער ש. ניגער־פּרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס אין ב״א)

אין אָפּשײַן פון דורות (עסייען און דערמאָנונגען); הויפּטפּאַרקויף: קולטור־קאָנגרעס, 1973.

(פּרעמירט מיט דער ה. לייוויק־פּרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק).

פון אַלע מײַנע יאָרן (אַנטאָלאָגיע פון מײַנע לידער און פּאָעמעס); הויפּטפּאַרקויף: קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1975.

דאָ פעלן צוויי ווערק, וואָס זײַנען געבליבן אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ:

1) ווערבעס בײַם וואַסער (לידער), וואָס איז שוין געווען אויסגעזעצט און מאַטריצירט;

2) די ערד אונטער בלוט (סצענישער רעפּאָרטאַזש אין 11 בילדער), נאָך אין מאַנוסקריפּט.

איבערזעצונגען:

פּאַר שטוב און עסטראַדע (געזאַנג־נומערן, מיט אַן אָפּטיילונג נאָטן); פאַרלאַג נ. שאַפּיראָ, וואַרשע, 1938.

מציר׳י (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו); „נײַער פאַרלאַג״, וואַרשע, 1921.

דער פאָטער (פּיעסע פון א. סטרינדבערג); פאַרלאַג „די צײַט״, וואַרשע.

די חתנים (קאָמעדיע פון נ. וו. גאָגאָל); פאַרלאַג „די צײַט״, וואַרשע.

דאָס רעכט אויף ליבע (פּיעסע פון מאַקס נאָרדוי); פאַרלאַג „אונדזער בוך״, וואַרשע.

רודין (ראָמאַן פון א. ס. טורגעניעוו); פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ, וואַרשע.

די ערשטע ליבע און קלאַראַ מיליטש (ראָמאַנען פון א. ס. טורגעניעוו); פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ, וואַרשע 1923.

מאָצאַרט און סאַליערי (דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. ס. פּושקין); „צוקונפט״, ניו־יאָרק, יולי 1937.

דרײַ פּאַר ײַדענע זאָקן (ראָמאַן פון פּאַנטעלייִמאָן ראָמאַנאָוו); חודש־זשורנאַל „הויז־פרײַנד״ בײַם „מאָמענט״, וואַרשע.

אַברהם זאַק־ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין

אַנטאָלאָגיעס:

חורבן (פון דער סעריע „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור״); בוענאָס־אײַרעס, 1971.

פּליטים צווישן פײַערן (פון דער סעריע „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור״); בוענאָס־אײַרעס, 1971.

ווערק פון אַברהם זאַק אין אַנדערע שפּראַכן:

אין רוסיש:

„פּאָד קריליאַמי סמערטי" (איבערזעצונג פון „אונטער די פליגל פון טויט"); פאַרלאַג „גאָסיזדאַט", מאָסקווע, 1930.

אין שפּאַניש:

"GIMEN LOS BOSQUES SIBERIANOS". (איבערזעצונג פון „קנעכט זײַנען מיר געווען"); פאַרלאַג „קאַנדעלאַבראַ", ב"א, 1971.

אין העבעריש:

אין „לקט ספּורים מספרות יידיש", תל־אָביב
אין פעריאָדיק „האומה", 1973 „
אין פעריאָדיק „ים", „
אין „דרום" בוענאָס־אײַרעס
און אַנד'.

אין פּויליש:

(נאָוועלן, לידער, עסייען אין איבערזעצונג פון ש. וואַגמאַן, פילאָזאָף מ. שימעל, ש. הירשהאָרן, אַנקאַ וועלטשערווונאַ, האָראַצי סאַפּרין, נאטאַן גראָס אין „נאַש קוריער", „נאַש פשעגלאָנד", „נאָווי גלאָס", „נאָווע סלאָוואָ", „גלאָס בונדו", „אָפּיניאַ", „מאַסטי", „פּעסן אוידזיע צאַלאָ" און אַנד'. אין טייל פון זיי — אויך וועגן אַברהם זאַק.

אין פראַנצייזיש:

(אַנטאָלאָגיע)
La Luth Brisé

אין דײַטש:

Die Neue Welt, Wien
(אַ סעריע דערציילונגען)
Per Fiedler vom Getto, Leipzig, 1965
(אַ ציקל חורבן־מאָטיוון)

אין ענגליש:

Shtefl Lief
(אַנטאָלאָגיע, רעדאַקטאָר מ. פּרענק, וואַשינגטאָן)

רעדאַגירט:

זומער־צײַט
(זאַמלבוך), וואַרשע 1913.

מענטשן און ווערק
ליטעראַרישע זײַט פון „מאָמענט“, זינט 1935.

הויז־פרײַנד
חודש־זשורנאַל בײַם „מאָמענט“, זינט 1935.

אונדזער ווינקל
ליטעראַריש זאַמלהעפט, גראָדנע 1919.

ייִדישע שריפטן — (חודש־זשורנאַל)
(מיטרעדאַקטאָר), לאָדזש 1947—1948.

ייִדישע שריפטן — (אַלמאַנאַך)
(מיטרעדאַקטאָר), לאָדזש 1948.

גראָדנער אָפּקלאַנגען
פּעריאָדיק, רעדאַגירט פון נ' 11, בוענאָס־אײַרעס.

שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך
(מיטרעדאַקטאָר), בוענאָס־אײַרעס 1955.

א. אַלמי־בוך
בוענאָס־אײַרעס 1962.

זאַמלבוך
אַרויסגעגעבן פון שרײַבער־פאַראיין ה. ד. נאָמבערג אין אַרגענטינע, (מיטרעדאַקטאָר), בוענאָס־אײַרעס 1962.

שרײַבער־טריבונע (מיטרעדאַקטאָר)
בוענאָס־אײַרעס.

וועגן אַברהם זאַק אין אַנדערע שפּראַכן:

BLUMENFELD, LUPUS
Abraham Zak: Mercure de France II, Paris, 1921

BORAISHA, MENACHEM
The Story of Yiddish: Miami Beach Jewish Omnibus, 1957, p. 77.

CERF, CECILE
La Langue Yiddish: La Presse Nouvelle, Paris, Oct. 17-18, 1959.

CERF, CECILE
La Langue Yiddish: Europe, Paris, Sept., 1959, p. 26.

HORN, JOSE
Información Cultural Judía: Davar, 59, Buenos Aires, Julio-Agosto, 1955, p. 119.

KANFER, Dr. M.
W obliczu smierci: Nasz Kurjer, Warszawa, 1921.

L. M.
A Reminder of the Forties. Jewish Affairs, October 1957, Johannesburg.

L. P.
Bibliografía. "Esclavos Fuimos". por Abraham Zak. Amanecer 4-V-1957, Buenos Aires.

LENSKI, Dr. M.
Yiddisze Szriftn. Mosty N. 3 (8) Lódz, 1947.

MARGOSHES, Dr. S.
Louis La Med Awards: Stiker, The Lyrical Poet, Metzker and Ressler Novelists, Sack-Memoirist. The Day - Jewish Journal, New York, May. 24, 1959.

RAVITCH, M.
Among the Recent Yiddish Books. Jewish Books Annual, 1948-1949, New York.

ROBACK, A. A.
Oddities... and Quiddities: Jewish Quaterly, London, vol. 5 - 1 (17), Summer 1957, p. 39.

ROBACK, A. A.
The Story of Yiddish Literature: New York, 1940, p. 326.

ROBACK, A. A.
Contemporary Yiddish Literatu-re. World Jewish Congress, British Section, London(1957.

ROBACK, A. A.
Yiddish Literature 1933 - 1961. World Jewish Congress, New York, 1962. P. 240, 275.

La Razón, Bs. Aires: 19-IV-1962. Un Homenaje a los Héroes del Gheto de Varsovia.

SAFRIN, HORACY
Wspólczesna Poezja Zydowska w Polsce. Opinia, Lódz, 1948.

WALDMAN, M.
Nad Moglia Swego Narodu. (O Nowym Zbiorku Poezji Abrahama Zaka). Mosty, Lódz, Marzec 13, 1948.

WALDMAN, M.
Nasza Martyrologia w Naszej Powojennej Literaturze; Opinia, N. 39, Lódz, 1948.

M. APELBAUM
Memorash, (R. de Janeiro, 1969).

M. APELBAUM
Jornal Isralita, (Río de Janeiro 1967).

וועגן "GIMEN LOS BOSQUES CIBERIANOS" האָבן געשריבן:

La Prensa, Bs. Aires, 11-8-71.
Clarín, Bs. Aires, 15-4-71.
Raíces, Bs. Aires, junio, 1971.
La Capital, Rosario, 6-4-71.
Confirmado, Bs. Aires, 17-1-71.
La Luz, Bs. Aires, 26-3-71.
Mundo Israelita, Bs. Aires, 6-2-71.
Semanario Israelita, Buenos Aires, 18-3-71.
Semana Israelita, Bc. Aires, 15-2-71.
Osfa, Bs. Aires, 1-2-71.
Información Daia, Bs. Aires, 16-8-71.

אין העברעיש:

יואל מאַסטבוים — אין „דבר השבוע", תל־אָביב
משה גראָסמאַן — אין „הארץ", תל־אָביב

באַקומענע פּרעמיעס:

1) סטאַליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס
2) סוראָוויטש־פּרעמיע ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק
3) לויס לאַמעד־פּרעמיע, ניו־יאָרק
4) צבי קעסעל־פּרעמיע, מעקסיקע
5) ש. ניגער־פּרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס, ב"א
6) ה. לייוויק־פּרעמיע ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

פּסעוודאָנימען פון אַברהם זאַק

אַלפאַ; אַ. בן־יעקב; אב"י; אַ. אַמדורער.

אין בוך קומען אַריין פינף בילדער פון אַברהם זאַק, געמאָלט און געצייכנט פון די קינסטלערס: פעליקס פרידמאַן הי"ד (וואַרשע), בען, ה. באַרלעווי, מיכאל מילבערגער (פּאַריז) און וואָלף באַנדורעק (בוענאָס־איירעס).

אינהאַלט

ביאָגראַפישע פּאַרצייכעניש — 7
מאַרק טורקאָוו — אַרײַנפיר — 15

I עסייען און דערמאָנונגען פון אַברהם זאַק

רעפלעקסן און דערמאָנונגען — 21
מײַן ערשטער חבר אין וואַרשע — 26
בײַ יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ — 32
אין לייב נײַדוסעס פּריצישן הויף — 36
איז שוין מלך ראַוויטש אויך נישטאָ — 45
סאָלזשעניצין וועגן טויט־שטראָף אין צאַרישן רוסלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד — 50
אויף אַ באַערונג־מסיבה אין ניו־יאָרקער פּען־קלוב — 55
אַ וואָרט צום באַקומען די לייוויק־פּרעמיע — 58
19 אַפּריל אָדער כ״ז ניסן? — 61

II לידער פון אַברהם זאַק

די שאָטנדיקע וועגן — 64
אַנטוישונג — 64
פון חבלי־לידה — 66
מײַן ליד — 66
לעצטע יאָרן געשענקטע — 67
ס׳טוט באַנג — 67
לידער אינטימסטע — 68
נאָך אַ פּרילינג — 68
פּאָר לעצטע — 69
כ׳האָב ליב — 69
די קאָנסט נישט זאָגן — 70
פון די שנײַיקע טײַגעס: קיין מאָל נישט — 71
ווער וועט וויסן — 71
קברים אין טײַגע — 72
12 אויגוסט 1952 — 72
איך פּאָר צו דיר, פּוילן — 73
אין וואַרשעווער געטאָ: אויפן גענשער בית־עולם — 74
בײַם „אוהל־פּרץ“ — 75
כ׳וואָלט וועלן תפילה טאָן — 76
פון הייסן אַש — 76
אויפן וועג פון קדושים — 77
אין די פלאַמען — 77
מײַן שטעטעלע אַמדור — 78
עלעגיע וועגן גראָדנע — 79
מיר וועלן געדענקען — 80
ישׂראל־מאָטיוון: מלכות ישׂראל — 80
ירושלים — 81
צו ישׂראל — 82
די פרעמדע שטעט — 83

צום ברודער־דיכטער — 83
פאַרשעמטע אותיות — 84
יידיש — 85
מיר זיינען נישט די לעצטע — 87

III אַברהם זאַק און זיינע ביכער

ש. ניגער: אַ יידיש מלחמה־בוך — 88
ד״ר א. מוקדוני: שפּיציק און עלעגאַנט — 91
״ אַ שרייבער אין אַ רויטן קאָנצענטראַציע־לאַגער — 93
אפרים אויערבאַך: אַברהם זאַק — 99
״ אַ בוך פון יידיש־פרילינג — 103
יעקב גלאַטשטיין: פון אַלע נע־ונדן — 107
״ אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט — 110
א. לעיעלעס: אין אָנהייב פון אַ פרילינג — 116
״ אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט — 121
נ. ב. מינקאָוו: „פון אַלע נע־ונדן" — 125
א. אַלמי: אַברהם זאַק — 126
״ אַ שילדערונג פון צוויי גיהנומס — 129
״ אַברהם זאַק צו 70 — 130
ש. ל. שניידערמאַן: דער דיכטער אַברהם זאַק — 133
מלך ראַוויטש: ס'איז קיין צוריק נישטאָ — 137
מענדל מאַן: אין קיניגרייך יידיש — 140
״ אַברהם זאַק און זיין נײַ בוך — 142
יצחק יאַנאַסאָוויטש: אַ גרויל, וואָס איז געוואָרן ווידער אַקטועל — 143
״ אַברהם זאַק'ס וועג אין דער יידישער דיכטונג — 149
״ אַ נײַ בוך פון דיכטער אַברהם זאַק — 156
שמעון קאַנץ: דאָס אייביק יונגע ליד — 157
יוסף שפּרינצאַק: וועגן אַברהם זאַק'ס „צווישן שאָטנס" — 158
י. וואַרשאַווסקי (באַשעוויס): „יאָרן אין וואַנדער" — 160
״ „קנעכט זיינען מיר געווען" — 160
ישעיהו שפּיגעל: די שטילע ליריק פון אַברהם זאַק — 161
לעאָ פינקעלשטיין: אַ נײַער מלחמה־רעפּאָרטאַזש — 165
ב. מאַרק: ראָמאַנטישע זכרונות פון אַ יידישן דיכטער — 169
דער לעבעדיקער: אויף שליאַכן פון הפקר — 171
מ. צאַנין: אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט — 171
יעקב באַטאַשאַנסקי: אַברהם זאַק — 177
״ „קנעכט זיינען מיר געווען" — 182
משה קויפמאַן: אַברהם זאַק — 57 יאָר פּאָעטישע שעפערישקייט — 188
״ דער ליריקער און עפּיקער צווישן ביידע וועלט־מלחמות — 192
א. מ. קייזער: אַברהם זאַק (צו זיין באַזוך אין לאָנדאָן) — 196
ישראל עמיאָט: „געווען אַ יידיש פּוילן" — 201
״ „אויף שטילע וועגן" — 203
״ „אַברהם זאַק — דער ליריקער" — 205
ל. דאָמאַנקעוויטש: מה רעש, אַברהם זאַק — 207
יוסף האָרן: אַברהם זאַק באַקומען די לאַמעד־פּרעמיע — 210
״ ווען אַ שרייבער האָט אַ ביסל פרייד — 212

שניאור וואַסערמאַן: **מיט אָפּגעברענטע פינגער** — 214
״ **פון „אַקאָרדן״ ביז „אויף שטילע וועגן״** — 218
ד״ר דוד ספרד: **דער דיכטערישער וועג פון אַברהם זאַק** — 220
איליאַ פּאַלקאָוו (ד״ר א. שולמאַן): **אַברהם זאַק** — 225
יצחק טורקאָוו: **אַברהם זאַק׳ס ליד** — 227
י. הירשהויט: **צווישן שאָטנס** — 229
מ. וואַלדמאַן: **אַברהם זאַק — דער זינגער פון פאַרבאָרגענעם טרויער** — 232
באָרווין פרענקעל: **„אויף פרעמדער ערד״** — 235
״ **„אויף וועגן פון גורל״** — 238
״ **„אַברהם זאַק — צו זיין 70־יאָריקן יובל** — 241
גבריאל ווייסמאַן: **„אין אומרו פון יאָרן״** — 244
יואל מאַסטבוים: **אַברהם זאַק** — 247
יעקב גלאַנץ: **אַברהם זאַק׳ס „פון אַלע נע־ונדן״** — 247
ד״ר צבי כהן: **אַ רויק בוך וועגן אומרויקע טעג** — 249
יוסף וולף: **„צווישן שאָטנס״** — 252
אַ. פּאָמעראַנץ: **וכל המרבה לספר** — 252
ח. ל. פוקס: **„מיט אַש אויפן קאָפּ״** — 254
״ **„יאָרן אין וואַנדער״** — 256
יצחק קאַהאַן: **אַברהם זאַק׳ס דערמאָנונגען און מאָנונגען** — 259
א. וואָלף יאַסני: **אַברהם זאַק דער דערציילער** — 263
ד״ר יצחק קאַנטער: **אַברהם זאַק׳ס וואָגל־ און וואַנדער־לידער** — 266
ד. וואָלפע: **ביכער פון פיין און עלנט** — 267
ג. סאַפּאָזשניקאָוו: **אַ דיכטער, וואָס לעבט אין זכות פון זיין ליד** — 269
מאיר קוטישינסקי: **„פון אַלע מיינע יאָרן״** — 272
ד״ר ל. זשיטניצקי: **אַברהם זאַק׳ס „אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״** — 275
ש. טענענבוים: **אַ בוקעט פון אַ פּאָעט** — 276
שמחה סנה: **דורך אַ דינעם פאָרהאַנג** — 278
יוסף מענדעלסאָן: **„אויף די וועגן פון גורל״** — 279
שמואל ראָזשאַנסקי: **מיט אַברהם זאַקן** — 281
זלמן וואַסערצוג: **צווישן אונדז זאָל עס בלייבן** — 284
יעקב פּאַלאַטיצקי: **„אויף פרעמדער ערד״** — 285
מרדכי קויפמאַן: **„אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״** — 286
פאַליק לערנער: **„אויף שטילע וועגן״** — 288
ש. י. דאָרפזאָן: **„אין קיניגרייך פון יידישן וואָרט״** — 289
י. באָרנשטיין: **„קנעכט זיינען מיר געווען״** — 294
וו. קופער: **„פון די ערשטע אַקאָרדן״** — 291
יחיאל בראָנשטיין: **דער דיכטער פון פּאַטאָס** — 296
ב. פיק: **אַברהם זאַק׳ס ביישטראָג צו דער חורבן־פּאָעזיע** — 298
מ. רעמעז: **היינטיקע מגילת־ איכה** — 301
פנחס שטיינוואַקס: **מגילות פון עמק הבכא** — 301
א.. פאָרשער (י.. מלאָטעק): אַברהם זאַק — 302
״ נאָר איין מאָל אין אַ יובל — 305
ביבליאָגראַפיע — 320

ABRAHAM ZAK

Y SU

JUBILEO LITERARIO

★

ASOCIACION PRO CULTURA JUDIA

Buenos Aires — 1978

OBSEQUIO PARA USO PARTICULAR